STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06985

GYU DE MOPASAN'S GEZAMELTE VERK

Guy de Maupassant

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גי דע מאפאסאַן'ס

געזאַמעלטע ווערק

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין

II.

ארויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס"
.1914

צאָחל פון
פיידזשעס

דער שנעפּפּע פויגעל 4
דיא הילצערנע שיף 9
אַ האָהן האָט געקרעהט 8
דער שווייַן מאָרען 19
אַ נאָרמאַנישער שפּאַס 8
דער הייליגער אַנטאָן 13
דיא שטוהל־פלעכטערין 11
דאָס שייטעל האָלץ 8
פּיעררא 8
אין וואַלד 8
דיא צוואָה 7
דיא משוגענע 6
צוויי פריינד 11
דאָס מאָדעל־מיידעל 9
דער טייפעל 11
אַ זוהן 15
אַ פערשפּעטיגטע חרטה 9
מינועט 7
מיין פרוי 10
ווערטער פון ליעבע 5
דיא גוסס'ע 9
אויפ'ן געזונקענעם שיף 16
ביים ראַנד פון בעט 10
הייליגע ביינער 8
אונזערע בריעף 8
גערעטעוועט 9
דאָס בעט 5
דיא טויטע 8
פויל'ס פריינדין 28
נוצלאָזע שעהנהייט 29

דער שנעפּפּע־פּײגעל

דער אַלטער באַראָן דע־ראַװאַ איז פערציג יאָהר לאַנג בעקאַנט געװעזן אין זײן געגענד אַלס דער קעניג פון די יעגער, אָבער זײט פינף אָדער זעקס יאָהר איז ער געװעזן פּאַראַליזירט, איז ניט אימשטאַנד געװעזן צו פערלאָזען זײן שטו[ל] און האָט נור געקענט שיסען טױבען פון׳ם פענסטער פון׳ם גאַסט־צימער אָדער פון דעם הױכען גאַניק פון זײן הױז.

די איבעריגע צײט האָט ער אין גאַנצען אָפּגעגעבען צום לעזען.

דער באַראָן איז געװעזן זעהר אַ ליבענסװירדיגער מענש, האָט געהאַט אין זיך פיעל פון דער ליטעראַרישער שאַרפזיניגקײט פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט. ער האָט ליעב געהאַט קורצע גוט־דערצעהלטע פּיקאַנטע מעשה׳לאַך אָדער װאָהרע געשיכטען, װאָס האָבען פּאַסירט מיט זײנע שכנים. װי־נור אַ פרײנד איז צו איהם אַרײנגעקומען, אַזױ גלײך האָט ער געפרעגט:

— נו, װאָס עפּעס נײעס?

און אױספרעגען האָט ער געקאָנט ניט ערגער װי אַן אונטער־זוכונגס־ריכטער.

װען די זון האָט געשײנט, האָט ער געהײסען זיך פיהרען פאַר דאָס הױז אין זײן גרױסען פאָטעל, װאָס איז עהנליך געװעזן צו אַ בעט. אײן דיענער איז געשטאַנען הינטער איהם מיט געװעהר, האָט זײ געלאָדען און דערלאַנגט איהם; אַ צװײטער דיענער איז געלעגען פערבעהאַלטען אין די בושעס און האָט פון צײט צו צײט אַרױסגעלאָזט פון דאָרט טױבען אײנציגװײז און

ניט רענעלמעסיג, אום דער באַראָן זאָל ניט וויסען אַפריהער, ווען די טויב קומט, און זאָל די גאַנצע צייט אויסקוקען אויף איהר.

און פון אין דער פריה ביז פאַרנאַכט האָט ער געשאָסען די פליג־קע פייגלען, איז אויסער זיך געווען, ווען ער האָט ניט געטראָפען, און האָט געלאַכט ביז טרערען, ווען די געשאָסענע פייגלען זיינען באלד נאָך׳ן שאָס געפאַלען גלייך אַרונטער אָדער ווען, פאַלענדיג, האָבען זיי זיך אויף אַ קאָמישען שטייגער געדרעהט אין דער לופטען. דאַן האָט ער זיך תמיד געווענדעט צו זיין דיענער, וואָס האָט גע־לאָדען די געוועהר, און גערעדט מיט גרויסער התפעלות:

— ניט אַרויסגעדרעהט זיך! האָסטו געזעהן, זשאַזעף, ווי ער איז אַרונטערגעפאַלען?

און זשאַזעף האָט יעדעס מאָל געענטפערט:

— אַה, דער הערר טרעפט אַלע מאָל.

אין הערבסט, אין דער צייט פון געיעג, האָט ער, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, איינגעלאַדען צו זיך זיינע פריינד און האָט ליעב געהאַט צוצוהערען זיך פון וויימען צו זייערע שיסערייען, האָט זיי געצעהלט און געפרעהט זיך, ווען זיי האָבען זיך געהערט אַ סך נאָכאַנאַנד. פאַרנאַכט האָט ער פון יעדען יעגער פערלאַנגט רעכ־נונג, ווי ער האָט דעם טאָג פערבראַכט.

דריי שטונדען איז מען דערנאָך געזעסען ביים טיש און מען האָט זיך דערצעהלט מעשה׳לאַך וועגען געיעג.

דאָס זיינען געווען מאָדנע, אונגלויבליכע פּאַסירונגען, מיט וועלכע די יעגערס האָבען געקיהלט זייער צוהיצטע פאַנטאַזיע. מאַנכע פון די דאָזיגע געשיכטען זיינען געווען גיט נייַ, מען האָט זיי איבערדערצעהלט יעדען יאָהר. די געשיכטע, צום ביישפּיעל, וועגען קראַליק, וועלכען דער קליינער וויקאָנט דע־בוריל האָט פער־פעהלט צו טרעפען ביי זיך אין׳ם קאָרידאָר, האָט יעדעס מאָל און יעדען יאָהר אַרויסגערופען אַ פרעהליכען געלעכטער. אַלע פינף מינוט האָט אַ נייער יעגער דערצעהלט:

— איך הער: ביר־ר! ביררר! און אַ פּרעכטיגע פאַמיליע מיט יונגוואַרג בעוויייזט זיך אַ צעהן טריט פון מיר. איך ציעלעווע

זיך צו פּיף ! פּאַף ! און אַ וואַחרער האָגעל פּאַלט אַרונטער : גאַנצע זיעבען שטיק מיט איין קלאַפּ !

און אַלע האָבען זיך תמיד געוואונדערט, אָבער האָבען גע־גלויבט איינער דעם אַנדערענס געשיכטען און האָבען זיך פון דעם בעגייסטערט.

ביי דעם אַלטען באַראָן אין'ם הויז איז געווען אַן אַלטער מנהג, וואָס איז בעקאַנט געווען אונטער'ן נאָמען „דער שנעפּפּע־פויגעל".

דאָס הייסט, ווען דער דאָזיגער קעניג פון געיעג, דער שנעפּפּע־פייגעל, איז אָנגעקומען אין די געגענד, האָט מען אין דעם באַראָן'ס הויז יעדען טאָג ביים אבענד מאָהל־צייט געפּראוועט די אייגענע צערעמאָניע :

זיי אַלע האָבען ליעב געהאַט דעם דאָזיגען אונפערגלייכליכען פייגעל. און יעדען אבענד האָט יעדער גאַסט בעקומען אַ שנעפּפּע־פייגעל צו עסען, אָבער די קעפּ האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ בעזונ־דערען שיסעל.

דערנאָך האָט דער באַראָן מיט אַ פייערליכער מינע, ווי אַ בישאָף בעת גאָטעס־דיענסט, געהייסען זיך דערלאַנגען אַ טעלער מיט שמאַלץ, האָט געזאַלבט מיט דעם די טהייערע קעפּלאַך, אָנ־נעהמענדיג זיי ביי זייערע לאַנגע, שפּיציגע שנאָבלען. נעבען איהם איז געשטאַנען אַן אָנגעצונדענע ליכט און אַלע האָבען געוואַרט מיט גרויסער אונגעדולד.

דערנאָך האָט ער גענומען איינעם פון די דאָזיגע צוגעגרייטע קעפּ, האָט איהם אַרויפגעטהאָן אויף אַ נאָדעל, האָט אַריינגעשטעקט די נאָדעל אין אַ פּראָבקע, האָט איינגעהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט פון דעם מיט אַזוינע קליינע שטעקעלאַך, וואָס זיינען פערלייגט געווען איינער איבער'ן אַנדערן, אין דער פאָרמע פון אַ קרייץ, און האָט פאָרזיכטיג דאָס אַרויפגעטהאָן אויף אַ העלזעל פון אַ פלאַש. דאַן האָט אויסגעזעהן, ווי דער קעפּעל וואָלט געשטעקט אויף אַ דרעהענדיגען קרייץ.

די געסט האָבען הויך אויפ'ן קול גענומען צעהלען :

— איינס — צוויי — דריי !

און דער באַראָן האָט מיט אַ פינגער אַ שטויס געטהאָן דעם שפּיעלצייג, וואָס האָט זיך גענומען דרעהען, ווי אַ דרעהדעל.

יענער פון דיא געסט, אויף וועלכען דער לאַנגער, שפּיצינער שנאָבעל האָט אָנגעוויזען, בעת ער איז שטעהן געבליבען, האָט דאַן געקראָגען דעם גאַנצען שיסעל קעפּלאך — זעהר אַ געשמאַקען ביסען, פאַר וועלכען די איבריגע האָבען דעם מזל׳דיגען שטאַרק מקנא געווען.

ער האָט דאַן גענומען איין קאָפּ נאָכ׳ן אַנדערן און זיי געבראָטען אויפ׳ן ליכט. די שמאַלץ האָט זיך געפּרעגעלט, די ברוין־געוואָרענע הויט האָט זיך גערויכערט און דער מזל׳דיגער האָט געגעסען דעם קעפּעל, האַלטענדיג איהם ביים לאַנגען שנאָבעל, און האָט זיך פאַסמאַקעוועט.

און ביי יעדען נייעם קעפּעל האָבען די געסט געהויבען זייערע גלעזער און געטרונקען צו איהם לחיים.

צולעצט, ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט׳ן לעצטען קעפּעל, האָט ער געמוזט אויף דעם בעפעהל פון דעם באַראָן, דערצעהלען עפּעס אַ געשיכטע פון זיין לעבען, אום צו בעלוינען זיינע פריינד, וואָס זיינען ניט געווען אזוי מזל׳דיג ווי ער.

דאָ זיינען איינינע פון די דאָזיגע געשיכטען :

די הילצערנע שיך

דער אלטער פריסטער האט געמורמעלט די לעצטע ווערטער פון זיין דרשה, שטעהענדיג אויף דער בימה איבער די אויסגעגאסענע און אנגעפאמא־דעטע קעפ פון די פויערים. די פויערטעס, וועל־כע זיינען פון ווייט, ווייט אהערגעקומען, אום זיין דרשה צו הערען, האבען זייערע קערב נעבען זיך אויף דר׳ערד ארונטערגעלאזט און די שווערע היץ פון א יולי טאג האט געדריקט דעם עולם, אזוי, דאס א שווערער שטאל גערוך האט זיך איבער דער קירכע פערשפרייט.

דורך דער גרויסער, אפענער טיר האט געקלונגען דאס קרעהען פון די העהנער, דאס מיאוקען פון די קעץ, דאס מעעקען פון די קיה, וועלכע זיינען געלעגען ערגעץ־וואו אויף א שכנישען פעלד. פון צייט צו צייט האט א ווינטעל די ריחות פון׳ם פעלד אהער פערטראגען, און אויף׳ן וועג האט זיך דאס דאזיגע ווינטעל גע־שפיעלט מיט די לאנגע בענדער פון די הייבלאך פון די פויערטעס און, צוקומענדיג צום אלטאר, די קליינע, געלע פלאמען פון די ליכט געלאשען.

— גאטס ווילען זאל געשעהן! אמן! האט געזאגט דער פריסטער. דאן איז ער אנשווינגען געווארען, האט געעפענט א בוך און זיך גענומען, אזוי ווי יעדען זונטאג, פאר זיינע שעפעלאך די היימישע זאכען פון דער געמיינדע פארצולעזען.

ער איז געווען אן אלטער מאן מיט ווייסע האאר, האט גע־דיענט זיין געמיינדע שוין אריבער פיערציג יאהר, און זיינע דרשות האט ער תמיד בענוצט דערצו, אום זיך גאנץ בהרחבה׳דיג, מיט׳ן עולם דורכצושמועסען.

ער האָט אָנגעהויבען:

— בעט גאָט פאַר דעזידערוס באַללין, וועלכער איז זעהר קראַנק, און אויך פאַר דער אָרעמער פאַמעללאַ, וועלכע קען נאָך אַליין צו זיך נישט קומען פון איהר קינדבעט.

ער האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגען, און געזוכט אין זיין ביכעל, טאָמער וועט ער דאָרט געפינען עפּעס בעמערקונגען, צום סוף האָט ער געפונען צוויי און ער האָט ווייטער גערעדט:

— די יונגע לייט מיט די מיידלאַך דאַרפען זיך אין אָבענד ניט טרעפען, אויף'ן קירכ־הויף, ווי זיי האָבען עס ביז אַהער געטהאָן, אַ ניט וועל איך ווענען דעם לאָזען וויסען דעם פעלד־היטער.

— הערר צעזאַר אָמאָנט זוכט אַ יונגע, אַנשטענדיגע מיידעל אַלס דיענסט.

ער האָט נאָכגעטראַכט אַ פּאָאָר סעקונדען, דאַן האָט ער צוגעלעגט:

— ליעבע ברידער און שוועסטער, דאָס איז אַלעס, וואָס איך האָב אייך צו זאָגען און איך ווינש אייך גאָט'ס גנאָד. אין נאָמען פון דעם פאָטער, דעם זוהן און דעם הייליגען גייסט. אמן.

און ער איז אַרונטער פון דער בימה, אום די גאָטעס־דיענסט צו ענדיגען.

* * *

ווען די פאַמיליע מאַלאַנדרין האָט זיך צוריקגעקעהרט אַהיים אין זייער הויז, וואָס איז געשטאַנען אין דעם לעצטען הויף פון לאַפּאַבליע, האָט זיך דער פאָטער, אַ'ן אַלטער, מאָגערער, צורונצעלטער פויער, געזעצט ביי'ם טיש, ווערהענד זיין פרוי האָט דעם קעסעל צורעכט געמאַכט און זיין טאָכטער אדעלהייד האָט פון'ם בופעט גלעזער און טעלער אַרויסגענומען. דער אַלטער האָט געזאָגט:

— ווייסטו, דער פּלאַץ ביי'ם אַלטען אָמאָנט איז אפשר גאָר נישט אַזוי שלעכט. ער איז דאָך אַ'ן אַלמן, זיין שנור האָט איהם נישט האָלט, ער איז איינער אַליין, געלד האָט ער אויך, טאָמער וואָלטען מיר אונזער אדעלהיים אַהין געשיקט.

די פרוי האָט אַרויפגעשטעלט דעם גאַנץ שוואַרצען קעסער

אויף'ן טיש, האָט אויפגעהויבען דעם דעקעל און בעת דער דאמפף און דער גערוך פון'ם באָרשט איז ביז צום סטעליע ארויף, האָט זי זיך מיישב געווען.

דער מאן האָט אָנגעהויבען פון דאָס ניי:

— ער האָט א סך געלד, דאָס איז זיכער, אָבער אהין האָט גערארפט געהן אזא איינע, וואָס פערשטעהט אַן עסק און דאָס קען מען וועגען אונזער ארעלהיים ניט זאָגען.

דאָ האָט די פרוי זיך אָנגערופען:

— פּרובירען קאָן מען. קיין געלט קאָסט עס נישט.

דאָן האָט זי זיך א קעהר געטהאָן צו איהר טאָכטער, א גרויסע, דיקע מויד מיט בלאָנדע האָאר און פולע רויטע באַקען, ווי א פּאָאר עפּעל, און האָט אויסגערופען:

— נו, גראָבע, האָסטו געהערט? דו וועסט צו'ם אלטען אָמאָנט געהן און זיך אלס דיענסט פאָרשטעלען און דו זאָלסט מיר אלסדינג טהאָן, וואָס ער וועט דיר הייסען.

די טאָכטער האָט גענומען לאַכען תמ'עוואַטע פאר זיך און גאָר נישט געענטפערט, דאָן האָבען זיך אלע דריי גענומען צום עסען.

אין צעהן מינוט ארום האָט דער פאָטער ווידער אָנגעהויבען:

— דו, פּארשוין מיינע, איצט הער זיך צו און דו זאָלסט מיר נור ניט פארגעסען, וואָס איך'ל דיר איצט זאָגען.

און ער האָט איהר גאַנץ לאַנגזאַם און גאַנץ גענוי געגעבען אלע מעגליכע עצות ווי אזוי זיך צו האַלטען, און דערביי האָט ער פאר־אויסגעזאָגט יעדע קלייניגקייט און איהר גאַנץ גוט פאָרבערייט, ווי אזוי זי זאָל דעם דאָזיגען אלטען אלמן, וועלכער איז צופריעדען מיט זיין פאמיליע, אין איהרע הענד אריינקריגען.

די מוטער האָט אויפגעהערט צו עסען און זיך צוגעהערט. זי איז געבליבען זיצען מיט'ן גאָפּעל אין האַנד און געקוקט דאָ אויף דער טאָכטער און דאָ אויף'ן מאַן, שטאַרק נתפּעל פון זיינע קלוגע עצות.

ארעלהייד איז געזעסען שטום, מיט איהרע תמ'עוואַטע, צו־שראָקענע אויגען אויף'ן פאָטער אויסגעגלאָצט, אין א מין טעמפּער אויפמערקזאַמקייט.

באַלד נאָך'ן מאַלצייט, האָט איהר די מוטער געהייסען אַנטהאָן דאָס הייבעל און זיי זיינען צוזאַמען אַוועק צו צעזאַר אמאַנט.

ער האָט געוואָהנט אין אַ קליין געמויערט הייזעל, וואָס איז געשטאַנען מיט דער הינטערשטער וואַנד אַנגעשפּאַרט אויף די ווירטשאַפטס־געביידעס פון זיינע פעכטער, אהין האָט ער זיך צו־ריקגעצויגען און פון זיינע איינקינפטע געלעבט.

ער איז געווען ארום פינף־און־פופציג יאָהר אַלט, אַ דיקער, בעלייבטער מאַן, אַ פערגרעבטער, אַ בייזער און אַ כעסן, אַז ער האָט געלאַכט אָדער געברומט, האָבען אַזש די ווענט געציטערט. סיידער און וויין האָט ער געטרונקען פון פולע גלעזער און טראָץ זיין עלטער האָט ער נאָך געהאַט אַ נאָמען פאַר איינעם, וואָס האָט היים בלוט.

ער האָט ליעב געהאַט צו געהן שפּאַציערען אויף'ן פעלד מיט די הענד אויף'ן רוקען פערלעגט, איבערלאָזענדיג טיעפע שפּורען אויף'ן באָדען מיט זיינע הילצערנע שיך, דאַן האָט ער זיך צוגע־קוקט ווי עס האַלט מיט דער תבואה, ווי עס בליהט דער גאָרטען, מיט דער מינע פון אַ צופריעדענעם מאַן.

ער האָט אויפגענומען ביידע פרויען, זיצענדיג ביים טיש, וואו ער האָט געטרונקען זיין קאַפע. ער האָט זיך אַנגעשפּאַרט אָן דער ווענטעל פון זיין שטוהל און געפרעגט:

—נו, וואָס פערלאַנגט איהר?

די מוטער איז געווען די ריידערקע. זי האָט געענטפערט:

— איך האָב מיין טאָכטער אַדעלהייד מיטגעבראַכט, זי וועט זיין די ריכטיגע מויד פאַר אייך. דער הערר פּריסטער האָט אונז היינט וועגען דעם פאַרגעלעזען.

דער אַלטער אַמאַנט האָט בעטראַכט דאָס מיידעל, דאַן האָט ער געזאָגט קורץ:

— ווי אַלט איז זי דען די גרויסע ציעג דאָרט?

— צום הייליגען מיכעל, ווערט זי איין און צוואַנציג.

— גוט, דאַן קריעגט זי פופצעהן פראַנק אַ מאָנאַט און קעסט. זי קאָן נאָך מאָרגען אַנקומען. זי זאָל באַלד זיין אין דער פריה און מיר מיין זופּ מאַכען.

און ביידע פרויען זיינען אוועק.

אדעלהייד איז אויף מארגען אנגעקומען אין דיענסט און האט זיך גלייך א נעהם געטהאן צו דער ארבייט שטיל, אהן ווערטער, ווי זי איז ביי איהרע עלטערן געוועהנט געוועזן.

ווען זי האט ארום ניין א זייגער די קיך געריינינגט, האט זי אמאנט א רוף געטהאן:

— אדעלהייד!

— זי איז געקומען צו לויפען:

—פויער, דא בין איך!

אזוי שנעל ווי זי איז געשטאנען אנטקעגען איהם, קוקענדיג עטוואס פערשעהמט, די רויטע הענד ארונטערגעלאזט, האט ער ערקלעהרט:

— איצט גיעב אקארשט אכטונג, אז צווישען אונז זאל נישט זיין קיין שטרייט און קיין מיספערשטענדנים. דו ביזט מיין דיענסט, ווייטער נישט. הערסטו? אונזערע הילצערנע שיך וועלען מיר נישט אויסמישען.

— זעהר וואויל, פויער!

— נו, איז גוט, איצט קאנסטו ווידער געהן.

און זי האט זיך איבער א נייעם גענומען צו דער ארבייט.

צו מיטאג האט זי געבראכט דעם בעל הבית עסען אין דעם קליין שטיבעל. אזוי שנעל ווי די זופ איז געשטאנען אויף'ן טיש, האט זי געזאגט צום אלטען אמאנט.

— די זופ איז אויף'ן טיש, פויער!

ער איז אריין, האט זיך געזעצט, ארומגעקוקט זיך, פונאנדער־געעפענט די סערוועטקע, א ווייל זיך מיישב געווען און דאן א רוף געטהאן מיט א ווילדער שטימע:

— אדעלהייד!

צושראקען איז זי אריינגעקומען.

ער האט געשריען מיט בענומענע קולות, ווי ער וואלט זי וועלען אומברייננגען:

— צו אל די רוחות!... וואו בעהאלסטו זיך דארט?

— אבער פויער...

ער האָט גערוואַלדעוועט:

— איך האָב פיינט אַליין צו עסען, צו אַל די רוחות! דו וועסט זיך זעצען דאָ נעבען מיר, אָדער איך יאָג דיך גלייך אַרויס, אויב דו ווילסט נים. גנה ברענג דיר אַ טעלער און אַ גלאָז.

אין גאַנצען אויסער זיך האָט זי געבראַכט איהר טעלער און געשטאַמעלט:

— אָט דאָ איז עס, פויער.

און זי האָט זיך געזעצט איהם אַנטקעגען.

דאַן איז ער געוואָרען גאַנץ פריינדליך, האָט געטרונקען אויף איהר געזונד, געקלאַפּט אָן טיש, דערצעהלט מעשות, וועלכע זי האָט אויסגעהערט מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגען, ניט וואַגענדיג אויסצו־רעדען אַ וואָרט.

פון צייט צו צייט איז זי אויפגעשטאַנען, אום צו דערלאַנגען ברויט, סיידער און די שיסלען.

ווען זי האָט אַריינגעטראָגען דעם קאַפע, האָט זי אַוועקגע־שטעלט נור איין קריגעל פאַר איהם. ער האָט זיך ווידער צוקאָכט און גענומען זידלען:

— נו, און פאַר דיר?

— איך טרינק ניט קיין קאַפע, פויער.

— פאַרוואָס טרינקסטו ניט?

— איך האָב עס ניט ליעב.

דאַן איז ער ווידער אַרויס פון די כלים:

— צו אַל די רוחות, איך האָב פיינט מיין קאַפע אַליין צו זויפען. ווען דו טרינקסט נישט גלייך אויף׳ן שטעל מיט מיר, יאָג איך דיך אַרויס. צו אַל די רוחות! איצט לויף און ברענג גלייך נאָך אַ קריגעל.

זי האָט געבראַכט אַ קריגעל, האָט זיך געזעצט, פערזוכט די שוואַרצע פליסיגקייט און מורא׳דיג דעם פנים פערקרימט. אָבער ווען זי האָט דערזעהן דעם צוקאָכטען פנים פון איהר בעל הבית, האָט זי דעם קאַפע אין גאַנצען אין זיך אַריינגעגאָסען.

און דער אַלטער אָמאָנט האָט זי דאַן אָבגעלאָזען:

— גו, געה, וואָס דיר אוים דיין געשיר, דו ביזט אַ וואויל מיידעל.

אין אבענד ביי'ם עסען איז ווידער געווען דאָס אייגענע. דאַן האָט זי געמוזט שפּיעלען מיט איהם דאָמינאָ און ערשט נאָכדעם האָט ער זי געשיקט שלאָפען.

—איצט געה שלאָפען, איך קום שפּעטער ארויף.

און זי איז אוועק אין איהר צימער, אויף'ן בוידים־שטיבעל אונטער'ן דאַך. זי האָט געזאָגט איהר אבענד־געבעט, האָט זיך אויסגעטהאָן און געלעגט שלאָפען.

אָבער פּלוצים איז זי אויפגעשפּרונגען אַ צושראָקענע, אַ צו־רייצטער געשריי האָט געמאכט ציטערען דאָס גאַנצע הויז:

— אַדעלהייד!

זי האָט געעפענט די טיר און געענטפערט פון'ם בוידעם־שטי־בעל ארונטער:

— איך בין דאָ, פוויער.

— וואו דאָ?

— איך בין דאָך אין בעט, פוויער.

דאַן האָט ער גענומען דונערען:

— צו אל די רוחות, זאָלסט גלייך ארונטערקומען, איך שלאָף ניט גערן אליין. צו אל־די רוחות, און אויב דו ווילסט נישט, יאָג איך דיך גלייך ארויס.

זי האָט געענטפערט צושראָקען פון אויבען ארונטער, וועהרענד זי האָט איהר ליכט געזוכט:

— איך בין דאָ, פוויער.

און ער האָט געהערט, ווי איהרע קליינע הילצערנע שיך האָבען איבער די הילצערנע טרעפּ געקלאַפּט און ווען זי איז פון דעם לעצ־טען טרעפּעל ארונטער, האָט ער זי אָנגענומען פאַר'ן אָרעם און אזוי גיך ווי זי האָט פאַר דער טיר איהרע קליינע הילצערנע שיכ־לאַך נעבען די מעכטיגע שיך פון איהר בעל הבית געשטעלט, האָט ער זי אַ שטויס געטהאָן צו זיך אין צימער אריין און ארויסגע־ברומט:

— צו אל די רוחות, מאַך עס אביסעל שנעלער!

און ניט וויסענדיג וואס אייגענטליך זי זאגט, האט זי נאכ־אנאנד איבערגע׳חזרט די אייגענע ווערטער:

— איך בין דא, פויער!

אין א האלב יאהר ארום האט זי איין מאל א זונטאג בעזוכט איהרע עלטערען. איהר פאטער האט זי ערשטווינט אנגעקוקט און גע־פרעגט:

— דו ביזט הפנים שוואנגער?

מיט איהר געוועהנליך תמ׳עוואטען אויסדרוק אין פנים האט זי א קוק געטהאן אויף איהר בויך און געזאגט:

— דאס גלויב איך נישט.

און וויל ער האט אלעס געוואלט וויסען, האט ער זי נאך אמאל געפרעגט:

— האט איהר ניט אפשר אמאל בייגאכט אייערע הילצערנע שיף איינס נעבען׳ס אנדערע געשטעלט?

— יא, מיר האבען זיי דעם ערשטען אבענד גלייך איינס נע־בען׳ס אנדערע געשטעלט און דערנאך יעדען אבענד.

— נו, אויב אזוי, דאן ביזטו דאך טאקע שוואנגער, אלטער גלאמפ דו.

זי האט זיך צו־וויינט און שלוכצענדיג געשטאמעלט:

— דאס האב איך ניט געוואוסט, ניין, דאס האב איך דאך ניט געוואוסט...

דער אלטער מאלאנדין האט זי אנגעקוקט מיט פארשעענדיגע, כיטרע אויגען און מיט א צופריעדענעם אויסדרוק אין פנים און געפרעגט:

— וואס האסטו ניט געוואוסט?

— שלוכצענדיג האט זי געענטפערט:

— איך האב דאך ניט געוואוסט, אז אט אזוי מאכט מען די קינדער.

איהר מוטער איז אהיים געקומען, און דער מאן האט צו איהר געזאגט אהן זיין געוועהנליכען כעס:

— איצט איז זי שוואנגער.

אבער די פרוי איז אינסטינקטיוו געווארען שטארק אויפגע־

בראכט און געזידעלט און געשימפּפט דאָס מיידעל, וועלכע איז געשוואומען אין טרעהרען, און זי גערופען : „ארומטרייבערקע“ און „נארישע בהמה“.

דאַן האָט איהר דער אַלטער געהייסען שוויגען. און ווען ער האָט גענומען זיין מיטצעל, אום צו געהן זיך דורכרעדען וועגען דער דאָזיגער אַנגעלעגעהייט מיט דעם אַלטען צעזאר אַמאַנט, האָט ער ערקלעהרט :

— ביי גאָט, די מויד איז נאָך פיעל נארישער ווי איך האָב געדענקט. די דומע גאַנז האָט גאָרנישט געוואוסט אַפילו, וואָס זי טהוט דאָרטען.

אויף'ן צווייטען זונטאג האָט דער פּריסטער פון דער בימה ארונטער אויסגערופען פאַר דעם עולם וועגען דער פערלאָבונג פון דעם הערר אַנאַפּריוס צעזאר אַמאַנט מיט סעלעסטינע־אדעלהייד מאַלאנדרין.

אַ האָהן האָט געקרעהט

איז דעמאָלט איז פרוי בערטהא דע־אוואנסעל טויב געווען צו אַלע רייד פון באַראָן דע־קרואסאר, וועל־כער איז פערליעבט געווען אין איהר. דעם גאַנ־צען ווינטער אין פּאריז איז ער איהר נאָכגעלאָ־פען און איצט האָט ער לכבוד איהר אין זיין נאָרמאַנישען שלאָס קארוויל פעסטען געגעבען און געיעגען געמאַכט.

איהר מאַן, הערר דע־אוואנסעל, האָט, ווי געווערהנליך, גאָר נישט געזעהן און גאָר נישט געוואוסט. ער האָט געלעבט, ווי מען האָט דערצעהלט, אָפּגעזונדערט פון זיין פרוי מחמת זיין קערפּער־ליכער שוואכקייט, וועלכע זיין פרוי האָט איהם ניט געקענט מוחל זיין. ער איז געווען אַ קורצער, דיקער, פּליכעוואטער מאַן. קורץ איז ביי איהם געווען אַלסדינג: הענד, פיס, האַלז, נאָז, און אזוי ווייטער.

פרוי דע־אוואנסעל איז, פערקעהרט, געווען אַ הויכע, יונגע פרוי, מיט דונקעלע האָאָר, וועלכע האָט תמיד געלאַכט מיט אַ העלען געלעכטער איהר מאַן אין פנים אריין, בעת ער האָט זי פאר מענ־שען בעליידיגט. מיט אַ צערטליכער מינע האָט זי געקוקט אויף די ברייטע שולטערען, די קרעפטיגע געשטאַלט און די לאַנגע בלאָנדע וואָנצעס פון באַראָן דע־קרואסאר.

אָבער זי האָט איהם נאָך אַלץ ניט נאָכגעגעבען. דער באַראָן האָט זיך בדלות געשטעלט פאר איהר. נאָכאַנאַנד האָט ער פעס־טען געגעבען, יאַגדען געמאַכט און אַנדערע פערגעניגענס אויסגע־טראַכט, אויף וועלכע ער האָט איינגעלאַדען אַלע פריצים פון די ארומיגע שלעסער.

גאַנצע טעג האָבען די ווילדער געהילכט מיט א בילען פון הינד, וואָס האָבען זיך דאָרט געיאָגט נאָך פוקסען און ווילדע חזרים, און אין די אָבענדען האָבען בלענדענדיגע פייערווערק אין גאָלדענע פאַנטאַנען זיך געהויבען צו די שטערן, און די העל־בעלייכטעטע פענסטער האָבען געוואָרפען גאַנצע סנאָפּעס ליכט אויף די גרויסע בלאָטעס, איבער וועלכע שאָטענס האָבען ארומגעשפּרונגען.

עס איז געווען אין הערבסט, בעת די נאַטור האָט גע׳גוסס׳עט. די בלעטער האָבען געווירבעלט און געדרעהט זיך ווי א מחנה פייג־לען. אין דער לופט האָט זיך געפיהלט דער גערוך פון פייכטער, נאַקעטער ערד, ווי דער גערוך פון נאַקעטען פרויען־פלייש, בעת די פרוי וואַרפט פון זיך ארונטער איהרע קליידער נאָך א באַלל...

אויף איינעם פון די פעסטען לעצטען פריהלינג האָט פרוי דע־אַוואַנסעל געענטפערט דעם באַראָן דע־קרואַסאַר, בעת ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איהר:

— ליעבער פריינד, אויב מיר איז בעשערט צו פאַלען, וועט עס געשעהן ניט פריהער, ווי די בלעטער וועלען פאַלען. דיזען זו־מער האָב איך צופיעל צו טהאָן: איך האָב ניט קיין צייט אויף דעם.

ער האָט גוט געדענקט די דאָזיגע געוואַגטע ווערטער און מיט יעדען טאָג איז ער איצט אַלץ מעהר און מעהר צוגעשטאַנען צו איהר, האָט זיך געסטאַרעט צו געווינען אַלץ מעהר און מעהר דאָס הארץ פון דער דאָזיגער שענער פרוי, וועלכע האָט זיך איצט גע׳עקשנ׳ט, דאַכט זיך, מעהר אויף־צו־פלייסען.

א גרויסע געיעג האָט געזאָלט פאָרקומען. און אין דעם אָבענד פאַר דעם האָט בערטהאַ זיך געווענדעט צום באַראָן מיט א געלעכ־טער:

— ליעבער באַראָן, אויב איהר וועט דערשיסען א חיה, קריעגט איהר ביי מיר דעם זיעגער־פּרייז.

ער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אום אויסצופאָרשען, וואו דער ווילדער שווייַן ליעגט פערבעהאַלטען. ער האָט בעגלייט זיינע קנעכט, פערטהיילט די הינט און אַליין בעזאָרגט יעדע קלייניג־קייט, פאַרגעבריית זיך, הייסט עס, צו זיין זיעג. און ווען דער

האָרן האָט גענומען שאַלען, איז ער ערשיענען אין אַן ענגען רויטען, מיט גאָלד־געשטריקטען יאגד־ראָק, מיט א פרעהליכער מינע, לאַ־בענדיגע אויגען, פריש און שטאַרק, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַט ערשט אויפגעשטאַנען פון׳ם בעט.

די יעגערס זיינען ארויסגעפאָהרען. דער ווילדער שוויין, פון זיין הייהל ארויסגעטריעבען, האָט זיך געיאָגט איבער׳ן וואלד, פון הינד פערפאָלגט. די פערד האָבען גענומען גאַלאָפּירען און גע־טראָגען איבער די שמאָלע וועגען פון׳ם וואלד רייטער און רייטע־רינס, און איבער דעם וועיכען הערבסט־וועג האָבען זיך שטיל גע־קייקעלט עקיפּאזשען, וועלכע האָבען פון וועיטען דעם געיעג בע־גלייט.

פרוי דע־אוואנסעל האָט איינגעהאלטען דעם באראָן נעבען זיך און זיי זיינען געפאָהרען טריט־ביי־טריט איבער א לאַנגער און גלייכער אַלעע, איבער וועלכע פיער ראנדען אייכען־ביימער האָבען זייערע צווייגען צושפּרייט.

ער האָט זיך אין גאנצען געטרייסעלט פאַר ליעבע און אונ־געדולד. מיט איין אויער האָט ער זיך צוגעהערט צו די שפּאָטישע רייד פון דער יונגער פרוי, מיט דעם אַנדערן צו דעם שאַלען פון די הערנער און דעם בילען פון די הינד, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר דערווייטערט.

— אַלזאָ איהר ליעבט מיך שוין ניט מעהר? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געענטפערט:

— ווי קאָן אזא זאַך אייך איינפאַלען?

זי האָט ווייטער גערעדט:

— אָבער, ווי עס זעהט אויס, אינטערעסירט אייך דאָס געיעג מעהר ווי איך.

ער האָט ארויסגעקרעכצט:

— אָבער האָט איהר דען אַליין מיר ניט געהייסען דערשיסען א חיה?

און זי האָט אויף דעם בעמערקט מיט אַן ערענסטער מינע:

— יאָ, אונבעדינגט. איך מוז אַליין זעהן, ווי איהר ווערט זי טויטען.

דאַן האָט ער א ציטער געטהאָן אויף זיין זאָטעל, האָט א זעץ געטהאָן דעם פערד מיט די שפּאָרען אזוי, דאָס ער האָט א שפּרונג געטהאָן אויף אַלע פיער, און ער האָט אונגעדולדיג אויסגעשריען:

— אָבער, מאדאם, דאָס וועט דאָך קיינמאָל ניט קענען זיין, ווען מיר וועלען דאָ בלייבען!

זי האָט זיך צולאַכט און געענטפערט:

— דאָס מוז זיין... אָדער... עס וועט זיין ערגער פאַר אייך!

דערנאָך האָט זי גענומען ריידען צו איהם צערטליך, געלייגט איהר האנד איהם אויף'ן אָרעם, אָדער האָט פערטראַכט געגלעט זיין פערד איבער'ן האלז.

זיי האָבען זיך פערקירעוועט נאָך רעכטס אויף א שמאָלען גע־דיכט־בעוואַקסענעם וועג און פּלוצים האָט זי זיך א בויג געטהאָן צו איהם צו, כדי אויסצומיידען א צווייג, וואָס איז געהאנגען אי־בער'ן וועג. דערביי איז זי געווען אזוי נאָהענט נעבען איהם, דאָס איהרע האָאָר האָבען בעריהרט זיין האלז. דאַן האָט ער זי מיט אמאָל ארומגענומען, צוגעדריקט זיינע לאַנגע וואָנצעס צו איהר שלייף און זי פייערדיג א קוש געטהאָן.

צוערשט האָט זי זיך ניט גערירהט. דערנאָך האָט זי פּלוצים א דרעה געטהאָן דעם קאָפּ און — צי איז עס געווען על פּי סיבה, צי ניט — איהר קליין מיילכעל האָט זיך צונויפגעטראָפען מיט זיינע ליפּען אונטער די לאַנגע בלאָנדע וואָנצעס.

און דערנאָך — צי ווייל זי האָט חרטה געהאט, צי ווייל זי האָט זיך פערשעהמט — האָט זי א שמיץ געטהאָן איהר פערד, וועלכער האָט זיך אוועקגעטראָגען אין א שנעלען גאַלאָפּ. אזוי זיי־נען זיי געפאָהרען א לאַנגע צייט און האָבען זיך מיט איין בליק ניט אָנגעקוקט.

דער ליאַרם פון דעם געיעג האָט זיך געהערט אַלץ נעהענטער. דער גאַנצער וואַלד האָט, דאַכט זיך, געציטערט. און פּלוצים האָט זיך בעוויזען דער ווילדער שוויין. ער האָט זיך געטראָגען, אין גאַנצען מיט שוויים בעדעקט, ברעכענדיג די צווייגען, און האָט זיך גע־

ווערט געגען די הינט, וואָס האָבען זיך מיט זייערע צייהן איינ־געגעסען אין זיין קערפּער.

דאַן האָט דער באַראָן אַרויסגעלאָזט אַ פריידענס־געשריי און אויסגערופען :

— ווער עס ליעבט מיך, וועט מיר נאָכגעהן !

און ער איז פערשוואונדען צווישען די ביימער, אַזוי ווי דער וואַלד וואָלט איהם פערשלונגען.

עטליכע מינוט שפּעטער, ווען זי איז אַרויסגעפאָהרען אויף אַ פעלד, האָט זי דערזעהן, ווי דער באַראָן האָט זיך אויפגעהויבען, אין גאַנצען מיט שמוץ בעדעקט, מיט פערבלוטיגטע הענד, מיט אַ צוריסענעם ראָק ; דער ווילדער שווייַן איז געלעגען אויף דר'ערד מיט דעם יעגער־מעסער אין'ם הארצען טיעף ביז'ן הענטעל. ביי פאַקעל־ליכט האָט מען דערנאָך אַ סעודה פאַר די הינט געפּראַוועט אין אַ מילדער מעלאַנכאָלישער נאַכט. די לבנה האָט געל גע־פאַרבט די רויטע פלאַמען פון די פאַקעלן, וועלכע האָבען פערדונ־קעלט די נאַכט מיט זייער שוואַרצען, פעכיגען רויך. די הינט האָבען געפרעסען די אינגעווייט פון דעם ווילדען שווייַן, האָבען זיך געריסען צווישען זיך און פערהילכט די לופט מיט זייער בילען. די קנעכט, צוזאַמען מיט די פּריצים זיינען געשטאַנען אַרום אין אַ קרייז און האָבען מיט אַלע קרעפטען געבלאָזען אין די הערנער. דאָס שאַלען האָט זיך צוטראָגען אין דער העלער נאַכט ווייט איבער'ן וואַלד און האָט אָפּגעהילכט אין די ווייטע טהאָלען, געוועקט די אונרוהיגע הירשען, די קוויטשענדיגע פוקסען און געשראָקען די קליינציקע גרויע קראָליקעס, וואָס האָבען געשפּאַצירט איבער די פעלדער.

די נאַכט־פייגלען זיינען צושראָקען געפלויגען איבער די צו־יושעטע הינט. און די פרויען, וועלכע זיינען אויפגערעגט געוועזען פון דער דאָזיגער שיינקייט און ווילדקייט, האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אָן די אָרעמס פון די מענער און זיינען פערשוואונדען ערגעץ אין די אַלעען, נאָך איידער די הינט האָבען זייער סעודה געהאַט געענ־דיגט.

פרוי דע־אוואנסעל, אויסגעמאַטערט פון דעם גאנצען טאָג אויפרעגונג, האָט זיך געווענדעט צום באַראָן :

— ליעבער פריינד, ווילט איהר זיך דורכגעהן אביסעל איי־בער׳ן פּארק ?

ער האָט זי א כאַפּ געטהאָן ביים ארעם און, ציטערענדיג אין גאנצען, האָט ער זי אוועקגעשלעפּט נאָך זיך.

און באַלד האָבען זיי זיך ארומגענומען. זיי זיינען געגאנגען שטיל, מיט לאנגזאמע טריט אונטער די הוילע צווייגען, דורך וועל־כע די לבנה האָט איהר ליכט געגאָסען ; זייער ליידענשאפט, זייע־רע ווינשען, דער פערלאַנג צו פיהלען זיך איינער ביים אַנדערן אין די אָרעמס, האָט זיי אזוי בעהערשט, דאָס זיי זיינען שיער ניט גע־פאַלען ציפּוסען פון א בוים.

די הערנער האָבען מעהר ניט געהילכט. די מיעדע הינט זיינען געשלאָפען.

— לאָמיר פאָהרען אהיים — האָט די יונגע פרוי ארויסגע־פּליסטערט.

און זיי האָבען זיך צוריק געקעהרט.

דערנאָך, ווען זיי זיינען פאַר׳ן שלאָס געשטאַנען, האָט זי ארויסגערעדט שטיל, קוים וואָס ער האָט זי געהערט :

— איך בין אזוי מיעד, איך וועל זיך גלייך לייגען.

און ווען ער האָט די אָרעמס געעפענט, אום זי א קוש צו טהאָן צום לעצטען מאָל די נאכט, איז זי אנטלאָפען פון איהם מיט די ווערטער :

— ניין, ניין... איך וויל שלאָפען... ווער עס ליעבט מיך, וועט מיר נאָכגעהן !...

אין א שעה ארום, ווען אין׳ם שלאָס איז געווען שטיל, אזוי ווי אויסגעשטאָרבען, האָט דער באַראָן זיך ארויסגע׳גנב׳עט אויף די שפּיץ־פינגער פון זיין צימער און שטיל אָנגעקלאפּט ביי זיין געליעבטער אין דער טיר. זי האָט איהם ניט געענטפערט. ער האָט געפּרובט עפענען די טיר. זי איז ניט געווען פעררינעלט. זי איז געזעסען אין פענסטער אָנגעלעהנט און האָט געטרוימט.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו איהרע פיס און דורך דאָס נאַכט־קלייד האָט ער איהרע קניע געקושט. זי האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט און מיט ליעבע גענומען גלעטען זיינע האָאָר.

אָבער פּלוצים האָט זי זיך אַ ריס געטהאָן, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס אַ וויכטיגען בעשלוס אָנגענומען, און געזאָגט פעסט, דאָך גאַנץ שטיל:

— איך קום באַלד, ווארט דאָ אויף מיר.

און זי האָט מיט'ן פינגער אָנגעוויזען אין די דונקעלהייט, אין הינטערגרונד פון'ם צימער, וואו דאָס ווייסע בעט האָט ניט קלאָר געשימערט.

דאָן האָט ער זיך אויסגעטאָן שנעל מיט ציטערענדיגע הענד און זיך געלייגט אויף דאָס פרישע בעטגעוואַנד. מיט פערגעניגען האָט ער זיך אויסגעצויגען, צוגעמאַכט די אויגען און זיך געטרוימט פון דעם אַזוי לאַנג־געווינשטען גליק, וואָס ער וועט איצט געניסען. אָבער פּלוצים זיינען די גליעדער זיינע שווער געוואָרען, זיינע געדאַנקען האָבען גענומען דרימלען, זיינען געוואָרען אונבעשטימט, ניט קלאָר. די מיעדקייט האָט איהם איבערוועלטיגט און ער איז אנשלאָפען געוואָרען.

ער איז געלעגען ווי אַ דער'הרג'עטער, האָט געשלאָפען מיט דעם טיעפען שלאָף פון אַ מיעדען יעגער.

אַזוי איז ער געשלאָפען ביז גרויסען טאָג.

דאָס פענסטער איז אָפען געבליבען. און פּלוצים האָט אַ האָהן אַ קרעה געטהאָן, וואָס איז ארויפגעפלויגען אויף אַ נאָהענטען בוים. דער העלער געשריי האָט אויפגעוועקט דעם באַראָן און ער האָט געעפענט די אויגען.

און דערפיהלט ביי זיין זייט אַ פרויען־לייב און דערזעהן זיך אין אַן אונבעקאַנטען בעט, איז ער שטאַרק פערוואונדערט געוואָרען און האָט ארויסגעשטאַמעלט פערשלאָפען:

— וואָס? וואו בין איך?

דאָן האָט זי, וועלכע האָט די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, אַ

פוק געטהאָן אויף דעם מאַן מיט די צופּאַטעלטע האָאר, רויטע אוי־גען, דיקע ליפּען און איהם געענטפערט מיט יענעם טאָן פון אויבען ארונטער, מיט וועלכען זי פלעגט צו איהר מאַן ריידען:

— גאָר נישט. אַ האָהן האָט געקרעהט. שלאָפט, שלאָפט. ניט אייער עסק.

דער שווין מאַרען

ליעבער פריינד, האָב איך געזאָגט צו לאַבאַרבען, דו האָסט שוין ווידער אויסגערעדט די דריי ווערטער: „דער שווין מאַרען". צום טייפעל, פאַרוואָס האָב איך נאָך קיין מאָל פון מאַרען׳ן ניט געהערט רעדען אַנדערש ווי פון „דעם שווין מאַרען" ?

לאַבאַרב האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָאַר פערוואונדערטע ברייט פאַרנאַנדער געעפענ־טע אויגען:

— וואָס, דו ווייסט ניט מאַרען׳ס געשיכטע און ביזט נאָך אַליין פון לאַ־ראָשעל ?

איך האָב זיך מודה געווען, אַז איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָ־גען. דאָ האָט לאַבאַרב זיך געריבען די הענד און גענומען דער־צעהלען:

—דו האָסט דאָך געקענט מאַרען׳ן און דו געדענקסט נאָך אוודאי זיין גרויסען שניט־געשעפט אין לאַ־ראָשעל ?

— געוויס.

— אַלזאָ דאַרף זיך מאַכען, אַז מאַרען זאָל זיין אין 1862 אָדער 63 צוויי וואָכען אין פּאַריז. און געווען איז ער דאָרט פאַר זיין אייגענעם פערגעניגען וועגען, הגם עס האָט געהייסען, אַז ער פאָהרט צוליעב געשעפט.

דו ווייסט וואָס עס מיינט פאַר אַ קליינשטעדטעלדיגען סוחר צו זיין פערצעהן טעג אין פּאַריז. דאָס קאָן איינעם אין גאַנצען צודרומשקען. יעדען אָבענד אַ הוליאַנקע, שטענדיג פרויען, קורץ, מען קומט גאָר פון דער אויפרעגונג ניט אַרויס.

מען ווערט משוגע.

מען זעהט גאַרנישט מעהר אויסער טענצעריגס אין טריקאָ, דעקאָלירטע אַקטריסען, רונדע פּאַלקעס און פּרעכטיגע שולטערן. און דאָס אַלעס אזוי נאָהענט, כמעט מיט די הענד אָנצוטאַפּען, מעהר נישט עס פעהלט מוטה דערצו.

קוים וואָס מען כאַפּט אַ מאָל אָדער צוויי וועלכע ניט איז פּרויענצימער. און מען פאָהרט אוועק נאָך אין גאַנצען אין אויפגערעגטער אין א געהויבענער שטימונג, מיט עפּעס אַ מין סאָרט נאָכגעשמאַק פון קושען, וועלכע קיצלען איינעם די ליפּען.

אין דעם דאָזיגען צושטאַנד האָט זיך געפונען מאַרען, ווען ער האָט גענומען אַ בילעט קיין לאַ־ראָשעל פאַר דעם שנעלצוג, וואָס געהט אָב אום אַכט פערציג אין אָבענד. פול מיט בעדויערען און אויפרעגונג איז ער ארומגעגאַנגען אהין און צוריק איבער׳ן גרויסען װאַרט־זאַאל פון באַהנהויף, ווען ער איז פּלוצים געבליעבען שטעהן פאַר אַ יונגער פרוי, וועלכע האָט ארומגענומען אַ׳ן עלטערע דאַמע. זי האָט אויפגעהויבען איהר שלייער גאַנץ הויך און מאַרען האָט ארויסגעברומט ענטציקט פאַר זיך:

— צום טייפעל, ווי שעהן זי איז!

ווען זי האָט זיך געזעגענט מיט דער אַלטער, איז זי אוועק אין װאַרט־זאַאל און מאַרען איז איהר נאָכגעגאַנגען. דאַן איז זי ארויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע — מאַרען איז ווידער נאָכגעגאַנגען. צום סוף איז זי אריין אין אַ ליידיגען וואַגאָן — מאַרען נאָך איהר.

נור עטליכע פּאַסאַזשירען זיינען געזעסען אין שנעל־צוג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט גענומען פייפען. דער צוג האָט זיך א ריהר געטהאָן. זיי זיינען געוועזען אַליין.

מאַרען האָט זי געשלונגען מיט די אויגען. זי האָט אויסגעזעהן א יאָהר ניינצעהן אָדער צוואַנציג, איז געוועזען הויך און בלאָנד און, קאָנטיג, גאַנץ דרייסט.

זי האָט זיך איינגעוויקעלט אין די רייזע־דעקען, זיך אויסגעצויגען און געלייגט שלאָפען.

מאַרען האָט זיך געפרעגט: ווער קאָן זי זיין? און טויזענדע סברות, טויזענדע געדאַנקען זיינען איהם דורך׳ן קאָפּ דורכגעפלויגען. ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין, מען דערצעהלט אזוי

פיעל אייזענבאהנען פּאַסירונגען, אפשר, ווער ווייס, אפשר קאָן מיט מיר דאָ היינט אויך פּאַסירען עטוואָס אזוינס... ווער ווייס. א גרויס גליק קומט געוועהנליך אונערוואַרטעט, און אפשר וועט עס קומען צו מיר, ווען איך זאָל זיין נור אביסעלע דרייסטער. האָט דען דאַנטאָן ניט געזאָגט: מוטה, מוטה, און צום דריטען מאָל מוטה. און אויב דאַנטאָן האָט עס ניט געזאָגט, האָט עס מסתמא געזאָגט מיראבאָ. קורץ: איך בין נור ניט גענוג דרייסט, אין דעם ליגט די גאַנצע צרה. אָה, ווען מען זאָל ווּיסען וואָס עס טהוט זיך ביי איהר אין הארצען, ווען מען זאָל דאָרט קאָנען לעזען! איך וואָלט ווּעטען, אז אליין ניט ווּיסענדיג פערליערט מען טאָג טעגליך די שענסטע, די וואונדערבארסטע געלעגענהייטען... זי דאַרף נור א ריהר טהאָן מיט א פינגער, מאַכען א קליינע בעוועגונג, אום מיר אָנצודייטען, אז זי איז ניט דאַגעגען.

און ער האָט געמאַכט אלערליי פּלענער, וועלכע זאָלען איהם פיהרען צו אַ'ן ערפאָלג. ער האָט געטראַכט וועגען עפּעס א העל־דישער טהאַט, וועגען עפּעס אזוינס, וואָס ער זאָל טהאָן פון איה־רעטוועגען; א לעבעדיגע אונטערהאלטונג וועט זיך דאַן ענט־וויקלען, ער וועט ווערען גאלאַנט און דאָס וועט זיך ענדיגען מיט א ליעבעס־ערקלעהרונג און מיט אלעס וואָס קומט געוועהנליך ארויס פון אזעלכע זאַכען...

אָבער איהם האָט געפעהלט דער אָנפאַנג, עפּעס אַן אויסרייד, אום אָנצוהויבען רעדען מיט איהר. און ער האָט געוואַרט אויף א גליקליכער געלעגענהייט, מיט א קלאַפּעדיגען הארצען און גאַנץ אויפגערעגטע געפיהלען.

אָבער די נאַכט איז אוועק און די שעהנע, יונגע דאַמע איז נאָך אלץ געשלאָפען, בעת מאַרען האָט זיך צובראָכען דעם קאָפּ מראַכטענדיג ווי אזוי זי צו געווינען. צום סוף איז טאָג געוואָרען און די זון האָט געוואָרפען איהר ערשטען שטראַהל, א לאַנגען, לאַנגען שטראַהל, אויף דאָס זיס פּנים פון דער שלאָפענדער.

זי האָט אויפגעוואַכט, זיך אויפגעהויבען, ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער, א קוק געטהאָן אויף מאַרען'ן און א שמייכעל געטהאָן. זי האָט געשמייכעלט, ווי א גליקליכע פרוי, פריינדליך און פרעה־

לאַך. מאַרען האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן. קיין צווייפעל, דער שמייכעל איז געווען פאַר איהם. עס איז געווען אַ געהיימע איינלאַדונג, די ערמוטיגונג, פון וועלכער ער האָט געטרוימט. דער דאָזיגער שמייכעל זאָל האָבען געזאָגט:

— זייט איהר דען אזא נאַר! זייט איהר דען אזא פערד! זייט איהר דען אזא גולם צו זיצען אויף איין אָרט, ווי אַ צוגעשמידטער, פון נעכטען ביינאַכט אָן?

קוקט מיך אָקאָרשט אָן. בין איך דען ניט רייצענד און איהר זיצט אָב אַ גאַנצע נאַכט גלייכגילטיג אַנטקעגען אַ שעהנער פרוי און ריהרט זיך ניט פון אָרט. איהר גרויסער נאַר, וואָס איהר זייט!

זי האָט נאָך אַלץ געשמייכעלט און איהם אָנגעקוקט. זי האָט זאָגאַר געלאַכט און ער האָט זיך געבראָכען דעם קאָפּ זוכענדיג אַ פּאַסענדען וואָרט, טראַכטענדיג וועגען עפּעס אַ שטאַרקען קאָמפּלימענט. ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען, גאָרנישט, גאָרנישט. דאַן האָט ער מיט דער פרעכהייט פון אַ פּייגלינג אַ טראַכט געטהאָן:

„זאָל זיין וואָס עס וויל, איך'ל וואַגען מיט אַמאָל" און פּלוצים, נישט זאָגענדיג אַ וואָרט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אין פאַראויס מיט אויסגעשטרעקטע הענד און דורשטיגע ליפּען און, ארומגענומען זי, האָט ער זי אַ קוש געטהאָן.

זי איז אין דער סעקונדע אויפגעשפּרונגען, שרייענדיג: „העלפּט!" און קווימשענדיג פאַר שרעק.

זי האָט אָן עפען געטהאָן די טירעל פון'ם וואַגאָן און, מאַכענדיג מיט די הענד אין לופטען, משוגע פאַר שרעק, האָט זי געפּרובט ארויסשפּרינגען, אין דער צייט, וועהרענד מאַרען, צומישט און זיכער ביי זיך, אַז זי וועט זיך ארויסוואַרפען אויף'ן וועג, האָט זי געהאַלטען פאַר'ן קלייד, שטאַמלענדיג: „פריילען... אך!... פריילען".

דער צוג האָט גענומען געהן לאַנגזאַמער, האָט זיך אָבגעשטעלט. צוויי בעדיענטע האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן אין וואַגאָן אויף די פערצווייפעלטע געשרייען פון דער פרוי, וועלכע איז געפאַלען צו זיי אויף די הענד שטאַמלענדיג: „דער דאָזיגער מענש

האָט געוואָלט... האָט געוואָלט... מיך... מיך... און איז געפאַ־לען אין אונמאַכט.

דער צוג האָט זיך געפונען אויף דער סטאַנציאָן מאָזע. אַ זשאַנדאַר האָט אַרעסטירט מאַרעןֹ'ן.

ווען דער אָפּפער פון זיין גראָבקייט איז געקומען צו זיך, האָט זי אויפגעהויבען געגען איהם אַ קלאַגע. מען האָט געמאַכט אַ פּראָ־טאָקאָל און דער אונגליקליכער סוחר האָט זיך דערשלעפּט אַ היים ערשט ביינאַכט; מען האָט איהם פערקלאָגט פאַר בעליידיגען די גוטע זיטען אין אַן עפענטליכען פּלאַץ.

2.

אין יענער צייט בין איך געווען דער הויפּט רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „דאָס ליכט פון שאַראַנט"; מאַרעןֹ'ן האָב איך גע־טראָפען יעדען אבענד אין אַ קאָפע, וואו עס פלעגען זיך פערקליי־בען די סוחרים.

אויף מאָרגען אין־דער־פריה, נאָך דעם דאָזיגען צופאַל זיינעם, איז ער געקומען צו מיר פרעגען אַ'ן עצה. איך האָב פון איהם ניט בעהאַלטען מיין בליק אויף דער דאָזיגער זאַך: „דו ביזט אַ פּשוטער שוויין. אַזוי פיהרט זיך קיין מענש ניט אויף".

ער האָט געוויינט. זיין פרוי האָט איהם שרעקליך געזידעלט.
— ער האָט געזעהן פאַר זיך אַ מיאוס'ן סוף: זיין געשעפט רו־אינירט, זיין עהרליכער נאָמען פערשמוצט, זיין עהרע פערלאָרען, זיינע פריינד וועלען איהם ניט וועלען מעהר קענען. איך האָב אויף איהם אמת רחמנות געהאַט און האָב אריינגערופען מיין מיטאַר־בייטער ריוועֹ, אַ קלוגען, דורכגעטריבענעם יונג, און געפרעגט זיין מיינונג.

ער האָט מיר געראַטהען, איך זאָל זיך זעהן מיט דעם פּראָקו־ראָר, מיט וועמען איך בין געווען גוט בעקאַנט. איך האָב געשיקט מאַרעןֹ'ן אהיים און אַליין בין איך אַוועק צו דעם בעאַמטען.

און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די בעליידיגטע דאַמע איז געווען אַ יונגע מיידעל: פריילען העגריעטטע באָננע, וועלכע האָט נור וואָס אָבגעגעבען אין פּאַריז איהר עקזאַמען אויף לעהרערין און

אזוי ווי זי האָט ניט געהאַט ניט קיין פאָטער און ניט קיין מוטער, האָט זי זיך געקליַעבען צו פערברייננגען איהר וואקיישאָן ביי אַן אַנ־קעל און טאַנטע, וואוילע, איינפאַכע מענשען, וועלכע האָבען גע־לעבט פון רענט.

איין אומשטאַנד האָט מאַרען׳ס לאַגע געפעהרליך געמאַכט. דער אַנקעל האָט אַנגעגעבען אין געריכט. דער פּראָקוראָר איז גע־ווען בערייט די זאַך צו פערשטיקען, אויב די קלאַגע זאָל צוריקגע־צויגען ווערען. און דאָס האָבען מיר אַלזאָ געמוזט אויספיהרען.

איך בין אוועק צוריק צו מאַרען׳ן. ער איז געלעגען אין בעט א קראַנקער פאַר אויפרעגונג און צער. זיין פרוי, א הויכע, דאַרע, ביינערדיגע פרויענצימער, האָט איהם געהאַלטען אין איין זידלען. זי האָט מיך אַריינגעפיהרט צו איהם אין צימער, שרייענדיג מיר גלייך אין פּנים אריין:

— איהר ווילט זעהן דעם שוויין מאַרען. אָט איז ער, די מציאה!

און זי האָט זיך געשטעלט ביים בעט מיט די הענד אין די זייטען. איך האָב איהם ערקלעהרט ווי די זאַך שטעהט און ער האָט מיך גענומען בעטען זיך צו זעהן מיט איהר פאַמיליע. דאָס איז געווען ניט אַזאַ אַנגענעהמע שטיקעל ארבייט, דאָך האָב איך זיך אַנגענומען. רער אַרימער יונג האָט געהאַלטען אין איין טענה׳ן:

איך פערזיכער דיך, איך האָב זי אפילו נישט א קוש געטהאָן. איך קען דיר שווערען.

און איך האָב געענטפערט:

— דאָס איז אַלץ איינס, דו ביזט און בלייבסט פאָרט א שוויין.

איך האָב גענומען די טויזענד פראַנק, וועלכע ער האָט מיר נעגעבען אונטער דער בעדינגונג, אז איך זאָל זיי געברויכען אזוי ווי איך וועל האַלטען פאַר נויטיג.

דאָך האָב איך ניט געוואַגט צו קומען אליין צו די קרובים פון דער מיידעל און איך האָב געבעטען ריווע׳ן, ער זאָל מיך בעגלייטען. ער איז מרוצה געוואָרען, האָט מיר אָבער דערביי געשטעלט די בעדינגונג, אז מיר זאָלען גלייך פאָהרען אהין, וואָרים אויף

מאָרגען נאָכמיטאָג האָט ער געהאַט אַנדערע זעהר נויטיגע געשעפ־טען אין לאַ־ראָשעל.

אין צוויי שעה ארום האָבען מיר אָנגעקלונגען אין א טהיר פון א שעהנעם דאָרפישען הויז. א שעהן, יונג מיידעל האָט אונז געעפענט. דאָס איז זיכער געווען זי אליין. איך האָב זיך אָנגע־רופען אין דער שטיל צו ריווע׳ן:

— צום טייפעל, מען קען אויף מאָרען קיין פעראיבעל ניט האָבען.

צופעליג איז דער אָנקעל, הערר טאַנגעלע, געווען א׳ן אבאָנענט פון אונזער צייטונג, א הייסער אנהיינגער פון אונזער פּאָליטישער פּאַרטיי, און ער האָט אונז אויפגענומען מיט אָפענע ארעמס, גע־דריקט אונז הערצליך די הענד און איז געווען גאַנץ גליקליך צו זעהן ביי זיך אין הויזביידע רעדאקטערע פון זיין צייטונג.

ריווע האָט מיר א שושקע געטהאָן אין אויער אריין:

— איך גלויב, אז אונז וועט געלינגען צו ברייגנען אין אָרד־נונג דעם שוויין מאָרען׳ס זאַך!

דאָס יונגע מיידעל איז אוועק, און איך האָב גענומען רעדען — וועגען אונזער ענין. איך האָב ארויסגעזאָגט מיין מיינונג, אז דאָ שטעהט פאר אן עפענטליכער סקאנדאל און, אז דער טומעל און געפילדער וואָס אזא געשיכטע וועט אויפהויבען, וועט זיכער זיין אונאנגענעהם פאר דער יונגער מיידעל, איבערהויפּט נאָך ווייל קיין מענש וועט ניט גלויבען, אז דער גאַנצער טאראראם איז אויפ־געהויבען געוואָרען בלויז צוליעב א קוש...

דער אלטער האָט זיך קאַנטיג געשלאָגען מיט דער דעה. אָבער אָהן זיין פרוי האָט ער זיך צו קיין זאַך ניט געקענט ענטשליסען און זיין פרוי האָט געזאָלט קומען ערשט שפּעט ביי נאכט אהיים. פּלוצים האָט ער אויסגערופען מיט התפּעלות:

— הערט אויס, איך האָב א׳ן אויסגעצייכענטען פּלאַן. איהר בלייבט דאָ. איהר וועט ביי אונז עסען און איבערנעכטיגען, איהר ביידע, און ווען מיין פרוי וועט צוריק קומען, וועלען מיר דאַן שוין ווי־עס־איז קומען צו עפּעס א מאַלק.

ריווע האָט זיך צוערשט געקווייקעלט, אָבער דער וואונש

ארויסצושלעפּען דעם שוויין מאַרען פון אַ צרה האָט צום סוף דאָך אריבערגעוואויגען און מיר האָבען אָנגענומען די איינלאַדונג.

דער אָנקעל איז אויפגעשטאַנען אַ גליקליכער, האָט אַ רוף געטהאָן זיין פּלימעניצע און אונז פאָרגעשלאָגען צו מאַכען אַ שפּאַציער איבער זיין גוט.

— די ערנסטע זאַכען וועלען מיר אָבלעגען אויף שפּעטער — האָט ער געזאָגט.

ריווע און ער האָבען גערעדט וועגען פּאָליטיק, איך אָבער בין געגאַנגען עטליכע טריט הינטער זיי, נעבען דער יונגער מיידעל. זי איז ווירקליך געוועזען שען, אָבער טאַקע אויף אַ'ן אמת שען.

זעהר פאָרזיכטיג האָב איך גענומען ריידען וועגען איהר צופאַל, פּרובענדיג זי צו געווינען אויף אונזער זייט.

זי איז קאָנטיג ניט געוועזען אַ האָאַר פערלעגען און האָט מיך אויסגעהערט מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וועלכען די געשיכטע האָט שטאַרק אַמוזירט.

איך האָב צו איהר געזאָגט.

— ליעבעם פריילען, איך בעט אייך בערענקט נור אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָס איהר וועט דערפון האָבען. איהר וועט מוזען קומען אין געריכט, אַלע וועלען אָנשטעלען אויף אייך זייערע נייגעריגע אויגען און איהר וועט פאַר דעם גאַנצען עולם מוזען דערצעהלען די גאַנצע פּאַסירונג אויף'ן אייזענבאַהן. צווישען אונז געזאָגט, וואָלט דען ניט געוועזען אַ סך גלייכער, ווען איהר וואָלט ניט געמאַכט אַזאַ גערודער, וואָלט נור גוט אויסגעזידעלט דעם חברה־מאַן און דאַן אריין אין אַ'ן אַנדער וואַגאָן...

זי האָט זיך צולאַכט :

— איהר זייט גאַנץ גערעכט, אָבער ווייסט איהר, איך האָב זיך זעהר דערשראָקען, און ווען איינער איז צושראָקען, דאַן איבערלייגט ער ניט וואָס שפּעטער וועט זיין. שפּעטער, ווען איך האָב פערשטאַנען וואָס איך האָב דאָ אָנגעמאַכט, איז מיר געוועזען אונאַנגענעהם, וואָס איך האָב גערופען די בעאַמטע, עס איז שוין אָבער געוועזען צו שפּעט. און דערצו מוזט איהר בערעכענען, אַז דער דאָזיגער פּרא־אדם האָט זיך אויף מיר ארויפגעוואָרפען, ווי אַ משוגע־

נער מיט אַ צוקרימטע פּנים, ניט ריידענדיג קיין וואָרט. איך האָב אפילו ניט געוואוסט וואָס אייגענטליך ער וויל פון מיר.

זי האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגען אָהן פערלעגענהייט און אָהן שאָם־געפיהל און איך האָב אַ טראַכט געטהאָן: זי איז אַ דורכגעטריעבענע מיידעל און איך פערשטעה שוין איצט, פאַר־וואָס דער שוויין מארען האָט אַ טעות געהאַט.

איך האָב געענטפערט אויף שפּאַס:

— הערט אויס, ליעבעס פריילען, איהר מוזט צוגעבען, אַז ער פערדיענט אַ'ן ענטשולדיגונג. עס איז דאָך ניט מעגליך צו זיצען מיט אַזאַ רייצענדער מיידעל, ווי איהר זייט, און ניט צו פיהלען דעם גאַנץ בערעכטיגטען וואונש זי אַ קוש צו טהאָן.

זי האָט זיך נאָך העכער צולאַכט, ארויסשטעלענדיג איהרע שענע צייהן, און געענטפערט:

— אָבער צווישען דעם וואונש און דער טהאַט, געעהרטער הער, ליעגט די אכטונג.

איהר ענטפער איז געווען קאָמיש און ניט גאָר קלאָהר. איך האָב געפרעגט שנעל:

— וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען איך זאָל אייך איצט אַ קוש טהאָן?

זי איז געבליעבען שטעהן, האָט מיך אָנגעקוקט פון אויבען ביז ארונטער און זיך גאַנץ רוהיג אָבגערופען:

— אָך, איהר, דאָס איז שוין אַ גאַנץ אַנדער זאַך!

איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז איך בין שוין אַ גאַנץ אַנ־דער זאַך, וואָרים אין דער גאַנצער געגענד האָט מען מיך גערופען „דער שענער לאַבאַרב" און אַלט בין איך דאַן געווען אַ יאָהר דריי־סיג. אָבער איך האָב געפרעגט:

— אָבער פאַרוואָס עפּעס?

זי האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען:

— אָט, ווייל איהר זייט ניט אַזאַ נאַר ווי יענער.

דאַן האָט זי צוגעלייגט, ווערענד זי האָט מיך אָנגעקוקט פון אונטען ארויף:

— און אויך ניט אַזוי העסליך.

איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט צו מאַכען אַ בעוועגונג, האָב איך שוין אָבגעדריקט אַ הייסען קוש אויף איהר באַק. זי האָט אַ שפּרונג געטהאָן אַן אַ זייט, אָבער צושפּעט. דאַן האָט זי געזאָגט:

— נו, ווי עס שיינט, זשעגירט איהר זיך אויך ניט שטאַרק. אָבער איך ראָט אייך, געהט ניט ווייטער.

איך האָב געמאַכט אַן אונטערוואירפיגע מינע און געזאָגט מיט אַ שטיל קול:

— אַך, ליעבעס פריילען, איך האָב נור איין וואונש: צו שטעהן אין געריכט פאַר דעם אייגענעם פערברעכען, ווי מאַרען.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט זי געפרעגט.

איך האָב איהר ערנסט אַנגעקוקט:

— ווייל איהר זייט אַ בילד־שענע מיידעל! ווייל עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ רעקאָמענדאַציאָן, אַ רעקלאַמע, אַ פערדיענסט צו האָבען דעם וואונש אייך מיט געוואַלד צו בעזיצען. ווייל יעדער וואָס וואָלט אייך זעהן בלויז איין מאָל, וואָלט געזאָגט: „נו, ווען לאַבארב האָט אַפילו ניט ערריכט אַלעס, וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער דאָך געהאַט גליק".

זי האָט זיך ווידער פרעהליך צולאַכט:

— וואָס פאַר אַ קאָמישער מענש איהר זייט!

זי האָט נאָך ניט בעוויזען אויסצורייידען דאָס וואָרט „קאָמי־שער", ווי איך האָב זי שוין געהאַלטען אין מיינע אָרעמס און בע־שאָטען מיט הייסע קושען איהרע האָאַר, דעם שטערען, די אויגען, די ליפּען, די באַקען, דעם גאַנצען קאָפּ, יעדען ברעקעל פּלאַץ, וואָס זי האָט געלאָזען אָפען, זוכענדיג צו פערשטעלען די איבעריגע.

צום סוף האָט זי זיך פון מיר בעפרייט, שטאַרק פערדרוסיגט און מיט אַ בעליידיגטער מינע:

— איהר זייט אַ גראָבער יונג, און עס פערדריסט מיר, וואָס איך האָב מיט אייך גערעדט.

איך האָב זי אָנגענומען פאַר אַ האַנד און געשטאַמעלט עטוואָס פערלעגען:

— ענטשולדיגט מיר, ענטשולדיגט מיר. איך האָב אייך בע־

ליידיגט, איך בין געווען גראָב, איך בעט אייך, זייט ניט בייז אויף מיר. ווען איהר זאָלט וויסען...

אומזיסט האָב איך געזוכט זיך צו ענטשולדיגען.

אין א ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

— איך וויל גאָרנישט וויסען.

אָבער דאָ איז מיר איינגעפאַלען א גליקליכער געדאַנק און איך האָב אויסגערופען:

— ליעבעס פרײַלען, איך האָב אייך ליעב שוין זייט א יאָהר צייט.

זי איז געוואָרען זעהר ערשטוינט און האָט אויפגעהויבען אויף מיר איהרע פערוואונדערטע אויגען. איך האָב ווידער גענומען רע־דען:

—יאָ, ליעבעס פרײַלען, הערט מיך אויס. מאַרען'ן קען איך גאָרנישט, ער איז מיר גאַנץ גלייכגילטיג, פון מיינעט וועגען קאָן ער פאַר'ן געריכט שטעהן און פון מיינעטוועגען קאָן ער אפילו זיצען! איך האָב אייך דאָ געזעהן פאַר א יאָהרען. איהר זייט געשטאַנען נעבען די שטאַכעטען און ווען איך האָב אייך דערזעהן, האָט מיך פּלוצים א צופּ געטהאָן ביי דער נשמה און פון דאַן אָן האָב איך אייער בילד בשום אופן ניט געקענט פאַרגעסען. גלויבט מיר יאָ, צו ניט — מיר איז עס אַלץ איינס! אין מיינע אויגען זייט איהר שעהן, רייצענד שעהן! די עראָינערונג אָן אייך האָט מיך אויף קיין איין מינוט ניט געלאָזט רוהען. איך האָב אייך געוואָלט זעהן נאָך אמאָל און דערפאַר האָב איך דעם פּראַ־אַדם מאַרען בענוצט אַלס אויסרייד און בין צו אייך געקומען! איך האָב געהאַט א גע־לעגענהייט און האָב אביסעל איבערגעכאַפּט די מאָס! פערצייהט מיר, איך בעט אייך, פערצייהט מיר!

זי האָט געזוכט צו דערגעהן דעם אמת אין מיין בליק, איז בערייט געווען ווידער זיך צולאַכען, און זי האָט געמורמעלט:

— ליגנער!

איך האָב אויפגעהויבען די האַנד און געזאָגט מיט א גאַנץ אויפריכטיגען קול:

— איך שווער אייך, אז איך זאָג נישט קיין ליגען!

— דערצעהלט עס וועמען אנדערש.

מיר זיינען געוועז אליין, גאנץ אליין. ריווע און דער אָנקעל זיינען פערשוואונדען געוואָרען צווישען די געדרעהטע אלעען; און איך האָב איהר געמאכט א ריכטיגע ערקלעהרונג אין ליעבע, א לאנגע און א צארטע, דריקענדיג בשעת מעשה איהרע פינגער און בעשיטענדיג זיי מיט קושען. זי האָט אויסגעהערט מיין ערקלעהרונג, ווי עטוואָס אנגענעהמעס און נייעס, ניט וויסענדיג צו זאָל זי מיר גלויבען צו ניט.

צום סוף בין איך אויף א׳ן אמת געוואָרען אויפגערעגט און האָב אליין גענומען גלויבען אין מיינע רייד. איך בין געוואָרען בלייך, האָב געציטערט, און זי צערטליך אָנגענומען פאר דער טאליע.

איך האָב שטיל געשעפּצעט און די קליינע לאָקען איבער איהרע אויערען. זי איז געוואָרען שטארק פערטראכט און איז געבליבען שטיל און שטאר, ווי טויט.

דאן האָט איהר האנד בעריהרט מיינע און זי א דריק געטהאָן. איך האָב לאנגזאם געדריקט איהר טאליע מיט א ציטערענדיגער האנד, געדריקט אלץ שטארקער און שטארקער. זי האָט זיך מעהר ניט בעוועגט. איך האָב א גלעט געטהאָן איהר באק מיט די ליפּען און פּלוצים האָט מיין מויל, גאר נישט זוכענדיג, געפונען איהרען און זיך בעהעפטעט מיט איהם אין א לאנגען, לאנגען קוש. ער וואָלט געדויערט נאָך פיעל לייגגער, ווען איך זאָל פּלוצים א פּאָאר טריט הינטער מיר ניט דערהערען א גערויש און א אויסרוף:

— הם, הם!

זי איז אנטלאָפען צווישען די בוימער. איך האָב זיך א קעהר געטהאָן און דערזעהן ריווע׳ן, וועלכער איז מיר נאָכגעגאנגען:

ער האָט זיך מיר געשטעלט אין מיטען וועג און געזאָגט גאנץ ערנסט:

— שען! אָט אזוי בעזאָרגסטו דאָס דעם שוויין מארען׳ס געשעפטען?

איך האָב געענטפערט עטוואָס זעלבסטבעוואוסט:

— אך ליעבער פריינד, יעדער טהוט וואָס ער קאָן. און וואָס

הערט זיך מיט'ן אָנקעל ? האָסטו ביי איהם עפּעס געפּועל'ט ? מיט דער פּלימעניצע וועל איך שוין פערטיג ווערען.

ריווע האָט געענטפערט :

— איך האָב מיט דעם אָנקעל ווייניגער גליק געהאַט.

איך האָב איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין הויז.

3.

ביים עסען האָב איך אין גאַנצען דעם קאָפּ פערלאָרען. איך בין געזעסען נעבען איהר, און אונטער'ן טיש האָט מיין האַנד שטענדיג געזוכט איהר האַנד, מיין פוס האָט געדריקט איהר פוס, אונזערע בליקען האָבען גערוהט איינער אין אַנדער'ן.

דערנאָך האָבען מיר געמאַכט אַ שפּאַציער פאַר דעם שיין פון דער לבנה און איך האָב איהר געשעפּטשעט אין די אויערען אַלע צערטליכקייטען, וועלכע עס האָט זיך אויסגעגאָסען די אויפרעגונג פון מיין פערליעבט האַרץ. איך האָב זי געדריקט צו זיך, קושענדיג זי יעדע ווײַלע, ניט אָבערייסענדיג מיינע ליפּען פון איהר מויל. פאַר אונז זיינען געגאַנגען ריווע מיט'ן אָנקעל, דיסקוטירענדיג וועגען עפּעס. זייערע שאָטענס האָבען זיך לאַנגזאַם געצויגען נאָך זיי איבער'ן זאַמדיגען וועג.

מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק אין הויז און באַלד האָט אַ טעלעגראַפיסט געבראַכט אַ טעלעגראַמע פון דער טאַנטע מיט דער מעלדונג, אַז זי וועט ערשט מאָרגען אום זיעבען אוהר מיט דעם ערשטען צוג אַהיים קומען.

דער אָנקעל האָט געזאָגט :

— נו, אויב אַזוי, העגריעטטע, טאָ וויַיז די העררן זייערע צימערען.

מיר האָבען אַ דריק געטהאָן דעם גוטען אַלטען די האַנד און זיינען אַרויף אויבען. זי האָט אונז צוערשט צוגעפיהרט צו ריווע'ס צימער. ריווע האָט מיר אַ שושקע געטהאָן אין אויער :

— נו, געוויס האָט זי אונז אַפריהער געבראַכט צו מיר.

דאַן האָט זי מיך בעגלייט צו מיין שלאָף־צימער. אַזוי שנעל

ווי איך בין געבליעבען מיט איהר אליין, האָב איך זי ווידער ארומ־גענומען און פּרובירט זי צומישען, פערטויבען איהר פערשטאנד און זי בעזיעגען. אָבער ווען זי האָט דערפיהלט, אז זי ווערט שוואך, איז זי אנטלאָפען.

איך האָב זיך געלייגט אין בעט צורייצט, בייז און עטוואָס פארשעהמט. איך האָב גאנץ גוט געוואוסט אז איך וועל שוין נישט שלאָפען די נאכט און איך האָב זיך געפרעגט פארוואָס איך בין בעגאנגען די נארישקייט און זי געלאָזט אנטלויפען. ערשט פלור־צים האָט מען גאנץ שטיל אָנגעקלאפּט אין מיין טיר.

איך האָב געפרעגט.

— ווער איז דאָרט ?

א שטיל קול האָט געענטפערט :

— איך.

איך האָב שנעל ארויפגעוואָרפען אויף זיך מיינע זאכען, גע־עפענט די טיר און זי איז אריין מיט די ווערטער :

— איך האָב גאָר פערגעסען אייך צו פרעגען, וואָס איהר ווילט טרינקען מאָרגען אין דער פריה : שאָקאָלאַד, טהעע אָדער קאָפע ?

איך האָב זי שטורעמדיג א כאפּ געטהאָן אין מיינע אָרעמס, בעדעקט זי מיט קושען און געשטאָמעלט :

—איך וויל... איך וויל...

אָבער זי האָט זיך ארויסגעגליטשט פון מיינע אָרעמס, אויס־געלאָשען מיין ליכט און איז פערשוואונדען.

א צוקאָכטער בין איך געבליעבען אליין אין דער פינסטער־ניש, האָב געזוכט שוועבעלאך און זיי ניט געקענט געפינען. צום סוף האָב איך זיי געפונען און בין ארויס אין קאָרידאָר האלב משוגע פאר אויפרעגונג, מיט א לייכטער אין האנד.

וואָס האָב איך געוואָלט טהאָן ? איך האָב שוין מעהר ניט געטראכט, איך בין געגאנגען זי זוכען. איך האָב זי באגעהרט און איך האָב א פאָר טריט געטהאָן, ניט טראכטענדיג פון קיין זאך. פּלוצים איז מיר איינגעפאלען א געדאנק : און טאָמער פאל איך אריין צום אָנקעל אין צימער, וואָס וועל איך דאן זאָגען ? און איך בין געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך מיט א קלאפּענדיגען

האַרצען און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. אָבער אין אַ פּאָאַר אויגענבליק בין איך געקומען צו זיך און געפונען אַ תירוץ:

צום טייפעל, איך וועל איינפאַך ערקלעהרען, אַז איך האָב געזוכט ריווע'ס צימער, אום מיט איהם צו רעדען פון זעהר אַ וויכטיגער אַנגעלעגענהייט.

און איך האָב גענומען בעטראַכטען אַלע טירען און געזוכט צו ענטדעקען, וועלכע עס פיהרט צו איהר.

אָבער קיין זאַך האָט מיר ניט געהאָלפען. איך האָב בשום אופן ניט געקענט געפינען קיין שפור. דאַן האָב איך זיך פערלאָזען אויפ'ן צופאַל, האָב אָנגענומען די ערשטע בעסטע קליאַמקע אין האַנד, אַ דרעה געטהאָן, געעפענט און אריין אינעווייניג... העגריעטטע איז געזעסען אין'ם בעט און האָט מיך צומישט אָנגעקוקט.

דאַן האָב איך שטילערהייט פעררינעלט די טיר פון אינעווייניג, בין צוגעגאַנגען צו איהר אויף די שפּיץ פינגער און געזאָגט:

— ליעבעס פריילען, איך האָב זיך גאָר פערגעסען אייך צו בעטען, איהר זאָלט מיר געבען עפּעס אַ בוך צום לעזען.

זי האָט זיך געוועהרט ,אָבער איך האָב געעפענט דאָס בוך, וואָס איך האָב געזוכט. דעם נאָמען פון דעם דאָזיגען בוך וויל איך נישט אָנרופען. עס איז געווען דער שענסטער ראָמאַן און דאָס געטליכסטע געדיכט...

קוים האָב איך איבערגעמישט איין בלעטעל, האָט זי מיר שוין געלאָזט בלעטערען וויפיעל איך אַליין האָב געוואָלט. און איך האָב געלעזען אַזוי פיעל קאַפּיטלאַך, אַז אונזערע ליכט האָבען אין גאַנצען אויסגעברענט.

דאַן האָב איך איהר געדאַנקט, און זיך גנב'ענדיג אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ רויבער, בין איך אין מיין צימער אריין. דאַ האָט מיך אַ כאַפּ געטהאָן אַ פעסטע האַנד און אַ שטימע — ריווע'ס שטימע האָט אַ שעפּטשע געטהאָן אונטער מיין אויער:

— דו האָסט אַלזאָ די געשיכטע פון דעם שוויין מאַרען נאָך אַלץ ניט אין אָרדנונג געבראַכט!

אַרום זיעבען אַ זייגער אין דער פריה האָט זי מיר אַליין געבראַכט אַ טאַסע שאָקאָלאַד. עפּעס אַ מין שאָקאָלאַד, וואָס מ'האָט

אזוינס ניט געטרונקען. עפּעס אַ מין שאָקאָלאַד, וועלכען מען האָט געקאָנט טרינקען אָהן אַ סוף, אזוי זיס, שמעקעדיג, צאַרט און גע־שמאַק איז ער געווען. איך בין ניט אימשטאַנד געווען אָבצורייסען מיינע ליפּען פון דעם דאָזיגען זיסען, געטליכען געטראַנק.

ווי נור דאָס יונגע מיידעל איז אוועק, האָט זיך בעוויזען ריי־ווע. ער איז קאָנטיג געווען נערוועז, אין כעס, ווי איינער, וואָס האָט שלעכט געשלאָפען די נאַכט, און ער האָט זיך אָנגערופען צו מיר אין ניט גאָר קיין פריינדליכען טאָן:

— ווייסטו ווען דו וועסט אזוי האַנדלען ווייטער, וועסטו דעם שוויין מאַרען'ס עסק אין גאַנצען איבערפיהרען.

ארום אכט אַ זייגער איז געקומען די טאַנטע.

די אונטערהאַנדלונג צווישען אונז איז געווען אַ גאַנץ קורצע. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די גוטע אַלטע זאָלען נעהמען צוריק זייער קלאַגע און איך האָב זיי דערפאַר פערשפּראָכען פינף הונדערט פראַנק פאַר די אָרימע לייט פון יענער געגענד.

דאַן האָבען זיי פערלאַנגט מיר זאָלען נאָך פערברענגען ביי זיי דעם טאָג. זיי האָבען אונז פאָרגעשלאָגען צו מאַכען אַ שפּאַ־ציער, אום צו בעטראַכטען געוויסע חורבות. די טאַנטע האָט צו מיר געוואונקען הינטער דעם רוקען פון איהרע קרובים און געמאַכט מיט'ן קאָפּ:

— בלייבט דאָ!

איך האָב איינגעווילליגט, אָבער ריווע האָט זיך איינגעשפּאַרט ניט אַנדערש, מיר מוזען פאָהרען.

איך האָב איהם אָבגערופען אָן אַ זייט, איהם געבעטען, גע־קלאָניעט און געטענה'ט צו איהם:

— מיין גוטער, אַלטער ריווע, טהו מיר די טובה, בלייב דאָ — צוליעב מיר.

אָבער ער איז געווען אויסער זיך און האָט געזאָגט, קוקענדיג מיר גלייך אין פּנים אַריין:

— איצט איז אָבער גענוג, הערסטו, אַז פון האַלז קריכט מיר שוין דעם שוויין מאַרען'ס געשיכטע.

און איך בין געצוואונגען געווען אָבצופאָהרען מיט איהם צו־

זאַמען. דאָס איז געווען איינער פון די שווערסטע מאָמענטען אין מיין לעבען. איך וואָלט גערן צופריעדען געווען מיין גאַנץ לעבען צו בעזאָרגען מאַרען'ס געשיכטע.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך מיט איהר געזעגענט, דריקענדיג איהר האַנד שטום און שטאַרק און מיר זיינען שוין געזעסען אין וואַגאָן, האָב איך געזאָגט צו ריווע'ן:

— דו ביזט אַ חיה רעה.

ער האָט געענטפערט:

— מיין ליעבער, דו האָסט מיך גענומען צופיעל רייצען.

ווען מיר זיינען געקומען אין דער רעדאַקציאָן פון „דאָס ליכט", האָב איך דערזעהן אַן עולם מענשען, וועלכער האָט אונז ערוואַרט. אַזוי גיך ווי מען האָט אונז דערזעהן, האָט מען גענומען שרייען:

— נו, האָט איהר אויסגעגליכט דעם עסק פאַר דעם שוויין מאַרען?

גאַנץ לאַ־ראָשעל איז געווען אויפגערעגט. ריווע, וועמענס שלעכטער מוט האָט זיך אויף'ן וועג ביסלאַכוויז איינגעשטילט, האָט זיך קוים איינגעהאַלטען פאַר געלעכטער, ווען ער האָט זיי געענטפערט:

— יאָ, אַ דאַנק לאַבאַרב'ס בעמיהונגען איז די געשיכטע ווידער אין אָרדנונג.

און מיר זיינען אַוועק צו מאַרען'ן.

ער איז געלעגען אויף אַ פאַטעל מיט זענעפט פלאַסטערס אויף די פיס און קאַלטע קאָמפּרעסען אויף'ן קאָפּ און איז אויסגעגאַנגען פאַר שרעק.

ער האָט ניט אויפגעהערט צו הוסטען מיט אַ אָפּטען און שטי־לען הוסט, ווי אַ טויט־קראַנקער, הגם קיין מענש האָט ניט געוואוסט וואו ער האָט געכאַפּט אַזאַ קאַלט. זיין פרוי האָט אויף איהם גע־קוקט מיט אויגען פון אַ טיגערין, ווי זי וואָלט איהם וועלען אויפ־עסען אַ לעבעדיגען.

ווי ער האָט אונז דערזעהן, האָט ער גענומען ציטערען פון קאָפּ ביז די פיס און איך האָב זיך אָנגערופען:

— דער עסק איז אויסגעגליכט, דו שוויין איינער. אָבער

דו זאָלסט זיך ניט דערוועגען נאָך אמאָל צו טהאָן עטוואָס אזוינס.

ער איז אויפגעשטאַנען, קוים אָבכאַפּענדיג דעם אָטהעם, האָט אָנגענומען מיינע ביידע הענד, זיי א קוש געטהאָן, האָט זיך צור-וויינט, איז שיער נישט געפאַלען אין חלשות, האָט א קוש געטהאָן ריוועץ און זאָגאר ארומגענומען זיין פרוי, וועלכע האָט איהם א שטויס געטהאָן פון זיך אזוי, דאָס ער איז געפאַלען צוריק אין זיין פאָטעל.

אָבער פון דער דאָזיגער געשיכטע איז ער שוין מעהר קיין מאָל ניט געקומען צו זיך. זיין שרעק איז געוועזען צו שטאַרק.

אין אונזער גאַנצער געגענד האָט מען איהם פון דאַן אָן גע-רופען ניט אַנדערש, ווי דער שוויין מאַרען, און דאָס דאָזיגע צו-נעמעניש האָט איהם יעדעס מאָל, ווען ער האָט עס געהערט, גע-שטאָכען, ווי מיט מעסערס.

ווען וועלכער ניט־איז גאַסען יונג האָט אויף דער גאַס א גע-שריי געטהאָן:

— שוויין! — דאַן האָט ער נישט ווילענדיג אומגעקעהרט דעם קאָפּ. זיינע פריינד האָבען פון איהם שטענדיג חוזק געמאַכט און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געגעסען וואורשט, האָבען זיי גע-פרעגט:

— אין דאָס דיין אייגענע?

אין צוויי יאָהר ארום איז ער געשטאָרבען.

איך אָבער בין אין 1875 געלאָפען אלס דעפּוטאַט און איין מאָל בין איך אוועק מיט א בעזוך צו דעם נייעם נאָטאַריוס אין טוססע, א געוויסען הערר בעלאַנקל, ווען איך האָב געדאַרפט ועהן געשעפטליך. א הויכע, שעהנע פרוי האָט מיך אויפגענומען.

— איהר דערקענט מיך ניט? — האָט זי געפרעגט.

איך האָב געשטאַמעלט:

— ניין, גנעדיגע פרוי. איך... איך דערקען אייך ניט.

— מיין נאָמען איז הענריעטטע באָננעל.

— אך!

און איך האָב דערפיהלט, אז איך ווער בלאַס.

זי אָבער איז געווען זעהר רוהיג און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעל.

אזוי שנעל ווי זי האָט מיך געלאָזען אליין מיט איהר מאַן, האָט ער מיך אָנגענומען פארביידע הענד און זיי שטארק א דריק געטהאָן.

— געעהרטער העדר, שוין א צייט לאנג, ווי מיר ווילט זיך מיט אייך בעקאנט ווערען — האָט ער געזאָגט — מיין פרוי האָט מיר וועגען אייך אזוי פיעל דערצעהלט. איך וויים גאנץ גוט אונטער וועלכע אונאנגענעהמע, שווערע אומשטענדען איהר זייט מיט איהר בעקאנט געוואָרען. איך וויים אויך, ווי עדעל, טאקטיש און פול מיט זעלבסט אויפאָפפערונג איהר האָט געהאנדעלט אין דער דאָזיגער אנגעלעגענהייט...

ער האָט זיך פארכאפט און געזאָגט עטוואס שטילער, ווי ער וואָלט געברויכט עפעס א'ן אונאנשטענדיגען שימפפוואָרט.

— איך מיין די געשיכטע מיט דעם שוויין מאַרען.

אַ נאַרמאַנישער שפּאַס

די פּראָצעסיאָן האָט זיך בעוועגט איבער'ן וועג, אונטער'ן שאָטען פון די מעכטיגע בוימער, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט די פויערשע הויפען. אפריהער זיינען געגאַנגען חתן־כלה, דאַן די עלטערן, דערנאָך די איבעריגע איינגעלאַדענע געסט און צום סוף די אָרימע לייט פון יענער געגענד. אין מיטען זיינען ארומגעלאָפען די דאָרף־אינגלאַך, זיינען בעפאַלען די פּראָצעסיאָן, ווי די פליגען, האָבען איהר דאָ און דאָרט דורכגעבראָכען און געקלעטערט אויף די נאָהענטסטע בוימער, אום בעסער צו זעהן.

דער חתן, יאָהאַן פאטו, דער רייכסטער פויער פון דער געגענד, איז געווען אַן אַסאַבע אַ יונג. פריהער פאר אלעם איז ער געווען אַ ליידענשאַפטליכער יעגער, וועלכער האָט צוליעב זיין פארקאָכטקייט אין געיעג מאנכעס מאָל בעגאנגען נארישקייטען און אויסגעגעבען אַ מאַסע מיט גאָלד אויף הינד, יאגד־היטער און געוועהר.

דער כלה, ראָזאליע ראָסעל, זיינען אלע בחורים, וועלכע זיינען געשטאַנען אין שידוכים, ממש נאָכגעלאָפען, ווארום מען האָט זי געהאַלטען פאר אַ שענע און מען האָט געוואוסט, אַז זי קריעגט אַ שענעם נדן. אָבער זי האָט אויסגעקליבען פאטו. אפשר דערפאַר ווייל ער איז איהר בעסער געפעלען געווען ווי די אַנדערע. אָבער גיכער איז אַ סברא, אַז אַלס קלוגע נאָרמאַנין האָט זי איהם אויסגעקליבען, ווייל ער איז געווען דער רייכסטער פון זיי אַלעמען.

ווען זיי זיינען אריין אין דעם הויף פון דעם הויז, וואו די חתונה האָט געזאָלט געפייערט ווערען, האָבען פלוצים אַ קנאַל געטהאָן פערציג שאָסען, אָבער די שיסער האָט מען ניט געקענט

זעהן, ווייל זיי זיינען געלעגען בעהאַלטען אין אַ גרוב. ביי דעם דאָזיגען ליאַרם איז אויף די מענער פּלוצים אָנגעפּאַלען אַזאַ שמחה, אַזאַ פרייד, דאָס זיי האָבען גענומען טאַנצען און שפּרינגען אין זייערע זונטאָגדיגע בגדים, ווי די משוגעים. פּאַטו אָבער האָט איינגעלאָזט זיין יונגע פרוי, זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף אַ קנעכט, וועלכען ער האָט דערזעהען הינטער אַ בוים, ארויסגעריסען ביי איהם דעם ביקס און אַליין אויסגעשאָסען מיט גרוים געפּילדער, שפּרינגענדיג דערביי ווי אַ זשערעבעץ.

דאָן האָט די פּראָצעסיאָן זיך ווידער געלאָזט געהן אונטער די עפּעל־בוימער, וואָס זיינען בעהאַנגען געווען מיט שווערע פרוכטען, איבער דאָס הויכע גראָז, צווישען די קעלבער, וועלכע האָבען זייערע גרויסע אויגען אויסגעגלאָצט אויף די פּראָצעסיאָן און זייענען לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען און געבליבען שטעהן מיט אויסגעצויגענע מאָרדעס.

ווען עס איז געקומען צום עסען, זיינען די מענער ווידער ערנסט געוואָרען. די רייכע האָבען געטראָגען גרויסע היט פון גלאַנציגען זייד, די אַנדערע — איינפאַכע היטלען און גאָר די אָרימע — פּראָסטע מיצלאַך.

די פרויען האָבען זייערע טיכער פון הינטען אָביסעל ארונטערגעלאָזט און האָבעןביידע עקען פון פאָרענט פייערליך צוזאמען געהאַלטען. די טיכער זיינען געווען רויט, קאָלירט און שרייענדיג. און זייער פיעלפאַרביגקייט האָט, ווי עס שיינט, די שוואַרצע היהנער אויפ'ן מיסט, די ענטלאַך אויפ'ן טייך און די טויבען אויפ'ן דאַך פון'ם הויז שטאַרק פערוואונדערט.

די גרינקייט פון די פעלדער, פון די גראָז און בוימער האָט בלוי אָבגעשלאָגען פון דער גליהענדער רויטקייט און אונטער דעם בלענדענדיגען שיין פון דער זון האָט דער דאָזיגער געמיש פון פאַרבען די אויגען געשטאָכען.

דאָס גרויסע הויז דאָרט אַם ענד פון דעם גרינעם דאַך, וואָס די עפּעלבוימער האָבען געבילדעט, האָט זיי געשיינט צו ערוואַרטען. עפּעס אַ מין סאָרט פאַרע האָט געשלאָגען פון דער טיר און

פון די אָפענע פענסטער ארויס. און א שטארקער גערוך פון עסענ־וואַרג האָט ארויסגעשטראָמט פון דער גרויסער געביידע, פון אַלע איהרע שפּאַלטען און אַפילו פון די ווענט, דאַכט זיך אויך.

ווי אַ שלאַנג האָט זיך די פּראָצעסיאָן פון די געסט איבער׳ן הויף געדרעהט. די ערשטע האָבען דערגרייכט דאָס הויז, זיינען אריין איגעווייניג און זיך צושפּרייט אין אַלע זייטען, וועהרענד אביסעל ווייטער אונטען זיינען נאָך מענשען דורך דעם אָפענעם טויער אריינגעקומען. און נאָך ווייטער זיינען געשטאַנען אַ רייהע אינגלאַך און נייגיעריגע אָרימע־לייט. מען האָט נאָך אַלץ נאָכ־אַנאַנד געשאָסען. אויף אַלע זייטען האָט געקנאַלט און געטראַס־קעט, אַזוי, דאָס די לופט איז פול געוואָרען מיט דעם גערוך פון פּולווער, וועלכער האָט אייך געקאָנט פערטויבען, ווי אבסינט.

פאר דער טיר האָבען די פרויען אָבגעשאָקעלט דעם שטויב פון זייערע קליידער, אָבגעבונדען די הוטבענדער, אויסגעטהאָן די שאַלען, אריבערגעוואָרפען זיי איבער׳ן אָרעם און זיינען ערשט דאַן אריין אין הויז, אום די דאָזיגע טהייערע זאכען אין גאַנצען אויסצוטהאָן.

דער טיש איז געווען געדעקט אין דער גרויסער קיך, אין וועלכער עס האָבען געקאָנט אריין הונדערט מענשען.

צוויי א זייגער האָט מען זיך געזעצט און אכט א זייגער איז מען נאָך געזעסען ביים עסען. די מענער האָבען אָבגעשפּיליעט די וועסטען, אויסגעטהאָן די רעקלאַך און געפרעסען מיט רויטע פּנים׳ער, פיעל און וואָס זיי האָבען נור געקאָנט. דער געלער עפּעל־וויין האָט געלויכטען קלאָר און גאָלדיג אין די גרויסע גלעזער נעבען דעם דונקעלען בלוט־פאַרביגען רויט־וויין.

צווישען יעדען געריכט איז געמאַכט געוואָרען א לאָך, א נאַרמאַנישע לאָך, מיט א גלאָז שנאַפּס, וועלכע האָט אָנגעגאָסען פייער אין די אָדערען און משוגעת אין די קעפּ.

פון צייט צו צייט איז איינער פון די געסט, א פולער ווי א וויין־פאַס, ארויסגעגאַנגען ביז צו די נאָהענטסטע ביימער, האָט זיך דאָרט גרינגער געמאַכט און איז דאַן מיט א פרישען אַפּעטיט צוריק אין הויז אריין.

די פויערטעס זיינען געווען רויט ווי פייער, די יאַקלאַך זיינען ביי זיי אויפגעבלאָזען געווען ווי גומענע פּילקעס פון דעם קאָרסעט, וואָס איז אין צוויי העלפט צוזאַמענגעקוועטשט געווען, און זיי האָבען אויסגעזעהן אויבען רונד און אונטען רונד. זיי האָבען זיך געשעהמט און זיינען געבליבען זיצען ביים טיש. אָבער נור איי־נע פון זיי, וועלכע האָט עס זעהר נויטיג געדאַרפט, איז ארויסגע־גאַנגען, דאַן זיינען אַלע אַנדערע אויך אויפגעשטאַנען, און צוריק־געקומען זיינען זיי צופרידענער און פרעהליכער, בערייט צום שפּאַ־סען און וויצלען זיך. און איצט האָט גענומען האָגלען מיט וויצען.

אַ מבול פון געפּעפּערטע וויצען האָט זיך אַ גאָס געטהאָן פון אַלע זייטען טיש, אַלע מיט אַן אַנצוהערעניש אויף דער חתונה נאַכט. די פויערים האָבען ארויסגעבראַכט אַלץ וואָס זיי האָבען נור געהאַט אין קאָפּ. זייט הונדערטע יאָהרען האָבען די אייגענע וויצען ביי די אייגענע געלעגענהייטען זיך געהערט, און הגם יעדערער האָט זיי גוט געקענט, דאָך האָבען זיי נאָך געמאַכט אַ'ן איינדרוק און יעדעס מאָל ביי יעדען וויץ האָט אויסגעבראָכען אַ פרעהליכער געלעכטער צווישען אַלע געסט.

אויף'ן ברעג טיש האָבען פיער יונגע לייט, שכנים, פאַרגע־בראַכט זייערע שפּיצלאַך. עס האָט געשיינט, אז זיי האָבען אויסגעטראַכט עפּעס גאָר אַ רעכטען שפּאַס, ווייל זיי האָבען זיך געשושקעט און געערדט איינער מיט'ן אַנדער'ן שטאַרק פאַרטהאָן.

און דערזעהנדיג, אז עס איז אויף אַ'ן אויגענבליק שטיל גע־וואָרען, האָט איינער פון זיי געזאָגט:

— היינט ביינאַכט וועלען די וואַלד־גנבים האָבען לייכטע אַרביט ביי דעם העלען שיין פון דער לבנה. זאָג אַקאָרשט, יאַ־האָן, דו וועסט היינט מסתמא ניט קוקען אויף דער לבנה?

דער חתן האָט זיך שנעל אַ קעהר געטהאָן:

— זאָלען די וואַלד־גנבים נור פּרובען קומען!

אָבער דער אַנדערער האָט זיך צולאַכט:

— עט, ווייסטו, זיי מעגען קומען, דו וועסט דאָך צוליעב זיי ניט אַנטלויפען היינט ביינאַכט.

אַלע האָבען זיך געקייקעלט פאַר געלעכטער, די פּאַרלאַגע האָט געציטערט, די גלעזער האָבען געקלונגען.

אָבער דער חתן איז געוואָרען אויסער זיך ביי דעם געדאַנק, אַז מען קאָן בענוצען זיין חתונה־נאַכט, אום ביי איהם אין וואלד אויף געיעג צו געהן, און ער האָט אויסגערופען:

— איך זאָג נור: זיי זאָלען פּרובען קומען!

דאָ האָט זיך ווידער אַ שאָט געטהאָן אַ גאַנצע מאַסע צוויי־דייטיגע וויצען, אַזוי, דאָס די כלה איז רויט געוואָרען, ציטערענדיג פאַר ערוואַרטונג.

נאָכדעם ווי זיי האָבען אויסגעטרונקען נאָך אַ פּאָאַר פעסלאַך בראַנפען, זיינען זיי אַלע אוועק שלאָפען, און דאָס יונגע פּאָאַר איז אוועק אין זייער צימער, וואָס האָט זיך געפונען אונטען גלייך מיט דער ערד, ווי אַלע צימערן פון'ם פויערשען הויף. און אַזוי ווי עס איז געווען ווארעם, האָבען זיי געעפענט דאָס פענסטער און פערמאַכט די לאָדענס. אויף דער קאָמאָדע האָט געברענט אַ קליינער ניט־שענער לאָמפּ, אַ מתנה פון דער כלה'ס פאָטער. דאָס בעט איז געשטאַנען בערייט אויפצונעהמען דאָס יונגע פּאָאַר, וועלכעס האָט ביי זייער ערשטער אומארמונג ניט געמאַכט אַזוי פיעל צערעמאָניעס, ווי די שטאָדטישע מענשען.

די יונגע פרוי האָט שוין אויסגעטהאָן איהרע קליידער, צולאָזען איהרע האאר, איז געוועזן נור אין אונטערקלייד און האָט אַרונ־טערגעשלעפּט איהרע שיך, ווערהרענד יאָהאָן האָט געענדיגט רוי־כערען אַ סיגאַר און דערביי נאָכגעקוקט זיין פרוי.

מיט בליסטשענדיגע אויגען, מעהר ליידענשאַפטליך ווי צערט־ליך, האָט ער זי בעטראַכט, דען ער האָט זי בעגעהרט מעהר ווי ער האָט זי געליעבט. און פּלוצים האָט ער פון זיך אַרונטערגע־וואָרפען דעם ראָק, ווי איינער, וועלכער נעהמט זיך צו דער אַרבייט.

זי האָט דערווייל אויסגעטהאָן די שיך און איצט האָט זי אַרונטערגעשלעפּט די זאָקען. דאַן האָט זי צו איהם געזאָגט: —

— שטעל זיך אָקאָרשט אויף אַ ווײלע אונטער דעם פּאָר־

האַנג, איך זאָל זיך קענען לייגען אין בעט. (זיי האָבען זיך זייט זייער קינדהייט געזאָגט „דו".)

פריהער האָט ער ניט געוואָלט. דערנאָך איז ער מיט א כיטרער מינע אוועק און זיך בעהאַלטען, נור דעם קאָפּ האָט ער ארויסגע־רוקט. זי האָט געלאַכט, געוואָלט איהם די אויגען פערשטעלען און אזוי האָבען זיי געשטיפּט און געשפּאַסט איינער מיט'ן אנדער'ן פערליעבט און פרעהלאַך, אָהן מורא און אָהן פאַלשער חרפּה.

צום סוף האָט ער נאָכגעגעבען. דאַן האָט זי אין איין אוי־גענבליק דאָס לעצטע קלייד פון זיך אראָבגעלאָזען, וועלכעס איז אראָבגעפאַלען און געבליעבען ליגען ביי איהר צופוסען. זי האָט עס גישט אויפגעהויבען, האָט אריבערגעטרעטען איבער דעם, א נאַ־קעטע, אין איין העמד, און איז אריין אין בעט, וועלכע האָט גע־נומען קרעכצען אונטער איהר געוויכט.

דאַן איז ער אָהן שיך, אין הויזען, צוגעקומען צו איהר, האָט זיך אריבערגעבויגען איבער זיין פרוי און געזוכט איהרע לי־פּען, וועלכע זי האָט אין די קישען בעהאַלטען. דאָ האָט זיך פּלו־צים פון דערווייטענס דערהערט א שאָס. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער קומט פון וואַלד אין דער געגענד פון ראַפּעס.

א צושראָקענער האָט ער א שפּרונג געטהאָן אין דער לופטען, איז צוגעלאָפען צום פענסטער און געעפענט דעם לאָדען.

דער ליכטיגער שיין פון דער לבנה האָט פערגאָסען דעם הויף מיט זיין העלען ליכט. די שאָטענס פון די עפּעל־בוימער האָבען געוואָרפען שווארצע פלעקען ארום און פון וויטען אין דרויסען האָט געלויכטען דאָס פעלד מיט זיינע פאַרטיגע תבואות.

ווען יאָהאַן האָט זיך ארויסגעבויגען און זיך צוגעהערט צו דעם גערויש פון דער נאַכט, האָבען צוויי נאַקעטע אָרעמס זיך ארום זיין האלז ארומגעכאַפּט און זיין פרוי האָט געזאָגט, ציהענדיג איהם צו זיך:

— אַך, לאָז צופרידען, וואָס מאַכט עס אויס! קום דאָך!

ער האָט זיך אומגעקעהרט, האָט זי א נעהם געטהאָן, ארומ־גענומען זי, ארומגעטאַפּט זי אונטער דעם דינעם לייוועגד, אויפ־

געהויבען זי אין דער הויך מיט קרעפטיגע הענד און אריינגעטראָ־ גען אין בעט.

אין דעם אויגענבליק, ווען ער האָט זי אויף'ן בעט א וואָרף געטהאָן, וועלכע האָט אונטער איהר געוויכט צוזאַמענגעזונקען, האָט זיך דערהערט נאָך א שאָס, שוין אביסעל נעהנטער.

דאָ איז אויף יאָהאַנען פּלוצים אַנגעפאַלען א מורא'דיגער כעס און ער האָט גענומען שילטען:

— צו אַל די שוואַרץ יאָהר, זיי מיינען הפּנים, אַז צוליעב דיר וועל איך ניט ארויסקומען. אָבער וואַרט אָקאָרשט.

ער האָט אַנגעטהאָן די שטיוועל, ארונטערגענומען דעם ביקס, וועלכער איז תמיד איבער'ן בעט אויף דער וואַנד געהאַנגען, און אזוי ווי זיין פרוי איז איהם געפאַלען צו די פיס און א צושראָקענע זיך ביי איהם געבעטען, האָט ער זיך שנעל ארויסגעריסען, איז צוגעלאָפען צום פענסטער און איז מיט איין שפּרונג געווען דרויסען.

זי האָט געוואַרט א שטונדע... צוויי שטונדען... ביז גרויסען טאָג. איהר מאַן האָט זיך ניט צוריקגעקעהרט. דאַן האָט זי פער־ לאָרען דעם קאָפּ, גערופען איהרע קרובים, זיי דערצעהלט פון יאָ־ האַן'ס כעס און אז ער איז אוועק כאַפּען די וואַלד־גנבים.

דאַן האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען די קנעכט, די פוהרמאַנעס און די יונגען און זיינען אוועק זוכען זייער בעל־הבית.

זיי האָבען איהם געפונען צוויי מייל ווייט פון הויף, געבונ־ דען הענד און פיס, האַלב טויט פאַר כעס, מיט א צובראָכענעם ביקס, די הויזען אויסגעדרעהט און אָנגעטהאָן אויף דער לינקער זייט, מיט דריי טויטע האָזען אויף'ן האַלז און א צעטעלע אויף דער ברוסט, וואו עס איז געשטאַנען:

„ווער עס געהט אויף געיעג, פערליערט זיין פּלאַץ".

ווען ער האָט שפּעטער אמאָל גערעדט פון זיין חתונה־נאַכט, האָט ער צוגעלייגט:

— נו, דאָס איז געווען א נישקשה'דיגער וויץ, אביסעל א צו שטאַרקער וויץ.

— זיי האָבען מיך געכאַפּט, ווי א האָהן, די באַנדע! און האָ־

בען מיר דעם קאָפּ אין א זאַק אריינגערוקט. אָבער דערגעה איך
ווען עס איז ווער דאָס איז געוועזן, דאַן איז אַז אָך און וועה צו זיי.
דאַן מעג איין גאָט אויף זיי רחמנות האָבען!
אָט אַזוי שפּאַסט מען און מען וויצעלט זיך אין נאָרמאַנדיען.

דער הייליגער אנטאָן

ווען האָט איהם גערופען הייליגער אנטאָן, מסתמא דערפאַר, ווייל ער, אנטאָן, האָט ליעב געהאט די אכילה און דעם כוס, איז געווען אַ גרויסער שפּאַס־מאכער, תמיד לוסטיג און פרעהליך, און איז נאָכגעלאָפען יעדען ווייבערשען שירץ, הגם ער איז געווען אַ מאַן איבער זעכציג יאָהר אלט.

ער איז געווען אַ פויער פון סאַאָו געגענד מיט באקען, וואָס האָבען געשפּריצט מיט בלוט און געזונד, אַ מעכטיגער ברוסט און אַ דיקען בויך אויף לאנגע פיס, וועלכע זיינען, האָט זיך געדאַכט, צו שוואַך געווען פיר דעם דאָזיגען געוואלדיגען קערפּער.

ער איז געווען אַ אלמן און האָט געוואָהנט מיט זיין דיענסט און צוויי קנעכט אויף זיין פאַרם, וועלכע ער האָט פערשטאַנען ווי צו פיהרען. אין זיינע געשעפטען, פיהצוכט און לאנדווירטשאַפט איז איהם גאָר נישקשה׳דיג געגאנגען. זיינעביידע זיהן ווי זיינע דריי טעכטער זיינען געווען גוט אויסגעגעבען, האָבען ניט ווייט געוואָהנט און איין מאָל אין מאָנאט זיינען זיי אַלע געקומען צו איהם אויף אַ דינער. זיין קראַפט האָט געהאט אַ שם אין דער גאנצער געגענד און איז עמיצער זעהר שטאַרק געווען, האָט מען אויף איהם געזאָגט : ער איז געזונד ווי דער הייליגער אנטאָן.

ווען דער קריעג מיט די פּרייסען האָט אויסגעבראָכען, האָט דער הייליגער אנטאָן געשוואָרען אין שענק, אַז ער וועט אויסהרג׳ענען אַ גאַנצע ארמעע, וואָרים ווי אַן עכטער נאָרמאַנער איז ער געווען אַ גרויסער בעריהמער און טאַקי אַ פייגלינג אויך. ער האָט אַ האַק געטהאָן מיט׳ן פויסט איבער דעם הילצערנעם טיש, מיט אַזאַ גוואַלד, דאָס די טעלער און גלעזער האָבען גענומען טאַנ־

צען און האָט אָנגעהויבען צו ליאַרמען מיט אַ פּנים, רויט ווי צונטער, און מיט אויגען, ווי ביי אַ ווילדען וואָלף:

— זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך צורייס זיי ניט אויף שטיקער, זאָלען זיי נור אהערקומען, די פּרייסען!

ער איז געווען זיכער, אַז די פּרייסען וועלען אין זיין געגענד ניט קענען קומען. אָבער ווען ער האָט שפּעטער זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען שוין אין דער געגענד, האָט ער זיך פערשפּארט אין זיין הויז, אויף דרויסען ממש זיך ניט בעוויזען, און נאָכאַנאַנד ארויס־געקוקט פון׳ם קיך־פענסטער אויף די גאַס, ריכטענדיג זיך אַלץ, אַז אָט־אָט וועט ער זיי דערזעהן, די שרעקליכע פּרייסען, ווי זיי מאַר־שירען אריין מיט זייערע ביקסען.

איינמאָל אין־דער־פריה, ווען ער איז געזעסען מיט זיינע קנעכט ביים טיש און האָט געגעסען, איז אריינגעקומען דער אָרטס־פאָרשטעהר שיקאָ און נאָך איהם אַ סאָלדאַט, וואָס האָט געטראָגען אַ שוואַרצען העלם מיט אַ מעשענעם שפּיץ.

דער הייליגער אנטאָן איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ אָפּגעבריהטער און זיינע קנעכט האָבען איהם מיט שרעק אָנגעקוקט, ווייל זיי האָ־בען געמיינט, אַז ער וועט זיכער דעם פּרייסישען סאָלדאַט צורייסען אויף שטיקער. אָבער דער הייליגער אנטאָן איז אזוי שלעכט ניט געווען, האָט נור דעם פאָרשטעהער די האַנד געדריקט.

— הייליגער אנטאָן, דאָ איז איינער פיר דיר. די נאַכט זיי־נען זיי אָנגעקומען — האָט דער פאָרשטעהער געזאָגט — נו, מאַך ניט קיין געשעפטען, וואָרים זיי סטראַשען, זאָל עפּעס פּאַסירען, וועלען זיי פון דער גאַנצער געגענד מאַכען אַ תל. געדענק־זשע, גיעב איהם עסען. ער זעהט אויס צו זיין גאָר אַ נישקשה׳דיגער מענ־שעל. אדיע. איך געה צו דיין שכן. יעדער קריגט איינעם.

און ער איז אוועק.

דער אַלטער אנטאָן איז בלייך געוואָרען און האָט אַ קוק גע־טהאָן אויף דעם סאָלדאַט. ער איז געווען אַ שטאַרקער, קרעפטיגער יונג, מיט אַ ווייסען פּנים, בלויע אויגען, בלאָנדע האָאַר און אַ גרויסער באָרד. ער האָט אויסגעקוקט אביסעל נארישעוואַטע, אבי־סעל שרעקעדיג און גוטמוטהיג. דער ביטרער נאָרמאַנער האָט איהם

גלייך אָפּגעשאַצט, האָט זיך בערוהיגט און איהם מיט דער האַנד אָנגעוויזען, ער זאָל זיך זעצען. דערנאָך האָט ער איהם געפרעגט, אויב ער וויל סופּ. דער סאָלדאַט האָט ניט פערשטאַנען קיין וואָרט. דאָ איז דעם הייליגען אַנטאָן איינגעפאַלען, א שפּאַס צו טהאָן מיט'ן סאָלדאַט, האָט איהם צוגעטראָגען א טעלער סופּ אונטער די נאָז און געזאָגט:

— נא פרעס, גראָבער שוויין דו !

דער סאָלדאַט האָט געענטפערט: — יא, און זיך צוגעכאַפּט צום עסען מיט גרויסען אַפּעטיט. דער פויער האָט טריאומפירט: ער האָט זיך גאָר ניט אָפּגעשראָקען צו זאָגען דעם שונא, וואָס ער איז. זיין רעפּוטאַציאָן איז געראַטעוועט געווען. ער האָט געגור־מען ווינקען מיט די אויגען צו זיינע קנעכט; יענע האָבען גע־מאַכט מאָדנע העויות, אַביסעל פאַר מורא און אַביסעל, כדי דאָס לאַכען צו פערשטיקען.

ווען דער סאָלדאַט האָט אַרונטערגעשלונגען זיין טעלער סופּ, האָט אַנטאָן איהם אָנגעגאָסען א צווייטען, וואָס דער סאָלדאַט האָט אויך אַזוי אַרונטערגעשלונגען. אָבער פון א דריטען טעלער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. דאַן האָט אַנטאָן איהם מיט געוואַלד געוואָלט צווינגען, ער זאָל נאָך עסען און ער האָט צו איהם גערעדט:

— וואָס שווייגסטו ? עס ! שטאָפּ אָן דיין קישקע, אז דו זאָלסט ווערען פעט, דו גראָבער שוויין !

דער סאָלדאַט האָט זיך נור אָנגעשטויסען, אז מען וויל איהם געבען א סך עסען, האָט ער צופריעדען געלאַכט און געגעבען מיט די הענד צו פערשטעהן, אז ער קען ניט מעהר.

דאָ איז דער הייליגער אַנטאַן מיט איהם געוואָרען גאָר גוט ברודער, האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן אויף'ן בויך און אויסגעשריען:

— איז ביי דיר שוין די קישקע פול, גראָבער שוויין ?

אָבער פּלוצים האָט ער זיך אַזוי צולאַכט, דאָס ער איז רויט געוואָרען ווי א בוריק און קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסריידען. א געדאַנק איז איהם אויף'ן זינען אַרויף, פון וועלכען ער האָט זיך אַזוי צולאַכט.

— איצט וועט זיין פרעהלאַך, זעהר פרעהלאַך ! דער היי־

ליגער אַנטאָן און זיין שוויין. ער איז מיין שוויין ! — האָט ער אַרויסגערעדט זיין גערדאַנק.

און זיינע ביידע קנעכט האָבן זיך אויף הויך צולאַכט.

דער אַלטער אַנטאָן איז געווען אַזוי צופריעדן פון דעם דאָזיגן גערדאַנק, דאָס ער האָט געהייסן זיין דינסטמיידעל, זי זאָל דער־לאַנגען שנאַפּס צום טיש און דווקא פון דעם בעסטן. ער האָט אַלעמען מכבד געווען. מען האָט געטרונקען מיט'ן סאָלדאַט, וועל־כער אויס העפליכקייט האָט מיט דער צונג צוגעקלאַפּט, כדי צו ווייזען, ווי גוט דער שנאַפּס געפעהלט איהם.

און דער הייליגער אַנטאָן האָט צו איהם געשריען :

— ער געפעהלט דיר, האַ ? אַזאַ שנאַפּס האָסטו נאָך קיינ־מאָל אפילו ניט אַ שמעק געטהאָן ביי דיר אין דער־היים, דו גראָ־בער שוויין !

פון איצט אָן האָט דער הייליגער אַנטאָן קיין טריט נישט גע־טהאָן אָהן זיין סאָלדאַט. ער האָט זיך אַרומגעפיהרט מיט זיין דייטש און איזדעקעוועט זיך איבער איהם, נאַטירליך, מיט ווער־טער נור, וואָס דער סאָלדאַט האָט ניט פערשטאַנען. אויף אַזאַ אופן האָט ער געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט'ן שונא. און די איינ־וואוינער פון דער געגענד, וועלכע האָבן געציטערט פאַר דעם שונא, האָבן איצט געלאַכט הינטער דעם סאָלדאַט'ס רוקען און אַנגעקוואָ־לען פון דעם אַלטען אַנטאָן. אַזאַ שפּאַס האָט טאַקי געקענט אויס־טראַכטען נור דער אַלטער שפּאַס־מאַכער.

נאָכמיטאָג איז ער אימער געגאַנגען געאָרמט מיט זיין דייטש צו די שכנים, האָט מיט געלעכטער איהם זיי געוויזען, געקלאַפּט איהם אויף'ן אַקסעל און גערעדט :

— קוקט נור אָן, דאָס איז מיין גראָבער שוויין. זעהט נור, ווי ער ווערט פעט ביי מיר.

און די פויערים האָבן געשטיקט אין זיך דעם געלעכטער. ער איז געווען אַזאַ וויצלינג, דער הייליגער אַנטאָן מיט'ן דיקען בויך !

— צעזאַר, איך פערקויף דיר איהם, מיין גראָבען שוויין.

—אַנטאָן, איך קויף איהם ביי דיר, אָבער אָן אָפּגעשונדענעם.

און די פּויעו״ים האָבען מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען אין זיך דעם געלעכטער, ווייל לאכען הויך אויף׳ן קול האָבען זיי מורא געהאט, טאָמער שטויסט זיך אָן פאַרט דער סאָלדאַט, אז מען לאכט פון איהם. נור אנטאָן איז יעדען טאָג געוואָרען פרעכער, האָט איהם געקניפּען אין די קניע און געברומט:

— ער ווערט פּעט ביי מיר, פּעט!

דערנאָך האָט ער איהם געפּאטשט אויף דעם הינטען און געשריען: — דאָס איז שמאַלץ, הוילע שמאַלץ!...

צום סוף האָט ער איהם גאָר אויפגעהויבען אין דער הויך מיט זיינע מעכטיגע הענד, וועלכע האָבען געקענט, דאכט זיך, אן אָקס אויפהייבען, און ערקלעהרט:

— זעקס הונדערט פונט וועגט ער, קיין איין לויט ווייניגער.

ער האָט זיך איינגעוואָהנט, צו געבען זיין שוויין עסען אומעדום, וואו ער האָט איהם געבראכט צו שלעפּען.

— גיט איהם עסען, וואָס איהר ווילט, ער וועט אַלסדינג פערשלינגען — האָט ער געזאָגט, באַלד ווי ער איז צו עמיצען געקומען מיט זיין סאָלדאַט.

און מען האָט אוועקגעשטעלט פאַר דעם דייטש ברויט און פּוטער, קאַרטאָפעל און וואורשט.

דער נאַרישער און גוטמוטהיגער סאָלדאַט האָט נאָכאַנאַנד געגעסען אויס העפליכקייט צו די העפליכע און פריינדליכע מענשען, איז אָפּט קראַנק געוואָרען פון צופיעל עסען און האָט דאָך ווייטער געגעסען, כדי צו בלייבען אַ העפליכער מענש. ער איז אויף אַן אמת דיק געוואָרען, אַזוי דיק, דאָס די קליידער זיינען איהם צו ענג געוואָרען. און דער הייליגער אנטאָן האָט דערפון אָנגעקוואָלען און אַלץ געמענה׳ט:

— דו ווייסט, גראָבער שוויין, אז דו וועסט זיך מוזען מאכען אַ נייע יוניפאָרם?

איבריגענס זיינען זיי געוואָרען די בעסטע פריינד. און ווען דער אַלטער האָט געהאט צו פאָהרען ערגעץ וועגען זיינע געשעפטען אין דער געגענד, האָט דער סאָלדאַט איהם אַלע מאָל בעגלייט, נור פון פערגעניגען וועגען, כדי צוזאַמען מיט איהם צו זיין.

עס איז געווען זעהר קאַלט. דער פראָסט האָט מורא'דיג גע־בושעוועט, דער שרעקליכער ווינטער פון 1870 האָט, קענטיג, פאר פראנקרייך נור צרות און אונגליקען געהאט.

דער הייליגער אנטאן האָט זיך געבאפט, אז עס וועט איהם אויספעהלען מיסט פיר די פעלדער אין'ם פריהלינג, איז ער אוועק צו זיינעם א שכן, א האלב מייל פון איהם, וועלכער איז געווען אין א נויט, און ביי איהם מיסט געקויפט. ער האָט מיט איהם אָפּגע־מאַכט, אז יעדען פארנאכט זאָל ער קומען מיט א וואָגען און אָנ־לאָדען איהם מיט מיסט.

יעדען טאָג, אזוי גיך ווי עס איז דונקעל געוואָרען, איז ער אהין געפאָהרען אויף זיין וואָגען און אַלע מאָל האָט איהם זיין שוויין בעגלייט און יעדעס מאָל איז דאָרט פרעהלאך געווען, בעת דער שוויין האָט נעגעסען. מענשען פון דער גאנצער געגענד זיינען אהין געלאָפען, ווי אויף א בייז וואונדער.

מיט אמאָל האָט דער סאָלדאט אָנגעהויבען זיך אָנצושטויסען און ווען מען האָט זעהר געלאכט, האָט ער זיך אונרוהיג אומגעקוקט. עפּעס א מין צאָרן האָט אין זיינע אויגען יעדע ווייַלע א פלאַקער געטהאָן.

און איינמאָל ביינאכט, אז ער האָט זיך זאט אָנגעגעסען, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט מעהר נעהמען קיין ביסען אין מויל. ער האָט געוואָלט אוועקגעהן פון'ם טיש. אָבער דער הייליגער אנטאן האָט איהם א כאַפּ געטהאָן ביים ארם און איהם אזוי א זעץ גע־טהאָן אויף זיין אָרט צוריק, דאָס דער שטול אונטער דעם סאָלדאט איז צובראָכען געוואָרען.

א שטורמישער געלעכטער האָט דאָס הויז פערהילכט און דער הייליגער אנטאן האָט מיט א שטראהלענדיגען פּנים זיין שוויין אויפגעהויבען און זיך אָנגערופען:

—אויב דו ווילסט ניט עסען, זאָלסטו טרינקען. דאָס מוז ער.

דער בעל הבית האָט געבראכט א גרויסע פלאש קאָניאַק.

דער סאָלדאט האָט בייז געקוקט ארום זיך, דאָך אָבער האָט ער געטרונקען, געטרונקען, פיעל זיי אליין האָבען געוואָלט. דער הייליגער אנטאן האָט אויך פיעל געטרונקען, אזוי ווי ער וואָלט

מיט'ן סאָלדאַט אין אַ וועט געגאַנגען, ווער פון זיי ביידען קען מעהר טרינקען.

ער איז געווען רויט ווי אַ טאָמייטאָ און זיינע אויגען האָבען געברענט — ער האָט אָנגעפילט די גלעזער, איינע פיר דעם סאָל־דאַט, די אנדערע פיר זיך און געברומט :

— פיר דיין .געזונד, גראָבער שוויין מיינער !

און דער דייטש האָט אַרונטערגעלאָזט אין האלז גאַנצע גלע־זער פון קאָניאַק און קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט.

איצט איז דאָס טאַקי געווען אַ קאַמפף, אַ אמת'ער קאַמפף, ווער פון זיי ביידען וועט קענען מעהר אויסטרינקען. ווען די פלאַש איז לעדיג געוואָרען, האָבען זיי ביידע מעהר ניט געקענט טרינ־קען. זיי זיינען אוועק אהיים, געגאַנגען איינער נעבען אנדערן הינ־טער דעם וואָגען מיט מיסט וואָס איז געשלעפּט געווען פון צוויי פערד, און האָבען זיך אויף די פיס געשאָקעלט. מאָרגען האָבען זיי געזאָלט ווידער דעם דאָזיגען קאַמפף אויפנעהמען.

אַ שנעע האָט אָנגעהויבען צו שיטען, און די דונקעלע נאַכט — קיין לבנה האָט ניט געשיינט — האָט טרויעריג אויסגעזעהן, בעלייכטעט פון'ם מאַטען אפשיין פון דעם ווייסען שנעע. די קעלט האָט נאָך מעהר צוהיצט די מוחות פון די ביידע שיכורע מענער און דער הייליגער אנטאָן, וואָס איז בייז געווען, ווארום ער האָט ניט געזיעגט, האָט כלומרשט אויף שפּאַס אָנגעהויבען צו שטופּען און צו שטויסען זיין שוויין. דער סאָלדאַט האָט איהם נאָכאַנאַנד אויס־געוויכט און יעדעס מאָל האָט ער דערביי געזאָגט אויף דייטש אַ פּאָאַר בייזע ווערטער, פון וואָס דער פויער האָט הויך אויף'ן קול געלאַכט.

צום סוף האָט דער דייטש אין גאַנצען זיין געדולד פערלאָרען און ווען אנטאָן האָט איהם ווידער אַ שטויס געטהאָן, האָט דער סאָלדאַט איהם אַזאַ זעץ געטהאָן מיט'ן פויסט אין פּנים, דאָס דער ריעז אנטאָן איז שיער ניט געפאַלען.

דאַן האָט דער שיכור'ער אַלטער אַ כאַפּ געטהאָן דעם סאָלדאַט און עטליכע רגע'ס איהם געטרייסעלט ווי אַ קליין קינד. דערנאָך האָט ער איהם מיט אַ מעכטיגען וואָרף אַ שליידער געטהאָן ביז

אויף דער אנדער זייט פון׳ם וועג. מעהר האָט ער ניט געוואָלט, געוויזען איהם, וואָס ער קען. ער האָט צונויפגעלעגט זיינע ארמס און ווידער אָנגעהויבען הויך צו לאַכען.

אָבער דער סאָלדאַט האָט זיך גלייך אויפגעהויבען מיט א היילען קאָפּ. זיין העלם איז אויף׳ן שנעע געבליבען ליגען. ער האָט פּלוצים ארויסגעכאפּט דעם שפּיז פון׳ם שייד, וואָס איז ביי איהם געהאַנגען אויף אַ זייט, און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף׳ן הייליגען אנטאָן.

אַז דער פּויער האָט דאָס דערזעהן, האָט ער אויסגעשטעלט געגען איהם זיין בייטש, זיין גרויסע, געל געשטרייפּטע בייטש, וועלכע איז געוועזן שטאַרק און בייגיג.

דער סאָלדאַט איז געלאָפען צו איהם מיט א איינגעבויגטען קאָפּ, דעם שפּיז אויסגעשטעלט, זיכער מיט דער אבזיכט, איהם צו דערשטעכען. אָבער דער אַלטער האָט מיט דער האנד דעם שפּיז אָנגעכאפּט, אָפּגעשטויסען איהם אָן א זייט און אזא האק געטהאָן מיט׳ן בייטש דעם דייטש איבער׳ן שלייף, דאָס יענער איז צו זיינע פיס געפאלען, ווי א אונטערגעהאקטער בוים.

צושראָקען און צוטומעלט האָט ער געזעהן ווי דער קערפּער, אויף׳ן בויך אויסגעצויגען, האָט זיך א ווייַלע געצאַפּעלט און איז פּלוצים געבליבען אונבעוועגליך. ער האָט זיך איינגעבויגט, אומגעדרעהט דעם סאָלדאַט און א צייט לאנג געקוקט אויף איהם. ביים סאָלדאַט זיינען די אויגען צוגעמאכט געוועזן און דאָס בלוט האָט געשטראָהמט פון דער קליינער וואונד אויף זיין שטערן. כאָטש עס איז געוועזן נאכט, האָט דער הייליגער אנטאָן געקענט זעהן די דונקעלע שפּורען פון׳ם בלוט אויף דעם שנעע. ער איז געבליבען שטעהן, האָט אין גאנצען פערלאָרען דעם קאָפּ, וועהרענד די פערד מיט׳ן וואָגען זיינען זיך דאָרט לאנגזאם געגאנגען אליין ווייטער און ווייטער.

וואָס זאָל ער טהאָן? מען וועט איהם דערשיסען. זיין הויף וועט מען פערברענען און די גאנצע געגענד פערוויסטען. וואָס הויבט ער אָן צו טהאָן? ווי בעהאַלט מען דעם קערפּער? ווי פערבאָרגט מען דעם דער׳הרג׳עטען? ווי נארט מען אָפּ די

פרייסען ? ער האָט דערהערט פון ווייטען שטימען אין דער שוויי־
גענדיגער שטילקייט פון דער שנעע־לאנדשאפט. דאָ האָט ער
אויפגעהויבען דעם העלם, ארויפגעטהאָן איהם דעם דער׳הרג׳עטען
אויף׳ן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אָנגענומען דעם קערפּער ביים בויך,
אויפגעהויבען איהם אין דער־הויך און זיך אוועקגעלאָזט נאָך׳ן וואַ־
גען, דעריאָגט איהם און אַ וואָרף געטהאָן דעם דער׳הרג׳עטען
אויף׳ן מיסט. אין דער־היים וועט ער שוין זעהן, וואָס ער זאָל
ווייטער טהאָן.

טריט ביי טריט איז ער נאָכגעגאנגען דעם וואָגען, האָט אַלץ
געטראַכט, וואָס ער זאָל טהאָן און קיין עצה זיך ניט געקענט גע־
בען. ער האָט געזעהן, אַז ער איז פערלאָרען. ער איז געקומען
אויף זיין הויף. איין פענסטער איז נאָך העל געווען. דאָס הויז־
מיידעל האָט נאָך ניט געשלאָפען.

דאַן האָט ער שנעל דעם וואָגען צו דעם סאַמען ברעג פון דער
מיסט־גרוב צוגערוקט און געטראַכט, אַז ווען ער וועט דעם גאַנ־
צען וואָגען מיסט אַהין אויסשיטען, דאַן וועט דער קערפּער אויך
אַהין ארונטערפאַלען און די מיסט וועט איהם בעדעקען.

און אַזוי איז עס טאַקי געווען. ער איז בעגראָבען געוואָרען
אונטער דעם מיסט אין דער גרוב. דער הייליגער אנטאָן האָט
דערנאָך אויסגעגלייכט די קופּע מיט דעם מיסט־גאָפּעל, געדופען
דעם קנעכט און געהייסען איהם אריינפיהרען די פערד אין דעם
שטאַל. דאַן איז ער ארויף צו זיך אין דאָס צימער.

ער האָט זיך געלעגט און ניט געקענט איינשלאָפען. עס האָט
איהם געוואָרפען אַ צאָהן אָן אַ צאָהן. ער האָט אַזש געשוויצט
פאַר מורא. מען וועט יענעם זיכער זוכען. ער האָט מעהר ניט
געקענט איינליגען.

דאַן איז ער אַרונטערגעגאנגען אין די קיך, האָט גענומען די
פלאַש שנאַפּס פון׳ם בופעט און איז צוריק ארויף צו זיך.

דאָרט האָט ער אויסגעטרונקען צוויי גרויסע גלעזער, אַזוי דאָס
זיין פריהערדיגע שיכרות איז איצט ווידער אָפּגעפרישט געוואָרען.
אָבער ער איז ניט רוהיגער געוואָרען דערפון.

וואָס זאָל ער טהאָן ? אַזאַ אונגליק !...

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער זיין צימער הין און צוריק, האָט געזוכט עפּעס אַן עצה, אַן אויסגאַנג, עפּעס אַ פּלאַן און פון צייט צו צייט האָט ער אַ זופּ געטהאָן פון דעם שנאַפּס, כדי זיך צו שטאַרקען.

אָבער ער האָט גאָר נישט, גאָר נישט ניט געקענט אויס־טראַכטען.

אַרום האַלבע נאַכט האָט זיין הונד, וואָס איז געשטאַנען אויף'ן הויף צוגעבונדען צו אַ קייט, אָנגעהויבען מורא'דיג צו בילען.

דער הייליגער אַנטאָן האָט געציטערט פון קאָפּ ביז צו די פיס און יעדעס מאָל, ווען דער הונד האָט דאָרט אויפגעהויבען זיין ווילדע מורא'דיגע בילעריי, איז אַ קעלט איהם אַריבער איבער'ן לייב.

ער איז געפאַלען אויף זיין שטול אָהן כחות. מעהר האָט ער ניט געקענט אַריבערטראָגען דעם בילען פון'ם הונד.

אונטען האָט דער זייגער געשלאָגען פינף. דער הונד האָט זיך נאָך אַלץ ניט בערוהיגט. איצט איז דער פויער אין גאַנצען פון זיינע כלים אַרויס. ער איז אויפגעשטאַנען, דעם הונד פון דער קייט אַרונטערצולאָזען, כדי ניט צו הערען מעהר זיין בילען. ער איז אַרונטערגעגאַנגען, געעפענט די טיר צום הויף צו און איז אַרויס אין די פינסטערע נאַכט.

דער שנעע האָט נאָך אַלץ געשאָטען. אַלסדינג איז וויים געוועז. די געביידעס אויף'ן הויף האָבען אויסגעזעהן ווי גרויסע שווארצע פלעקען. דער פויער איז צוגעגאַנגען צו דער בודקע פון'ם הונד. דער הונד האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון זיין קייט. אַנטאָן האָט איהם אָפּגעלאָזט. דאָ האָט דער הונד אַ שפּרונג געטהאָן אין פאַראויס און איז גלייך שטעהן געבליבען מיט אויפגעשטעלטע האָאָר געגען דער קופּע מיסט.

דער הייליגער אַנטאָן איז פערציטערט געוואָרען און האָט אַרויסגעשטאַמעלט :

— וואָס האָסטו דאָרט דערזעהן ?

און דערביי האָט ער אַ פּאָאָר טריט געטהאָן צו דעם הונד צו

און בעמיהט זיך די אַרומיגע דונקעלהייט מיט די בליקען דורכ־צודרינגען.

און ער האָט דערזעהן אַ געשטאַלט, אַ מענשליכע געשטאַלט אויף דער קופּע מיסט זיצען.

עס האָט איהם אַ האַק געטהאָן אין'ם האַרצען און ער איז געבליבען שטעהן, ווי אַן איינגעגראָבענער.

אָבער פּלוצים האָט ער דערפיהלט מיט'ן פוס דעם שטאָל פון דעם מיסט־גאָפּעל, וואָס איז אין די ערד אַריינגעזעצט געווען. ער האָט אַרויסגעצויגען דעם מיסט־גאָפּעל און מיט יענער פערצווייפלונג, וואָס מאַכט דעם שרעקענדיגסטען מענשען פאַר אַ העלד, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן צו דער געשטאַלט, אום צו זעהן, ווער און וואָס איז דאָרט.

ער איז דאָס געווען, זיין דייטש, וועלכער, אין גאַנצען מיט קויט בעדעקט, איז אַרויסגעקראָכען פון דער קופּע מיסט, וואָס האָט איהם דערוואַרעמט און צוריק איהם דאָס לעבען געגעבען. מעכאַניש האָט ער זיך געזעצט און איז אַזוי געזעסען אונטער דעם שנעע, אין גאַנצען פערבלוטיגט און מיט שמוץ בעדעקט, נאָך ניט גוט אויסגעניכטערט פון דעם שנאַפּס, בעטויבט פון דעם מיסט־גערוך, און פון דער וואונד אָפּגעשוואַכט.

ער האָט בעמערקט דעם הייליגען אַנטאָן. אָבער ער האָט זיך נאָך ניט גענוג אַטשוכעט, אום ריכטיג צו פערשטעהן, וואָס אַזוינס דאָ האָט פּאַסירט, און נור געפּרובט זיך אויפהויבען. אָבער אַזוי גיך ווי דער אַלטער האָט איהם דערקענט, איז ער ווילד געוואָרען ווי אַ צורייצטע חיה, און ער האָט אַרויסגעשטאַמעלט:

— וואָס, דו שווייַן, דו שוויין, ביזט ניט טויט, דו וועסט מיך אַרויסגעבען, האַ ?! וואַרט נור, וואַרט נור!

און ער איז צוגעשפּרונגען צום דייטש און מיט דער גאַנ־צער קראַפט פון זיינע מעכטיגע אָרמס האָט ער אַריינגעהאַקט די פיער שאַרפע שפּיצען פון דעם מיסט־גאָפּעל איהם אין ברוסט.

דער סאָלדאַט איז געפאַלען אויף'ן רוקען און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגען זיפץ. דער אַלטער פויער האָט זיך דאַן אין גאַנצען צו־יושעט, אַרויסגעצויגען דעם מיסט־גאָפּעל פון דעם סאָלדאַט'ס

ברוסט און איהם ווידער אריינגעהאַקט אין דעם בויך, אין דעם מאַגען, אין דעם נאַקען, האָט געשטאָכען ווי אַ משוגענער אין דעם צאַפּעלדיגען קערפּער אריין, פון וועלכען דאָס בלוט האָט זיך גע־גאָסען שטראָמענווייז.

דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אָהן אַן אטהעם פאר רציחה און אנשטרענגונג, און טיעף אריינגעזויגט אין זיך די לופט. איצט, ווען ער האָט יענעם דער׳הרג׳עט, איז ער געוואָרען רוהיגער.

אַז די העהנער האָבען אָנגעהויבען צו קרייהען און עס האָט גענומען טאָגען, האָט ער זיך צו דער ארבייט אַ נעהם געטהאָן, אום דעם קערפּער צו בעגראָבען.

ער האָט אויסגעגראָבען אַ גרויסע לאָך אין דעם מיסט, ביז ער האָט די ערד דערפיהלט, דאַן האָט ער געגראָבען נאָך טיעפער אין דער ערד, געגראָבען מיט אַלע זיינע אונגעוועהנליכע קרעפטען פערצווייפעלט.

און אַז די לאָך איז גענוג טיעף געוואָרען, האָט ער מיט׳ן מיסט־גאָפּעל אָנגענומען דעם קערפּער און איהם אהין אריינגע־וואָרפען, פערשאָטען די גרוב ווידער מיט דער ערד, איינגעטראָ־טען זי פעסט מיט די פיס, ארויפגעוואָרפען אויף דעם דערנאָך אַ הויכע קופּע מיסט און גענומען שמייכלען, בעת ער האָט דער־זעהן דעם גערדיכטען שנעע, וואָס האָט זיין ארבייט פערענדיגט און אַלע בלוטיגע שפּורען מיט אַ ווייסען שלייער צוגעדעקט.

דערנאָך האָט ער אריינגעזעצט דעם מיסט־גאָפּעל ווידער אין דער קופּע און איז צוריק אוועק אין׳ס הויז.

די פלאַש שנאַפּס איז נאָך געשטאַנען אויף׳ן טיש. ער האָט זי אין איין אטהעם אויסגעטרונקען, אַ וואָרף געטהאָן זיך אויף׳ן בעט און איז אנשלאָפען געוואָרען ווי אַ דער׳הרג׳עטער.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז ער געווען ניכטער. דאַן האָט ער רוהיג ארומגעקלערט, וואָס צו טהאָן.

אַ שטונדע דערנאָך איז ער ארומגעלאָפען איבער דער גאַנ־צער געגענד און זיך אומעדום נאָכגעפרעגט אויף׳ן סאָלדאַט. ער איז אויך אוועק צו די דייטשע אָפיציערען מיט אַ טענה, פאַר־וואָס מען האָט פון איהם אוועקגענומען זיין סאָלדאַט.

און אזוי ווי אומעדום האָט מען געוואוסט וועגן זייער ביי־דענם גרויסע פריינדשאַפט, איז קיינעם גאָר ניט איינגעפאַלען איהם צו פערדעכטיגען. ער האָט נאָך ארויסגעלאָזט א קלאַנג, אז דער סאָלדאַט איז יעדען אבענד נאָכגעלאָפען די ווייבער אין׳ם דאָרף, כדי מען זאָל דעם שולדיגען זוכען צווישען יענע, וואָס האָבען געהאַט ווייבער אָדער טעכטער.

אן אלטער אויסגעדיענטער זשאנדארם, וואָס האָט אין דער געגענד געהאלטען א שענק און געהאַט א שענע טאָכטער, איז טאַקי שפּעטער ארעסטירט געוואָרען און מען האָט איהם דערשאָסען.

די שטוהל־פלעכטערין

דער דינער, וואָס איז געגעבען געוואָרען ביי דעם מארקיז בערטראַן לכבוד דער ערעפנונג פון דעם געיעג, איז געווען צו ענדע. עלף יעגער, אכט יונגע פרויען און א דאָקטאָר פון דער נאכבארשאפט זיינען געזעסען ארום דעם גרויסען העל־בעלויכטענעם טיש, אויף וועלכען עס זיינען געשטאַנען פרוכט און בלומען.

מען האָט גערעדט פון ליעבע און עס האָט אויסגעבראָכען א גרויסער שטרייט, דער אייביגער שטרייט וועגען דעם, אויב מען קאָן אין׳ם לעבען ליעבען עטליכע מאָל אָדער די אמת׳ע ליעבע קומט נור איין מאָל. מען האָט אָנגערופען אלערליי מענשען, וועלכע האָבען געהאט נור איין אמת׳ע ליעבע, דאַן האָט מען גערעדט פון אזעלכע, וועלכע האָבען אייניגע מאָל ליידענשאפטליך געליעבט. כמעט אלע מענער האָבען בעהויפטעט, אז די ליידענשאפט, פונקט ווי א קראַנקהייט, קאָן עטליכע מאָל בעפאַלען איינעם און דעם זעלביגען מענשען און איהם טויטליך פערוואונדען, אויב א וועלכע ניט איז שטערונג שטעהט איהר אין׳ם וועג. הגם מען האָט געגען אזא מין בליק אייגענטליך ניט געקענט שטרייטען, דאָך האָבען די פרויען, וועלכע האָבען זייערע ערפאַהרונגען געשעפּט מעהר פון די ראָמאַנען, ווי פון׳ם ווירקליכען לעבען, בעהויפּטעט, אז די ליעבע, די אמת׳ע ליעבע, די גרויסע ליעבע, קאָן נור טרעפען דעם מענשען איין מאָל, אז זי איז ווי דער בליץ ; און איז איינמאָל דאָס האַרץ פון אזא מין ליעבע געטראָפען, ווערט עס אין גאַנצען פערברענט און פערטריקענט אזוי, דאָס קיין אַנדערער שטאַרקער געפיהל, אָדער א טרוים זאָגאַר, וועט שוין דאָרט מעהר קיין פּלאַץ ניט געפינען.

דער מארקיז, וועלכער האט אין זיין לעבען פיעל מאל גע־ליעבט, האט זיך שטארק געשטעלט אנטקעגען דער דאזיגער מיי־נונג.

— איך זאג אייך, אז א מענש קאן ליעבען מיט אלע זיינע קרעפטען, מיט זיין גאנצער נשמה מעהרערע מאל. איהר ברייננט מיר אלס ביישפיעל מענשען, וועלכע זיינען געשטארבען אויס ליעבע און ווילט דערמיט בעווייזען די אונמעגליכקייט פון א צווייטער ליידענשאפט. איך קאן אייך אבער דערויף ענטפערען, אז ווען זיי וואלטען ניט געהאט בעגאנגען די דאזיגע נארישקייט, זיך צו נעהמען דאס לעבען, וואס עס האט פון זיי אוועקגענומען די מעגליכקייט זיך ווידער צו פערליעבען, וואלטען זיי אין גיכען געהיילט געווארען. זיי וואלטען דאן געליעבט פון דאס ניי, ווידער אמאל און נאך אמאל, און אזוי ביז'ן טויט. מיט די פערליעבטע איז פונקט אזוי ווי מיט די שיכורים. ווער עס האט איין מאל גע־טרונקען, טרינקט ווייטער, ווער עס האט איינמאל געליעבט, פער־ליעבט זיך ווייטער, דאס איז א זאך פון טעמפעראמענט.

אלס ריכטער האט מען אויסגעקליבען דעם דאקטאר, אן אל־טען פאריזער דאקטאר, וועלכער האט אויפגעגעבען זיין פראקטיק און זיך בעזעצט אין דארף. מען האט איהם געבעטען, ער זאל אויס־שפרעכען זיין מיינונג וועגען דער דאזיגער פראגע.

אבער גראד וועגען דעם האט ער ניט געהאט קיין פעסטע, בעשטימטע אייגענע מיינונג און ער האט זיך אנגערופען:

— דער מארקיז האט זעהר ריכטיג בעמערקט: דאס איז א פראגע פון טעמפעראמענט. איך וויים אבער פון א ליידענשאפט, וואס האט אנגעהאלטען גאנצע פינף און פופציג יאהר און האט זיך געענדיגט ערשט מיט'ן טויט.

די מארקיזע האט גענומען פאטשען אין די הענד:

— ווי שען דאס איז! און וואס פאר א גליק, אזוי שטארק געליעבט צו ווערען! וואס פאר א גרויס גליק אבצולעבען פינף און פופציג יאהר, ארומגערינגעלט מיט אזא טרייער, מיט אזא ריה־רענדער ליעבע. ווי גליקליך דארף זיין דער מאן און ווי דארף ער דאנקען גאט פאר אזא שטארקען, אזא שטענדיגען געפיהל.

דער דאָקטאָר האָט אַ שמייכעל געטהאָן :

— יאַ,ווירקליך, מאַדאַם, אין דעם האָט איהר גראָד קיין טעות ניט געהאַט. די געליעבטע פּערזאָן איז געווען אַ מאַן. איהר קענט איהם אויך, דאָס איז הערר שוקע, דער דאָרפישער אַפּטהעקער. און די פרוי האָט איהר אויך אַלע געקאַנט. דאָס איז געווען די אַלטע שטוהל־פלעכטערין, וועלכע פלעגט קומען איין מאָל אַ יאָהר אין שלאָס. אָבער איך וועל אייך די דאָזיגע געשיכטע דערצעהלען אין גאַנצען.

די בעגייסטערונג פון די פרויען איז גלייך פערשוואונדען, אַ מין סאָרט עקעל האָט זיך אויף זייערע פּנים'ער בעוויזען, ווי די ליעבע וואָלט געווען געשאַפען נור פאַר די פיינע, אַריסטאָקראַטי־שע לייט און וואָלט געהאַט אַ'ן אינטערעס נור פאַר דער גוטער גע־זעלשאַפט.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען :

— מיט דריי מאָנאַטען צוריק האָט מען מיך גערופען צום טוי־טען־בעט פון דער דאָזיגער אַלטער פרוי. זי איז געקומען צופאָהע־רען מיט אַ טאָג פריהער אין אַ וואָגען, וועלכער האָט איהר גע־דיענט אַלס הויז. דער דאָזיגער וואָגען איז געשלעפּט געווען פון איין פערד און בעגלייט פון צוויי גרויסע, שוואַרצע הינד, וואָס זיי־נען געווען איהרע פריינד און בעשיצער. דער פּריסטער איז שוין געווען דאָרט. זי האָט אונז געבעטען, מיר זאָלען אויספיהרען איהר צוואה. און אום קלאָהר צו מאַכען דעם זין פון איהר לעצטען ווי־לען, האָט זי אונז דערצעהלט די געשיכטע פון איהר גאַנץ לעבען. איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געהערט עטוואָס מערקווירדיגערעס, עטוואָס מעהר ריהרענדעס.

איהר פאָטער איז געווען אַ שטוהל־פלעכטער, איהר מוטער דאָסגלייכען. זי האָט קיין מאָל ניט געוואָהנט אין קיין געבויטען הויז.

אַלס קינד איז זי אַרומגעלאָפען אַ שמוציגע, אַ פאַרלייזיגטע, אין צוריסענע טראַנטעס.

זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט ביים אַריינגאַנג פון יעדען דאָרף און אויסגעשפּאַנט דעם וואָגען. דער פערד האָט זיך געפיטערט

אויף'ן גראז, דער הונד האט געשלאפען, די מאַרדע אויף די לאפּעס אנגעשפּאַרט, און דאס מיידעלע האט זיך געוואלגערט אין גראז, וועהרענד איהר פאטער און מוטער האבען אונטער'ן שאטען פון די אולמען־בוימער אויף'ן וועג אַלע אַלטע שטוהלען פון דאָרף פער־ריכט.

אין דעם דאזיגען בעוועגליכען הויז האט קיינער נישט גע־רעדט, סיידען מען האט זיך מיישב געווען און בעשלאסען, ווער עס זאל ארומגעהן פאר די הייזער פון'ם דאָרף און ארויסשרייען דעם בעקאנטען געשריי: „שט־וה־לען פלע־כ־טען!" און דאן האט מען זיך געזעצט אנטקעגען אדער איינער נעבען אנדערן און מען האט שטום געארבייט. ווען דאס קינד איז אנטלאפען צו ווייט, אדער האט זיך פערשפּיעלט מיט עפּעס אן אינגעל פון'ם דאָרף, האט דער בייזער קול פון דעם פאטער זי גערופען צוריק:

— דו זאלסט מיר גלייך אהער געהן, דו נארישע מויד!

דאס זיינען געווען די איינציגע צערטליכע ווערטער, וואס זי האט ווען־עס־איז געהערט.

ווען זי איז גרעסער געווארען, האט מען זי גענומען אין די הייזער, צו העלפען שלעפּען די לעבערדיגע שטוהלען. דאן האט זי אנגעהויבען צו פערפיהרען בעקאנטשאפטען מיט די דארפישע אינגלאך. אבער די עלטערן פון איהרע נייע פריינד האבען אויף זייערע קינדער גראָב געשריען:

„דו זאלסט מיר גלייך אהער געהן, דו נארישער יונג, דו זאלסט זיך מיר ניט אוועקשטעלען רעדען מיט אזא באָרוועסער שלעפּערקע!"

אפט האבען די אינגלאך געווארפען אין איהר שטיינער.

צייטענווייז האט איהר איינע פון די פרויען געשענקט א פּאאר סו, וועלכע זי האט זעהר פארזיכטיג בעהאלטען.

איין מאל, זי איז דאן אלט געווען עלף יאהר, זיינען זיי דורכ־געפאהרען אין דער געגענד און דאן האט זי הינטער'ן בית עולם בעגעגענט דעם קליינעם שוקע, וועלכער האט ביטער געוויינט, פאר־וואס א חבר האט ביי איהם אבגענומען צוויי העללער. די טרעה־רען פון דעם אינגעל, וואס האט נאך דער מיינונג פון דער אָרי־

מער, עלענדער מיידעלע, געהערט צו יענעם קלאַס, וועלכער איז אימער גליקליך און צופריעדען, האָט זי טיעף געריהרט. זי איז צוגעגאנגען צו איהם און, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, פאַרוואָס ער וויינט, האָט זי איהם אריינגעשטופט אין האנד אלע איהרע אָבגעשפאָרטע געלד: זיעבען סו. ער האָט זיי צוגענומען און זיך אָבגעווישט די טרעהרען. דאן איז זי געוואָרען אזוי ווילד פאַר פרייד, דאָס זי האָט איהם געוואגט א קוש צו טהאָן. פערנומען מיט בעטראכטען די מטבעות, האָט ער ניט פראָטעסטירט. און ווען זי האָט דערזעהן, אז מען שטויסט זי ניט אָב און מען שלאָגט זי ניט, האָט זי איהם א קוש געטהאָן נאָך אמאָל, ארומגענומען איהם פעסט און צוגעדריקט צו איהר הארצען. דאן איז זי אנטלאָפען.

וואָס איז פאָרגעקומען אין איהר אונגליקליכער נשמה? האָט זי זיך צוגעבונדען צו דעם דאָזיגען אינגעל דערפאר, ווייל זי האָט איהם אָבגעגעבען איהר גאנץ פערמעגען, די פּאָאר בעטלערשע גראָשען, אָדער דערפאר, ווייל ער איז געווען דער ערשטער, וועמען זי האָט צערטליך געקושט? דער דאָזיגער סוד איז פאַר קינדער און פאַר ערוואקסענע — איינער און דער זעלבער.

מאָנאטען לאנג האָט זי געחלום'ט פון דעם ווינקעל אויף'ן בית עולם, וואו זי האָט דעם אינגעל געטראָפען. און האָפענדיג איהם ווידער צו זעהן, האָט זי בע'גנב'עט איהרע עלטערן, געכאפּט א סו ביים פאררינכטען די שטוהלען אָדער ביים איינקויפען עסענוואַרג.

און ווען זי איז ווידער אהערגעקומען, האָט זי שוין געהאַט גאנצע צוויי פראַנק אין דער קעשענע. אָבער דעם אפּטייקער אינגעל האָט זי נור געקאָנט זעהן פון ווייטען, א ריינעם, א זויבערן הינטער דעם פענסטער פון זיין פאָטערס אפּטהעק צווישען א רויטער פלאַש און א גלעזערנער כלי מיט ספּירט.

איצט האָט זי איהם געליעבט נאָך מעהר, פערפּיהרט, געבלענדעט, בעצויבערט פון דעם וואונדערליכען שימער, וועלכען דאָס רויטע גלאָז האָט אויף איהם געוואָרפען, פון דעם גלאנץ, וועלכער איז געפאלען אויף איהם פון דעם בליסטשענדיגען קריסטאַל.

זי האָט בעהאלטען טיעף אין איהר הארצען די דאָזיגע ער־

אינערונג און ווען זי האט איהם אויפ'ן צווייטען יאהר געטראפען הינטער'ן שול־הויף, שפיעלענדיג מיט זיינע חברים אין מארבעלס, האט זי זיך אויף איהם א ווארף געטהאן, אנגעכאפט איהם פאר'ן ארעם און גענומען קושען מיט אזא ברען, דאס ער האט גענומען קוויטשען פאר שרעק. אום איהם צו בערוהיגען, האט זי איהם אבגעגעבען איהר געלד : דריי פראנק צוואנציג סאנטים, א גאנ־צער אייגענס, וועלכען ער האט בעטראכט מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען.

ער האט גענומען דאס געלד און זיך געלאזט לאסטשען ווי־פיעל זי האט געוואלט.

פיער יאהר נאכאנאנד האט זי איהם אבגעגעבען אלע איהרע אבגעשפארטע גראשענס, וועלכע ער האט גאנץ פארזיכטיג אראב־געלאזען אין קעשענע, ערלויבענדיג איהר דערפאר איהם צו קו־שען. אמאל האט זי איהם געבראכט דרייסיג סו, א'ן אנדער מאל דריי פראנק און איין מאל נור צוועלף סו — זי האט ביטער גע־וויינט פאר וועהטאג און שאנדע, וואס זי האט אזוי ווייניג, אבער דער יאהר איז געווען זעהר א שלעכטער — און דאס לעצטע מאל האט זי איהם געגעבען פינף פראנק, א גרויסע, רונדע גאלדשטיק, וועלכע האט ביי איהם ארויסגערופען א צופריעדענעם שמייכעל.

זי האט געטראכט נור פון איהם און אויך ער האט זי יעדעס מאל ערווארטעט מיט אונגעדולד און איז איהר געלאפען אנטקעגען אזוי שנעל, ווי ער האט זי דערזעהן, אזוי, דאס דער מיידעלס הארץ האט געקלאפט פאר פרייד.

דערנאך איז ער פערשוואונדען. מען האט איהם אריינגע־געבען אין א גימנאזיאום. זי האט זיך וועגען איהם פארזיכטיג נאכגעפרעגט און זיך וועגען דעם דערוואוסט. דאן האט זי אנ־געווענדעט די פערשיעדענסטע מיטלען, אויסגעטראכט די פערשיע־דענסטע פלענער, ווי אזוי צו בעוועגען איהרע עלטערען, צו ענדערען זייער רייזע־מארשרוט, אום זיי צו ברענגען אין דארף אין יענער צייט, ווען ער איז אהין געקומען אויף קאניקולעס. און נאך א גאנצען יאהר איינריידען זיי, איז איהר ענדליך דאס געלונגען. אויף אזא'ן אופן האט זי איהם גאנצע צוויי יאהר ניט געזעהן, און

ער האָט זיך אזוי פערענדערט, דאָס זי האָט איהם קוים דערקאָנט. ער איז אויסגעוואקסען, האָט אויסגעזעהן העכער, שעהנער, סטאַטעטשנער אין זיין ראָק מיט די גאָלדענע קנעפּ. ער האָט זיך געמאכט, ווי ער בעמערקט זי ניט און איז שטאָלץ פערביי געגאַנגען איהר.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט זי איבער דעם ניט אויפגעהערט צו וויינען און פון דעמאָלט אָן האָט זי איהר שמערץ קיין מאָל ניט געקענט פארגעסען.

יעדען יאָהר איז זי ווידער אהער אין דאָרף געקומען, איז פאַרביי איהם פארבייגעגאַנגען און ניט געוואָגט איהם צו בעגריסען. ער האָט אויף איהר אפילו ניט אַ קוק געטהאָן. זי האָט איהם משוגע געליעבט. זי האָט צו מיר געזאָגט:

— ער איז דער איינציגער מאַן, וועלכען איך האָב געזעהן אויף דער גאַנצער וועלט, הערר דאָקטאָר. איך האָב אפילו ניט געוואוסט, צו עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע אויך.

איהרע עלטערן זיינען געשטאָרבען. זי האָט פאָרטגעזעצט זייער געשעפט, אַבער אנשטאַט איין הונד, האָט זי געהאַלטען צוויי, צוויי גרויסע, בייזע הינד, פאַר וועלכע אַלע האָבען מורא געהאַט.

איין טאָג, בעת זי האָט זיך צוריקגעקעהרט אין דאָרף, וואו זי האָט אויף אייביג איהר הארץ פערלאָרען, האָט זי דערזעהן אַ יונגע פרוי, אַרויסקומענדיג פון אַפּטהעק געאָרעמט מיט איהר געליעבטען. דאָס איז געווען זיין פרוי. ער איז געווען פערהייראַט.

אין אָבענד פון יענעם טאָג האָט זי זיך אַריינגעוואָרפען אין טייך אויף דעם הויפּט פּלאַץ פון דאָרף. אַ פערשפּעטיגטער שיכור האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון'ם וואַסער און זי געבראַכט אין אַפּטהעק אריין. דער יונגער שוקע איז אַרונטערגעקומען אין שלאָף־ראָק, אום איהר צו העלפען און, ווי נישט דערקענענדיג זיי, האָט ער איהר אויסגעטהאָן, זי גוט אויסגעריבען און געזאָגט צו איהר דאָן מיט אַ הארטען טאָן:

— איהר זייט משוגע! איהר דאַרפט ניט טהאָן אַזעלכע נאַרישקייטען.

דאָס איז געווען גענוג זי אויסצוהיילען. ער האָט מיט איהר

גערערט. דאָס האָט זי גליקליך געמאכט אויף א לאנגער, לאנגער צייט.

ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָננעהמען פון איהר קיין געצאָהלט פאר זיין מיה, הגם זי האָט ניט אנדערש געוואָלט נור איהם צו בעצאָהלען.

און אזוי איז אוועק איהר לעבען. זי האָט געפלאָכטען די שטרוי און דערביי שטענדיג געטראכט פון שוקע'ן. יעדען יאָהר האָט זי איהם געזעהן הינטער די שויבען פון זיין אפטהעק. זיא האָט זיך צוגעוועהנט צו קויפען ביי איהם פערשיעדענע היימישע רעצעפּטען. אויף אזא אופן האָט זי איהם געזעהן גאנץ נאָהענט, האָט מיט איהם גערערט און איהם ווידער געלד געגעבען.

ווי איך האָב אייך אין אָנהויב פון מיין ערצעהלונג געזאָגט, איז זי ערשט היינטיגען פריהלינג געשטאָרבען. נאָכדעם ווי זי האָט מיר דערצעהלט איהר טרויעריגע געשיכטע, האָט זיך מיך געבעטען איבערצוגעבען דעם מאן, ועמען זי האָט אזוי געדולדיג געליעבט, אלסדינג, וואָס זי האָט אָבגעשפּאָרט פאר איהר גאנץ לעבען, דען זי האָט געארבייט נור פאר איהם, אליין האָט זי געליטען הונגער, ניט געגעסען און ניט געטרונקען, אבי נור צו שפּאָרען; אום זי זאָל זיין זיכער, אז ער וועט זיך כאָטש איין מאָל אָן איהר דערמאָנען, נאָכדעם ווי זי וועט שוין זיין טויט.

זי האָט מיר איבערגעגעבען צוויי טויזענד דריי הונדערט זיעבען און צוואנציג פראנק. איך האָב געלאָזט זיעבען און צוואנציג פראנק ביי'ם פריסטער קבורה־געלד פאר איהר און דאָס איבעריגע געלד האָב איך צוגענומען צו זיך נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעהויכט איהר לעצטען אָטהעם.

אויף'ן צווייטען טאָג בין איך אוועק צו דער פאמיליע שוקע. זיי האָבען נור־וואָס געענדיגט עסען זייער פריהשטיק און זיינען געזעסען איינער אנטקעגען אנדערן דיק, רויט, געזונד, דורכגענומען מיט דעם גערוך פון אפּטהעק, וואזשנע און זעלבסט־צופריעדען.

מען האָט מיך געבעטען זיצען און דערלאנגט א שנאפּס, וועלכען איך האָב אויסגעטרונקען. דאן האָב איך זיי גענומען דער־

צעהלען די געשיכטע מיט א בעוועגטען טאָן, זייענדיג איבערצייגט, אז איך וועל זיי ריהרען ביז צו טרעהרען.

אזוי גיך ווי ער האָט בעגריפען אז די דאָזיגע שלעפערקע, די בעטלערקע, די שטוהל־פלעכטערין האָט איהם געליעבט, איז ער געוואָרען אויסער זיך, ער איז אזש אויפגעשפרונגען פאר צאָרן, אקוראט ווי זי וואָלט ביי איהם צוגענומען זיין גוטען נאָמען, זיין עהרע, די אכטונג פון אלע מענשען, וואָס איז איהם געווען טהייערער ווי דאָס לעבען.

זיין פרוי האָט זיך געפיהלט בעליידיגט און צורייצט, פונקט אזוי ווי ער, און האָט ניט אויפגעהערט צו קאָכען זיך:

— אזא אלטע שלעפערקע, אזא שלעפערקע ! אזא בעט־לערקע !...

זי האָט ניט געקענט געפינען קיין אנדער וואָרט.

ער איז אויפגעשטאנען, האָט גענומען שפרייזען מיט גרויסע טריט ארום טיש אין א קליין מיצעל, וועלכע איז איהם אראָב־געפאָהרען אויף אן אויער, און געשטאמעלט:

— וואָס זאָגט איהר דערצו, דאָקטאָר, ווי איז דאָס מעגליך ? דאָס איז דאָך א שרעקליכע זאַך פאר א מאַן ווי איך. וואָס זאָל מען איצט טהאָן ? ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט, ווען זי האָט נאָך געלעבט, וואָלט איך זי געלאָזט ארעסטירען און אין געפענגניס פערשפאַרען און איך פערזיכער אייך, אז זי וואָלט שוין ביי מיר פון דאָרט ניט ארויסגעקומען.

איך בין געוואָרען שטאַרק צומישט פון דער דאָזיגער ערקלעה־רונג זיינער. איך האָב ניט געוואוסט ניט וואָס צו זאָגען און ניט וואָס צו טהאָן. אָבער איך האָב געמוזט אויספיהרען דער אלטער'ס בקשה און איך האָב געזאָגט:

זי האָט מיר געהייסען אייך איבערגעבען איהרע אָבגעשפּאָר־טע געלד, צוויי טויזענד דריי הונדערט פראנק. אָבער אזוי ווי איך זעה, אז דאָס וואָס איך האָב אייך מיטגעטהיילט, איז אייך זעהר אונאנגענעהם, וואָלט אפשר געווען דאָס בעסטע, ווען מען זאָל דאָס דאָזיגע געלד פערטהיילען צווישען די אָרימע לייט.

מאַן און ווייב האָבען מיך אָנגעקוקט, ווי פון א דונער גע־טראָפען.

איך האָב ארויסגענומען פון קעשענע דער אונגליקליכער׳ס שווער־פערהאָרעוועטע מטבעות פון אלע לענדער, פון אלערליי מינים, גאָלד און קופער אויסגעמישט אין איינעם. דאן האָב איך געפרעגט:

— אלזאָ, וואָס דענקט איהר צו טהאָן ?

פרוי שוקע האָט זיך אָנגערופען די ערשטע :

— אַזוי לאַנג ווי דאָס איז געוועזען דער לעצטער ווילען פון יענער פרוי... דאכט זיך מיר, אז אונז וועט שווער זיין זיך דער־פון אָבצוזאָגען.

דער מאַן האָט צוגעלייגט עטוואָס פערלעגען :

— אויף יעדען פאַל האָבען מיר דערפאַר געקאָנט קויפען עפּעס פאַר אונזערע קינדער.

איך האָב געענטפערט טרוקען :

— טהוט וואָס איהר ווילט.

און ער האָט ווידער אָנגעהויבען :

— אַזוי לאַנג ווי זי האָט אייך געהייסען עס אונז איבערצו־געבען, טאָ גיט עס אהער, מיר וועלען שוין וויסען, ווי עס צו פער־ברויכען אויף עפּעס א גוטער זאַך.

איך האָב אָבגעגעבען דאָס געלד, זיך געזעגענט מיט זיי און בין אוועק.

אויף׳ן צווייטען טאָג איז שוקע געקומען צו מיר און געזאָגט מיט כעס :

— אָבער זי האָט דאָך דאָ געלאָזט איהר וואָגען אויך, יענע... יענע פרוי. וואָס וועט איהר דערמיט טהאָן, איך מיין מיט דעם וואָגען ?

— גאָרנישט, איהר קאָנט איהם אויך צונעהמען, אויב איהר ווילט.

— זעהר גוט, איך דאַרף איהם טאַקע האָבען, איך וועל דאַרפען מאַכען א ליעטאַנקע פאַר מיין אויבסט־גאָרטען.

ער איז אוועק. איך האָב איהם גערופען צוריק :

— זי האָט נאָך איבערגעלאָזט אַ'ן אַלטען פערד און איהרע צוויי הינט. ווילט איהר זיי אויך האָבען ?

ער איז געבליעבען שטעהן ערשטוינט, האָט געטראַכט אַ וויילע, און דערנאָך געענטפערט :

— אָך, ניין, וואָס קאָן איך דערמיט טהאָן ? טהוט איהר מיט זיי וואָס איהר ווילט.

ער האָט זיך צולאַכט. דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנד, וועלכע איך האָב אַ דריק געטהאָן. וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן ? וואָהנענדיג אויף איין פּלאַץ, טאָר זיך דער דאָקטאָר מיט'ן אַפּטהעקער ניט קריעגען.

די הינט האָב איך געלאָזט ביי זיך און דער פּריסטער, וועלכער בעזיצט אַ גרויסען הויף, האָט צוגענומען דעם פערד. דער וואָגען דיענט שוקע'ן אַלס אַ מין ליעטאַנקע און פאַר דאָס געלד האָט ער געקויפט פינף אייזענבאַהן אַקציעס.

דאָס איז די איינציגע טיעפע ליעבע, וואָס איך האָב אין מיין לעבען געטראָפען.

דער דאָקטאָר איז אַנשווייגען געוואָרען.

דאַן האָט די מאַרקיזע אַ זיפץ געטהאָן און מיט אויגען פול מיט טרעהרען האָט זי אַרויסגערעדט :

— יאָ, נור פרויען קאָנען אמת ליעבען !

דאס שייטעל האלץ

דער סאלאן איז געווען קליין, אין גאנצען בעשלאגען מיט דונקעלע טאפעטען און דורכגענומען מיט געשמאקע ריחות פון פארפיום. אין דעם ברייטען קאמין האט דאס פייער געפלאקערט און דער איינציגער לאמפ, אונטער א שירם פון אלט־פרענקישע שפיצען, האט געווארפען זיין מילדע ליכט אויף די צוויי מענשען, וואס האבען זיך אונטערהאלטען.

זי, די בעל הבית'טע פון'ם הויז, איז געווען איינע פון יענע רייצענדע ווייס־האאריגע אלטינקע, אהן איין קנייטש אויף'ן פנים, מיט א הויט, גלאט און דין, ווי פיינע פאפיר. זי האט אין גאנצען געשמעקט פון די פערשיעדענע פארפיומען, מיט וועלכע זי האט זיך אזוי לאנג געוואשען. האט מען איהר האנד געקושט, האט זיך אויסגעוויזען, ווי מען וואלט א קעסטעלע שמעקענדיגע פלארענטינער איריז־פודרע געעפענט.

ער איז געווען אן אלטער פריינד, וואס איז פערבליבען אן אלטער בחור, א פריינד, וואס האט זי בעזוכט יעדע וואך, א גוטער בעגלייטער אויף דער לעבענס־רייזע, און ניט מעהר.

זיי זיינען אנשווייגען געווארען. ביידע האבען געקוקט אויף דאס פייער, אין געדאנקען פערלארען, אין יענעם פריינדשאפטליכען שווייגען פון מענשען, וואס האבען ניט נויטיג נאכאנאנד צו ריידען, אום צו פיהלען זיך אנגענעהם איינער נעבען אנדערן.

פלוצים האט א גרויסע ברענענדיגע שייטעל האלץ, ווי א שטאם מיט פלאקערענדיגע ווארצלען, זיך ארויסגעקייקעלט פון דעם קאמין, האט זיך ארויסגעקייקעלט, אריבערגעשפרונגען דעם

קאַמין־שטאַבעט און האָט זיך אוועקגעקייקעלט איבער'ן טעפּיך, וואַרפענדיג אַרום זיך פונקען.

די אַלטינקע האָט מיט אַ שטילען געשריי זיך אַ כאַפּ גע־טהאָן פון דעם פאָטעל, אַזוי ווי זי וואָלט בדעה געהאַט צו אַנט־לויפען; נור ער האָט מיט אַ פוס־שטויס צוריק געשליידערט דאָס ברענענדיגע שייטעל האָלץ אין קאַמין אריין און אויסגעטראָטען מיט די פּאַדעשוועס די צוואוואָרפענע פונקען.

ווען אַלסדינג איז ווידער פעררינכט געוועו, האָט זיך דאָך אין דעם סאַלאָן אָפּגעשטעלט אַ שטאַרקער גערוך פון שמאַליעניש.

דער הערר האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט געגען זיין פריינדין און, אָנווייזענדיג אויף דאָס שייטעל האָלץ אין דעם קאַמין, האָט ער ארויסגערעדט מיט אַ שמייכעל:

— אָט ווער עס איז שולדיג, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהייראַטעט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט מיט יענעם נייגע־ריגען פרויען־אויג, וואָס וויל וויסען אַלסדינג, מיט יענעם אויג פון אַן עלטערער פרוי, וואָס פערבאָרגט אין זיך אַן אויסגערעכענטע, איבערלייגטע נייגעריגקייט און זי האָט געפרעגט:

— וואָס הייסט?

— אַך, דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע, אַ גאַנץ טרויעריגע און העסליכע געשיכטע! — האָט ער געענטפערט.

מיינע אַמאָליגע חברים האָבען זיך ניט איינמאָל געוואונ־דערט איבער די פּלוצומדיגע קאַלטקייט צווישען זשוליען, איינעם פון מיינע בעסטע פריינד, און מיר. זיי האָבען ניט געקענט פער־שטעהן, ווי אַזוי האָט געקאָנט געמאָלט זיין, דאָס אַזוינע אינטימע פריינד, ווי מיר זיינען געוועזן, זאָלען מיט אַמאָל ווערען פרעמד איינער צום אַנדערען. איך וועל אייך ערקלערען ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט.

פריהער האָבען מיר ביידע, איך און ער, געוואָהנט צוזאַמען. קיינמאָל האָבען מיר זיך ניט צושיידט, און אונזער פריינדשאַפט איז אַזוי פעסט געוועזן, דאָס קיינער און גאָר נישט האָט, דאַכט זיך, זי ניט געקענט ברעכען.

איינמאָל אַ ביינאַכט, קומענדיג אַהיים האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער געהט הייראַטהען.

דאָס האָט אויף מיר אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַזוי ווי ער וואָלט מיך בע׳גנב׳עט אָדער פערראַטהען. ווען אַ פריינד האָט חתונה געהאַט, איז נאָך דער פריינדשאַפט. די אייפערזיכטיגע ליעבע פון אַ פרוי, אין וועלכער עס זיינען שטענדיג פערבאָרגען מיס־טרויען, אונרוהע און זינליכקייט, קען ניט פערטראָגען די קרעפ־טיגע, פרייע צונויגונג צווישען צוויי מענער, קען ניט פערטראָ־גען די דאָזיגע גייסטיגע ליעבע.

ווייסט איהר, מאַדאַם: ווי שטאַרק די ליעבע זאָל ניט זיין צווישען מאַן און פרוי, מיט זייער גייסט און זעעל וועלען זיי דאָך תמיד פערבלייבען פרעמד איינער דעם אַנדערן. זיי וועלען פער־בלייבען פיינד. זיי געהערען צו בעזונדערע ראַסען; צווישען זיי וועלען שטענדיג זיין זיעגער און בעזיעגטע, הערין און שקלאַ־פען. דאַ בעזיעגט ער, דאָ בעזיעגט זי, אָבער גלייך זיינען זיי קיינ־מאָל ניט. זיי דריקען זיך די הענד, וואָס ציטערען פאַר ליעבעס־פייער, אָבער קיינמאָל ניט מיט אַ פעסטען שטאַרקען, עהרליכען האַנד־דרוק, מיט יענעם האַנד־דרוק, וואָס מען גיט אַ פריינד, בעת דאָס הארץ עפענט זיך אין אַ מאָמענט פון אויפריכטיגער, קרעפ־טיגער, הערצליכער צונויגונג. אַ פערשטענדיגער מענש, אַנשטאַט צו הייראַטהען און ברענגען קינדער אויף דער וועלט אַלס טרייסט פאַר די עלטערע יאָהרען, — קינדער וואָס וועלען איהם סוף כל סוף דאָך פערלאָזען, — זאָל ער זיך בעסער אויפזוכען אַ גוטען, טרייען פריינד אום אויסצולעבען מיט איהם זיינע יאָהרען אין יענער געמיינזאַמקייט פון גייסטיגע אינטערעסען, וועלכע איז נור מעגליך צווישען מאַן און מאַן.

קורץ, מיין פריינד זשוליען האָט געהייראַטעט. זיין פרוי איז געוועזען שען, רייצענד, אַ רונד, קליין ווייבעלע מיט בלאָנדע לאָקען, און האָט איהם, דאַכט זיך, פערגעטערט.

צוערשט בין איך געגאַנגען צו זיי זעלטען. איך האָב זייער האָניג־מאָנאַט ניט געוואָלט שטערען און געפיהלט זיך אַן איב־ריגער צווישען זיי. אָבער זיי האָבען מיך אַלץ גערופען צו זיך,

נאָכאַנאַנד מיך געשלעפּט צו זיך. זיי האָבען מיך, קאַנטיג, ליעב געהאַט.

ביסלעכווייז האָב איך זיך געלאָזט פערשלעפּען אין דעם זיסען רייץ פון זייער געמיינזאַמען לעבען אריין און אָפּט האָב איך ביי זיי געגעסען. און ביינאַכט, ווען איך בין אהיים געקומען, האָב איך איצט אָפּט געטרוימט, צו טהאָן, ווי זשוליען: הייראַטהען. דען מיין וואָהנונג האָט איצט אויסגעזעהן איינזאַם, טרויעריג און וויסט.

זיי האָבען, דאַכט זיך, פערגעטערט איינער דעם אַנדערן און איינער אָהן דעם צווייטען האָט, דאַכט זיך, לעבען ניט געקענט.

איינמאָל אַ ביינאַכט בעקום איך פון זשוליען אַן איינלאַדונג צו סאַפּער. איך קום צוגעהן, זאָגט ער מיר:

— מיין ליעבער, באַלד נאָך סאַפּער מוז איך אוועקגעהן וועגען אַ נויטיגען געשעפט. פריהער פון עלף וועל איך ניט קענען זיין, אָבער עלף בין איך זיכער צוריק. איך וויל, דו זאָלסט דאָ פערברענגען מיט בערטהאַ'ן.

ווען איך בין געקומען, האָט די יונגע פרוי אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— דאָס איז געווען מיין פּלאַן צו שיקען נאָך אייך.

איך האָב איהר די האַנד געדריקט:

— איהר זייט זעהר פריינדליך.

איך האָב דערפיהלט אַ לאַנגען, הייסען דרוק פון איהרע פינגער, אָבער בשעת מעשה איז עס מיר גאָר ניט אויפפאַלענד געוואָרען.

מיר האָבען זיך געזעצט צום טיש און פּונקט אום אַכט האָט זשוליען אונז פערלאָזען.

גלייך ווי ער איז ארויס, האָבען מיר, איך און זיין פרוי, זיך גענומען פיהלען עפּעס אין אַ מין מאָדנער פערלעגענהייט. ביז היינט זיינען מיר נאָך קיינמאָל ניט געווען אליין און, טראָץ דער פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט צווישען אונז מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר און מעהר, איז דאָס בלייבען איצט אליין פאַר אונז געווען מאָדנע ניי, אונגעוועהנליך ניי. מיר האָבען זיך דער־

פיהלט אין עפּעס א גאַנץ נייער לאַגע. איך האָב אָנגעהויבען צו ריידען וועגען אַלגעמיינע זאַכען, ווי מען טהוט עס געוועהנ־ליך, בעת מען פיהלט זיך אין אַזאַ לאַגע. זי האָט ניט געענט־פערט, איז געזעסען געגען מיר אויף דער אַנדער זייט פון דעם קאַמין מיט אַן אַרונטערגעלאָזטען קאָפּ און צוטראָגענע אויגען, אויסגעשטרעקט איין פוס געגען פייער, אַזוי ווי זי וואָלט דעם קאָפּ געבראָכען איבער עפּעס אַ שווערע פראַגע. ווען די באַנאַלע טהע־מאַס האָבען זיך אויסגעלאָזט, בין איך אַנשוויגען געוואָרען. מאָד־נע, ווי שווער עס איז אַמאָל צו געפינען וועגען וואָס צו ריידען. און דערנאָך האָב איך דערפיהלט אין דער לופט עפּעס נייעס, עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט אויסדריקען אין ווערטער, אַ געהיימ־ניספולען הויך, וואָס וואָרענט אונז וועגען געדאַנקען און געפיה־לען, גוטע אָדער בייזע, וועלכע אַ צווייטער מענש פערבאָרגט ביי זיך אין׳ם האַרצען צו אייך...

דאָס דאָזיגע פיינליכע שווייגען האָט געדויערט אַ היבשע ווײַלע. דאַן האָט בערטהא זיך אָנגערופען צו מיר:

— ליעבער פריינד, וואַרפט צו נאָך האָלץ אין קאַמין. איהר זעהט, דאָס פייער געהט באַלד אויס...

איך האָב געעפענט דעם קאַסטען, וואו דאָס האָלץ איז גע־לעגען, וועלכער איז געשטאַנען פּונקט אַזוי ווי אייערער אָט דאָ, אַרויסגענומען דאָס גרעסטע שייטעל האָלץ און עס אויפגעשטעלט ווי אַ מהורם אויף די אַנדערע שייטלעך, וואָס זיינען שוין דריי פיערטעל געווען אויסגעברענט.

און מיר האָבען ווידער געשוויגען.

אין עטליכע מינוטען אַרום האָט דאָס שייטעל זיך צופלאַ־קערט אַזוי, דאָס די היץ האָט אונז אין פּנים אַ זעץ געטהאָן. די יונגע פרוי האָט מיך אָנגעקוקט אַזוי מאָדנע און אַרויסגערעדט:

— דאָ איז צו־הייס; לאָמיר זיך זעצען אויף דער זאָפע.

מיר האָבען זיך געזעצט אויף דער זאָפע.

פּלוצים האָט זי מיך געפרעגט, קוקענדיג מיר גלייך אין די אויגען אַריין:

— וואָס וואָלט איהר געטהאָן, ווען אַ פרוי זאָל אייך זאָגען, אַז זי ליעבט אייך?

איך בין אַביסעלע צומישט געוואָרען און האָב געענטפערט:

— איך פערזיכער אייך, אַז איך האָב וועגען דעם נאָך ניט געטראַכט, און ווידער: עס ווענדעט זיך, וואָס פאַר אַ פרוי.

זי האָט זיך צולאַכט מיט אַ טרוקענעם, נערוועזען, פאַלשען געלעכטער, וועלכער, דאַכט זיך, האָט געקאָנט גלעזער צושפּאַלטען און צוברעכען, און זי האָט צוגעלייגט:

— די מענער זיינען קיינמאָל ניט דרייסט און ניט פערשטענדיג...

זי איז אַנשווייגען געוואָרען און דערנאָך ווידער אָנגעהויבען:

— זייט איהר אַמאָל געווען פערליעבט, הערר פּויל?

איך האָב זיך פאַר איהר מודה געווען, אַז איך בין אַמאָל יאָ געווען פערליעבט.

—דערצעהלט, ווי דאָס איז געווען — האָט זי געבעטען.

איך האָב איהר דערצעהלט עפּעס אַ געשיכטע. זי האָט זיך צוגעהערט מיט קאָפּ און אָפּט מיך אונטערבראָכען מיט בעמערקונגען, וואָס זיינען געווען ניט גאָר שמייכעלהאפט פאַר מיר, פּלוצים האָט זי אויסגעשריען מיט היץ:

— ניין, איהר פערשטעהט גאָר נישט פון ליעבע, אָבער טאַקי גאָר נישט! די אמת׳ע, די ריכטיגע ליעבע, מוז איבערקעהרען די נשמה, מוז אויפטרייסלען די נערווען, מוז משוגע מאַכען... זי מוז — ווי זאָל איך עס אויסדריקען? — זי מוז אַלסדינג ברענען: די הייליגע שבועה, געזעץ, פריינדשאַפט, אַלסדינג, אַלסדינג. אַ רוהיגע ליעבע, אַ געזעצליכע, אָהן יעדער געפאַהר, — קאָן מען דען דאָס אָנרופען ליעבע?

איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען און ביי זיך האָב איך געטראַכט, מעשה פילאָזאָף:

— אָה, פרוי, איך דערקאָן דיך!

בשעת זי האָט עס גערעדט, האָט זי אויף זיך כלומרשט ארויפּגעצויגען אַ גלייכגילטיגע מינע און, אָנלעהענדיג זיך אָן דעם קישען, האָט זי זיך אוועקגעלייגט, אויסגעצויגען זיך און איהר קעפּעלע

אָן מיין שולטער אָנגעשפּאַרט. איהר קלייד האָט זיך אביסעלע פערקאַשערט און געלאָזט ארויסזעהן א רויטע זיידענע זאַק, אויף וועלכער דאָס פייער פון דעם קאַמין האָט אָפּגעשטראַהלט.

אין א מינוט ארום האָט זי געזאָגט:

—איך שרעק אייך, הא?...

איך האָב פראָטעסטירט. זי האָט זיך אין גאַנצען צוגעדריקט צו מיין ברוסט און, גיט קוקענדיג אויף מיר, האָט זי ארויסגע־רעדט:

— ווען איך וואָלט זיך פאַר אייך ערקלערט אין ליעבע, וואָס וואָלט איהר געטהאָן?

איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט איהר צו ענטפערען, ווי זי האָט פערוואָרפען איהרע אַרעמס ארום מיין נאַקען, א ציה גע־טהאָן מיין קאָפּ צו זיך און איהרע ליפּען האָבען זיך איינגעגעסען אין מיינע.

אָך, מיין טהייערע, גלויבט מיר, אז אין יענער מינוט איז מיר גאַר ניט געווען פרעהליך. וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן? ווי אזוי האָב איך געזאָלט האַנדלען? בעטריגען זשוליען'ען? ווערען דער ליעבהאָבער פון דער דאָזיגער קליינציקער, פערדאָר־בענער און ביטרער ווייבעלע, וועלכע איז געווען פול תאוה און וועמען איהר מאַן איז ניט גענוג געווען? נאָכאַנאַנד בעטריגען, פעררעטהען, שפּיעלען דעם פערליעבטען? צוליעב וואָס? צוליעב דעם רייץ פון דער פערבאָטענער פרוכט? און צוליעב דעם זיך שטעלען אין געפאַהר און שענדען א לאַנג יאָהריגע פריינדשאַפט? ניין, דאָס וועל איך ניט טהאָן! דאָס פּאַסט ניט פאַר מיר! אָבער וואָס טהוט מען? שפּיעלען דעם יוסף'ן? אַנטלויפען, ווי ער איז אַנטלאָפען פון פּוטיפרת'ן? א נאַרישע און דערצו זעהר א שווערע ראָלע. ווייל די דאָזיגע פרוי, וועלכע האָט געברענט מיט חוצפּה און געצאַפּעלט זיך פאַר פייערדיגע פערלאַנגען, האָט געקאָנט היגרייסען. אָה, זאָל יענער אויף מיר דעם ערשטען שטיין וואַרפען, ווער עס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די פייערדיגע לאַסקעס פון א פרויענצימער, ווען זי האָט איהם זיי אָנגעבאָטען...

קורץ, נאָך איין מינוט... איהר פערשטעהט... נאָך איין מי־

נוט, וואָלט איך... דאָס הייסט וואָלט זי... פּאַרדאָן, איך מיין, וואָלט ער...

דאָ האָט זיך דערהערט אַ מורא'דיגער ליאַרם, און מיר זיינען אויפגעשפּרונגען אין טויט־שרעק.

דאָס שייטעל־האָלץ, גנעדיגע פרוי, יאָ דאָס שייטעל־האָלץ, איז אַרויסגעשפּרונגען פון'ם קאַמין, האָט אומגעוואָרפן דעם קוילען־שופעל און דעם קאַמין־שטאַבעט, אַוועקגעקייקעלט זיך אי־בער'ן טעפּיך, איהם אָנגעצונדען און איז געבליבען ליגען אונטער אַ פאָטעל, וועלכער וואָלט זיך זיכער אָנגעצונדען.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטהאָן, ווי אַ פערדיקטער, און ביז וואַנען איך האָב דאָס שייטעל־האָלץ צוריק אַריינגעוואָרפן אין קאַמין, האָט זיך די טיר געעפענט! זשוליען איז אַריינגעקומען מיט אַ שטראַהלענדיגען פּנים און געזאָגט:

— איך בין פריי. די געשיכטע האָט זיך געענדיגט מיט צוויי שעה פריהער, ווי איך האָב גערעכענט!

יאָ, ליעבע פריינדין, ווען ניט דאָס דאָזיגע שייטעל־האָלץ וואָלט איך געפּאַקט געוואָרען ביים פערברעכען. איהר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס דאַן וואָלט געווען!

איך האָב זיך דערנאָך געהיט נישט אַריינצופאַלען ווידער אין אַזאַ לאַגע. שפּעטער האָב איך אָנגעהויבען צו בעמערקען, אַז זשוליען איז צו מיר קעלטער. הפּנים, זיין פרוי האָט אונטערגע־גראָבען אונזער פריינדשאַפט. ביסלעכווייז האָבען מיר זיך דער־ווייטערט איינער פון דעם אַנדערן, ביז מיר האָבען זיך אין גאַנ־צען אויפגעהערט צו זעהן.

איך האָב קיינמאָל ניט געהייראַטעט. איצט וועט איהר זיך גיט וואונדערען, וואָרום!

פיערדא

מאדאם לעפעוור, א דאָרפס־פרוי, אַן אלמנה, איז געווען איינע פון יענע האלב פּריצה'טעס און האלב פּויערטעס, וועלכע טראָגען שטענגעס און היט מיט פּעדערען, ריידען מעשה וואַזשנע דאַמע, האַלטען זיך אין געזעלשאַפט מיט ווירדע און פערבאָרגען אונטער זייערע לעכערליכע מאַניערען א גראָבע נשמה, ווי אונטער די ווייסע זיידענע האנדשוה — זייערע גראָבע, רויטע הענד.

זי האָט געהאַט א דיענסט, א פּשוטע, עהרליכע דאָרפס־מיידעל מיט'ן נאָמען ראָזא.

ביידע פרויען האָבען געוואָהנט אין א קליין שטיבעל מיט גרינע לאָדענס פּאַזע וועג אין נאָרמאַנדיען אין'ם סאַמען צענטר פון דער געגענד קאָ.

אַנטקעגען הויז האָבען זיי געהאַט א קליין גערטעל, וואו זיי האָבען פערזייהט גרינצייג.

איינמאָל ביינאַכט האָט מען ביי זיי גע'גנב'עט א דוצענד ציבעלעס.

ווי נור ראָזא האָט בעמערקט די גנבה, אַזוי גלייך איז זי אַוועק און געמעלדעט וועגען דעם איהר בעל הבית'טע, וועלכע איז גראַד דעמאָלט געווען אין גאָרטען ארויס אין איין וואָלענעם אונטערקליידעל. הימעל עפען זיך! מאַדאַם לעפעוור האָט מען בע־גנב'עט! דאָן, הייסט עס, אַז אין דער געגענד האָבען זיך גנבים איינגעגנאַדיעט און זיי קאָנען נאָך קומען א צווייטען מאָל אויך!

די צושראָקענע פרויען האָבען גענומען זוכען שפּורען פון פיס אויף דר'ערד, גערעדט אָהן א מאָס און געבויט סברות.

— זעהט איהר ווי זיי האָבען זיך אריינגע'גנב'עט ? זיי זייּ־נען אריבערגעקראָכען דעם פּארקאן און פון דאָרט אויף די בעטען.

די פרויען האָבען מורא געהאט פאר ווייטערע גנבות. ווי אַזוי וועלען זיי איצט קאָנען רוהיג שלאָפען !

דער קלאַנג וועגען דער גנבה האט זיך צוטראָגען. שכנים זיינען געקומען, האָבען זייערע מיינונגען ארויסגעזאָגט און די פרויען האָבען זיך פאר יעדען פון זיי זייער הארץ אויסגערעדט.

און איין שכן האט זיי געגעבען אַ'ן עצה : — איהר מוזט זיך פערשאפען אַ הונד.

ער איז גערעכט. זיי מוזען האָבען אַ הונד, וואָס זאָל זיי היי־טען. אוודאי קיין גרויסען הונד, וואָס זאָל זיי בדלות שטעלען מיט זיין פרעסען, ווילען זיי ניט ! אַ קליין הינטעל, וואָס זאָל נור האווקען, וועט אויך זיין גוט !

ווען אַלע שכנים זיינען זיך צוגאַנגען, האָט מאַדאַם לעפעוור לאַנג ארומגעטראַכט די פראַגע וועגען הונד. דער עיקר האָט זי מורא געהאט, טאָמער וועט דער הונד צופיעל פרעסען.

ראָזא, וועלכע האט ליעב געהאט חיות, האָט זי איינגערעדט און צום סוף האָט זי ביי איהר געפועלט, צו קריגען אַ הינטעל, אַ גאַנץ קליין הינטעל.

זיי האָבען גענומען זוכען. אָבער עס האָבען זיך אַלץ געמאַכט גרויסע הינט, פרעסערס, וועלכע האָבען אויף זיי אַ פּחד אָנגעוואָר־פען. ביים קרעמער פון ראלעוויל איז געווען אַ קליין הינטעל, האָט ער פיר איהם פערלאַנגט צוויי פראַנק — אַזוי פיעל — האָט ער געזאָגט — האָט איהם אָפּגעקאָסט עס אויפצוהאָדעווען. מאַדאַם לעפעוור האָט ערקלערט, אַז זי איז צופריעדען עסען צו געבען דעם הינטעל, אָבער נאָך געלד צאָהלען פיר דעם — ניין, דאָס ניט !

איינמאָל האָט דער בעקער, וועלכער האָט געוואוסט, אַז מאַ־דאַם לעפעוור זוכט אַ הינטעל, געבראַכט צופיהרען אויף זיין וואָ־גען עפּעס אַ מין מאָדנע געלע בעשעפעניש, אַ הינטעל כמעט אָהן לאַפּקעס, מיט אַ קערפּער פון אַ קראָקאָדיל, מיט אַ קאָפּ פון אַ פוקס און מיט אַן אונטערגעבויגטען וויידעל, וואָס איז לענגער געווען ווי דער גאַנצער קערפּער. דעם בעקערס אַ קונד האָט גע־

װאָלט פֿון איהם פּטור װערען. מאַדאַם לעפּעװר האָט זיך אָנגע־כאַפּט פיר דאָס דאָזיגע העסליכע בעשעפעניש, װאָס זי האָט גע־קראָגען אומזיסט. ראָזא האָט עס צוגעדריקט צו איהר הארצען און געפרעגט, װי מען רופט עס. דער בעקער האָט געענטפערט :

— פיערראָ !

דעם הינטעל האָט מען אַרײנגעלײגט אין אַן אַלטער זײפ־קאַסטען און מען האָט איהם צוערשט געגעבען װאַסער צו טרינקען. ער האָט אויסגעטרונקען. דערנאָך האָט מען איהם געגעבען א שטיקעל ברויט. ער האָט אויפגעגעסען. פרוי לעפּעװר האָט זיך דערשראָקען. באַלד אָבער האָט זי זיך געטרײסט מיט'ן געדאַנק : װען ער װעט זיך צוגעװעהנען צום הויז, װעט מען איהם דאַן קאָ־נען ארויסלאָזען אויף דרויסען און, ארומלויפענדיג אין דער גע־גענד, װעט ער זיך אַלײן אויפזוכען װאָס צום פרעסען.

און מען האָט איהם טאַקי ארויסגעלאָזט, און ער איז ארומ־געלאָפען אויך. דאָך איז ער שטענדיג געװען הונגעריג. איבער־געגנס האָט ער געבולען נור, װען ער האָט פרעסען געװאָלט. דאַן האָט ער געבולען אַזוי בײז.

יעדער אײנער האָט רוהיג געקאָנט קומען אין גאָרטען, פיעררא האָט זיך צו יעדען געלאַסעט און קײנמאָל ניט געבולען.

מאַדאַם לעפּעװר האָט זיך אָבער שוין צוגעװעהנט צו איהם און האָט איהם זאָגאַר ליעב געקראָגען. פון צײט צו צײט האָט זי איהם מיט די אײגענע הענד א פּאָאַר שטיקלאך ברויט געגעבען, װעלכע זי האָט אין דעם סאָוס פון איהר עסען געטונקט.

אָבער קײנמאָל איז איהר ניט אײנגעפאַלען, אַז זי װעט דאַר־פען צאָהלען פיר איהם הונד־שטײער. און װען מען האָט פער־לאַנגט פון איהר אַכט פראַנק — בערעכענט נור, גאַנצע אַכט פראַנק! — פיר דעם דאָזיגען הינטעל, װאָס בילט אפילו ניט, האָט זי שיער ניט גע'חלש'ט פאַר שרעק.

זי האָט גלײך בעשלאָסען, פּטור צו װערען פון פיעררא'ן. אָבער קײנער אין יענער געגענד האָט איהם ניט געװאָלט נעהמען בײ איהר, קײנער האָט איהם ניט געװאָלט אָנקוקען. דאַן האָט זי בעשלאָסען, צו געבען איהם מערגעל פרעסען.

מערגעל פרעסען האָט געהייסען : איהם אין מערגעל־גרוב אריינוואַרפען, אום פון איהם פּטור צו ווערען.

אין מיטען אויף אַ ברייטען סקווער שטעהט אַ מין בודקע, אָדער ריכטיגער, אַ ניעדריגער שטרויענער דאַך פון אַ בודקע נאָהענט צו דר׳ערד. דאָס איז דער אריינגאַנג אין די מערגעל־גרוב. אַ גרויסען, גלייכען ברונים צוואַנציג מעטר טיעף אונטער דר׳ערד מיט אַ גאַנצער רייהע אונטעראירדישע לאַנגע אריינגאַנגען שטעלט פאַר די דאָזיגע מערגעל־גרוב.

אין דער דאָזיגער גרוב לאָזט מען זיך איין מאָל אין יאָהר אַרונטער, בעת מען בעמיסטיגט די פעלדער מיט מערגעל. די איבריגע צייט איז זי אַ בית עולם פיר הינט, וואָס זיינען צום טויט פעראורטהיילט. אָפט, בעת מען געהט פערביי אָט די דאָזיגע גרוב, קאָן מען הערען אַ מורא׳דיגען וואויען, לאַנגע קרעכצען, אַ צורייצטען אָדער אַ פערצווייפעלטען בילען, וואָס טראָגט זיך פון אונטער דר׳ערד ארויף.

די יאַגד־הינט און די שעפער־הינט לויפען מיט שרעק פון דער דאָזיגער גרוב, וועלכע איז אָנגעפילט מיט מורא׳דיגע יאָמע־רען פון הינט. עס טראָגט זיך פון איהר אַ שרעקליכער גערוך פון צופוילטען פלייש.

מורא׳דיגע דראַמעס שפּיעלען זיך דאָרט אָפּ אין דער דונקעל־הייט אונטער דר׳ערד.

ווערענד איין הונד געהט דאָרט אויס אין אַ משך פון צעהן אָדער צוועלף טעג, אויפהאַלטענדיג זיין לעבען מיט די שרעקליכע רעסטען פון די פריהערדיגע הינט, וואַרפט מען אהין אַרונטער אַ צווייטען הונד, אַ גרעסערען און אַ שטאַרקערען. ביידע בלייבען דאָרט הונגעריגע, מיט ברענענדיגע אויגען. זיי קוקען איינער אויף׳ן אַנדערן, האָבען מורא, קווענקלען זיך. אָבער דער הונגער לאָזט זיי ניט רוהען : זיי וואַרפען זיך איינער אויף׳ן אַנדערן, קעמפּפען לאַנג, ווילד, און דער שטאַרקערער פרעסט אויף דעם שוואַכערען, פרעסט איהם אויף אַ לעבעדיגען.

ווען מען האָט בעשלאָסען, אַז פיעררא׳ן זאָל מען אויך אהין אוועקשיקען, האָבען זיי גענומען זוכען איינעם, ווער עס זאָל אויס־

פיהרען דעם דאַזיגען פּלאַן. אַ שטיין־האַקער, וואָס האָט געאַר־בייט אויפ'ן שאָסעע, האָט פערלאַנגט צעהן סו. פערלאַנגען צעהן סו פיר אַזאַ קליינינקייט האָט מאַדאַם לעפעוור געהאַלטען פּשוט פיר אַ חוצפּה. דער איינגעל פון אַ שכן האָט פערלאַנגט פינף סו, אָבער דאָס איז אויך געווען צופיעל. און ווען ראָזא האָט פאָר־געשלאָגען, אַז זיי זאָלען אַליין איהם אהין אַפּטראָגען, איז מאַדאַם לעפעוור נישט געווען געגען דעם און ביי זיי איז געבליבען, אַז טאַקי באַלד ווי די נאַכט וועט צופאַלען זאָלען זיי דאָס טהאָן.

פאַרנאַכט האָט דער הונט געקראָגען דעם בעסטען מאָהלצייט אין זיין לעבען — סוּף מיט אַ לעק פּוטער דארין. ער האָט עס אויפגעגעסען ביז דעם לעצטען טראָפּען. און דערנאָך, ווען ער האָט צופריעדען מיט'ן ווידעל געדרעהט, האָט איהם ראָזא גענו־מען אין איהר שירץ.

מיט איילענדיגע טריט, ווי אַ פּאָאָר פערברעכער, זיינען זיי געלאָפען איבער דער גאַס. באַלד זיינען זיי געווען נעבען דער מערגעל־גרוב און זיינען שטעהן געבליבען. מאַדאַם לעפעוור האָט זיך צוגעבויגט צו דער גרוב, כדי צו הערען, אויב אַ הונט וואויעט דאָרט נים. ניין. קיינער איז דאָרט נישט געווען. פיעררא וועט דאָרט, הייסט עס, זיין אַליין. דאָ האָט איהם ראָזא אַ קוש גע־טהאָן, זיך צו־וויינט, ארונטערגעוואָרפען איהם אין די טיעפע פינסטערע לאָך און ביידע, אי זי, אי מאַדאַם לעפעוור, האָבען זיך איינגעבויגט און אויפגערעגט זיך צוגעהערט.

צוערשט האָבען זיי געהערט אַ דומפּפען גערויש, דערנאָך אַ שאַרפען מורא'דיגען וואויען פון אַ פערוואונדעטער חיה, דערנאָך אַ שרעקליכען סקאַוואוטשען, און גלייך אַ פערצווייפעלטען האווקען פון זייער הינטעל, וואָס האָט זיך דאָרט ווילד ארומגעדרעהט, דעם קאָפּ ארויף פעררײסען.

איצט האָט ער געבולען. אָה, איצט האָט ער שוין געקענט בילען!

דאָ האָט חרטה אין זייער הארצען ערוואַכט און שרעק. און זיי זיינען אנטלאָפען פון דאָרט.

ביינאַכט האָבען זיי מורא'דיגע חלומות געזעהן. מאַדאַם

לעפעוור'ן האָט זיך געחלומ'ט, אַז ביים עסען, בעת זי האָט אַרונ־טערגענומען דעם דעקעל פון דער שיסעל סוף, איז פון דאָרט אַרויס־געשפרונגען פיעררא און איהר אַ ביס געטהאָן אין די נאָז. אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי הערט אַ בילען. זי האָט זיך איינגערעדט — ניין, דאָס האָט זיך איהר אויס־געגעבען.

זי איז ווידער איינגעשלאָפען און עס האָט זיך איהר ווידער געחלומ'ט, אַז זי איז געגאַנגען אויף דער גאַס און האָט פּלוצים דערזעהן אַ גרויסען קאָרב אַליין שטעהן און זי האָט זיך פאַר דעם קאָרב דערשראָקען.

צום סוף אָבער האָט זי פאָרט געוואָלט זעהן, וואָס איז דאָרט אין דעם דאָזיגען קאָרב געווען, האָט זי איהם געעפענט און פיעררא איז דאָרט געזעסען, האָט אַ כאַפּ געטהאָן איהר האַנד און זי בשום אופן ניט אָפּגעלאָזט.

זי האָט געמאַכט אַ גוואַלד, אַ ריס געטהאָן איהר אָרם און פיעררא איז אַלץ געבליבען הענגען, מיט די ציינער איינגעגעסען זיך אין איהר האַנד.

גלייך ווי עס איז טאָג געוואָרען, איז זי אויפגעשטאַנען, משוגע כמעט פאַר שרעק, און איז אַוועקגעלאָפען צו דער מערגעל־גרוב.

ער האָט נאָך געבולען, אַלץ נאָך געבולען. די גאַנצע נאַכט האָט ער געבולען. און דאָ האָט זי אָנגעהויבען צו כליפּען און איהם אָנגערופען מיט די צערטליכסטע נעמען. און אויף איהרע אַלע צערטליכע נעמען האָט ער געענטפערט מיט זיין בילען.

דאָ האָט זיך איהר פערגלוסט, איהם ווידער צו האָבען און בעשלאָסען, צו האַלטען איהם ביי זיך אַזוי לאַנג ווי ער וועט לע־בען. זי איז אַוועקגעלאָפען צו דעם מאַן, וואָס איז גוט בעקאַנט געווען מיט דער מערגעל־גרוב, און האָט איהם דערצעהלט, וואָס זי וויל. ער האָט געזאָגט:

— ווען איהר ווילט האָבען אייער הונד צוריק, וועט עס אייך קאָסטען פיער פראַנק.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן:

— פיער פראַנק, זייט איהר משוגע ? פיער פראַנק !

ער האָט געענטפּערט :

— וואָס דען האָט איהר געמיינט, אז אומזיסט וועל איך אייך קריכען מיט מיינע ארבייטער אין די גרוב. און אפשר נאָך כאַפּען א ביס פון אייער הונט אויך ? האָט איהר איהם ניט געזאָלט ארונ־טערוואַרפען.

זי האָט איהם פערלאָזען א צוקאָכטע :

— סטייטש, פּיער פראנק ! !

געקומען אהיים, האָט זי ראָזא'ן דערצעהלט, פיעל דער מאַן האָט געבעטען. ראָזא איז אויך אויפגערעגט געוואָרען און האָט גע־זאָגט :

— פּיער פראנק, אָהאָ !

דערנאָך האָט זי צוגעלעגט :

— מען דאַרף בעסער וואָס עסען איהם אהין ארונטערוואַר־פען, אז ער זאָל דאָרט ניט קראַפּירען !

מאַדאַם לעפּעוור האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און זיי ביידע זיינען אוועקגעלאָפען צו דער גרוב מיט א גרויסען פּוטער־ברויטעל אין דער האַנד.

זיי האָבען עס צושניטען אויף קליינע שטיקלאַך, געוואָרפען איינס נאָך'ן אנדערן אהין און בעת דעם גערופען : פיעררא ! פיעררא ! און אזוי גיך ווי דער הונד האָט איין שטיקעל ארונ־טערגעשלונגען, האָט ער ווידער גענומען בילען, ביז ער האָט א צווייטען שטיקעל געקראָגען.

און פאַרנאַכט זיינען זיי ווידער אהין געקומען און אויף מאָר־גען ווידער, קורץ יעדען טאָג.

און איינמאָל, ווען זיי זיינען אהין געקומען און שוין געוואָלט דעם ערשטען ביסען ארונטערוואַרפען, האָבען זיי פּלוצים דער־הערט א שרעקליכען וואויען אין דער גרוב. עס זיינען דאָרט גע־ווען צוויי הינט. אנאַנדער הונט האָט מען אהין ארונטערגעוואָר־פען, א גרויסען.

ראָזא האָט א רוף געטהאָן : „פיעררא !" און פיעררא האָט געבולען, געבולען. דאָ האָבען זיי אָנגעהויבען דאָס ברויט ארונ־טערצו־וואַרפען, א שטיקעל נאָך א שטיקעל, אָבער יעדעסמאָל האָ־

בען זיי געהערט א מורא׳דיגען קאמפּף דאָרט אונטען, דערנאָך די פערצווייפעלטע קוויטשערייען פון פיעררא׳ן, וועלכען דער אנדערער, דער גרויסער הונט האָט דאָרט געביסען, דאָס פרעסען ביי איהם אוועקגענומען, ווייל ער איז געוועו דער שטארקערער.

זיי האָבען גענומען שרייען :

— פיעררא, דאָס איז פיר דיר !

פיעררא האָט אָבער דאָרט גאָר נישט בעקומען.

דיביידע פרויען האָבען זיך אָנגעקוקט צושראָקען און מאדאם לעפעוור האָט זיך אָנגערופען :

— איך קען דאָך ניט אויסהאלטען מיט פרעסען אלע הינט, וואָס מען ווארפט אהין ארונטער. געננג, מיר מוזען עס אויפגעבען.

און זי איז אנטלאָפען פון דאָרט, האָט מיטגענומען זאָגאר דאָס שטיק ברויט, וואָס איז געוועו פערבליבען, און אויפ׳ן וועג עס געגעסען.

ראָזא איז איהר נאָכגעלאָפען און האָט געווישט מיט׳ן ברעג פון איהר בלויען שירץ די אויגען.

אין וואלד

דער געמיינדע־פארשטעהער האט זיך נור וואס גע־וואלט זעצען צום טיש, ווען מען האט איהם אנ־געזאגט, אז דער וואלד־וועכטער ערווארטעט איהם אין געמיינדע־הויז מיט צוויי געפאנגענע.

ער איז גלייך אוועק אהין און האט דארט געטראפען זיין וועכטער האבעדור, וועלכער האט מיט אן ערנסטער מינע בעוואכט א'ן עלטערע פאאר פאלק פון שטאדט.

דער מאן, א בעלייבטער מענש מיט א רויטער נאז און ווייסע האאר, האט אויסגעזעהן זעהר מיעד, בעת די פרוי, א קליין ווייבע־לע אין זונטאגדיגע בגדים, א רונדע, א דיקע, מיט צופלאמטע באַ־קען, האט בייז בעטראכט דעם היטער פון גערעכטיגקייט, וועלכער האט זיי ארעסטירט.

דער געמיינדע פארשטעהער האט געפרעגט:

— וואס איז דען געשעהן, האבעדור?

דער וועכטער האט גענומען דערצעהלען:

ער איז היינט אין דער פריה צו דער געוועהנליכער שטונדע ארוים אין וואלד מאכען זיין פאטראל־גאנג. אויף'ן פעלד האט ער ניט באמערקט קיין שום בעזאנדערעס. עס איז געווען א שעה־נער וועטער און די תבואה איז געשטאנען אויף א'ן ארט. אבער דא האט דער יונגער ברעדעל, וועלכער האט געארבייט אין זיין וויין־גארטען, צו איהם אויסגערופען:

— העי, האבעדור, געהט אקארשט צו צום עק וואלד! דארט צווישען די ערשטע בושעס וועט איהר געפינען א פאאר טייבעלאך!ביידע צוזאמען זיינען אוודאי א יאהר הונדערט און דרייסיג אלט!

ער איז גלייך אוועק אין יענער ריכטונג און האָט דערהערט וואָרטער און זיפצען, וועלכע האָבען ערוועקט דעם פערדאַכט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ פערברעכען אנטקעגען דער מאָראַל. ער האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אויף די קניע און אויף די הענד, ווי נאָך אַ וואלד גנב, און באלד האָט ער דערטאַפּט דאָס דאָזיגע פּאָאָר פאָלק אין רעכטען מיטען פון זינדיגען פערקעהר...

דער פאָרשטעהער האָט גאַנץ צושראָקען אָנגעקוקט די פּער־ברעכער. דער מאַן האָט געמוזט זיין אַ יאָהר זעכציג און די פרוי געווים אַ יאָהר פינף און פופציג.

ער האָט זיי גענומען צו פערהער, פריהער דעם מאַן, וועלכער האָט געענטפערט אַזוי שטיל, אַז מען האָט איהם קוים געקענט הערען.

— ווי הייסט איהר ?

— ניקאָלאַס ביורין.

— אייער בעשעפטיגונג ?

— פּאַזמאַנטיר־געשעפט אין דער רי־דע־מערטירס אין פּאַריז.

— וואָס האָט איהר געטהאָן דאָרט אין וואלד ?

דער מאַן האָט ניט געענטפערט, האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען אויף זיין דיקען בויך און ארונטערגעלאָזען די הענד.

דער פאָרשטעהער האָט אָנגעהויבען פון דאָס ניי ?

— איהר האָט געהערט אין וואָס דער בעאַמטער בעשולדיגט אייך. לייקענט איהר עס אָב ?

— ניין.

— איהר גיט עס אלזאָ צו ?

— יאָ.

— וואָס האָט איהר צו זאָגען אלס ענטשולדיגונג ?

— גאָר נישט !

— וואו האָט איהר זיך מיט אייער מיטשולדיגער געטראָפען?

— זי איז מיין פרוי !

— אייער פרוי ?

— יא.

— לעבט איהר דען ניט צוזאמען אין פאריז ?

— געווים לעבען מיר צוזאמען.

— דאן זייט איהר דאך געזונד און פריש און משוגע צו קומען אהער צעהן א זייגער אין דער־פריה און דא, אויף׳ן פרייען פעלד...

דער קרעמער האט זיך שיער נישט צו־וויינט פאר בושה און האט ארויסגעמורמעלט :

—איהר האט זיך אזוי פערגלוסט. איך האב איהר אבער געזאגט, אז עס איז א נארישקייט, אבער געה טענה מיט זיי, אז א פרוי נעהמט זיך עפּעס אריין אין קאפ, ווייסט איהר שוין אליין וואס דערפון קומט ארויס.

דער פארשטעהער, וועלכער האט ליעב געהאט צו מאכען א שפּאס, האט א שמייכעל געטהאן און בעמערקט.

— מיר דאכט זיך, אז איהר האט אין קאפ, אז ניט וואלט איהר איצט דא ניט געשטאנען.

דא איז הערר ביורין בייז געווארען און האט זיך א קעהר געטהאן צו זיין פרוי :

— דו זעהסט, וואס דו האסט אנגעמאכט מיט דיין פּאעזיע ? מיר זיינען נישקשה׳דיג אריינגעפאלען, איצט וועט מען אונז נאך שלעפּען צום געריכט, מען וועט אונז משפט׳ן פאר מיאוסער אויפ־פיהרונג, פאר אונזיטליכקייט. עס פאסט זיך טאקע אין אונזערע יאהרען. מיר מעגען שוין אונזער קרעמעל צו מאכען, פארקויפען דאס געשעפט און אוועק וואו עס איז אין א׳ן אנדער שטאדט ! שען, טאקי זעהר שען פאר אונז !

פרוי ביורין איז אויפגעשטאנען און, ניט א קוק טהאנדיג אויף איהר מאן, האט זי אהן פארלעגענהייט, אהן פאלשער בושה, כמעט רוהיג אבגעגעבען די פאלגענדע ערקלעהרונג.

— הערט אויס, הערר געמיינדע־פארשטעהער, איך ווייס אליין, אז מיר האבען זיך לעכערליך געמאכט. ווילט איהר מיר ערלוי־בען צו פארטהיידיגען מיין זאך, ווי א׳ן אדוואקאט, אדער בעסער נאך ווי א׳ן ארימע פרוי. איך האף, אז איהר וועט אונז דאן אב־

לאָזען און וועט אונז פאַרשפּאָרען די חרפּה צו ערשיינען פאַר א געריכט.

מיט א סך יאָהרען צוריק, ווען איך בין נאָך יונג געווען האָב איך איין מאָל אין א געוויסען טאָג זיך געטראָפען מיט הערר ביורין אין דער זעלביגער געגענד און בין מיט איהם בעקאַנט גע־וואָרען. א זונטאג איז עס געווען. ער איז געווען א פּריקאַז־טשיק אין א שניט־קראָם און איך האָב פערקויפט קאָנפעקטען אין א קאָנדיטאָריי. איך געדענק עס נאָך אַזוי ווי עס וואָלט נעכטען געווען. פון צייט צו צייט פלעג איך ארויסקומען אהער זונטאג מיט א פריינדין, מיט ראָזע לעוועקס, מיט וועלכע איך האָב צוזאַ־מען אין דער רי־פּיגאַללע געוואָהנט. ראָזע האָט געהאט א גע־ליעבטען, איך נים. ער פלעגט קומען אהער צוזאַמען מיט אונז. איין מאָל א זונטאג ערקלעהרט ער מיר לאַכענדיג, אז דעם צווייטען מאָל וועט ער מיטברייגנגען זיינעם א קאַמעראַד. איך האָב פער־שטאַנען וואָס ער האָט געמיינט, אָבער איך האָב איהם גלייך גע־זאָגט, אז עס איז אומזיסט. ווייל איך בין געווען אַ'ן אנשטענדיג מיידעל, הערר פאַרשטעהער.

דעם צווייטען זונטאג האָבען מיר אין אייזענבאהן געטראָ־פען הערר ביורין. דעמאָלט האָט ער אויסגעזעהן גאַנץ שען. אָבער איך בין געווען ענטשלאָסען נים צו בעגעהן קיין נאַריש־קייטען מיט איהם און איך האָב עס טאַקע נישט געטהאָן.

מיר זיינען אַלזאָ אָנגעקומען קיין בעזאָן. עס איז געווען א פּראַכטפאָלער וועטער, א וועטער, אז דאָס הארץ האָט געקוואָלען פאַר פרייד. נאָך היינט אפילו, ווען עס איז אזוי שען, ווערט מיר גוט אויפ'ן הארצען פּונקט אזוי ווי דאַן, און עס ווילט זיך מיר שרייען, קוויטשען, נאַריש מאַכען זיך ! ווען איך בין אין דער נאַטור, ווער איך גאָר צודרעהט. דאָס גרינקייט, דער געזאַנג פון די פויגעלאך, קאָרנ־זאַנגען, וואָס שפּיעלען זיך מיט'ן ווינד, די שוואַלבען, וואָס טראָגען זיך אין לופטען, דער דופט פון די פעלדער, פון דעם מאָן, די גענזע־בלומען, דאָס אַלעס מאַכט מיך פּשוט משוגע, אָט ווי מען טרינקט שאַמפּאַניער ווען מען איז דערצו נים געוואָהנט. קורץ, עס איז געווען וואונדערבאַר, ליכטיג, העל, אז דאָס

אוינ האָט זיך ניט געקענט געגוג אָנקוקען און מיט טיעפע אטהעמ־ציגע האָט מען אין זיך די לופט ארייגגעזויגען. ראָזא און סימאן האָבען זיך אַלע ווײלע געקושט. און איך האָב דאָס די גאַנצע צײַט געמוזט צוזעהן. העדר ביורין און איך זיינען געגאַנגען הינ־טער זיי ניט ריידענדיג קיין וואָרט. ווען מען קען נישט איינער דעם אַנדער׳ן, ווייס מען ניט פון וואָס צו ריידען. ער האָט אויס־געזעהן ניט דרייסט און מיך האָט אמוזירט, וואָס ער איז אזוי פער־לעגען. דאַן זיינען מיר אָנגעקומען און דאָס קליין וועלדעל. דאָרט איז געוועזען פריש, ווי אין אַ קיהלער באָד, און מיר האָבען זיך גע־זעצט אויף׳ן גראָז. ראָזא און איהר געליעבטער האָבען פון מיר געלאַכט, וואָס איך קוק אויס אזוי ערנסט. אָבער איהר פאַרשטעהט דאָך אַליין, אז איך האָב געמוזט אזוי זיין. און דאַן האָבען זיי זיך ווידער געגומען קושען, ווי מיר וואָלטען גאָר דערביי ניט גע־ווען. און דאַן האָבען זיי זיך גענומען ביידע שושקען, זיינען אויפ־געשטאַנען און אוועק אין די בושעס... איהר קענט זיך פאַרשטע־לען וואָס פאַר אַ נאַריש פּנים איך האָב געמאַכט אין דער געגענ־וואַרט פון דעם יונגען מאַן, וועלכען איך האָב געטראָפען דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען. ווען יענע זיינען אזוי איינפאַך מיר נישט, דיר נישט אוועקגעגאַנגען, בין איך געוואָרען אזוי צו־טומעלט, אז איך האָב פּלוצים געקריגען מוטה און גענומען רעדען. איך האָב געפרעגט וואָס ער טהוט. ער איז געוועזען אַ פּריקאַזטשיק אין אַ שניט־געשעפט, ווי איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט. אַ ווײלע האָבען מיר אזוי גערעדט צוזאַמען. ערשט דאַן האָט ער זיך אָנגענומען מוטה און געוואָלט זיך צו מיר צושאַרען. אָבער איך האָב איהם אזוי גוט פאַרגעבען און איהם אָנגעזאָגט ער זאָל האַל־טען די הענד. איז דאָס נישט אמת, ביורין ?

העדר ביורין, וועלכער האָט פאַרשעהמט געקוקט אויף זיינע פיס, האָט גאָרנישט געענטפערט.

זי האָט ווייטער גערעדט :

דאַן האָט דער יונגערמאַן בעגריפען, אז איך בין אַ׳ן עהרליך מיידעל און האָט זיך אויף אַ׳ן עהרליכען אופן גענומען גאַנץ שען שדכנ׳ען צו מיר. פון יענעם טאָג אָן איז ער געקומען יעדען זונ־

טאג. ער איז געווען זעהר פערליעבט אין מיר. און איך האב איהם אויך זעהר געליעבט, זעהר! אה, אמאל האט איהר איהם געדארפט זעהן, ער איז געווען א שענער יונג...

קורץ, אין סעפטעמבער האט ער מיט מיר חתונה געהאט און מיר האבען געעפענט א קראם אין דער רי־דע־מארטירס.

— אך, אין די ערשטע יאהרען איז אונז גענאנגען שלעכט, מיר זיינען אויסגעריסען געווארען! די געשעפטען האבען ניט געוואלט געהן. מיר האבען זיך שוין מעהר ניט געקענט ערלויבען ארויסצופאהרען אויף פרייער נאטור. ביסלאכווייז האבען מיר זיך פון דעם אין גאנצען אבגעוואהנט. מיר האבען געהאט גענוג אנדערע זאכען אין קאפ. אז מען איז אין געשעפט, טראכט מען מעהר פון בייטעל ווי פון ליעבע. ביסלעכווייז זיינען מיר אלט געווארען און האבען נישט באמערקט, אז מיר זיינען געווארען רוהיגע, סאלידע מענשען ביי וועמען די ליעבע שפיעלט שוין כמעט גאר קיין ראלע ניט.

און שפעטער, הערר פארשטעהער, זיינען די געשעפטען אוועק בעסער, אונזער צוקונפט איז כמעט געווען פארזארגט. און דא, איך ווייס אליין ניט, וואס אייגענטליך מיט מיר האט פאסירט.

איך האב אנגעהויבען צו טרוימען, ווי א יונגע שוהל־מיידעל. ווען איך האב דערזעהן די וועגלאך בלומען, וועלכע מען האט אין די גאסען געפיהרט, האב איך געפיהלט ווי צו שרייען פאר פרייד. דער פיילכען־דופט האט זיך ארייַנגעריסען צו מיר אין קראם אריין, וואו איך בין געזעסען אויף א שטול נעבען קאסע און האט געמאכט מיין הארץ קלאפען שטארק, שטארק. איך בין אויפגעשטאנען, זיך געשטעלט אין טיר פון קראם, אום דארט אויבען איבער די דעכער דעם בלויען הימעל צו בעטראכטען. און ווען מען קוקט אזוי פון גאס אויף'ן הימעל ארויף, זעהט ער אויס ווי א טייך, א לאנגער, לאנגער טייך, וואס טראגט זיך אין פערשיערענע זייטען איבער פאריז. און פון אויבען איבער איהם טראגען זיך שוואלבען, ווי די פיש. עס איז א נארישקייט אין מיינע יאהרען צו האבען אזעלכע געדאנקען, אבער ווייסט איהר, הערר פארשטעהער, ווען מען האט דאס גאנצע לעבען געארבייט, דאן קומען א מאל מאמענטען,

ווען מען כאַפּט זיך, אַז אויסער דער אַרבייט זיינען דאָ נאָך אַנדע־רע זאַכען אין לעבען, און דאַן קריעגט מען חרטה, יאָ, חרטה! צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך געקענט אַרויספאָהרען אין וואַלד אַריין, קושען זיך און האַלזען, ווי אַלע אַנדערע פּרויען. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט ווי שען עס מוז זיין דאָרט צווישען די גרינע בושעס צו ליגען מיט אימעצען, װעמען מען האָט ליעב. און טאָג און נאַכט האָב איך װעגען דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכ־טען. איך האָב אַזוי לאַנג געטרוימט פון לבנה־שיין אויף'ן טייך, אַז אויף מיר איז שיער ניט אָנגעפאַלען אַ פערלאַנג זיך צו דער־טרינקען.

אין אָנהויב האָב איך דאָס מיין מאַן גאָר ניט געוואָגט צו זאָגען. איך האָב צו גוט געוואוסט, אַז ער וועט זיך פון מיר אויס־לאַכען און וועט מיר זאָגען:

— פערקויף בעסער באַוועל מיט נאָדלען.

דעם אמת געזאָגט, האָט הערר ביורין ביי מיר ניט קיין גרויסע דעה. אָבער אַז איך האָב אַ קוק געטהאָן אין שפּיעגעל, האָב איך פערשטאַנען, אַז עס איז גלייכער פאַר מיר, איך זאָל ניט מאַכען צופיעל אָנשטעל.

דאָך האָב איך געפּאַסט אַ ענטשלוס און האָב איהם פאָרגע־שלאָגען אַרויסצופאָהרען אויף יענעם פּלאַץ וואו מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל באַקענט. ער האָט איינגעוויליגט אָהן שום טענות, און אַזוי זיינען מיר היינט אין דער פריה אַ זייגער ניין אָנ־געקומען אַהער.

ווען די תבואה האָט זיך מיט אַ גערויש בעוועגט אַרום אונז איז מיר געוואָרען עפּעס אַזוי מאָדנע אויף'ן הערצען, גאַנץ אַנדערש ווי אַלע מאָל. יאָ, דאָס הארץ פון אַ פרוי ווערט קיינמאָל ניט אַלט און ווירקליך, מיין מאַן האָט זיך מיר יעצט אויסגעוויזען ניט אַזוי ווי ער איז, נור ווי ער איז אַמאָל געוועזען. יאָ, הערר פאָרשטעהער, איך פערזיכער אייך, איך האָב זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהם און גענומען איהם קושען, ער איז געוואָרען אַזוי ערשטוינט, ווי איך וואָלט איהם וועלען דערשטיקען. ער האָט נים אויפגעהערט צו ווידערהאָלען:

— דו ביזט משוגע ! ביזט פון זינען ארונטער ! וואָס טהוט זיך מיט דיר היינט...

איך האָב אָבער ניט געהערט זיינע רייד, איך האָב געהערט נור מיין הארץ. איך האָב איהם גענומען שלעפען טיעפער אין וואלד... און דאָרט איז עס געשעהן... הערר פאָרשטעהער, איך האָב דערצעהלט דעם אמת, דעם ריינעם אמת.

דער פאָרשטעהער איז געוועזן א מאַן מיט פערשטאַנד. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט :

— ליעבע פרוי, געהט אין פריעדען און זינדיגט ניט מעהר — אין וואלד.

די צוואה

איך האָב געקאָנט דעם הויכען יונגענמאַן, וועלכער האָט געהייסען רענע דע־בורנעוואַל. אין געזעלשאַפט איז ער געוועזן ליעבענסווירדיג, הגם עטוואָס טרויעריג אויפגעלייגט. עס האָט געשיינט, אַז ער מאַכט זיך גאַנץ וועניג פון אַלסדינג אויף אונזער וועלטעל, האָט זיך פערהאַלטען צו אַלסדינג זעהר סקעפּטיש, געהאַט אַ בייסענדיגען הומאָר און פערשטאַנען מיט אַ פּאָאַר ווערטער אַרונטערצורייסען די מאַסקע פון דער אַזוי גערופענער הויכער געזעלשאַפט. ער האָט אָפט געזאָגט:

— עס זיינען נישטאָ קיין עהרליכע מענשען, זיי זיינען נור אין אַ געוויסען זין עהרליך, אין פערגלייך מיט די געוועהנליכע ניט עהרליכע מענשען.

ער האָט געהאַט צוויי ברידער, וואָס האָבען געטראָגען דעם פאַמיליע־נאָמען דע־קורסיל, מיט וועלכע ער האָט זיך געהאַלטען פון ווייטען. ווייל ער און די ברידער האָבען געטראָגען אַנדערע נעמען, האָב איך געמיינט, אַז זיי זיינען פון פערשיעדענע פאַטער און מוטער. מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין זייער פאַמיליע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט עפּעס אַ מערקווירדיגע געשיכטע, אָבער וואָס, האָב איך קיינמאָל ניט געקענט דערגעהן.

דע־בורנעוואַל איז מיר זעהר געפעהלען געוועזן און מיר האָבען זיך בעפריינדעט. איינמאָל אין אַן אָבענד, ווען איך בין געזעסען ביי איהם גאַנץ אַליין, האָב איך צופעליג געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, זייט איהר פון אייער מוטער'ס ערשטען מאַן אָדער צווייטען?

ער איז געוואָרען עטוואָס בלייך און דערנאָך רויט, איז,

קענטיג, צומישט געוואָרען און האָט א פּאָאַר מינוטען גאָר נישט געענטפערט. דאַן האָט ער א שמייכעל געטהאָן אויף זיין בעזונ־דערען מעלאַנכאָלישען און ווייכען שטייגער און געזאָגט:

— ליעבער פריינד, ווען איך איז ניט צו לאַנגווייליג, וועל איך אייך דערצעהלען די מערקווירדיגע געשיכטע, ווי אזוי איך בין געבאָרען געוואָרען. איך האַלט אייך פאַר א קלוגען, ענטוויקעלטען מענשען און דאַרף ניט מורא האָבען, דאָס זאָל קענען אויף אונזער פריינדשאַפט ווירקען. און טאָמער יאָ, דאַן, זייט זיכער, וועל איך אייך מיט גוואַלד ניט נויטען, איהר זאָלט פערבלייבען מיין פריינד.

מיין מוטער, — מאַדאַם דע־קורסיל, איז געווען א קליינע, דערשלאָגענע פרוי, וועלכע איהר מאַן האָט צוליעב איהר געלד גע־נומען. איהר גאַנץ לעבען איז געווען דאָס לעבען פון א מארטי־רערין. זי האָט געהאַט א צאַרטע, דעליקאַטנע נשמה, וועלכע האָט זיך גענויטיגט אין ליעבע און דער מאַן, וועלכער האָט געזאָלט זיין מיין פאָטער, האָט זי שטענדיג גראָב בעהאַנדעלט. ער איז געווען א גראָבער, מיאוסער יונג. זיי זיינען געווען ערשט א מאָנאַט פער־הייראַט, ווען ער האָט געהאַט צו טהאָן מיט א דיענסט. און א חוץ דעם האָט ער געהאַט צו טהאָן מיט פרויען און טעכטער פון זיינע פּעכטער. דאָס האָט איהם אָבער ניט געשטערט צו האָבען צוויי קינדער פון זיין פרוי. אייגענטליך האָט מען גערעכענט זאָגען דריי, ווען מען זאָל מיך אויך אריינרעכענען. מיין מוטער האָט אויף זיין אויפפיהרונג גאָרנישט געזאָגט. אין דעם דאָזיגען הויז, וואו עס איז אימער געווען א טומעל, א הו־האַ, האָט זי געלעבט ווי א קליין מייזעל, וועלכע בעהאַלט זיך אונטער די מעבעל. שטענדיג אוועק־געשטופּט, פאַרשטויסען, ציטערענדיג, האָט זי אויף די מענשען מיט איהרע ליכטיגע, אונרוהיגע צומישטע אויגען געקוקט, ווי איי־נער וואָס לעבט אין אייביגען שרעק: און דאָך איז זי געווען שעהן, זעהר שעהן, מיט איהרע בלאָנדע אש־קאָלירטע האָאַר, וואָס זיי־נען ווי פערוועלקט געוואָרען אונטער דעם דרוק פון שטענדיגער מורא, פון שטענדיגען שרעק.

צווישען הערר דע־קורסיל׳ס פריינד, — וואָס האָבען בע־זוכט דעם שלאָס, איז אויך געווען איינער אן אמאָליגער קאַוואַ־

לעריע־אפיציער, אן אלמן, פאר וועלכען די אנדערע האבען גרויסען רעספעקט געהאט, ווייל ער האט געהאט אי צארט־געפיהל, אי כא־ראקטער, האט געהאט א נאמען פיר א געפעהרליכען מענשען, וועל־כער וועט זיך פיר קיין זאך ניט אפשטעלען, אויב ער האט עפעס בעשלאסען. דאס איז געווען הערר דע־בורנעוואל, וועמענס נאמען איך טראג. ער איז געווען א הויכער, מאגערער מאן מיט מעכ־טיגע, שווארצע וואנצעס. איך בין זעהר ענהליך צו איהם. דער מאן האט פיעל געלעזען און געדענקט גאנץ אנדערש, ווי א סך פון זיינע בעקאנטע. זיין מוטער איז געווען די פריינדין פון זשאן זשאק רוססא און עס האט געמאכט א׳ן איינדרוק, ווי פון דער דאזיגער פריינדשאפט איז עטוואס איבערגעגאנגען אויף איהם. ער האט געקאנט אויף אויסווענינג דעם „געזעלשאפטס־אבמאך“ און די „נייע עלאאיז“ און די אנדערע פהילאזאפישע ביכער, וועלכע האָ־בען פארגעברייטעט די שפעטערדיגע רעוואלוציאן אין אונזערע אלט־פרענקישע זיטען, אין אונזערע פאראורטהיילען און אין אונ־זער נארישער מאראל.

ער האט געליעבט מיין מוטער און זי האט איהם געליעבט. אבער די דאזיגע ליעבע איז געבליבען א סוד פאר דער גאנצער וועלט. די אונגליקליכע, פערלאזענע, טרויעריגע פרוי האט זיך אזוי צוגעבונדען צו איהם, דאס זי האט זאגאר איבערגענומען זיין ארט דענקען, זיינע פרייע מיינונגען איבער דער ליעבע. אבער צו־ליעב איהר שרעקעדיגער נאטור האט זי קיינמאל ניט געוואגט וועגען דעם צו ריידען אפען און דאס אלעס איז אין איהר הארצען גע־בליבען פערשלאסען.

מיינעביידע ברידער האבען זי בעהאנדעלט אזוי גראב, ווי זייער פאטער. קיינמאל האט זי פון זיי קיין גוט ווארט ניט גע־הערט. און אזוי ווי זי איז אין׳ם הויז בעטראכטעט געווען פאר גארנישט, האבען זיי זי בעהאנדעלט כמעט ווי א דיענסט.

איך בין געווען דער איינציגער פון איהרע זיהן, וואס האט זי באמת ליעב געהאט און וועלכע זי פון איהר זייט האט ליעב גע־האט.

ווען איך בין אלט געווען אכטצעהן יאהר איז זי געשטארבען.

דערביי מוז איך בעמערקען, אום איהר זאָלט קלאָר פערשטעהן דאָס, וואָס איז נאָכדעם פאָרגעקומען, אז דאָס רעכט אויף איהר אייגענטום האָט זי איינגעהאַלטען אליין, גאַנץ אונאבהענגיג פון איהר מאַן, און אַ דאַנק דער פאָרזיכטיגקייט פון אַ קלוגען נאָטאריוס, האָט זי געזעצליך דאָס רעכט געהאַט עס איבערצולאָזען נאָך איהר טויט וועמען זי אליין האָט געוואָלט.

דער נאָטאריוס האָט אונז געלאָזט וויסען, אז ביי איהם געפינט זיך איהר צוואה און ער האָט אונז איינגעלאַדען צו זיך, אום צו בעקאַנען אונז מיט איהר לעצטען ווילען.

איך געדענק עס, אזוי ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען געווען. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגע סצענע, אַ הערליכע, אַ טראַגישע און אַן איינדרוקספאָלע. די פערפאָלגטע, פערמוטשעטע פרוי האָט איצט, בעת זי איז געווען טויט, פייערדיג פראָטעסטירט געגען די פאַראורטהיילען און די זיטען פון דער געזעלשאַפט און פון'ם קבר ארויס האָט זי געפאָדערט פרייהייט און אונאבהענגיגקייט.

דער מאַן, וואָס האָט זיך גערעכענט פאַר מיין פאָטער, אַ דיקער און אַ ריהרעוודיגער, שטאַרק עהנליך צו אַ קצב, און די ברידער, ביידע געוויקסיגע בחורים אין'ם אלטער פון צוואַנציג און צוויי און צוואַנציג יאָהר, — האָבען רוהיג געוואַרט, זיצענדיג אויף שטולען. הערר דע־בורנעוואַל, וועלכער איז אויך איינגעלאַדען געווען צו דער דאָזיגער צערעמאָניע, איז אַריינגעקומען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער מיר. דער ראָק אויף איהם איז פערשפּיעלעט געווען אויף אַלע קנעפּ. ער איז געווען בלייך און האָט צייטענווייז געביסען זיינע גרויליכע וואָנצעס.

דער נאָטאריוס האָט צוויי מאָל אַ דרעה געטהאָן דעם שלאָס אין דער טיר און ווען זי איז געווען צוגעשלאָסען, האָט ער געעפענט אַ קאָנווערט, וואָס איז פער'חתמה'ט געווען מיט רויטען טריוואַקס, און גענומען פאַר אונז לעזען די צואה, וואָס איהר אינהאַלט איז איהם אויך ניט בעקאַנט געווען.

ביי דער דאָזיגער שטעלע פון זיין ערצעהלונג איז מיין פריינד פּלוצים אנשוויגען געוואָרען, האָט זיך אויפגעהויבען, אויפגעזוכט אין אַ שופלאַד פון זיין שרייב־טיש אַ'ן אַלט בויגען פּאַפּיר, האָט

עס פונאנדערגעוויקעלט, עטליכע מאָל עס אַ קוש געטהאָן און גע־זאָגט: — אָט דאָס איז די צוואה פון מיין מוטער.

איך, די אונטערצייכענטע אננא־קאטערינא־זשענעוויעוועד־מאטילדע דע־קרואליוס, די געזעצליכע פרוי פון זשאן־לעאָפּאָלד־זשאָזעף־גאָטראן־דעקורסיל, זייענדיג ביי מיין פולען זינען, דריק אויס דערמיט מיין לעצטען ווילען.

צוערשט בעט איך מחילה ביי גאָט און דערנאָך ביי מיין טהייער־רען זוהן רענע פאַר דאָס, וואָס איך געה איצט טהאָן. איך רעכען, אַז מיין זוהן איז גענוג גרויסמוטהיג, אום מיך צו פערשטעהן און מיר צו פערגעבען. מיין גאַנץ לעבען האָב איך געליטען. מיין מאַן האָט מיט מיר חתונה געהאט, צוליעב מיין רייכטהום. דערנאָך האָט ער מיך פעראכטעט, פערלאָזען, אָנגעטהאָן מיר אַלערליי יסורים און כסדר מיך בעטראָגען.

איך בין איהם מוחל, אָבער צו זיין פערפּפליכטעט צו איהם האָב איך ניט פאַרוואָס.

די עלטערע זיהן האָבען מיך ניט ליעב געהאט, האָבען זיך ניט געקימערט וועגען מיר און האָבען מיך ניט בעהאנדעלט ווי זייער מוטער.

זאָלאנג איך האָב געלעבט, האָב איך געגען זיי אַלע מיינע פּפליכטען ערפילט. איצט נאָך מיין טויט בין איך זיי מעהר גאָר נישט שולדיג. די באנדען פון בלוט עקזעסטירען ניט אָהן דער שטענדיגער, טעגליכער, היילינגער ליעבע. אַן אונדאנקבארער זוהן איז וועניגער קרוב ווי אַ פרעמדער; ער איז אַ פערברעכער, וואָרים ער האָט קיין רעכט ניט צו זיין גלייכגילטיג צו זיין אייגענער מוטער.

איך האָב תמיד פאַר די מענשען געציטערט, פאַר זייערע בייזע געזעצען, זייערע אונמענשליכע זיטען, זייערע שרעקליכע פאראור־טיילען. פאַר גאָט האָב איך ניט קיין פורכט. שטארבענדיג, וואַרף איך פון זיך אַרונטער די שענדליכע צבועצסטוואָ; איך וואַג אַרויסצוזאָגען מיין געדאַנק, אַרויסצוזאָגען אָפען און בעשטעטיגען שריפטליך דעם סוד פון מיין הארצען.

דעם גאַנצען טהייל פון מיין פערמעגען, וועלכער געהערט מיר נאָך'ן געזעץ נאָך, זאָג איך אָפּ דעם מאַן, וועלכען איך האָב היים

און טיעף געליעבט, מיין געליעבטען פיער־זשערמע־סימאן דע־בור־נעוואל, מיט דער בעדינגונג, אז שפּעטער זאָל עס איבערגעהן צו אונזער געליעבטען זוהן רענע.

(דער דאָזיגער ווילען מיינער אין מעהר איינצעלהייטען ווערט אויסגעדריקט נאָך אין אנאנדערען געזעצליכען דאָקומענט.)

און פאר דעם העכסטען ריכטער, וועלכער הערט מיך, ערקלעהר איך, אז איך וואָלט פערשאלטען הימעל און ערד, ווען איך וואָלט אין׳ם לעבען ניט געטראָפען די טיעפע, איבערגעגעבענע, ווארימע און פעסטע ליעבע פון מיין געליעבטען, ווען איך וואָלט אין זיינע ארעמס ניט פערשטאנען, אז גאָט האָט די מענשען בעשאַפען, זיי זאָלען ליעבען, זיי זאָלען אונטערשטיצען, זיי זאָלען טרויסטען איי־נער דעם אנדערען און זיי זאָלען וויינען צוזאמען אין די ביטערע מינוטען.

דער פאָטער פון מיינעביידע עלסטע זיהן איז הערר דע־קור־סיל. נור איין רענע האָט צו דאנקען פאר זיין לעבען דע־בורנע־וואל׳ן. איך בעט ביי גאָט, דעם הארר איבער די מענשען און שיקזאלען, ער זאָל העלפען דעם פאָטער און דעם זוהן, צו שטעלען זיך איבער די געזעלשאפטליכע פאראורטיילען, זיי זאָלען זייער גאנץ לעבען לאנג ליעבען איינער דעם אנדערען און מיך נאָך מיין טויט.

דאָס איז מיין לעצטער געדאנק, מיין לעצטער וואונש.

מאטילדע דע־קרואליום.

הערר דע־קורסיל איז אויפגעשפרונגען און האָט אויסגעשריען:

— דאָס איז אַ צוואה פון אַ משוגענער!

דאַן איז הערר דע־בורנעוואל ארויסגעטראָטען און האָט גע־זאָגט מיט אן ענערגישער, שארפער שטימע:

— איך, סימאן דע־בורנעוואל, ערקלער, אז אלסדינג, וואָס איז געזאָגט געווארען אין דעם דאָזיגען דאָקומענט, איז ריינער אמת; איך קאָן עס בעווייזען דורך בריעף, וואָס איך האָב ביי זיך.

דאַן האָט זיך דע־קורסיל אַ ווארף געטהאָן צו איהם. איך האָב געמיינט, אז צווישען זיי וועט זיך פערפיהרען אַ געשלעג. זיי זיינען געשטאנען איינער געגען אנדערען, איינער אַ דיקער, דער צווייטער אַ מאָגערער, און ביידע האָבען זיך געטרייסעלט. דער

מאַן פון מיין מוטער האָט אויסגערופען:

— איהר זייט אַן אויסוואורף!

און דער אַנדערער האָט געענטפערט אין דעם אייגענעם ענער־גישען טאָן:

— מיין הערר, מיר וועלען זיך ערגעץ אַנדערש־וואו נאָך אַמאָל טרעפען. איך וואָלט איך שוין לאַנג אויסגעפּאַטשט, ווען די רוה פון יענער פרוי, וואָס איהר האָט פערמוטשעט, וואָלט ביי מיר ניט געווען אַזוי טהייער.

דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— דו ביזט מיין זוהן. ווילסטו געהן מיט מיר? איך האָב קיין רעכט דיך אוועקצונעהמען, אָבער ווען דו וועסט געהן מיט מיר, וועל איך שוין זעהן, איך זאָל דאָס פאָטער־רעכט קריגען.

איך האָב איהם שטום די האַנד געדריקט און מיר זיינען צו־זאַמען ארויס. איך האָב ניט געוואוסט, וואו איך בין ערגעץ אין דער וועלט, אַזוי צוטומעלט בין איך געווען.

צוויי טעג שפּעטער האָט הערר דע־בורנעוואַל געטויטעט דע־קורסיל אין אַ דועל. מיינע ברידער האָבען געשוויגען אויס מורא פאַר אַ סקאַנדאַל. איך האָב זיי אָנגעבאָטען אַ העלפטע פון דער ירושה, וואָס מיין מוטער האָט מיר איבערגעלאָזט. זיי האָבען עס אָנגענומען.

איך אָבער האָב אָנגענומען דעם נאָמען פון מיין אמת'ן פאָטער און האָב זיך אָפּגעזאָגט פון יענעם נאָמען, וואָס דאָס געזעץ האָט מיר געגעבען, און וועלכער האָט מיר ניט געהערט.

הערר דע־בורנעוואַל איז פאַר פינף יאָהרען געשטאָרבען און דעם שמערץ איבער זיין טויט פיהל איך נאָך ביז היינטיגען טאָג.

ער איז אויפגעשטאַנען, איז זיך דורכגעגאַנגען איבער'ן צי־מער, האָט זיך אוועקגעשטעלט נעגען מיר און געזאָגט:

— איך בעהויפּט, אַז די צוואה פון מיין מוטער איז איינע פון די שענסטע, עהרליכסטע, גרעסטע אויפטהועכצען, וואָס אַ פרוי האָט ווען עס־איז אויפגעטהאָן. ניט אַזוי?

איך האָב איהם אויסגעשטרעקט ביידע הענד:

— געוויס, ליעבער פריינד.

די משוגענע

ליידענדיג וועגן שנעפּפּע־פייגלען, פאַלט מיר איין זעהר א טרויעריגע געשיכטע — האָט געזאָגט הערר מאַטהיאַס דע־אַנדראַלען.

איהר קענט דאָך מיין הויף אין דער פאָר־שטאָדט קאַרמעלע? גראָד דאַן ווען איך האָב זיך דאָרט געפונען, האָבען אריינגעמאַרשירט די פּרייסען.

נעבען מיר האָט דעמאָלט געוואָהנט א מין געריהרטע, וועל־כע האָט איבער פערשיעדענע אונגליקען איהר פערשטאַנד פער־לאָרען.

מיט א לאַנגער צייט צוריק, ווען זי איז אַלט געווען פינף און צוואַנציג יאָהר, האָט זי אין פערלויף פון איין איינציגען מאָנאַט פערלאָרען איהר פאָטער, איהר מאַן און איהר נייגעבאָרענעם קינד.

ווען דער טויט איז איין מאָל אין א הויז געווען, קעהרט ער זיך כמעט תמיד באַלד ווידער צוריק, אזוי ווי ער וואָלט זיך אויף דער טיר א סמן געמאַכט.

די אונגליקליכע יונגע פרוי איז פאַר צער אזוי צובראָכען גע־וואָרען, דאָס זי האָט זיך געמוזט לייגען אין בעט און זעקס וואָכען נאָכאַנאַנד איז זי אָבגעלעגען אין א היץ־קרענק. נאָך דער שווערער קראַנקהייט איז געקומען א שטאַרקער קריזיס, אזא מין סאָרט רוהיגע גלייכגילטיגקייט. זי האָט זיך מעהר ניט געריהרט, געגע־סען זעהר ווייניג און נור מיט די אויגען בעוועגט. ווען מען האָט געוואָלט, זי זאָל אויפשטעהן, האָט זי געמאַכט אזעלכע קולות, ווי ווען עס וואָלט זיך אום איהר לעבען געהאַנדעלט. מען האָט זי אַלזאָ געמוזט לאָזען ליגען און זי אַרויסגענומען פון'ם בעט נור דעמאָלט,

ווען מען האָט זי געדאַרפט איבערטאָן אָדער איהר געלעגער פער־ריכטען.

אָן אַלטע דיענערין איז מיט איהר געבליעבען, וועלכע האָט איהר פון צייט צו צייט דערלאַנגט אביסעל וואַסער און אַ שטיקעל קאַלטעס פלייש. וואָס איז אין דער דאָזיגער פערצווייפעלטער נשמה פאָרגעקומען? מען האָט עס קיין מאָל ניט געקענט דערגעהן, ווייל זי אליין האָט געשוויגען. האָט זי געטראַכט וועגען די טויטע? האָט זי געטרוימט פאַר זיך, אָהן אַ בעשטימטער ערינערונג, אָדער איז איהר צושטערטער גייסט שטעהן געבליעבען אונבעוועגליך, ווי אַ שטעהענדיג וואַסער?

פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד האָט זי זיך ניט געריהרט פונ'ם אָרט און איז געבליעבען פערשלאָסען אין זיך.

דאָ האָט אויסגעבראָכען דער קריעג און אין די ערשטע דע־צעמבער טעג האָבען די פרייסען אין קאַרמעל אריינגעדרונגען.

איך געדענק דאָס נאָך, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען גע־שעהן. אין דרויסען איז געווען אַ פראָסט, אַזש די שטיינער האָ־בען געפלאַצט. איך בין געלעגען אין'ם פאָטעל אויסגעצויגען און ניט געקענט ריהרען מיט אַ'ן אבר פון רעוומאַטיזם. אָט דאַן האָב איך דערהערט זייערע שווערע, גלייכמעסיגע מאַרש־טריט, און גע־זעהן פון מיין פענסטער, ווי זיי געהען פאַרביי.

זיי זיינען געגאַנגען איינער ווי דער אַנדערער אין לאַנגע, לאַנ־גע רייהען, מיט יענע שטייפע, מיליטערישע בעוועגונגען, מיט וועלכע זיי צייכענען זיך אויס. דערנאָך האָבען די אָפיציערען זיי צושטעלט אויף קוואַרטירען. איך האָב געקראָגען זיעבצעהן מאַן, מיין שכנה, די משוגע'נע, צוועלף, צווישען זיי האָט זיך געפונען אַן אָפיציער, אַ היציגער, פערגרעבטער שכור.

די ערשטע פּאָאַר טעג איז אַלסדינג געגאַנגען אויסגעצייכענט. מען האָט דעם אָפיציער געזאָגט, אַז די בעל הבית'טע פון'ם הויז איז קראַנק און ער האָט זיך וועגען איהר ווייטער ניט געקימערט. אָבער באַלד האָט איהם די פרוי, וועלכע קיינער האָט קיין מאָל ניט געזעהן, צורייצט, און ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגען, וואָס איהר פעהלט. מען האָט איהם געענטפערט, אַז די בעל הבית'טע

ליעגט זייט פופצעהן יאהר צו בעט און אז דאס איז איהר געקומען פון א שווערער קראנקהייט. ווי עס שיינט, האט ער דאס ניט גע־גלויבט און זיך איינגעבילדעט, אז די אָרימע משוגע׳נע וויל ניט פערלאָזען איהר בעט אויס שטאָלץ, כדי זי זאָל ניט דארפען אויפ־נעהמען די פרייסען, זאָל מיט זיי ניט מוזען ריידען און קומען אין בעריהרונג.

ער האט פערלאַנגט, זי זאָל איהם אויפנעהמען. מען האט איהם אריינגעלאָזען צו איהר. און ער האט צו איהר געזאָגט קורץ און שארף:

— איך מוז אייך בעטען, איהר זאָלט אויפשטעהן און ארומ־טערקומען אונטען, אז מען זאָל אייך וויינינגסטענס זעהן.

זי האט איהם אַנגעקוקט מיט צומישטע, געראַנקענלאָזע אויגען און ניט געענטפערט. דאן האט ער ווידער אַנגעהויבען:

— איך וועל ניט דולדען קיין ווידערשטאַנד. ווען איהר וועט ניט אויפשטעהן פרייוויליג, דאן וועל איך געפינען מיטלען, ווי אייך אויף די פיס צו שטעלען.

זי האט ניט א ריהר געטהאָן מיט קיין גליעד און איז אלץ געבליעבען אונבעוועגליך, ווי זי איז פריהער געווען, אקוראט ווי זי וואָלט איהם גאָר ניט געזעהן.

דאן איז ער צוקאָכט געוואָרען, ווייל ער האט אַנגענומען איהר שווייגען פאר א׳ן אויסדרוק פון דער גרעסטער פעראכטונג, און ער האט צוגעלייגט:

— ווען איהר זייט מאָרגען נישט אונטען, דאן...

און ער איז אוועק.

אויף מאָרגען האט די צושראָקענע אַלטע דיענערין געוואָלט די משוגע׳נע אָנטהאָן, אָבער זי האט זיך געוועהרט און גענומען שרייען מיט בענומענע קולות. דער אָפיציער איז געקומען צולוי־פען, זעהן וואָס דאָ טהוט זיך, און די דיענערין האט זיך איהם גע־וואָרפען צו די פיס און אויסגערופען:

— זי וויל ניט, הערר אָפיציער, זי וויל ניט, פערצייהעט איהר, זי איז נעבאָך אזא אונגליקליכע!

דער סאַלדאַט איז געוואָרען צומישט, און טראָץ זיין כעס האָט ער דאָך ניט געוואַגט הייסען זיינע לייט, זיי זאָלען זי אַרונטער־שלעפּען פון׳ם בעט. אָבער פּלוצים האָט ער גענומען לאַכען און גע־געבען אויף דייטש אַ פּאָר בעפעהלען.

און באַלד דערנאָך איז פון דעם הויז אַרויס אַ׳ן אַבטהיילונג סאָלדאַטען, וועלכע האָבען געשלעפּט אַ מאַטראַץ, ווי מען טראָגט אַ פערוואונדעטען. אויף דעם דאָזיגען מאַטראַץ, וועלכען מען האָט געלאָזען אַזוי ווי ער איז געווען, איז געלעגען די משוגע׳נע. זי איז געווען גאַנץ רוהיג, האָט ניט גערעדט קיין וואָרט, גלייכגילטיג צו אַלסדינג, וואָס עס האָט זיך געטהאָן אַרום איהר, אַבי מען האָט איהר געלאָזט ליגען אויף אַ׳ן אָרט. הינטער איהר איז געגאַנגען אַ מאַן, וועלכער האָט געטראָגען אַ בינטעל קליידער.

און דער אָפיציער האָט געזאָגט, זיך רייבענדיג די הענד:

— אויב איהר קענט זיך אליין ניט אָנטהאָן, דאַן וועלען מיר עס טהאָן פאַר אייך און מיר וועלען צוזאַמען מאַכען אַ קליינעם שפּאַציער.

און דערנאָך האָט מען געזעהן, ווי די פּראָצעסיאָן איז אַוועק אין דער ריכטונג, וואו עס געפינען זיך דער וואַלד פון אימאַנוויל.

אין צוויי שטונדען אַרום זיינען די סאָלדאַטען אַליין צוריק געקומען.

מעהר האָט מען די משוגע׳נע ניט געזעהן. וואָס האָבען זיי מיט איהר געטהאָן? וואוהין האָבען זיי זי אַוועקגעטראָגען? מען איז דאָס קיין מאָל ניט דערגאַנגען.

איצט האָט דער שנעע געשאָטען טאָג און נאַכט און בעגראָבען פעלדער און וועלדער אונטער זיינע אייזיגע תכריכים. מען האָט געהערט, ווי די וועלף וואויען פאַר די טירען. דער געדאַנק וועגען דער פערשוואונדענער פרוי האָט מיך געפּלאָגט און איך בין אַוועק צו דער פּרייסישער קאָמאַנדע, אום צו דערגעהן עטוואָס וועגען איהר. מען האָט מיך שיער דערפאַר ניט דערשאָסען.

דער פריהלינג איז געקומען. די פּרייסישע סאָלדאַטען זיינען שוין געווען אַוועק. דאָס הויז פון מיין שכנה איז געבליעבען שטעהן

פערשלאָסען, געדיכטע גראָז איז אין גאָרטען אויף די וועגען אָנגע־וואַקסען.

די אַלטע דינערין איז אין דעם אייגענעם ווינטער געשטאָר־בען. קיינער האָט זיך מעהר וועגען דער געשיכטע ניט געקימערט, נור מיך האָט עס ניט געלאָזט רוהען און איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם.

וואָס האָבען זיי מיט דער פרוי געמאַכט ? איז זי אַנטלאָפען אין וואַלד ? האָט מען זי וואו עס איז איבערגענומען און אין אַ שפּי־טאָל אוועקגעשיקט און דאָרט האָט מען ניט געקענט פון איהר דער־געהן, ווער און פון וואַנען זי איז ? וואָס איז פון איהר געוואָרען ? איך האָב גאָרנישט געקענט אויסגעפינען. אָבער ביסלאַכווייז האָט די צייט מיין אנגסט געמילדערט.

— און דאָ איין מאָל, אין הערבסט, האָבען שנעפּפּע־פייגלען מחנות־ווייז זיך גענומען ציהען — פּערביי מיין הויף. און אַזוי ווי מיין רעוומאַטיזם האָט מיך אַביסעל אָבגעלאָזט, האָב איך זיך אוועקגעשלעפּט ביז צום וואַלד. איך האָב שוין געהאַט פיער אָדער פינף פון די לאַנג־שנאָבעלדיגע פייגלען אוועקגעלייגט, ערשט פּלו־צים איז איינער פון זיי געפאַלען אין אַ לאָך, וואָס איז געווען בע־דעקט מיט צווייגען. איך האָב געמוזט אַרונטערגעהן זוכען דעם פויגעל און איך האָב איהם געפונען נעבען אַ טויטען קאָפּ. און מיט אַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער משוגענער. אין יענעם שרעקליכען יאָהר זיינען, אמת, אַ סך אַנדערע מענשען דאָ אין׳ם וואַלד געשטאָרבען, אָבער איך ווייס ניט פאַרוואָס, איך האָב גע־וואוסט בעשטימט, גאַנץ בעשטימט, אַז דאָס איז דער קאָפּ פון דער אונגליקליכער משוגענער.

און פּלוצים איז מיר אַלסדינג קלאָהר געוואָרען, איך האָב אַלס־דינג בעגריפען. זיי האָבען איהר געלאָזט ליגען אויפ׳ן מאַטראַץ אין דעם קאַלטען, איינזאַמען וואַלד... און זי, די אָרימע, צומיש־טע קראַנקע, האָט ניט געפּרובט זיך רעטען און איז אויסגעגאַנגען אונטער דער געדיכטער, לייכטער שנעע־דעקע, ניט אַ ריהר טהאָנ־דיג מיט אַ האַנד אָדער מיט אַ פוס.

דאַן האָבען זי מסתמא די וועלף אויפגעפרעסען...

און די פייגלען האָבען זייער נעסט אויפגעבויט מיט דער רעשט פון איהר צוריסענעם מאַטראַץ.

איך האָב בעהאַלטען די טרויעריגע ביינער און איך בעט גאָט, אַז אונזערע קינדער זאָלען מעהר פון קיין מלחמות ניט וויסען.

צוויי פריינד

פּאריז איז געווען בעלאגערט, אויסגעהונגערט און גע־לעגען אין איהר לעצטער גסיסה. די שפּערלינג־פויגעלאך אויף די דעכער זיינען געוואָרען וועניג, די גאסען לעדיג. מען האָט געגעסען אלסדינג, וואָס האָט זיך נור געמאַכט.

הערר מאָריססאָ, א זייגער מאַכער פון פּראָ־פעסיאָן, וועלכער האָט צייטענווייז געהאנדעלט אויך מיט פאַנטאָ־פעל, האָט אין א געוויסען ליכטיגען יאַנואַר־פריהמאָרגען ארומ־געשפּאַציערט איבער דעם בולוואַרד, א אומעדיגער און הונגעריגער, מיט די הענד אין די קעשענעס פון זיינע סאָלדאַטסקע הויזען פער־רוקט. פּלוצים האָט ער דערזעהן זיינעם א בעקאַנטען, א'ן אלטען פריינד הערר סאָוואַזש, מיט וועלכען ער האָט זיך בעקאַנט אויפ'ן וואַסער, בשעת'ן כאַפּען פיש.

איידער דער קריעג האָט אויסגעבראָכען, איז הערר מאָריססאָ יעדען זונטאג בעגינען מיט א באַמבוס־שטאָק אין האנד און א בלעכענע קעסטעל איבער'ן פּלייצע, געפאָהרען מיט דעם צוג אין דער ריכטונג פון ארגענטעיל. אין קאָלאָמבעס איז ער אויסגע־שטיגען און פון דאָרט אוועק צו דעם אינזעל מאַראַנטע. קוים האָט ער ערדרייכט דעם ציעל פון אלע זיינע טרוימען, האָט ער פערוואָר־פען א פיש־וואודע אין טייך אריין און אזוי געוואודעט ביז שפּעט אין דער נאכט.

יעדען זונטאג האָט ער דאָרט געטראָפען נאָך א ליידענשאַפט־ליכען פישער, א קליינעם, פּרעהליכען, דיקען מענשעל, הערר סאָ־וואַזש, דעם קרעמער פון דער גאס נאָטר־דאַם־דע־לאָרעט. אָפט האָבען זיי פערבראַכט גאַנצענע טעג, זיצענדיג זייט ביי זייט, מיט

דער פיש־וואודע אין האנד, מיט די פיס אראבגעלאזט איבער׳ן וואסער. אט אזוי זיינען זיי גוטע פריינד געווארען.

אין מאנכע טעג האבען זיי ניט אויסגערעדט קיין ווארט. און אמאל, ווען־ניט־ווען, האבען זיי שטיל געשמועסט. אבער אהן ווערטער האבען זיי אויך אויסגעצייכענט פערשטאנען איינער דעם אנדערן, ווייל זייביידע האבען געהאט דעם זעלבען געשמאק און דיזעלבע אינטערעסען.

אין פריהלינג, א זייגער צעהן אין דער פריה, ווען די יונגע זונן האט איבער דעם שטראמענדען טייך א לייכטען נעבעל פער־שפרייט, וועלכער האט זיך ווי מיט׳ן וואסער אוועקגעטראגען, און די ביידע אייפריגע פישער גוט די רוקענס אנגעברענט, דאן האט מאריססא געזאגט צו זיין שכן:

— אך, וואס פאר א ליעבע ווארעמקייט!

און הערר סאוואזש האט געענטפערט:

— עטוואס בעסערעס איז אויף דער וועלט נישטא!

דאס איז געווען גענוג, אז זיי זאלען פערשטעהן און ליעבען איינער דעם אנדערן.

און אין די יעסינדיגע פארנאכטען, ווען דער הימעל, א בלוט רויטער, פון דער אונטערגעהענדיגער זונן, האט זיך מיט זיינע פורפורנע וואלקענס אין וואסער געשפיעגעלט, דעם גאנצען טייך ווי מיט בלוט פערגאסען, דעם האריזאנט פלאם־פייער אנגעצונדען, ביידע פריינד ווי אין פייער איינגעוויקעלט, און די פון ווינטערס אטהעם שוין ברוין־געפארבטע בוימער מיט א גאלדענעם שלייער פערצוינגען, — דאן האט סאוואזש מיט א שמייכעל אנגעקוקט מא־ריססא׳ן און געזאגט:

— ווי שעהן דאס זעהט אויס!

און מאריססא, ניט אראבלאזענדיג די אויגען פון זיין פיש־וואודע, האט געענטפערט:

— איז דא ניט שעהנער ווי אויף׳ן בולוואר, וואס זאגט איהר?

איצט, אזוי גיך ווי זיי האבען זיך דערקאנט, האבען זיי איי־נער דעם אנדערן שטארק די הענד געדריקט, ביידע גערירט, וואס זיי האבען זיך געטראפען אונטער אזעלכע פערענדערטע אומ־

שטענדען. הערר סאוואזש האָט זיך אָנגערופען מיט א זיפץ:

— א שעהן ביסעל האָט מען דורכגעמאכט!

מאַריססא א דערשלאָגענער האָט ארויסגעקרעכצט:

— און וואָס פאר א וועטער! היינט איז דער ערשטער שעהנער טאָג פאר א גאנצען יאָהר.

דער הימעל האָט ווירקליך געלאכט, א בלויער, א ליכטיגער.

פערטראכט און טרויעריג זיינען זיי געגאנגען איינער נעבען אנדערען. מאַרריסא האָט אָנגעהויבען:

— און דאָס פישען? דאָס איז געווען א שעהנע צייט!

סאָוואזש האָט אויסגערופען:

— ווער ווייס, ווען מיר וועלען עס ווידער קענען טהאָן?

זיי זיינען אריין אין א קליין קאפע־הויז און האָבען צוזאַמען אויסגעטרונקען אבסינט. דערנאָך זיינען זיי ווייטער אוועק שפּאַציערען איבער׳ן בולוואר.

— לאָמיר נעהמען נאָך א גלעזעלע, הא, וואָס זאָגט איהר?

— ווי איהר ווילט!

און זיי זיינען אריין צו א וויינהענדלער.

ווען זיי זיינען פון דאָרט ארויס, זיינען זיי געווען א היבש ביסעל אָנגעטנאסקעט, ווי מענשען, וואָס האָבען געטרונקען אויף א ניכטערען מאָגען. עס איז געווען ווארעם, א קיהל ווינטעלע האָט זיי איבער די באקען געגלעט.

די ווארעמע לופט האָט סאָוואזש׳ען אין גאנצען פערשיכורט און ער האָט זיך אָבגעשטעלט:

— אפשר וואָלטען מיר גאָר געהן אהינצו?

— וואוהין?

— פיש כאַפּען!

— אָבער וואו?

— אויף אונזער אינזעל, נאטירליך. די פראנצויזישע פאָרפּאָסטען שטעהען נעבען קאָלאָמבעס. איך קאָן דעם קאָלאָנעל די מולען. מען וועט אונז שוין דורכלאָזען.

מאַריססאָ האָט א ציטער געטהאָן פאר פרייד:

— גוט, איך בין צופריעדען!

און זיי האָבען זיך צושיידט, אום צו געהן נאָך זייערע פיש־וואודעס.

אין אַ שטונדע ארום האָבען זיי זיץ ביי זייט געטראָטען איבער דעם שאָססע צו דער ווילא פון׳ם קאָלאָנעל. ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן אלס ענטפער אויף זייער קאָמישען איינפאל, דאָך האָט ער זייער פערלאַנג ערפילט. געקראָגען אַ פּאַסיר־שיין, זיינען ביידע אוועק ווייטער זייער וועג.

באַלד האָבען זיי געהאט די פּאַרפּאָסטען הינטער זיך, זיינען דורכגעגאנגען דורך דער פערלאָזענער שטאָדט קאָלאָמבעס און צו געקומען צו די קליינע וויינ־בערגלאך, וועלכע האָבען געפיהרט צום טייך סיינע. עס איז געווען אַ זייגער עלף.

דאָס דאָרף אַרזשאַנטעיל, פּונקט אנטקעגען, איז געווען ווי אויסגעשטאָרבען. די בערג פון אָרזשעמאָן און סאנוא האָבען מיט זייער הויך אריבערגעשטיגען די גאנצע געגענד. דער גרויסער טהאָל, וואָס האָט זיך געצויגען ביז צו נאַנטער, איז געווען אין גאנצען לעדיג, פוסט און וויסט מיט זיינע נאַקעטע קארשען־בוימער און זיין גרויער ערד.

און אַ געפיהל פון אונרוה און מורא איז בעפאלען ביידע פריינד פאר דעם דאָזיגען וויסטען פּלאַץ.

סאוואזש האָט אָנגעוויזען מיט אַ פינגער אויף די בערג און געזאָגט:

— דאָרט אויבען זיינען די פּרייסען!

— די פּרייסען! — זיי האָבען די פּרייסען נאָך קיינמאָל ניט געזעהן, אָבער שוין זייט חדשים, ווי זיי פיהלען זייער אנוועזענהייט ארום פּאריז; אונזיכטבארע און אַלמעכטיגע, האָבען זיי פון פראנקרייך אַ תל געמאכט. זי רואינירט, געפּלינדערט, איהרע קינדער געמאָרדעט און פערהונגערט. און צו דעם האסס, וואָס זיי האָבען געפיהלט צו יענעם אונבעקאנטען און זיעגרישען שונא, איז נאָך צוגעקומען אַ מין אבערגלויבישער שרעק.

מאריססא האָט אויסגעמורמעלט:

— מיין גאָט, ווען מיר זאָלען זיי דאַ אַנטרעפען?

סאוואזש האָט געענטפערט מיט דעם געוועהנליכען פּאַריזער הומאָר :

— דאַן וועלען מיר זיי מכבד זיין מיט געבראָטענע פיש !

דאָך האָבען זיי ניט געוואָגט צו גען ווייטער, די שטילקייט און פּוסטקייט פון ארום האָט זיי געשראָקען.

צום סוף, האָט סאוואזש ארויסגערעדט ענטשלאָסען :

— נו, מארש ווייטער, אָבער פאָרזיכטיג !

און זיי האָבען זיך אראָבגעלאָזט פון׳ם וויין־בארג, קריכענדיג אין דרייען געבויגען ; האָבען זיך הינטער די בושעס פערשטעקט, אלע ווײלע ארומגעקוקט און צוגעהערט זיך.

א שטיק פרייעס פעלד האָט זיי אָבגעטהיילט פון ברעג. זיי האָבען זיך א לאָז געטהאָן לויפען איבער איהם און, צוגעקומען צום ברעג, האָבען זיי זיך פערשטעקט צווישען די וואסער־פלאַנצען.

מאָריסאָ האָט צוגעלעגט דעם אויער צו דר׳ערד, טאָמער הערען זיך טריט. ער האָט גאָרנישט געהערט. זיי זיינען געוועזן אליין, גאַנץ אליין.

דאַן האָבען זיי זיך בערוהיגט און אָנגעהויבען צו פישען.

דער איינזאַמער אינזעל מאראנט, אנטקעגען זיי, האָט זיי פערשטעלט פון צווייטען ברעג. א קליינע געביידע, וואו עס איז פריהער געווען א רעסטאראַן, איז פערקלאַפּט געווען און האָט אויסגעזעהן, ווי דאָרט וואָלט זייט יאָהרען שוין קיין מענש ניט פערשמעקט.

סאוואזש האָט געכאַפּט דעם ערשטען פישעל, מאָריססאָ דעם צווייטען, און פון איצט אָן האָבען זיי אלע ווײלע די וואודעס ארויס־געשלעפּט, אויף וועלכע עס האָבען זיך געצאַפּעלט זילבערנע פיש־לאַך. עס איז אויף א׳ן אמת געווען א וואונדערבארער טאָג פאַר פיש כאַפּען.

זיי האָבען פאָרזיכטיג אריינגעלייגט די פיש אין א געדריכטען נעץ, וואָס איז געהאנגען אין וואסער צו זייערע פיס. א בעגייס־טערטע פרייד האָט זייערע הערצער אָנגעפילט, יענע פרייד וואָס קומט אויף א מענשען, ווען ער קעהרט זיך צוריק צו א געליעבטער

בעשעפטיגונג, פון וועלכער ער האט זיך לאנג, לאנג געמוזט ענט־
זאגען.

די ליעבע זונן האט זיי די רוקענס געווארעמט ; אבער זיי
האבען גארנישט געהערט ; זיי האבען וועגען קיין זאך מעהר גישט
געטראכט, האבען פערגעסען די גאנצע וועלט : האבען נור גע־
ווארעט.

פלוצים האט א דומפפער גערויש, וועלכער איז, דאכט זיך, ווי
פון אונטער דער ערד געקומען, די גאנצע געגענד א טרייסעל גע־
טהאן. די קאנאנען האבען ווידער גענומען דונערן.

מאריססא האט אומגעקעהרט דעם קאפ, און דערזעהן ליגקס
פון יענעם זייט ברעג די הויכע שפיצען פון׳ם געוואלדיג גרויסען
בארג מאנט־וואלעריאן, וועלכער האט אויף זיין שטערן א ווייסע
הייבעל געטראגען, א וואלקען פון׳ם פולווער, וואס ער האט נור וואס
אויסגעשפיגען.

באלד נאכדעם האט זיך פון די שפיצען פון פעסטונג בעוויזען
א צווייטער וואלקענדעל, און אין א פאאר סעקונדען ארום האט
זיך דערהערט א צווייטער שאס.

דאן האט גענומען קראכען איין שאס נאך׳ן אנדער׳ן און יע־
דען מאמענט האט דער בארג ארויסגעלאזט זיין טויטליכען אטהעם,
אויסהויכענדיג מילכיג־ווייסע זיילען פארע, וועלכען האבען זיך
לאנגזאם אין דער בלויער לופט אויפגעהויבען און איהם ווי מיט א
וואלקען פערשטעלט.

סאוואזש האט א דריק געטהאן מיט די אקסלען און געזאגט :

— נא, זיי הייבען שוין ווידער אן.

מאריססא, וועלכער האט מיט גרויס אנגסט צוגעקוקט, ווי
דער האטשיק אויף זיין פיש־נעץ בעוועגט זיך אלע ווייל ארויף
און אראב אין וואסער, האט ווי א פרידליכער מענש פלוצים דער־
פיהלט גרויס כעס געגען יענע משוגעים, וואס שלאגען זיך דארטען
און האט ארויסגעברומט צווישען די צייהן :

— משוגע דארף מען זיין צו נעהמען און דערשיסען איינער
דעם אנדער׳ן.

סאוואזש האט געענטפערט :

— נאָך ערגער, ווי די חיות!

און מאַריססאַ, וועלכער האָט נור וואָס געכאַפּט אַ ווייס פיש, האָט ערקלעהרט:

— און ווען מען טהוט אַ טראַכט, אַז אַזוי וועט עס שטענדיג זיין, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען האָבען רעגירונגען, דאַן...

סאַוואַזש האָט איהם אונטערבראָכען.

— די רעפּובליק וואָלט דעם קריעג ניט ערקלעהרט!...

מאַריססאַ איז איהם אריינגעפאַלען אין די רייד:

— איז דאָ אַ קעניג פיהרט מען קריעג מיט׳ן אויסערליכען שונא, איז דאָ אַ רעפּובליק פיהרט מען קריעג אין דערהיים!

און זיי האָבען אָנגעהויבען רוהיג דיסקוטירען איבער וויכטיגע פּאָליטישע פראַגען, וועלכע זיי האָבען פערענטפערט מיט דעם גלייכען שכל און עטוואָס בעשרענקטען גייסט פון׳ם פּראָסטען מענשען. אין איין זאַך זיינען זיי ביידע געווען איינפערשטאַנדען: אַז מען וועט קיין מאָל ניט זיין פריי. און דער מאָנט־וואַלעריאַן האָט געדונערט אָהן אויפהער. מיט זיינע שיסערייען האָט ער פראַנצויזישע הייזער חרוב געמאַכט, לעבענס פערניכטעט, מענשען געשטיקט. מיט זיין באָמבאַרדירען האָט ער אַ סוף געמאַכט צו אַ סך טרוימען, צושטערט אַ סך פרייד, אַ סך האָפנונג אויף גליק, האָט אָנגעמאַכט וואונדען אין די הערצער פון פרויען, כלות, מוטערס, וואונדען, וועלכע וועלען זיך שוין קיין מאָל ניט פערהיילען.

— אַזוי איז שוין דאָס לעבען! — האָט געזאָגט סאַוואַזש.

— זאָגט בעסער — אַזוי איז דער טויט! — האָט מאַריססאַ לאַכענדיג געענטפערט.

פּלוצים האָבען זיי זיך אַ טרייסעל געטהאָן פאַר שרעק, דערהערענדיג טריט הינטער זיך. און ווען זיי האָבען אומגעקעהרט דעם קאָפּ, האָבען זיי הינטער זייערע רוקענס דערזעהן פיער מענער, פיער גרויסע, בעוואָפענטע מענער מיט לאַנגע בערד, מיט פלאַכע היטעלאַך אויף די קעפּ, האַלטענדיג די ביקסען אָנגעציעלט אויף זיי.

ביידע פיש נעצען זיינען ארויסגעפאַלען פון זייערע הענד און געשוואומען מיט׳ן שטראָם.

אין א פּאָר מינוטען האָט מען זיי געכאַפּט, געבונדען, אוועק־געשלעפּט, אריינגעוואָרפען אין א שיפעל, און אריבערגעפיהרט אויף דעם אינזעל.

הינטער דאָס הייזעל, וואָס האָט אויסגעזעהן פּוסט, ניט בעוואָהנט, האָבען זיי איצט דערזעהן א פּאָר צעהנדליג פּרייסישע סאָלדאטען.

א האָריגער ריעז, וועלכער איז געזעסען רייטענדיג אויף א שטוהל און געדרויכערט א לאנגע ליולקע מיט א פּאָרצעלייענעם קאָפּ, האָט זיי אין א אויסגעצייכענטער פראנצויזישער שפּראַך געפרעגט:

— נו, מיינע העררן, האָט איהר עפּעס געהאַט א גוטען פיש פאַנג?

דאַן האָט איינער פון די סאָלדאטען אוועקגעלייגט דעם פולען נעץ מיט פיש, וועלכען ער האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך, צו דעם אָפיציערס פיס. דער פּרייס האָט א שמייכעל געטהאָן:

— אהא, איהר האָט הפנים געהאַט גליק היינט! אָבער עס האנדעלט זיך וועגען עטוואָס אנדערעס. הערט מיך אויס און רעגט זיך ניט אויף. אין מיינע אויגען זייט איהר איינפאַך צוויי שפּיאָנען, וועלכע זיינען געקומען אונז אויסשפּיאָנירען. אום זיך בעסער צו פערשטעלען, האָט איהר געמאַכט א'ן אָנשטעל, אז איהר פישט בלומרשט. איהר זייט אריינגעפאַלען צו מיר אין די הענ־— שלעכט פאַר אייך — עס איז א צייט פון קריעג! אָבער אזוי ווי איהר זייט דורכגעגאַנגען די פּאָרפּאָסטען, מוזט איהר דאָך וויסען דאָס פּאַסיר־וואָרט, אום צו קענען צוריק דורכגעהן. זאָגט מיר דאָס פּאַסיר־וואָרט און איך וועל אייך בעגנאַדיגען.

ביידע פריינד זיינען געשטאַנען איינער נעבען צווייטען טויט ווי קאַלך, זייערע הענד האָבען געציטערט פון אויפרעגונג, זיי האָבען געשוויגען.

דער אָפיציער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— קיין מענש וועט פון דעם ניט וויסען. איהר וועט זיך רוהיג אומקעהרען צוריק אין שטאָדט אריין. דאָס געהיימניס פער־שווינדעט צוזאַמען מיט אייך. ענטזאָגט איהר זיך אָבער, וועט

עם אייך קאסטען דעם קאפ און דאס גלייך אויף'ן ארט. אלזא קלייבט זיך אויס.

זיי זיינען געבליבען שטעהן אונבעוועגליך, ניט עפענענדיג קיין מויל.

דער פריים האט ווייטער גערעדט גאנץ רוהיג, אנווייזענדיג מיט דעם פינגער אויף'ן טייך:

— גיט א טראכט, אז אין פינף מינוטען וועט איהר ליגען דארט, אויף'ן גרונד פון טייך. אין פינף מינוטען! איהר מוזט דאך האבען פריינד, קרובים!

דער מאנט-וואלעריאן האט געהאלטען אין איין דונערען.

ביידע פישכאפער זיינען געשטאנען שטום. דער דייטש האט אין זיין שפראך געגעבען עפעס א בעפעהל, דאן האט ער אבגערוקט זיין שטוהל אום ניט צו זיין אזוי נאהנט צו די געפאנגענע. און צוועלף מאן מיט דאס געוועהר צו די פיס האבען זיך אוועקגעשטעלט צוואנציג טריט ווייט.

דער אפיציער האט פארטגעזעצט:

— איך גיעב אייך נאך איין מינוט צייט צו איבערלעגען, ניט איין סעקונדע מעהר.

דאן איז ער האסטיג אויפגעשטאנען, איז צוגעגאנגען צו ביידע פראנצויזען, גענומען מאריסא אונטער'ן ארעם, אבגעפיהרט איהם אביסעל אן א זייט און אין דער שטיל געזאגט:

— שנעל, דאס פאסיר-ווארט! אייער פריינד וועט דערפון ניט וויסען. איך וועל מאכען א'ן אנשטעל, אז איך בין געריהרט געווארען.

מאריססא האט ניט געענטפערט.

דאן האט דער פריים אבגענומען סאוואזש'ען אן א זייט און איהם געשטעלט דיזעלבע פראגע.

סאוואזש האט ניט געענטפערט.

מען האט זיי אוועקגעשטעלט איינער נעבען אנדערן.

דער אפיציער האט א קאמאנדעווע געטהאן. די סאלדאטען האבען אויפגעהויבען זייערע ביקסען.

אין דיעזער מינוט איז מאריססא'ס בליק צופעליג געפאלען

אויף דאָס נעץ פול פיש, וואָס איז געלעגען אויף'ן גראָז אַ פּאָאר טריט פון איהם.

אַ שטראַהל פון דער זונן האָט געבליסטשעט אויף די נאָך צאַפּעלדיגע פיש. אַ שוואַכקייט איז אויף איהם אָנגעפאַלען און געגען זיין ווילען האָבען זיך זיינע אויגען מיט טרעהרען פערצויגען.

ער האָט אויסגעשטאַמעלט:

— אַדיע, הערר סאָוואַזש!

סאָוואַזש האָט געענטפערט:

— אַדיע, הערר מאָריססאָ!

זיי האָבען זיך אַ דריק געטהאָן די האַנד און ווי זיי האָבען זיך ניט געוועהרט דאַגעגען, דאָך איז אַ ציטער איבער זייער גאַנ־צען לייב אַריבער.

דער אָפּיציער האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן: „פּייער!"

צוועלף שאָסען האָבען אַ הילך געטהאָן ווי איינער.

סאָוואַזש איז געפאַלען, ווי אַ קלאָץ, גלייך אויף'ן פּנים. דער גרויסער מאָריססאָ האָט זיך אַ שאָקעל געטהאָן אויף די פיס, אומ־געדרעהט זיך און איז געפאַלען אין דער קרים איבער זיין פריינד מיט'ן פּנים אַרויף. אַ שטראָם בלוט האָט זיך דורך זיין צושאָ־סענער יוניפאָרם פון זיין ברוסט אַרויסגעריסען.

דער דייטש האָט געגעבען עפּעס נאָך אַ בעפעהל.

זיינע לייטע זיינען אַוועק און באַלד האָבען זיי זיך צוריקגע־קעהרט מיט שטריק און שטיינער, וועלכע זיי האָבען דאַן אָנגע־בונדען צו די פיס פון די דער'הרג'עטע. דערנאָך האָבען זיי אַוועקגעטראָגען די טויטע צום ברעג.

דער מאָנט־וואַלעריאַן האָט נאָך אַלץ געדונערט, אין גאַנצען אין וואָלקענס איינגעהילט.

צוויי סאָלדאַטען האָבען אַ נעהם געטהאָן מאָריססאָ'ן, איינער פאַר דעם קאָפּ, דער צווייטער פאַר די פיס; צוויי אַנדערע האָ־בען אויף דעם זעלבען אופן אַ כאַפּ געטהאָן סאָוואַזש'ען. אַ ווייל־ע האָבען די סאָלדאַטען געהאַלטען די טויטע קערפּערס הויך אין דער לופטען, געשאָקעלט זיי מיט אַלע קרעפטען אַהער און אַהין און דאַן אַ שליידער געטהאָן ווייט, ווייט פון זיך אין טייך אַריין.

זיי האָבען געמאַכט אַ קרייז, אויפגעהויבען זיך איבער'ן וואַסער, שטעהענדיג גלייך ווי לעבעדיגע, און גענומען אַראָבזינקען טיע־פער, טיעפער... די שווערע שטיינער האָבען זיי פאַר די פיס צום גרונד אַראָבגעצויגען.

דאָס וואַסער האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט אויפגעבראַוזט, גענומען קאָכען... דערנאָך איז עס רוהיגער געוואָרען, בלויז קליי־נע כוואַליעס האָבען זיך פון יענעם פּלאַץ איבער'ן טייך צושאָטען און אָן ברעג אָנגעקלאַפּט.

פון אויבען איבער'ן טייך איז געבליעבען אַ ביסעל בלוט, וואָס דער שטראָם האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך.

דער אָפיציער אימער נאָך גוט אויפגעלייגט האָט געזאָגט אין דער שטיל:

— דאָס איבעריגע וועלען שוין די פיש בעזאָרגען!

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק צום הויז.

און פּלוצים האָט ער דערזעהן דעם נעץ מיט פיש אין גראָז ליעגען. ער האָט עס אויפגעהויבען, בעטראַכט, אַ שמייכעל גע־טהאָן און אויסגערופען:

— ווילהעלם!

אַ סאָלדאַט אין אַ ווייסען שירץ איז צוגעלאָפען. דער פּרייס האָט איהם אַ וואָרף געטהאָן דעם זעקעל פיש, וואָס ביידע דער־שאָסענע האָבען צוזאַמען געכאַפּט און האָט בעפעהלען:

— פּרעגעל מיר גלייך אויס די דאָזיגע חיה'לאך לעבעדיגער־הייד, אָבער טהו דאָס גלייך אויף'ן שטעל אַזוי לאַנג ווי זיי לעבען נאָך. אָט דאָס וועט זיין אַ געשמאַקער ביסען!

און ער האָט ווידער פאַררויכערט זיין ליולקע.

❦❦❦

דאָס מאָדעל־מיידעל

רונד און ליכטיג איז געלעגען דאָס קליין שטעדטעל עטרעטאַט מיט זיינע ווייסע פעלזען, זיין ווייסען ברעג און זיין בלויען ים אונטער דער העלער זון פון אַ שעהנעם יולי־טאָג.

ביים ברעג ארום טייך איז געזעסען אַ'ן עולם מענשען און האָט זיך צוגעקוקט, ווי מען באָדט זיך. אויף דער טעראַסע נעבען קאַסינא איז אַ צווייטער עולם געזעסען און האָט זיך בעוועגט אַהין און אהער אין דער שטראַהלענדיגער ליכטיגקייט, ווי אַ בלומען־גאָרטען פון טואַלעטען, אין וועלכען עס האָבען געוואַקסען גרויסע רויטע און בלויע זון־שירעמס מיט ריעזיגע בלומען אויף זיי.

אויף די שפּאַציר־פּלעצער אויף'ן עק פון דער טעראַסע, זיינען געגאַנגען אַנדערע מענשען. דאָס איז געווען אַ רוהיגערער, אַ'ן איינפאַכערער עולם, וועלכער האָט דאָ לאַנגזאַם שפּאַציערט.

אַ יונגער, בעקאַנטער, בעריהמטער מאַן, דער מאָהלער האַנס זומער, האָט מיט אַ טרויעריגער מיענע געטראָטען נעבען אַ קליינעם קראַנקען וועגעל, אין וועלכען עס איז געלעגען אַ יונגע פרוי, זיין פרוי. אַ דיענער האָט לאַנגזאַם געשטופּט דעם דאָזיגען וועגעל און די פערקריפּעלטע האָט מיט טרויעריגע אויגען בעטראַכט דעם לאַכענדיגען הימעל, דעם שענעם טאָג און די פרעהליכע פּנים'ער פון די פערבייגעהער.

זיי האָבען ניט גערעדט אַ וואָרט איינער מיט'ן צווייטען. האָבען ניט געקוקט איינער אין'ם אַנדערנס זייט.

— לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע אָבשטעלען — האָט געזאָגט די פרוי.

זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט. און דער מאהלער האָט זיך גע־זעצט אויף אַ צונויפגעלעגטען שטול, וואָס דער דיענער האָט איהם דערלאַנגט.

די לייטע, וועלכע זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דער אונ־בעוועגליכער און אזוי ווי שטומער פּאָאר פאָלק, האָבען זיי אָנגע־קוקט מיט רחמנות'דיגע בליקען. אַ מערקווירדיגע לעגענדע האָט זיך געטראָגען וועגען דאָס דאָזיגע פּאָארעל. ער האָט מיט איהר געהייראַט ניט קוקענדיג דערויף וואָס זי איז אַ קריפּעל, ווי מען האָט דערצעהלט, געריהרט פון איהר ליעבע צו איהם.

ניט ווייט פון זיי זיינען געזעסען צוויי יונגע לייט אויף אַ ברעט, געפּלוידערט און געקוקט אין דער ווייטקייט אריין.

— ניין, עס איז ניט אמת. איך זאָג דיר, איך קען האנס זומער גאַנץ גוט.

— יא, אָבער פאַרוואָס האָט ער מיט איהר דאן געהייראַט? זי איז דאָך שוין געווען פערקריפּעלט, ווען ער האָט מיט איהר גע־הייראָט.

— יא, געוויס. ער האָט מיט איהר חתונה געהאַט... ער האָט מיט איהר חתונה געהאט, ווי מען האָט געוועהנליך חתונה, אוים דומהייט.

— יא, אָבער...

— וואָס אָבער?... קיין אָבער, מיין ליעבער פריינד, איז נישטאָ. מען איז נאַריש, ווייל מען איז אַ נאַר. און אויסערדעם מוזטו וויסען, אז ביי די מאהלער זיינען די נאַרישע חתונות אַ גאַנץ גע־וועהנליכע זאַך. כמעט אַלע פון זיי הייראַטען מיט מאַדרעל־מייד־לאַך, פריהערדיגע געליעבטע; קורץ, פרויען, וועלכע זיינען אונטער אַלע אומשטענדען ניט גאַר קיין טהייערע סחורה. פאַרוואָס, וועסטו פרעגען? ווער קאָן זיי וויסען. מען האָט געקאָנט דענקען, אז דאָס שטענדיגע צוזאַמענזיין מיט די דאָזיגע נאַרישע ליאַלקעס, וועל־כע מען רופט מאַדעלען, האָט זיי געדאַרפט אין גאַנצען אויסקו־רירען פון דעם דאָזיגען סאָרט פרויען. אָבער עס הייבט זיך גאַר־נישט אָן! פריהער מאָהלען זיי איהר און שפּעטער האָבען זיי מיט איהר חתונה. אָט נעהם אויף אַ טשיקאַוועס און לעז איבער דאָס

קליין ביכעל פון אלפאַנס דאָדע: „קינסטלער פרויען“. וואָס ער זאָגט דאָרט איז אזוי אמת, אזוי גרויזאַם און אזוי שען.

ביי דעם פּאָאַר פאָלק וואָס דו זעהסט דאָ פאַר זיך, האָט דאָס אונגליק געטראָפען אויף א גאַנץ בעזונדערען, אויף א מורא'דיגען אופן. די קליינע פרוי האָט א שרעקליכע קאָמעדיע, אָדער בעסער געזאָגט א דראמא געשפּיעלט. זי האָט אלעס... אלעס איינגע־שטעלט. איז זי דערביי געווען אויפריכטיג? האָט זי האַנס'ן אויף א'ן אמת געליעבט? ווער קען עס, ווער ווייסט עס ווער קען אונז זאָגען, וואָס אין די האנדלונגען פון פרויען איז אמת און וואָס איז געמאַכט. זיי זיינען אויפריכטיג, אָבער זייערע איינ־דריקען האַלטען זיך אין איין ביטען. זיי זיינען ליידענשאַפט־ליך, פערברעכעריש, קליין ביי זיך, בעוואונדערנס־ווערט, ניעדער־טרעכטיג און דאָס אלעס אונטער דעם איינדרוק פון א געוויסען געפיהל, א געוויסען מאָמענט; זיי זאָגען ליגען אָהן אויפהער, אליין ניט וועלענדיג און ניט ויסענדיג, און טראָצדעם זיינען זיי דערביי גאַנץ אָפען אין זייערע געפיהלען, אין זייערע מיינונגען. אז זיי זיינען ניט אין גאַנצען פאַלש, בעווייזען זייערע פלוצימדיגע, אונערוואַרטעטע, משוגענע האנדלונגען, מיט וועלכע זיי צומישען אונזער קאָפּ, פערפיהרען אונזער הארץ און צושטערען אלע אונזערע געוואָהנהייטען. די אונערוואַרטעטקייט און פּלוצימדיגקייט פון זייערע האנדלונגען מאַכט זיי אין אונזערע אויגען פאַר אייביגע רעטעניזען, מיר מוזען זיך אימער פרעגען: זיינען זיי איצט אויפ־ריכטיג אָדער פאַלש?

דער אמת איז, ליעבער פריינד, אז זיי זיינען אין איין און דערזעלביגער צייט אי אויפריכטיג, אי פאַלש, ווייל דאָס ליגט אין זייער נאַטור.

טהו אָקאָרשט א טראַכט איבער די מיטלען, וועלכע די עהר־ליכסטע פון זיי ווענדען אָן, אום ביי אונז ארויסצוקריגען, וואָס זיי פערלאַנגען. די דאָזיגע מיטלען זיינען קאָמפּליצירט און דאָך אזוי איינפאַך, אזוי כיטרע, אז מיר קענען זיך אָפּריהער בשום אופן ניט כאַפּען, און אזוי איינפאַך, אז ווען מיר זיינען אריינגעפאַלען אין זייער נעץ אריין, וואונדערן מיר זיך און זאָגען:

— וואָס ? דערמיט האָט זי אונז אריינגעכאַפּט !

און עס גליקט זיי אימער, ליעבער פריינד, איבערהויפּט נאָך, ווען עס האנדעלט זיך וועגען הייראַטען. אָבער איצט וועל איך דיר דערצעהלען די געשיכטע פון האנס זומער.

די קליינע פרוי איז געווען א מאָדעל־מיידעל, זיין מאָדעל־מיידעל. זי איז געווען שען, איבערהויפּט עלעגאַנט און ווי עס שיינט האָט זי געהאַט א פּראַכטפולע פיגור. ער האָט זיך פערליעבט אין איהר, ווי מען פערליעבט זיך אין יעדער פערפיהרערישער פרוי, ווען מען זעהט זי אָפט. ער האָט זיך איינגערעדט, אז ער ליעבט זי מיט'ן גאַנצען הארצען. עס איז א מערקווירדיגע זאַך, אזוי שנעל ווי מען באַגעהרט א פרוי, דענקט מען, אז מען וועט דאָס גאַנץ לעבען לאנג נישט קענען אויסקומען אָהן איהר ; מען ווייס זעהר גוט, אז נאָך דער בעפריעדיגונג פון'ם געפיהל קומט געוועהנליך דער עקעל ; אז פאר א גליקליכער פאַרבינדונג מוז מען האָבען ניט נור פיזישע ברוטאַלע ווינשע, נור אז עס איז נויטיג א איבער־איינשטימונג אין די נשמות, אין די כאראַקטערען און אין די טעמ־פּעראַמענטען. ווען א פרוי ציהט אונז צו זיך צו, מוזען מיר קענען אונטערשיידען, צו זי ווירקט אויף אונז מיט איהרע שעהנע קער־פּערליכע פאָרמען אָדער מיט איהר טיעפען גייסטיגען רייץ.

קורץ, איהם האָט זיך געדאכט, אז ער ליעבט זי, און ער האָט איהר ליעבע און טרייהייט געשוואָרען און געלעבט מיט איהר, ווי א פּאָאָר טייבעלאך.

זי איז ווירקליך געווען נעט, אויף יענעם עלעגאַנטען, אונוויכ־טיגען שטייגער, ווי עס זיינען א סך פּאַריזער פרויען.

זי האָט געלאַכט, זי האָט געפּלוידערט, זי האָט גערעדט נאַ־רישקייטען, וועלכע האָבען געקלונגען קאָמיש צוליעב דער ארט און ווייזע ווי אזוי זי האָט זיי ארויסגערעדט. זי האָט געהאט גראַציעזע בעוועגונגען, וועלכע האָבען געקענט ענטציקען דאָס אויג פון א מאהלער. האָט זי אויפגעהויבען דעם ארעם, האָט זי זיך א בויג געטהאָן אויף א זייט, איז זי אין דער קאַרעטע אריין, האָט זי די האנד דערלאַנגט, זיינען אַלע איהרע בעוועגונגען געווען פול רייץ, פול גראַציע.

דריי מאָנאַט נאָכאַנאַנד האָט האָנס ניט בעמערקט, אַז זי איז אייגענטליך געווען פּונקט אַזוי, ווי אַלע אַנדערע מאָדעל־מיידלאַך.

פאַר׳ן זומער האָבען זיי געדונגען אַ קליין הייזעל אין אַנדרעסי.

איין מאָל אַ׳ן אָבענד בין איך דאָרט געווען, ווען מיין פריינד האָט צום ערשטען מאָל גענומען צווייפלען.

עס איז געווען אַ וואונדער שענע נאַכט און מיר האָבען צוזאַמען געמאַכט אַ שפּאַציר אַרום טייך. די לבנה האָט זיך געבאָדען אין דאָס לייכט בעוועגליכע וואַסער, האָט געוואָרפען איהר גע־לען שיין אויף דעם שטראָם, איבער דעם גרויסען, לאַנגזאַם־פליסענדען טייך.

פערחלום׳ט פון דעם וואונדערבאַרען אָבענד, זיינען מיר גע־גאַנגען נעבען וואַסער. מיר האָבען געפיהלט, ווי אין אונז וועקען זיך בעגעהרונגען, פערלאַנגען נאָך עטוואָס גרויסעס, שענעס, אי־בערמענשליכעס. היגגעריסען פון דער שעהנער נאַכט, פון דעם קלאָהרען שיין פון דער לבנה, זיינען מיר געגאַנגען און געשוויגען.

פּלוצים האָט יאָזעפינע אויסגערופען (זי הייסט יאָזעפינע):

— האָסטו געזעהן דעם גרויסען פיש, וואָס שווימט דאָרט אין וואַסער?

ער האָט געענטפערט, ניט קוקענדיג אין יענער זייט, גאַנץ אונ־בעוואוסט:

— יאַ, מיין ליעבע.

זי איז געוואָרען אין כעס:

— ניין, דו האָסט איהם ניט געזעהן, וואָרום דו ביזט געשטאַ־נען צו איהם מיט׳ן רוקען.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן:

— יאַ, דאָס איז אמת. עס איז אַזוי שען היינט ביינאַכט, דאָס איך קען וועגען אַזעלכע זאַכען ניט טראַכטען.

זי האָט געשוויגען, אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט זיך איהר ווידער פאַרוואָלט רעדען און זי האָט געפרעגט:

— פאָהרסטו מאָרגען אין פּאַריז?

ער האָט געזאָגט:

— איך וויים ניט.

דאָס האָט זי פון דאָס ניי אויפגעבראַכט:

— דענקסטו, אַז עס איז אינטערעסאַנט אַרומצוגעהן שפּאַ־ציערען ווי אַ שטומע. ווער עס האָט שכל, דער רעדט.

ער האָט ניט געענטפערט. פיהלענדיג אינסטיקטיוו, אַז זי וועט איהם דערמיט אויפרעגען, האָט זי גענומען זינגען אַ העסליכע גאַסען־ליעדעל, וועלכע האָט אונז פאַר די לעצטע צוויי יאָהר ניט אויפגעהערט צו בויערען די אויערען.

ער האָט אַרויסגעברומט:

— איך בעט דיך, שווייג.

זי האָט זיך אָנגערופען צורייצט:

— פאַרוואָס זאָל איך שווייגען?

ער האָט געענטפערט:

— דו פערדאַרבסט אונז די גאַנצע שטימונג.

דאַן איז געקומען אַ סצענע, אַ שרעקליכע, אַ נאַרישע סצענע מיט אונערוואַרטעטע פאָרווירפע, מיט העסליכע בעשולדיגונגען און טרערען.

אַלעס איז געווען פאַרביי. זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אַהיים, ער האָט איהר ניט געענטפערט אַ וואָרט. ער האָט זי גע־לאָזט רעדען, איבערוועלטיגט פון דער וואונדערבאַרער שענקייט פון דעם אָבענד און אָבגעעקעלט דורך דעם שטראָם פון שימפּפ־ווערטער:

אין דריי מאָנאַטען אַרום האָט ער שוין פערצווייפעלט גע־קעמפּפט אום זיך פון איהר צו בעפרייען. זי האָט איהם געהאַלטען פעסט אין איהרע הענד, האָט איהם אונטערדריקט, געפּלאָגט און געמאַטערט. זיי האָבען זיך אַרומגעריסען פון פריה ביז נאַכט, זיך געקריגט און געשלאָגען.

צום סוף האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען אַ ענד און זיך מיט איהר פונאַנדערגעהן אונטער אַלע אומשטענדען. ער האָט פער־קויפט אַלע בילדער, געליהען געלד ביי אַלע זיינע פריינד און אויף אַזאַ אופן צוזאַמענגעבראַכט צוואַנציג טויזענד פראַנק — ער איז נאָך געווען ווייניג בעקאַנט — און איין מאָל אין אַ פריהמאָרגען

האָט ער דאָס געלד איבערגעלאָזט אויף׳ן קאַמין און איז אַליין אוועק אָהן אַ אַבשיעד־בריעף.

ער איז אַנטלאָפען צו מיר.

אַ זייגער דריי נאָכמיטאָג האָט מען אָנגעקלונגען, איך האָב געעפענט, אַ פרוי האָט מיר אַ שפרונג געטהאָן אַנטקעגען און זיך אריינגעריסען אין מיין אַטעליער. דאָס איז געווען זי.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, ווען ער האָט זי דערזעהן אריינ־קומענדיג.

מיט אַ גרויסאַרטיגער בעוועגונג האָט זי איהם אַ וואָרף גע־טהאָן דעם קאָנווערט, אין וועלכען עס איז געלעגען דאָס געלד, צו די פיס און געזאָגט קורץ:

— דאָ איז דיין געלד. איך דאַנק דיר דערפאַר.

זי איז געווען טויט־בלייך, האָט געציטערט און געשיינט צו זיין בערייט אויף אַלעס. איך האָב אָבער בעמערקט, אַז אויך ער איז בלייך פאַר כעס און פאַרצווייפלונג און אַז ער איז פעסט ענטשלאָ־סען ניט נאָכצוגעבען.

ער האָט געפרעגט:

— וואָס ווילסטו?

זי האָט געענטפערט:

— איך וויל ניט בעהאַנדעלט ווערען ווי אַ אויסגעלאַסענע פרוי. דו האָסט מיר צוגעזאָגט כל הגליקען, דו האָסט מיך פער־פיהרט, איך האָב פון דיר קיין זאַך ניט פערלאַנגט, איצט מוזטו זיך מיט מיר האַלטען.

ער האָט אַ טופּע געטהאָן מיט׳ן פוס:

— ניין, דאָס איז שוין צופיעל, דו דענקסט אַז מיט געוואַלד....

— איך האָב איהם אָנגענומען פאַר׳ן אָרעם:

— שווייג, האַנס. לאָז מיר זיך מיט איהר דורכרעדען.

איך בין צוגעגאַנגען צו איהר און לאַנגזאַם און שטיל גענומען איהר ערקלעהרען אַלע גרינדע, צוליעב וועלכע זיי מוזען זיך שיי־דען. זי האָט מיך אויסגעהערט אונבעוועגליך, מיט שטאַרע אויגען און שטום.

ווען איך האָב שוין ניט געוואוסט מעהר, וואָס איהר צו זאָגען

און איך האָב געזעהן, אז די מעשה וועט האָבען א שלעכטען סוף, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט פאַר דאָס לעצטע מיטעל און געזאָגט:

—ער האָט דיך נאָך אימער ליעב, אָבער זיין פאַמיליע וויל איהם חתונה מאַכען, פאַרשטעהסטו שוין?

— אך אזוי, אזוי, איצט פערשטעה איך ערשט וואָס דאָ טהוט זיך!

און זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהם:

— דו ווילסט... הייראַטען?

ער האָט געענטפערט רוהיג:

— יא.

זי האָט א טראָט געטהאָן צו איהם:

— ווען דו הייראַטסט, דאַן טויט איך זיך. דו הערסט?

ער האָט א דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— גוט, קענסט זיך טויטען.

זי האָט עפּעס געגומען שטאַמלען עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד מיט א פערשטיקטען קול, שרעקליך פערצווייפעלט:

— וואָס זאָגסטו? וואָס זאָגסטו? וואָס זאָגסטו? זאָג עס נאָך אמאָל.

ער האָט געזאָגט:

— נו, קענסט זיך טויטען, אויב דאָס געפעהלט דיר.

זי איז געוואָרען שרעקליך בלייך און האָט געענטפערט:

— רייץ מיך ניט, אז ניט וואַרף איך זיך פון פענסטער ארויס.

ער האָט זיך צולאַכט, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, איהם געעפענט, זיך פערנויגט, ווי ער וואָלט אימעצען געלאָזט ארויסגעהן אפריהער פון טיר:

— געה, זיי מוחל, נור געגאַנגען!

א מאָמענט האָט זי איהם אָנגעקוקט פערצווייפעלט, מיט שטאַרע מורא'דיגע אויגען, דאַן האָט זי זיך א לאָז געטהאָן פאַרביי מיר און איהם, האָט א שפּרונג געטהאָן אויף'ן פענסטער און איז פערשוואונדען.

איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען דעם איינדרוק, וואָס דער דאָזיגער אָפענער פענסטער האָט אויף מיר געמאַכט נאָכדעם, ווי

זי האָט זיך דורך איהם ארויסגעוואָרפען. איין אויגענבליק האָט ער מיר זיך אויסגעוויזען גרויס ווי דער הימעל און ליידיג, ווי דער גאַנצער האָריזאָנט. אינסטינקטיוו בין איך אָבגעשפּרונגען צוריק, איך האָב ניט געוואָנט ארונטערצוקוקען, ווי איך וואָלט מורא גע־האָט אז איך וועל אליין ארונטערשטירצען.

האָנס איז געשטאַנען פערצווייפעלט און האָט זיך ניט גע־ריהרט.

מען האָט ארויפגעבראַכט דאָס אָרימע מיידעל. זי האָט זיך ביידע פיס צובראָכען, זייט דעם האָט זי מעהר קיין מאָל ניט גע־קענט געהן. איהר געליעבטער, משוגע פון געוויסענס־ביסען, און אפשר אויך גערירט פון איהר ליעבע, האָט מיט איהר געהייראַט.

— אָט דאָס, ליעבער פריינד, איז די געשיכטע.

עס איז געוואָרען נאַכט, דער יונגער פרוי איז הפּנים געוואָרען קאַלט, זי האָט געוואָלט אהיים, און דער דיענער האָט גענומען שטו־פּען דעם קראַנקען וועגעל צום דאָרף צו. דער מאהלער האָט גע־טראָטען נעבען זיין פרוי, און זיי ביידע זיינען געווען שטיל, פער־טראַכט און האָבען זייט אַ שטונדע ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

דער טייפעל

דער פויער איז געשטאַנען אויסגעצויגען פאַר דעם דאָק־טאָר נעבען בעט פון דער גוססער. די אַלטע, נאָך ביים פּולען בעוואוסטזיין, האָט רוהיג און שטיל אָנגעקוקט ביידע מענער און זיך צוגעהערט, וואָס זיי רעדען. זי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען און האָט זיך שוין מעהר נישט געוועהרט געגען דעם. איהר צייט איז אויסגעגאַנגען. זי איז געווען צוויי און ניינ־ציג יאָהר אַלט.

דורך דאָס פענסטער און דער אָפענער טיר האָט אריינגע־שטראַהלט די וואַרימע יולי־זון און געוואָרפען איהר שיין אויף דער ברוינער, קרומער ליימענער פּאָדלאָגע, אויף וועלכער פיער דורות פויערים האָבען מיט זייערע הילצערנע שיך געטראָטען. דער וואַ־רימער ווינד האָט פון פעלד פאַרטראָגען כל המינים ריחות פון גראָז, בלעטער, תבואה. אין דער העלער לאַנדשאַפט האָט זיך געטראָגען דאָס צוויטשערן פון פייגעלאָך.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט מיט אַ שטרענגען טאָן :

— האַנאָרע, איהר קענט אייער מוטער ניט לאָזען אַליין אין אַזאַ צושטאַנד, זי קען יעדע מינוט שטאַרבען.

אָבער דער פויער האָט געענטפערט פערצווייפעלט :

— איך מוז דאָך אָבער מיין תבואה אראָבנעהמען פון'ם פעלד, עס ליגט שוין צו לאַנג אין דרויסען, איצט האָבען מיר גראַד שעהן וועטער. וואָס זאָגסטו, מוטער ?

און די גוססע, נאָך ניט פריי פון דער נאָרמאַנישער גייציג־קייט, האָט אַ מאַך געטהאָן מיט די אויגען און מיט'ן קאָפּ אויף יאָ, איהר זוהן זאָל זיך רוהיג אראָבנעהמען זיין תבואה פון'ם פעלד און זאָל זי לאָזען שטאַרבען איינע אַליין.

אָבער דער דאָקטאָר איז בייז געוואָרען און אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס.

— דאָס איז ווילד און איך וועל אַזאַ זאַך ניט דולדען, איהר פאַרשטעהט וואָס איך רעד צו אייך? אויב איהר ווילט אונבעדינגט היינט ארייננעהמען אייער תבואה, דאַן דינגט די אַלטע ראַפּעט און זאָל זי זיצען נעבען אייער מוטער. איך פאָדער פון אייך, איהר זאָלט עס טהאָן, איהר הערט, און טאָמער וועט איהר מיך ניט פאָלגען וועל איך אייך, ווען איהר וועט אמאָל קראנק ווערען, לאָזען קראַפּירען ווי אַ הונד...

דער פויער, אַ הויכער, מאָגערער מאַן, מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען, איז געוואָרען צומישט. די מורא פאַר'ן דאָקטאָר און דער ברענענדער פערלאַנג צו שפּאָרען געלד האָבען אין איהם געקעמפּפט, ער האָט אַ ווייל געטראַכט, געקעמפּפט, דאַן האָט ער אויסגעשטאַמעלט:

— וואָס קריעגט דען די ראַפּעט געוועהנליך פאַר איהר מיה?

דער דאָקטאָר האָט אַ געשריי געטהאָן:

— דאָס איז ניט מיין זאַך, געהט און בעדינגט זיך מיט איהר. צום טייפעל, דאָס וועט זיך ווענדען אָן דעם ווי לאַנג איהר וועט זי געברויכען. אָבער אין אַ שעה ארום מוז זי זיין דאָ — איהר פערשטעהט?

און דערזעהן, אז ער וועט דאָ גאָרנישט מאַכען, האָט זיך דער מאַן ענטשלאָסען:

— איך געה שוין! איך געה, זייט נור ניט אַזוי אין כעס, הערר דאָקטאָר.

און דער דאָקטאָר איז אַוועק אויסרופענדיג:

— געדענקט-זשע, ווארום אז איך וועל אויף אַ'ן אמת בייז ווערען וועט זיין אַז אַך און וועה צו אייך.

געבליעבען אליין, האָט זיך דער פויער אַ קעהר געטהאָן צו דער מוטער און געזאָגט מיט אַ רחמנות'דיגען קול:

— איך געה רופען די ראַפּעט, ווייל דער דאָקטאָר וויל אַזוי. שטאַרב נור ניט אַוועק ביז איך וועל קומען צוריק.

און ער האָט פערלאָזען דאָס הויז.

די ראַפּעט, אַן אַלטע פּרעסערקע, איז געווען די וועכטערין פון אַלע קראַנקע און טויטע אין איהר דאָרף און אַרום. און נאָכדעם ווי זי האָט אָנגעטהאָן איהרע קונדען די אייביגע קליידער איז זי צוריק צו איהרע פּרעס־אייזענס געגאַנגען, מיט וועלכע זי האָט די וועש פאַר די לעבעדיגע געפּרעסט. זי איז געווען צוקנייטשט און איינגעשפּרומפּען ווי אַ'ן אַלטע עפּעל, פאַרביסען, אייפערזיכ־טיג און גייציג. זי איז געגאַנגען איינגעהויקערט, אַזוי ווי דאָס שטענדיגע באַוועגען אַהין און צוריק מיט'ן פּרעס אייזען וואָלט זי אין מיטען איבערגעבראָכען. דער טויט איז געווען איהרער אַ'ן אַלטער, גוטער בעקאַנטער. זי האָט קיינמאָל פון קיין אַנדער זאַך ניט גערעדט, ווי נור פון די מענשען וואָס זיינען געשטאָרבען פאַר איהרע אויגען, פון די פערשיעדענע אַרטען פון טויט, וועלכע זי האָט ביינעוואָהנט, און זי האָט נאָכאַנאַנד דערצעהלט אַלע די איי־גענע מעשות מיט אַלע איינצעלהייטען, ווי דער יעגער זיינע יאַגד־געשיכטען.

ווען האָנאָרע באָנטעמפּס איז אריין צו איהר אין שטוב, האָט ער זי געפונען בלויענדיג וועש. ער האָט געזאָגט:

— אַ גוטינקען אַבענד אייך. ווי געהט עס, מוטער ראַפּעט?

זי האָט אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ צו איהם:

— גאַנץ גוט, גאַנץ גוט. און ווי געהט עס אייך?

— נו, מיר וואָלט שוין געגאַנגען גוט, אָבער דער מוטער געהט עס שלעכט.

— אייער מוטער?

— יאָ, מיין מוטער.

— וואָס איז דען דער מעהר מיט אייער מוטער?

— עך, זי וועט שוין לאַנג ניט ציהען.

די אַלטע פרוי האָט ארויסגעצויגען איהרע הענד פון'ם וואַ־סער און די בלויע דורכזיכטיגע טראָפּענס האָבען געקאַפּעט פון זיי אין צעבער אריין.

זי האָט געפרעגט:

— איז זי דען אַזוי קראַנק?

— דער דאָקטאָר רעכענט, אז זי וועט ניט דערציהען ביז מאָר־גען.

— אויב אַזוי מוז זי האַלטען גאַנץ שמאָל.

האַנאָרע האָט א ווײַלע געטראַכט, ער האָט זיך געוואָלט פאָר־בערייטען צו דעם פאָרשלאַג, וואָס ער האָט איהר געוואָלט מאַכען. ער האָט אָבער ניט געוואוסט ווי אַזוי מען נעהמט זיך דערצו און האָט צום סוף ארויסגערעדט:

— נו, וואָס א שטייגער, וואָלט איהר פערלאַנגען, ווען איהר זאָלט ביז צום סוף ביי איהר וואַכען? איהר ווייסט, מיר זיינען ניט קיין גבירים, איך קען האַלטען נור איין ארבייטערין און דאָס האָט פון דער מוטער א תל געמאַכט, זי האָט צופיעל געהאָרעוועט, צופיעל געפּראַצעוועט. זי האָט געארבייט פאַר צעהן, טראָץ איה־רע צוויי און נײַנציג יאָהר. אַזאַ פרוי ווי זי איז היינטיגע צײַ־טען שוין גאָרנישט צו געפינען.

די ראַפּעט האָט געענטפערט ערנסט:

— איך האָב צוויי פּרייזען: צוויי פראַנק א טאָג און דריי די נאַכט פאַר די רײַכע; און ביי די אָרימע לײַט פערלאַנג איך איין פראַנק א טאָג און צוויי די נאַכט. איהר קענט זיך אויס־קלײַבען וועלכען פּרייז איהר ווילט.

דער בויער האָט זיך מישב געווען. ער האָט געקענט זײַן מוטער און געוואוסט, ווי קרעפטיג, ווי שטאַרק און ווידערשטאַנדס־פעהיג זי איז געווען, זי קען נאָך אוועקזשיפּען אַכט טאָג טראָץ דער פערזיכערונג פון דעם דאָקטאָר, און ער האָט געזאָגט ענטשלאָסען:

— איך וואָלט בעסער וועלען איהר זאָלט מאַכען איין פּרייז, אַגולנע ביז'ן סוף. מיר ביידע נעהמען אויף זיך גלײַכע ריזיקע. דער דאָקטאָר זאָגט, זי שטאַרבט באַלד; אויב ער האָט רעכט, דאַן איז אײַער גליק און איך האָב זיך אָפּגענאַרט, טאָמער אָבער בלײַבט זי לעבען ביז מאָרגען אָדער נאָך לענגער, דאַן איז מײַן גליק און איהר האָט זיך אָבגענאַרט.

די וועכטערין האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט. זי האָט נאָך קיין מאָל ניט געמאַכט מיט'ן טויט אַזאַ מין געשעפט. זי האָט זיך ניט געקענט גלײַך בעשליסען צוליעב דער ריזיקע וואָס זי

נעהמט דאָ אויף זיך. דאַן איז איהר איינגעפאַלען, אז דער פּויער וויל איהר אריינגנאַרען און זי האָט געזאָגט:

— איך קען אייך גאַרנישט זאָגען, ביז איך האָב ניט געזעהן אייער מוטער.

— קומט מיט מיר און קוקט זי אָן.

זי האָט זיך אָבגעווישט די הענד און איז גלייך אוועק נאָך איהם.

אויף'ן וועג האָבען זיי ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. זי איז געגאַנגען אין איילעניש און ער האָט געטראָטען מיט זיינע לאַנגע פיס, ווי ער וואָלט מיט יעדען טריט איבער א טייך אריבערגע־שפּרייזט.

די קיה, וועלכע זיינען געלעגען אויף'ן פעלד אין דער ברענענ־דיגער היץ, האָבען פויל אויפגעהויבען זייערע קעפּ און ארויסגע־לאָזען א שוואכען „מו־ו־ו" אנטקעגען דיביידע פאַרבייגעהער.

און צוגעקומען ניט ווייט פון הויז, האָט האָנאָרע באַנטעמפּס ארויסגעפּליסטערט:

— עס קען זיין, אז זי איז שוין דאָרטען גאָר אויסגעגאַנגען!

און פון דעם טאָן, מיט וועלכען ער האָט עס געזאָגט, האָט ארויסגעקלונגען דער וואונש, אז הלואי זאָל עס אזוי זיין.

אָבער די אַלטע האָט נאָך אפילו אין זינען ניט געהאַט צו שטאַרבען. זי איז געלעגען אויף'ן רוקען, אויף איהר שטרויענעם סיעניק, צוגעדעקט מיט א פאַרביגער דעקע, איבער וועלכער עס זיינען געווען צוזאַמענגעלייגט איהרע הענד, שרעקליך אויסגע־דאַרטע און צוקרימטע פון פראַצע און רעוומאַטיזמוס.

די ראַפּעט איז צוגעגאַנגען צום בעט און בעטראַכט די גוססע. זי האָט איהר געטאַפּט דעם פּולס, די ברוסט, זיך צוגעהערט צו איהר אָטהעם און זי אויסגעפרעגט אום צו הערען ווי זי רעדט. דאַן האָט זי איהר נאָך א ווײַלע בעטראַכט און איז אַרויס אין פירהויז, בע־גלייט פון האָנאָרע. זי איז געקומען צו דעם בעשלוס, אז די אַלטע וועט די נאַכט ניט איבערלעבען.

ער האָט געפרעגט:

— נו?

די וועכטערין האָט געענטפערט:

— נו, צוויי טעג וועט זי נאָך ציהען און אפשר דריי. גיט מיר זעקס פראנק און מיר מאכען דעם עסק.

ער האָט אויסגערופען:

— זעקס פראנק! זעקס פראנק! איהר זייט הפנים פון זינען ארונטער! איך זאָג אייך: עס געדויערט ניט מעהר ווי פינף אָדער זעקס שטונדען, מעהר וועט זי זיכער נים ציהען!

און ביידע האָבען זיך אַ לאַנגע צייט געהאמפּערט, געדונגען און זיינען געוואָרען אויסער זיך פאַר כעס. און ווען די וועכטערין האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זי וויל אַוועקגעהן און ער האָט איינגעזעהן אַז די תבואה וועט אָהן איהם פון פעלד ניט אראָב, איז ער צום סוף מרוצה געוואָרען:

— גוט, אָבגעמאַכט, זעקס פראנק. אָבער איהר מוזט איהר אויך טהאָן איהר רעכט נאָכ'ן טויט...

— צופריעדען, זעקס פראנק.

מיט לאַנגע טריט איז ער אַוועק צו זיין תבואה, וואָס איז געלעגען אויף'ן פעלד אונטער דער הייסער זון.

די וועכטערין איז אריין אין הויז.

זי האָט מיט זיך מיט געבראַכט אַ האנד־ארבייט, ווייל, וואַכענדיג ביי די טויטע אָדער גוססע, איז זי געוועהנט געוועזען צו אַרבייטען סיי פיר זיך אליין סיי פאַר דער פאַמיליע, ביי וועלכער זי איז געוועזען בעשעפטיגט. די דאָזיגע זייטיגע ארבייט האָט איהר געוועהנליך אויך עפּעס אריינגעבראַכט.

פלוצים האָט זי געפרעגט:

— זאָגט מיר אָקאָרשט, מוטער באָנטעמפּס, האָט איהר שוין ווידוי געזאָגט?

די פויערטע האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און די ראַפּעט, וועלכע איז געוועזען זעהר פרום, האָט זיך גלייך אַ הויב געטהאָן:

— גאָט אין הימעל, איז דאָס מעגליך? דאַן לויף איך שנעל רופען דעם פּריסטער.

און זי האָט זיך געלאָזט לויפען צום פּריסטערס הויז מיט אַזאַ

שנעלקייט אז ווען די אינגלאַך, וועלכע האָבען זיך אין דרויסען גע־שפּיעלט, האָבען זי דערזעהן אַזוי לויפענדיג, זיינען זיי אויפגע־שפּרונגען צושראָקענע, דענקענדיג, אַז עפּעס אַ׳ן אונגליק איז גע־שעהן.

דער פריסטער איז גלייך געקומען אין זיינע פריסטערליכע קליידער אָנגעטהאָן, דער כאָר־אינגעל איז געלאָפען פאָראויס, קלינ־גענדיג מיט זיין גלעקעלע אום אויף די הייסע, שטילע פעלדער אָנצוזאָגען, אַז זיין הערר קומט. מענער וועלכע האָבען געאַרבייט גים וויים, האָבען אַרונטערגענומען זייערע גרויסע היט און זיינען געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך, וואַרטענדיג ביז וואַנען דעם פריסטערס ווייסע קליידער זיינען הינטער דעם נעכסטען הויף פער־שוואונדען. די פרויען, וועלכע האָבען צוזאַמענגעבונדען די סנאָ־פּעס, האָבען זיך אויפגעהויבען און גע׳צלמ׳ט. שוואַרצע היהנער האָבען זיך צושראָקען געלאָזט לויפען אַרום די גריבער ביז זיי זיי־נען צוגעקומען צו עפּעס אַ לאָך, פון וואַנען זיי האָבען זיך געקענט אַבטראָגען אויף׳ן צווייטען זייט פעלד, אַ זשערעבטשיק, וועלכער איז געוועזען אָנגעבונדען אויף אַ לאָנקע, האָט זיך דערשראָקען פאַר די הייליגע קליידער און גענומען שפּרינגען אַרום זיין שטריק, קלאַ־פּענדיג מיט די הינטערשטע פיס. דער כאָר־אינגעל אין אַ רויטען ראָק איז געגאַנגען שנעל און דער פריסטער איז איהם נאָכגעגאַנגען מיט אַ׳ן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ אונטער דעם פיער־קאַנטיגען היטעל און האָט געפּליסטערט תפילות. הינטער זיי איז געגאַנגען די ראַפּעט צוזאַמענגעדרעהט אין דרייען, איינגעהויקערט ווי זי וואָלט זיך אויף יעדען טריט פאַר אימעצען געניינט. זי האָט גע־האַלטען איהרע הענד צוזאַמענגעלייגט ווי אין קירכע.

האָנאָרע האָט זיי דערזעהן פון וויטען פאַרבייגעהענדיג. ער האָט געפרעגט:

— וואוהין געהט עפּעס דער פריסטער?

זיין אַרבייטער, וועלכער איז געוועזען קליגער פון איהם, האָט געענטפערט:

— ער געהט צו דיין מוטער, זי נעהמען אין גן־עדן.

דער פּויער האָט זיך ניט געוואונדערט:

— יאָ, דאָס קען זיין.

און ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט.

די אַלטע באַנטעמפּס האָט אָבגעזאָגט איהר ווידוי און בע־קומען די פערגעבונג פאר אַלע זינד. נאָך דער צערעמאָניע איז דער פריסטער אוועק צוריק אהיים און האָט איבערגעלאָזט ביידע פרויען אין דעם הייסען, אָנגעברענטען צימער.

דאַן האָט די ראַפּעט ווידער אָנגעקוקט די גוססע און זיך גע־פרעגט, ווי לאַנג זי קען נאָך אַזוי ציהען.

עס איז געוואָרען פארנאכט, א קיהל ווינטעל האָט פון צייט צו צייט אין צימער אריינגעבלאָזען, דאָס בילד, וועלכעס איז מיט צוויי שפּילקעס געווען צוגעשלאָגען צו דער וואנד, האָט זיך באַ־וועגט אהין און אהער. די קורצע פאָרהאַנגען ביים פענסטער, וועלכע זיינען אַמאָל געווען ווייס און איצט געל און פול מיט פליע־גען־פלעקען, האָבען אזוי שטארק געפלאטערט, אז עס האָט זיך אויסגעדאכט, זיי וועלען זיך אָברייסען און אוועקפליהען ערגעץ ווייט, ווייט, ווי די נשמה פון דער אַלטער.

זי איז געלעגען אונבעוועגליך מיט אָפענע אויגען און האָט קאַנטיג גלייכגילטיג ערוואַרטעט דעם טויט, וועלכער איז געווען אַזוי נאָהענט און האָט דאָך נאָך זיך געווייגערט צו איהר צוצוטרע־טען. איהר קורצער אָטהעם האָט זיך מיט א פייפען דורכגעריי־סען דורך דער פארשטיקטער האַלז. באַלד וועט אויך דאָס אויפ־הערען און דאַן וועט אויף דער ערד זיין ווייניגער מיט איין פרוי, איבער וועלכער קיינער וועט אפילו קיין טרעהר ניט ארויסלאָזען.

ווען עס איז געוואָרען נאכט, איז האַנאַרע אהיים געקומען. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און ווען ער האָט דערזעהן, אז זיין מו־טער לעבט נאָך, האָט ער געפרעגט :

— וואָס מאכסטו ? — ווי ער האָט שטענדיג געפרעגט, ווען זי האָט זיך געפיהלט קראַנק.

דאַן האָט ער אוועקגעשיקט די ראַפּעט אהיים, אָנזאָגענדיג איהר :

— אָבער מאָרגען פריה, פונקט פינף, זאָלט איהר זיין דאָ.

זי האָט געענטפערט.

— מאָרגען פונקט פינף.

און ווי נור עס האָט גענומען גרויען אויף טאָג איז זי ווירק־ליך געקומען צוריק.

איידער ער איז אוועק אין פעלד, האָט האנארע זיך אָנגעגע־סען מיט זופּ, וואָס ער האָט אַליין אָבגעקאָכט. די וועכטערין האָט געפרעגט:

— נו, איז אייער מוטער שוין אויסגעגאַנגען?

ער האָט כיטרע אַ ווינק געטהאָן מיט די אויגען און געענט־פערט:

— זי פיהלט זיך אַ סך בעסער.

און ער איז אוועק.

דאָ איז די ראפּעט געוואָרען אונגעדולדיג, זי איז צוגעגאַנגען צו דער גוססער, וועלכע איז נאָך אַלץ געלעגען אין דעם זעלבען צו־שטאַנד, שוועד סאָפּענדיג, מיט אָפענע אויגען און קראַמפּפהאַפט צוזאַמענגעדריקטע הענד אויף דער דעקע.

דאָן ערשט האָט די וועכטערין איינגעזעהן, אז זי קען נאָך אַזוי אוועקציהען צוויי, פיער און אמאָל די גאַנצע אכט טעג. און אויף איהר גייציגער נשמה איז אָנגעפאַלען אַ אימה'דיגע מורא. זי איז געוואָרען אויפגעבראַכט אויף דעם כיטרען פוקס, וועל־כער האָט זי אַזוי אַריינגענאַרט אין זאַק אריין און אויף דער אלטער פרוי, וועלכע וויל בשום אופן ניט שטאַרבען...

דאָך האָט זי זיך גענומען צו איהר אַרבייט און, איינעסענדיג זיך מיט די אויגען אין דעם צורונצעלטען פּנים פון דער אַלטער, האָט זי געוואַכט און געוואַרט.

צום אָנבייסען איז האָנאָרע אהיים געקומען. ער האָט אויס־געזעהן צופריעדען, אויף זיין פּנים האָט געשפּיעלט אַ שפּאָטישער שמייכעל, נאָך'ן עסען איז ער ווידער אוועק. איין זאַך איז געווען זיכער: זיין תבואה האָט ער אריינגענומען אין שייער אריין שנע־לער און לייכטער ווי ווען עס איז.

די ראפּעט איז געווען אויסער זיך. איהר האָט זיך אויסגע־וויזען, אז יעדע מינוט, וואָס געהט אוועק, גנב'עט ביי איהר אי צייט, אי געלד. און אַ ווילדע לוסט האָט זי אָנגעכאַפּט, אַנצונעה־

מען די אַלטע שטיק קלאָץ ביים גאָרגעל און דעם קורצען, שווערען אָטהעם מיט איין פעסטען דריק צו דערשטיקען.

נור די מורא פאר דער געפאהר האָט זי אָבגעהאַלטען און זי איז געפאַלען אויף אַן אַנדער פּלאַן. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און געפרעגט:

— האָט איהר שוין געזעהן דעם טייפעל?

די אַלטע באַנטעמפּס האָט אויסגעמורמעלט:

— ניי־ן!

דאָ האָט זיך די וועכטערין צורעדט, געגומען איהר דערצעה־לען געשיכטען, וועלכע האָבען ארויפגעיאָגט אַ'ן אימה אויף דעם שוואַכען גייסט פון דער גוססער.

זי האָט איהר געזאָגט, אַז צו יעדען מענשען בעווייזט זיך דער טייפעל אַ פּאָאָר מינוטען פאר זיין טויט. אזוי געהט עס שוין מיט אַלע גוססע, דער טייפעל בעוויזט זיך צו זיי מיט אַ בעזים אין האנד, אַ קעסעל אויף'ן קאָפּ און דערביי ברומט ער, אַז עס איז אַ מורא צו הערען. קוים האָט מען איהם געזעהן, דאַן איז אַלעס אויס, דאַן זיינען נור פארבליעבען אַ פּאָאָר מינוטען צום לעבען.

און זי האָט גענומען אויסרעכענען אַלע קראַנקע, צו וועלכע דער טייפעל האָט זיך בעוויזען אין איהר געגענוואַרט אין פערלויף פון לעצטען יאָהר: יאָזעפינע לאַיזאל, עילאַליא רייטער, סאָפיע פּאָראַגנאַן, סעראַפינע גראַספיער.

די אַלטע באַנטעמפּס איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט. זי האָט זיך גענומען וואַרפען אהין און צוריק, האָט געפּעכט און צו־געמאַכט די הענד און זיך געמאַטערט אויפצוהויבען דעם קאָפּ, אום צו זעהן, וואָס עס טהוט זיך אין צימער.

פּלוצים איז די ראַפּעט פערשוואונדען פון איהר פּלאַץ נעבען בעט. זי האָט ארויסגענומען פון שאַפע אַ פּאַטשיילע און עס ארויפ־געוואָרפען אויף זיך, אויף'ן קאָפּ האָט זי אָנגעטהאָן אַ קעסעל מיט דריי קורצע, קרומע פיס, וואָס האָבען ווי הערנער אויסגעזעהן, אין דער רעכטער האַנד גענומען אַ בעזים, אין דער לינקער אַ בלעכענעם עמער, וועלכען זי האָט אַ וואָרף געטהאָן הויך אין לופטען, אום ער זאָל מאַכען אַ גרויסען ליאַרעם ביים פּאַלען.

און ווען דער עמער איז געפאלען אויף דער ערד מיט א מוראַ־דיגען גערויש, איז די וועכטערין אויף א שטול ארויפגעקראכען, האָט פארנאנדערגערוקט די פאָרהאנגען, וואָס זיינען געהאנגען צו־פוסען פון בעט און גענומען סטראשען די גוססע פויערטע מיט'ן בעזים, ווי דער טייפעל אויף'ן יריד אין קאספערל־טהעאטער.

די גוססע האָט געוואָרפען ארום זיך א פערצווייפעלטען, צו־שראָקענעם בליק און אָנווענדענדיג איבער מענשליכע קרעפטען האָט זי געזוכט זיך אויפצוהויבען און אנטלויפען. זי האָט זיך ארויסגעריסען מיט די שולטערן און דער ברוסט פון אונטער דער דעקע, גלייך אָבער איז זי צוריק אויף'ן קישען געפאלען, פון איהר ברוסט האָט זיך ארויסגעריסען א שווערער זיפץ און אַלעס איז גע־ווען אויס...

די ראפעט האָט רוהיג צוריק אוועקגעשטעלט די אַלע זאכען אויף זייער פריהערדיגען פּלאץ, דעם בעזים נעבען שאפע, די פּאַ־טשיילע אינעווייניג, האָט אוועקגעשטעלט דעם קעסעל אויף'ן אויו־ווען, דעם עמער אויף'ן באנק אין קיך און דעם שטול נעבען וואנד. דאַן האָט זי געשעפטסמעסיג צוגעמאכט דער טויטער די צושראָ־קענע, ווייט אויפגעריסענע אויגען, האָט אוועקגעשטעלט נעבען בעט א טעלער, ארייננגעגאָסען אהין פון א קריעגעל הייליגע וואסער און ארייננגעלייגט דעם צווייג, וואָס איז געווען אָנגעשלאָגען איבער דער קאָמאָדע. דאַן האָט זי געקניעט נעבען בעט און גענומען זאָ־גען מיט היץ תפילות פיר דער טויטער'ס נשמה.

און ווען האָנאָרע איז אין אבענד אהיים געקומען, האָט ער זי נאָך געפונען בעטענדיג. באלד האָט ער בארעכענט ביי זיך אין די געדאנקען, אז פון דעם עסק האָט זי פּראָפיטירט א גאנצען פראנק, וואָרים זי האָט אין גאנצען געוואכט נור דריי טעג און איין נאכט, וואָס מאכט אויס בלויז פינף פראנק און ער האָט דערזעהן, אז ער האָט זיך אָבגענארט.

א זוהן

ביידע אלטע פריינד זיינען געגאנגען שפּאַציערען אין דעם בליהענדען גאָרטען, וועלכען דער פריהלינג האָט מיט זיין לאַכענדיגער שענקייט בעלעבט.

איינער איז געוועזען א סענאַטאָר, דער אנ־דערער א מיטגליעד פון דער אקאדעמיע, ביידע געזעצטע לאַגישע מענשען, מענער פון בעדייטונג און מיט גרויסע נעמען.

צוערשט האָבען זיי א ווײלע געפּלוידערט איבער פּאָליטיק, האָבען אויסגעדריקט זייערע מיינונגען, ניט אזוי איבער די פּאָלי־טישע פראגען, ווי איבער די מענשען. וואָרים אין דער פּאָליטיק קומען צוערשט די מענשען, וואָס מאכען פּאָליטיק. דאן האָבען זיי אָבגעפרישט אלטע עראינערונגען. צום סוף זיינען זיי אנשוויגען געוואָרען און געגאַנגען שטיל זייט ביי זייט, אביסעלע פערמאַטערט פון דער וואַרימער לופט.

א גרויסע בעיט האָט געשטראָהמט מיט זיסע ריחות, א מאַסע בלומען פון אלע סאָרטען און קאָלירען האָבען אויסגעמישט זייער דופט מיט דעם הויך פון׳ם ווינד, וועהרענד א בעבעל־בוים, מיט געלע בליטהען בעדעקט, האָט א דיגעם שטויב אויף׳ן ווינד גע־לאָזט, ווי א סאָרט גאָלדיגען רויך, וואָס האָט געשמעקט מיט האָניג און די לופט אָנגעפילט ווי מיט א דופטענדיגער פּודרע...

דער סענאַטאָר איז געבליעבען שטעהן, האָט איינגעאָטהעמט אין זיך דעם געשמאַקען, פרוכטבאַרען שטויב, וועלכער האָט זיך געטראָגען אין דער לופט, בעטראַכט דעם בוים, וועלכער האָט גע־לויכטען ווי די זונן פון די פּיעל בליטהען, געקוקט ווי זיינע זוימען פליהען אוועק מיט׳ן ווינד און געזאָגט:

ווען מען טהוט א טראכט, אז די דאָזיגע קליינע אטאָמען, וועלכע שמעקען אזוי שען, וועלען פיליכט הונדערטער מייל ווייט פון דאנען שאַפען נייע לעבענס, אז זיי וועלען בעפרוכטען ווייבליכע בוימער און דאַן ווידער ארויסברענגען נייע פלאַנצען מיט וואָרצ־לען; גרויסע בוימער, וועלכע קומען ארויס, פונקט אזוי ווי מיר, פון איין קערנדעל, זיינען שטערבליך, פונקט אזוי ווי מיר, און ווע־רען פון אנדערע וועזענס פערביטען, ווידער אמאָל פונקט אזוי ווי מיר!

דערנאָך האָט דער אלטער סענאטאָר צוגעלעגט, וועהרענד ער האָט זיך אָבגעשטעלט פאר דעם שטראַהלענדיגען בוים, וואָס זיינע זיסע ריחות האָבען די גאַנצע לופט אָנגעפילט:

— הערט אויס, איהר אלטער היהנער־פרעסער, ווען איהר זאָלט א בוך וועלען פיהרען פון אלע אייערע קינדער, וואָלט עס אייך אין גרויס פערלעגענהייט געבראכט. דער בוים דאָרט מאַכט זיך לייכט און לאָזט זיי איבער אָהן שום געוויסענסביסע צו זייער שיקזאל! ער קימערט זיך ניט מעהר וועגען זיי.

דער אקאדעמיקער האָט אריינגעוואָרפען:

— ליעבער פריינד, מיר טהוען אויך אזוי.

דער סענאטאָר האָט ווידער אָנגעהויבען:

— יאָ, איך וויל דאָס ניט אָבלייקענען. מאַנכעס מאָל לאָזען מיר זיי איבער צו זייער שיקזאל, אָבער וויינינגסטענס ווייסען מיר דאָס און אין דעם אונטערשיידען מיר זיך.

דער אנדערער האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ:

— ניין, נישט דאָס בין איך אויסען געוועזן. זעהט איהר, ליעבער פריינד, עס איז זעלטען צו געפינען א מאַן, וואָס זאָל ניט האָבען קיין קינדער, פון וועמענס עקזיסטענץ ער האָט אפילו קיין אהנונג ניט; וואָס מען רופט „קינדער אָהן א טאַטען", וועלכע ער האָט פונקט אזוי געשאַפען, ווי דער דאָזיגער בוים בעשאַפט זיי, כמעט אָהן זיין וויסען.

איך גלויב, אז ווען מיר זאָלען פיהרען א בוך איבער אלע פרויען, וועלכע מיר האָבען אמאָל אין אונזער לעבען בעזעסען, וואָלט עס אונז אין גרויס פערלעגענהייט געבראַכט, פונקט אזוי

ווי דעם דאָזיגען בעבעל־בוים, וועלכען איהר האָט ערשט געב־אײַט אַלסביישפּיעל, וואָלט אָנגעקומען שווער, ווען ער זאָל זיינע פּרוכ־טען וועלען איבערצעהלען.

ווען מיר טהוען אַ רעכען די אַלע צוזאַמענטרעפעונישען און בעציהונגען מיט פרויען, וואָס מיר האָבען געהאַט פון אונזער אַכ־צעהן יאָהריגען אַלטער ביז אונזער פערציגסטען, אַן ערך, און רע־כענען אריין אַלע קורצע בעגעגענישען, וואָס האָט נור איין שעה גע־דויערט, דאַן קאָן מען זיכער זאָגען, אַז מיר האָבען געהאַט נאָהנטע בעציהונגען מיט, לכל הפּחות, אַ צוויי־דריי הונדערט פרויען.

אַלזאָ, ליעבער פריינד, קאָנט איהר דען אויף זיכער וויסען אויב איהר האָט מיט דער אָדער מיט יענער פרוי ניט געהאַט קיין קינד, און אויב ערגעץ־וואו אויף די גאַסען אָדער אין געפענגניס וואַלגערט זיך ניט אַ יונג, וועלכער איז אייערער אַ זוהן? אַ זוהן, וועלכער בע׳גנב׳עט און בע׳גזלט די אַנשטענדיגע לייט; די אַנ־שטענדיגע לייט, דאָס הייסט — אונז; אָדער אפשר אַ טאָכטער, וועלכע לעבט אין אַן עפענטליך הייזעל, אָדער אויב זי האָט גע־האַט דאָס גליק פון איהר מוטער אויפגעהאָדעוועט צו ווערען, אַלס קעכין אין וועלכער ניט איז פאַמיליע?

היינט, אויסער דעם, דערמאָנט זיך אָקאָרשט, אַז כמעט אַלע פרויען, וועלכע מיר רופען „עפענטליכע מיידלאך“, האָבען איינס אָדער צוויי קינדער, וועמעס פאָטער זיי קענען ניט, קינדער, וועל־כע זיינען געקומען צופעליג פון אַן אומאַרמונג פאַר צעהן אָדער צוואַנציג פראַנק. אין יעדען בערוף איז דאָ פערלוסט און געווינס. די דאָזיגע קינדער זיינען דער פערלוסט. ווער איז דער פאָטער? איהר! איך! מיר אַלע! די מענער, וועלכע מען רופט אַנשטענ־דיגע לייט! זיי, די קינדער, זיינען די פרוכט פון אונזערע לוס־טיגע הוליאַנקעס, פון אונזערע פרעהליכע אַבענדען, פון יענע שטונ־דען, ווען אונזער זינדיג פלייש טרייבט אונז זיך צו פּאָרען מיט דער ערשטער בעסטער.

גנבים, וואַגאַבונדען, אַלע אויסוואָרפען זיינען אונזערע קינ־דער. און עס איז נאָך אַ גליק פאַר אונז, וואָס מיר זיינען ניט זייערע קינדער, וואָרים די דאָזיגע באַנדיטען ווערען אויך פאָטערס.

שטעלט זיך פאר, איך אליין האב א זעהר מיאוסע געשיכטע אויף מיין געוויסען, וועלכע איך וועל אייך דערצעהלען. די דאזיגע געשיכטע פערשאפט מיר שטענדיג געוויסענסביסע, נאך מעהר ווי דאס... זי קוועלט מיך, מאטערט מיך און לאזט מיך ניט רוהען...

ווען איך בין אלט געווען פינף און צוואנציג יאהר, האב איך מיט איינעם פון מיינע אלטע פריינד — ער איז איצט א געהיימ־ראטה — אונטערנומען א טור צו־פוס איבער ברעטאן.

נאך פיערצעהן אדער צוואנציג טעג אנגעשטרענגטען גאנג, ווען מיר האבען שוין פיעלע פלעצער בעזוכט, זיינען מיר אנגע־קומען קיין דורנעץ. פון דארט אוים האבען מיר אין איין טאג ער־רייכט דעם ווילדען שפיץ פון ראץ אויף דעם טויטען טייך און עפעס אין א דארף, וואס ענדיגט זיך מיט א'ן „אף" איבערגענכטיגט. אבער אויף מארגען האט זיך מיין פריינד דערפיהלט זעהר מיעד און צובראכען און האט געמוזט בלייבען אין'ם בעט. איך זאג „בעט" אוים אלטער געוואהנהייט, ווייל אין דער אמת'ן איז אונ־זער געלעגער בעשטאנען פון צוויי בינטלאך שטרוי.

דא איז נישט געווען קיין פלאץ קראנק צו ווערען. איך האב איהם דעריבער געצוואונגען אויפצושטעהן, און ארום פיער אדער פינף א זייגער נאך מיטאג זיינען מיר אנגעקומען אין אודיערנע.

אויף'ן צווייטען טאג איז איהם געווארען עטוואס בעסער, און מיר האבען זיך ווידער אוועקגעלאזט אין וועג אריין, אבער אבי־סעל שפעטער איז איהם אזוי שלעכט געווארען, דאס מיר האבען מיט דער גרעסטער מיה זיך קוים דערשלעפט צו פאנט־לאבבע.

דא האבען מיר כאטש געפונען א גאסט־הויז. מיין פריינד האט זיך אריינגעלעגט אין בעט און דער דאקטאר, וועלכען מיר האבען געשיקט רופען פון קווימפער, האט ערקלעהרט, אז דער קראנקער האט שטארקען פיעבער.

איז אייך בעקאנט פאנט לאבבע ? ניין. גוט, דאס איז אלזא, די ברעטאנישסטע שטאדט פון גאנץ ברעטאן. פון דער דאזיגער געגענד שטאמען די מייסטע זיטטען, לעגענדעס און פיהרונגען פון די ברעטאנען.

נאך ביז'ן היינטיגען טאג האט זיך דער דאזיגער ווינקעל און

לאַנד כּמעט גאָרניט געענדערט. איך זאָג: ביז'ן היינטיגען טאָג, וואָרים ליידער געה איך יעדען יאָהר אהין!

אין א דונקעלען טייך באָדט אַן אַלטער שלאָס דעם צופוסען פון זיינע טהורעמס, ארום וועלכע עס פלאַטערן ווילדע פויגלען. דאָרט לויפט א שטראָס, איבער וועלכען מען קען אַזש ביז צום שטאָדט ארונטערפאָהרען. און אין די ענגע גאַסען מיט זייערע אַלטע הייזער טראָגען די מענער א גרויסען הוט, א געשטיקטע וועסט און פיער קאַפּטענס איינעם איבער'ן אַנדערן.

די מיידלאַך זיינען גרוים, שען, בליהענד, די ברוסט אין א געוואַנטענעם יאַקעל איינגעדריקט, ווי אין א פּאַנצער און אזוי צו־זאַמענגעשנורעוועט, דאָס מען קען זיך קוים מאַכען א בעגריף פון דעם שטאַרקען, מיט געוואַלט צוזאַמענגעפּרעסטען בוזים. זיי טראָ־גען עפּעס א מאָדנעם קאָפּ־בעפּוץ: צוויי קאָלירטע, אויסגענייטע בלעכלאַך אויף די שלייפען רינגלען איין דעם פּנים און האַלטען צוזאַמען די האָאר, וועלכע פאַלען פון הינטען ארונטער גאַנץ גלאַט, דאַן ערשט ווערט עס ווידער פון אויבען אויף'ן קאָפּ צוזאַמענגע־נומען אונטער א גאַנץ איינגעגאַרטיגער הייבעל, וועלכע איז אָפט פון גאָלד אָדער זילבער געפלאָכטען.

דאָס דיענסט מיידעל אין אונזער גאַסט־הויז איז געוועזען העכ־סטענס אכטצעהן יאָהר אַלט. זי האָט געהאַט בלאַס־בלויע אויגען, פון וועלכע די שוואַרץ־אַפּלען האָבען ווי שוואַרצע פּונקטען ארויס־געקוקט. איהרע קורצע געדיכטע צייהן, וועלכע זי האָט שמייכ־לענדיג געהאַלטען אין איין שצירען, האָבען געשיינט צו זיין שטאַרק גענוג שטיינער צומאַלען.

זי האָט ניט געקענט קיין איין וואָרט פראַנצויזיש, און גע־רעדט נור ברעטאָניש, ווי די מעהרסטע פון איהרע לאַנדסלייט.

מיין פריינד האָט זיך נאָך אַלץ נישט ערהאָלט און, הגם ער האָט ניט געהאַט קיין בעזונדערע קראַנקהייט, דאָך האָט דער דאָק־טאָר פערבאָטען די וויטערדיגע רייזע און איהם געהייסען רוהען. איך בין דעם גאַנצען טאָג געבליעבען מיט איהם, און דאָס מיידעל איז יעדע ווילע אריינגעקומען, דאָ פיר מיר עסען, דאָ פיר איהם א קיהלען געטראַנק אריינגעבראַכט.

איך האָב זיך מיט איהר אביסעל געריייצט און דאָס האָט, קאָנ־טיג, איהר שפּאָס געמאַכט. אָבער גערעדט האָבען מיר איינער מיט'ן אנדער'ן ניט, וואָרים מיר האָבען זיך דאָך נישט פערשטאַנען.

און איין מאָל ביי נאַכט, ווען איך בין זיך פערזעסען גאַנץ שפּעט ביים קראַנקען, האָב איך געטראָפען דאָס מיידעל, בעת איך בין געגאַנגען צו מיר אין צימער. זי איז דאַן געגאַנגען צו זיך אין קעמערל.

עס האָט זיך געפונען פּונקט אַנטקעגען מיין אָפענער טיר. איך האָב זי פּלוצים א כאַפּ געטהאָן ביי דער טאַליע, ניט טראַכ־טענדיג וואָס אייגענטליך איך טהו, כמעט אויף שפּאַס, און איידער זי איז געקומען צו זיך פון איהר שרעק, האָב איך זי אין מיין צי־מער אריינגעשטופּט און די טיר צוגעשלאָסען. זי האָט מיך אָנ־געקוקט צושראָקען, אויסער זיך, און ניט געוואַגט צו שרייען אויס מורא פאַר א סקאַנדאַל און נאָך מעהר, הפּנים, אויס מורא, אז דער האָטעל־בעזיצער זאָל זי נישט ארויסיאָגען, און אפשר נאָך אויס מורא פאַר איהר פאָטער אויך.

יאָ, לכתחילה האָב איך געמיינט נור א שפּאָס צו טהאָן מיט איהר. אָבער אַזוי שנעל ווי זי איז געווען אין מיין צימער, האָט זיך אין מיר צוברענט א פערלאַנג זי צו בעזיצען. עס איז געווען א לאַנגער, שווייגעדיגער קאַמפּף, א קאַמפּף לייב אויף לייב, ווי צווישען אַטלעטען וואָס שטויסען זיך מיט זייערע אָרעמס, שטופּען זיך און ראַנגלען זיך, בעגאָסען מיט שוויים און אָהן־אָן אָטהעם. אך, זי האָט זיך מוטהיג געוועהרט. אַלע ווייל'ע האָבען מיר זיך אָנגעשטויסען אָן א שטיק מעבעל, אָן דער וואַנד, אָן א שטוהל און דערנאָך זיינען מיר אויף איין מאָמענט געבליעבען שטעהן אונבע־וועגליך אויס מורא, אז דער ליאַרם זאָל עמיצען ניט אויפוועקען, און דערנאָך האָט זיך די פערביסענע שלאַכט צווישען אונז ווידער אָנגעהויבען, איך האָב אָנגעגריפען, זי האָט זיך פערטהיידיגט.

צום סוף איז זי געבליבען ליגען אויף דר'ערד אָהן כוחות.

דאָ האָב איך זיך אויף איהר א וואָרף געטהאָן, זי האָט קיין כוחות ניט געהאַט זיך צו וועהרען...

ווען זי איז ווידער אויפגעשטאַנען, האָט זי זיך א וואָרף גע־

טהאָן צו דער טיר, אויפגעריסען דעם ריגעל און איז אנטלאָפען.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע האָב איך זי ווייניג געזעהן. זי האָט מיר ניט געלאָזט צוגעהן נאָהענט צו זיך. דערנאָך, ווען מיין פריינד איז געזונד געוואָרען און מיר האָבען געוואָלט פאַרטזע־צען אונזער טור, איז זי איין מאָל אין מיטען נאכט, פאַר אונזער אָברייזען, אין איין העמד מיט באָרפוסע פיס צו מיר אין צימער געקומען.

זי האָט זיך מיר ארויפגעוואָרפען אויף'ן האלז, מיך ליידענ־שאַפטליך ארומגענומען, געקושט מיך און געהאלזט, און געוויינט און געשלוכצעט ביז גרויסען טאָג. קורץ, זי האָט מיר ארויסגעוויזען אַלע סמנים פון ליעבע און פערצווייפלונג, ווי עס קען נור ארויס־ווייזען א פרוי, וועלכע פערשטעהט ניט קיין איין וואָרט פון אונזער שפראַך...

אכט טאָג שפּעטער האָב איך אָן דער דאָזיגער גאַנץ געוועהנ־ליכער פּאַסירונג אין גאַנצען פערגעסען. די האָטעל־מיידלאַך זיינען דאָך געוועהנליך נור אויף דעם דאָ, אום די געסט אויף אַזאַ אופן נוצליך צו זיין.

דרייסיג יאָהר לאַנג האָב איך פון דער דאָזיגער פּאַסירונג ניט געטראכט און בין אין פּאָנט־לאַבבע מעהר ניט געוועזן.

און דאָ, גאַנץ צופעליג, ווען איך האָב געמאכט א רייזע אין ברעטאָן, אין 1876, אום פיר מיין בוך געוויסע אויספאָרשונגען צו מאכען, בין איך אהין ווידער פערפאָהרען.

קיין זאַך האָט זיך דאָרט ניט געענדערט. דער שלאָס האָט נאָך אַלץ געשוועגקט זיינע גרויע ווענד אין'ם טייך ביים אריינ־גאַנג פון דער וויסטער שטאָדט. און דאָס גאַסט־הויז איז נאָך אויך געוועזן פונקט דאָס אייגענע, הגם עטוואָס צוגעפוצט, ניי אויס־געפארבט און מיט כלומרשט מאָדערנע איינריכטונגען. ווען איך בין אריינגעקומען, בין איך אויפגענומען געוואָרען פון צוויי יונגע ברעטאָנקעס. יעדע פון זיי איז געוועזן פריש, שען, האָט אויסגע־זעהן א יאָהר אכצעהן אלט און איז איינגעשנורעוועט געוועזן אין זייערע ענגע געוואנטענע יאַקען, און האָט געטראָגען דעם זילבערנעם

הייבעל אויף'ן קאָפּ און די גרויסע, אויסגעגייהטע בלעכלאך אויף די אויערען.

עס איז געווען ארום זעקס א זייגער פארנאכט. איך האָב זיך געזעצט ביים טיש און אזוי ווי דער בעל הבית אליין האָט זיך געגעבען די מיה מיר צו דערלאנגען עסען, האָט מיך מיין בייזער שיקזאל הפּנים געשטופּט צו פרעגען:

— האָט איהר געקאָנט דעם אמאָליגען בעזיצער פון דעם האָ־טעל? מיט א יאָהר דרייסיג צוריק בין איך דאָ אמאָל געווען און פערבראכט אכט אָדער פערצעהן טעג. עס איז שוין לאנג, לאנג צוריק.

ער האָט געענטפערט:

— געוויס, דאָס זיינען געווען מיינע עלטערן.

דאָ האָב איך איהם דערצעהלט, וואָס עס האָט מיך דאַן אהער געבראכט און ווי איך בין דורך דער קראנקהייט פון מיין פריינד גע־צוואונגען געווען א לענגערע צייט צו פערבלייבען, ער האָט מיך ניט געלאָזט אויסרעדען:

— אָה, איך געדענק עס נאָך גאַנץ גענוי. איך בין דאַן אלט געווען א יאָהר פופצעהן, זעכצעהן, איהר האָט געוואָהנט אין דעם צימער, וואָס קומט ארויס מיט די פענסטער אויף הינטען און אייער פריינד אין א'ן אנדערן מיט די פענסטער צו דער גאַס צו. יענעם צימער האָב איך איצט פאַר מיר אליין צוגענומען.

דאָ ערשט האָב איך זיך פּלוצים דערמאָנט אָן דאָס מיידעל און געפרעגט:

— געדענקט איהר נאָך אויף דאָס קליין, שען דיענסטמיידעל, וועלכע האָט דאַן געדיענט ביי אייער פאָטער? אויף ווי ווייט איך קאָן זיך דערמאָנען, האָט זי געהאַט בלויע אויגען און זעהר שעהנע צייהן?

ער האָט געזאָגט:

— יאָ, זי איז אין א קורצער צייט ארום געשטאָרבען פון א קינדבעט.

דאַן האָט ער אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף'ן הויף, וואו

א דארער, הינקעדיגער מענש האָט צונויפגעשאַרט מיסט אין אַ קופּע, און צוגעלעגט :

— דאָס איז איהר זוהן.

איך האָב אָנגעהויבען צו לאַכען.

— נו, מען קען נישט זאָגען, שען איז ער נישט און צו זיין מוטער איז ער גישט עהנליך. ער האָט זיך איינגעגעבען אין זיין טאַטען מסתמא.

דער בעל הבית האָט געענטפערט :

— דאָס קאָן זיין. אָבער מען האָט קיין מאָל נישט געקענט דערגעהן, ווער דער פאָטער איז. זי איז געשטאָרבען ניט אויסזאָגענדיג און דאָ האָט קיין מענש ניט געוואוסט, אויב זי האָט געהאַט אַ ליעבהאָבער. דאָס איז געווען אביסעל אַן איבעררעשונג, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז אין אַנדערע אומשטענדען. קיין מענש האָט עס נישט געוואָלט גלויבען.

איך האָב זיך גענומען פיהלען זעהר אונאַנגענעהם, אויף׳ן הארצען איז מיר שווער געוואָרען. און איך האָב זיך געשטעלט אָנקוקען דעם מאַן אויף׳ן הויף. ער האָט נור וואָס געהאַט אָנגעפּאָמפּט וואַסער פאַר די פערד און מיט גרויס אָנשטרענגונג, הינקענדיג, געטראָגען די צוויי עמער וואַסער אין שטאַל אריין. ער איז געווען שרעקליך אַרומגעריסען, האָט אויסגעזעהן זעהר שמוציג און האָט געהאַט לאַנגע, בלאָנדע האָאר, וואָס איז אַזוי פערברודיגט און פאַרלאָזען געווען, דאָס עס איז איהם, ווי אַ בינטעל שטריק אויף׳ן פּנים געפאַלען.

דער בעל הבית האָט ווייטער גערעדט :

— דער יונג טויג צו קיין זאַך נישט, מיר האַלטען איהם נור פאַר רחמנות אין׳ם האָטעל. ווען ער וואָלט ערצויגען געוואָרען, ווי אַנדערע קינדער, וואָלט פון איהם אפשר עפּעס בעסערעס ארויס. אַזוי אָבער : קיין פאָטער, קיין מוטער, קיין געלד. מיינע עלטערן האָבען אויף איהם רחמנות געהאַט. אָבער איהר פערשטעהט דאָך אליין, עס איז פאָרט נישט געווען זייער אייגען קינד.

איך האָב גאָרנישט געזאָגט.

איך האָב איבערגענעכטיגט אין מיין אַמאָליגען צימער און

די גאַנצע נאַכט נאָכאַנאַנד האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכ־טען וועגען דעם שרעקליכען שטאַל־קנעכט און האָב געהאַלטען אין איין טענה'ן צו זיך אַליין : גאָט אין'ם הימעל, ווען דאָס זאָל זיין מיין זוהן ! זאָל עס מעגליך זיין, אז איך האָב דאָס מיידעל גע־טויטעט און אזא בעשעפעניש אויף דער וועלט געבראכט ? יאָ, עס איז מעגליך !...

איך האָב זיך בעשלאָסען צו רעדען מיט'ן מאַן, אום קלאָר צו דערגעהן, ווען, אין וועלכער צייט ער איז געבאָרען געוואָרען. ווען עס איז אַ'ן אונטערשיעד אין איינע צוויי מאָנאַטען, דאַן בין איך בעפרייט.

אויף'ן צווייטען טאָג האָב איך איהם געלאָזט רופען. אָבער ער האָט אויך ניט פערשטאַנען קיין פראַנצויזיש. אין אַלגעמיין האָט ער געמאַכט אַ'ן איינדרוק, ווי ער ווייסט גאָרנישט, ווי ער וואָלט גאָר קיין אהנונג ניט געהאַט פון דעם, ווי אַלט ער איז, וועגען וואָס איינע פון די מיידלאַך האָט איהם אין מיין נאָמען געפרעגט. ער האָט זיך געהאַלטען, ווי אַ'ן אידיאָט אין מיין געגענוואַרט, גע־האַלטען אין איין דרעהען זיין הוט אהער און אהין מיט די שמוציגע פינגער און געלאַכט תמ'עוואַטע. און דאָס דאָזיגע לאַכען האָט געהאַט עפּעס פון דער מוטער אין די ווינקלען פון'ם מויל און אין די אויגען.

דאַן איז דער בעל הבית געקומען און האָט געבראַכט דעם געבורטשיין פון דעם אונגליקליכען. ער האָט דערזעהן די ליכטיגע וועלט אַכט מאָנאַטען און זעקס און צוואַנציג טעג נאָך דעם, ווי איך בין געוועזען אין פאָנט־לאַבבע. איך האָב געוואוסט גאַנץ בע־שטימט, אז דעם 15טען אויגוסט בין איך אין לאָריענט אָנגעקומען. אויף'ן געבורטסשיין איז געשטאַנען „פאַטער אונבעקאַנט". די מוטער האָט געהייסען : יאָהאַננאַ קעררּאַדעק.

דאָ האָט מיין האַרץ גענומען האַסטיג קלאַפּען און אין האַלז האָט מיך גענומען ווערגען. איך האָב ניט געקענט רעדען און איך האָב אָנגעקוקט דאָס דאָזיגע בעשעפעניש, וואָס זיינע בלאָנדע האָאָר איז געוועזען נאָך שמוציגער, ווי די מיסט פון די פערד דאָרט אין דרויסען. און דער יונג, וועלכער האָט ניט געקענט ליידען, וואָס

איך קוק איהם אָן, האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ און זיך געזוכט אַרויסצודרעהען.

דעם גאַנצען טאָג האָב איך אַרומגעבלאָנדזשעט אַרום דעם קליינעם טייכעל אין שמערצליכע געדאַנקען. אָבער וואָס העלפט דאָס טראַכטען? קיין זאַך האָט מיר ניט געקאָנט געבען קיין בע־שטימטע זיכערקייט. שטונדען נאָכאַנאַנד האָב איך וועגען דעם געטראַכט, האָב געוואוינגען און געמאָסטען אַלע מעגליכקייטען פאַר און געגען מיין פאַטערשאַפט, האָב געמאַכט אַלע מעגליכע סברות און צום סוף בין איך געקומען צו דער שרעקליכער איבערצייגונג, אַז דער דאָזיגער מענש איז טאַקע מיין זוהן.

איך האָב ניט געקענט עסען און בין אַוועק אין מיין צימער. אַ לאַנגע צייט האָט זיך דער שלאָף פון מיר אָבגעטהאָן. און ווען איך בין צום סוף איינגעשלאָפען, האָבען מיך מורא'דיגע חלומות געפּייניגט. איך האָב געזעהן דאָס פּערזעהעניש, ווי עס לאַכט זיך אויס פון מיר, ווי ער רופט מיך „פּאַפּאַ", דאַן האָט ער זיך — פער־וואַנדעלט אין אַ הונד, האָט מיך געביסען אין די פּיאַטעס, און וואו־הין איך בין פון איהם ניט אַנטלאָפען, האָט ער מיר אַלץ נאָכגע־פאָלגט און געשוואוצט, און זיך געזידעלט אַנשטאַדט צו ביללען. דאַן איז ער ערשינען פאַר מיינע קאָלעגען פון דער אַקאַדעמיע, וועלכע האָבען אָבגעהאַלטען אַ זיצונג, אום צו בעשטימען, אויב איך בין ווירקליך זיין פאָטער. און איינער פון זיי האָט אויס־געררופען:

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט. קוקט זיך נור צו, ווי עהנליך ער איז צו איהם.

און באמת האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס דאָזיגע פערזעהע־ניש איז עהנליך צו מיר און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט דעם דאָזיגען געדאַנק און מיט דעם משוגענעם פערלאַנג, דעם מענשען ווידער צו זעהן און צו ענטשיידען, אויב מיר האָבען וועלכע־עס־איז געמיינזאַמע שטריכען.

איך האָב איהם געטראָפען, ווי ער איז געגאַנגען אין קירכע (עס איז גראָד געווען זונטאָג). איך האָב איהם געגעבען הונדערט סו, דערביי האָב איך מיט גרויס אַנגסט איהם בעטראַכט, ער האָט

ווידער אָנגעהויבען משונה'דיג צו לאַכען און געגומען דאָס געלד. דערנאָך איז ער ווידער אונרוהיג געוואָרען פון מיין בליק און ער איז אַנטלאָפען, שטאַמלענדיג עפּעס, וואָס איך האָב נישט געקענט פערשטעהן, אָבער וואָס האָט הפנים געזאָלט מיינען „א דאַנק".

דער טאָג איז אַוועק פאַר מיר אין דערזעלבער אנגסט און פּיין ווי דער פריהערדיגער, פּאַרנאַכט האָב איך געשיקט רופען דעם בעל־הבית און גאַנץ פאַרזיכטיג איהם ערקלעהרט, אַז איך אינטערעסיר זיך מיט דעם דאָזיגען פון אַלעמען פערלאָזענעם מענשען און וואָלט וועלען עפּעס טאָהן פאַר איהם.

— אָבער דער מאַן האָט געענטפערט :

— איך, איך בעט אייך, דענקט גאָרנישט דערפון. איהר וועט נור האָבען אונאַנגענעהמליכקייטען. איך בענוץ איהם, אום די מיסט ארויסצוטראָגען. דאָס איז אַלץ וואָס ער קאָן. דערפאַר גיעב איך איהם עסען און ער שלאָפט מיט די פערד. מעהר דאַרף ער נישט. אויב איהר האָט עפּעס אַ'ן אַלטע פּאָאַר הויזען, גיט עס איהם, דאָס אויך וועט ער אין א וואָך צייט צופליקען אויף שטיקער.

איך האָב זיך ניט איינגעשפּאַרט און בעשלאָסען אַליין נאָכצוזעהן וואָס מען קאָן טהאָן.

דעם איינענעם אבענד איז דער יונג, א דאַנק מיין פרייגעביגקייט, געקומען אהיים טויט שיכור, האָט שיער דאָס הויז ניט אונטערגעצונדען, האָט א פערד מיט א האַק דערהרג'עט אויף טויט און איז צום סוף איינגעשלאָפען אויף דער קופּע מיסט אין מיטען הויף, אונטער א שלאַגס־רעגען...

אויף'ן צווייטען טאָג האָט מען מיך געבעטען איהם מעהר קיין געלד ניט צו געבען. דער שנאַפּס מאַכט איהם אין גאַנצען משוגע, און אַזוי שנעל ווי ער האָט צוויי סו אין דער קעשענע, פערשיכורט ער זיי. דער בעל הבית האָט נאָך צוגעלעגט :

— אויב איהר גיט איהם געלד, טרייבט איהר איהם אין דר'ערד אריין.

דער מענש האָט קיין מאָל קיין געלד ניט געהאַט, קיין מאָל ניט, אויסער אפשר א פּאָאַר סענטימס, וועלכע א רייזענדער האָט איהם אמאָל צוגעוואָרפען, און פאַר איהם האָט דאָס דאָזיגע מע־

טאָל קיין אנדער בעדייטונג ניט געהאט, ווי נור אַלס עפּעס, פאַר־וואָס מען קריגט אַלקאָהאָל.

דערנאָך האָב איך פערברואכט שטונדען לאַנג אין מיין צימער מיט אַ׳ן אָפּענעם בוך פאַר מיר, און זיך געמאכט, ווי איך לעז. אין דער אמת׳ן אָבער האָב איך נור געטראכט פון דעם דאָזיגען אומ־מענשען, וועלכער איז געווען מיין זוהן; און זיך געמאַטערט צו ענט־דעקען, אויב ער האָט עפּעס אין זיך פון מיר. צום סוף האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך האָב געפונען אַ פּאָאַר עהנליכע שטריכען אויף׳ן שטערן און אַרום דער נאָז. און באַלד בין איך געווען איבער־צייגט, אז צווישען אונז איז טאַקע דאָ אַן עהנליכקייט, נור ביי איהם ווערט זי פערדעקט פון די שמוציגע קליידער און די קאַלטע־נעס...

אָבער איך האָב דאָרט לענגער ניט געקענט פערבלייבען. איך האָב געקענט נאָך אויפוועקען אַ פערדאַכט, און מיט אַ צוּבראָכען הארץ בין איך אַוועקגעפאָהרען, איבערלאָזענדיג ביי׳ם בעל הבית אביסעל געלד, אום דאָס לעבען פון זיין קנעכט עטוואָס לייכטער צו מאַכען.

און איצט לעב איך שוין זיינט זעקס יאָהר מיט דעם געדאַנק, שטענדיג נור מיט דעם איין איינציגען געדאַנק, אין דער דאָזיגער מורא׳דיגער אַנגסט, אין דעם דאָזיגען נאָגענדען צווייפעל. אין יע־דעם יאָהר טרייבט מיך אַ געהיימע קראַפט ווידער קיין פאַנט־לאַב־בע. יעדעס יאָהר פעראורטהייל איך זיך אַליין צו דער פּייניגונג, צו זעהן די דאָזיגע חיה, ווי זי וואַלגערט זיך דאָרט אין מיסט. קום צו פאָהרען אהין און טענה צו זיך, אַז ער איז עהנליך צו מיר, פּרוב ווידער און ווידער איהם ניצליך צו זיין, הגם איך ווייס, אַז עס איז אומזיסט. און יעדעס יאָהר קעהר איך זיך ווידער אום נאָך מעהר אונענטשלאָסען, נאָך מיט גרעסערע יסורים, נאָך מיט אַ שרעקלי־כערער אַנגסט.

איך האָב געפּרובט איהם לאָזען עפּעס לערנען. ער איז אָבער אַ פערלאָרענער אידיאָט.

איך האָב זיך בעמיהט זיין לעבען עטוואָס אַנגענעהמער צו מאַכען. איז ער אָבער אַ אונפערבעסערליכער שיכור און פאַר־

שווענדעט דאָס גאַנצע געלד, וואָס מען גיט איהם אויף זויפען. ער פערשטעהט אויסגעצייכענט, זיינע נייע קליידער צו פערקויפען, כדי זיך פאר דאָס געלד שנאַפּס צו פערשאַפען.

איך האָב געפּרובט וועקען ביי זיין בעל הבית רחמנות צו איהם, אז ער זאָל איהם עטוואָס פריינדליכער בעהאַנדלען, האָב איהם אָנגעבאָטען געלד, אָבער דעם בעל הבית איז עס סוף כל סוף אויפפאַלענד געוואָרען און ער האָט זעהר קלוג געזאָגט:

איהר ווייסט, אַלסדינג, וואָס איהר טהוט פאַר דעם דאָזיגען מענשען, איז בלויז צו זיין שאָדען. קוים האָט ער צייט אָדער קוים געהט איהם עטוואָס בעסער, ווערט ער בייז, צורייצט. ווען איהר ווילט אויף אַ'ן אמת עמיצען העלפען, זיינען פאַרהאַן גענוג, וועמען איהר וואָלט געקענט העלפען. עס זיינען פאַראַן אזוי פיעל פער־לאָזענע קינדער, קלייבט זיך אויס איינס, וואָס וועט אייך פאַר אייער גוטסקייט דאַנקבאַר זיין.

— וואָס האָב איך דערויף געזאָלט ענטפערען?

און ווען איך זאָל נור אַ פּיפּס טהאָן וועגען די געדאַנקען, וועל־בע האָבען מיך געפּייניגט, דאַן וואָלט יענער מיאוסער נפש געווים געוואָרען אונפערשעהמט, וואָלט מיך אויסגעפאָרשט, מיך קאָמ־פּראָמעטירט, מיך אונגליקלאַך געמאכט. ער וואָלט מיר זיין „פּאַפּאַ" אין פּנים געוואָרפען, ווי איך האָב עס אין חלום געזעהן.

איך האָב געטראַכט:

איך בין געוועזען דער מערדער פון דער מוטער, איך האָב זי גע־טויטעט און דאָס דאָזיגע משונה'דיגע בריאה, דאָס דאָזיגע שטאָל־בעשעפעניש, וואָס איז געבאָרען און אויסגעוואקסען אויף'ן מיסט, האָב איך צו גרונד געריכטעט, ווייל ווען דער דאָזיגער מענש וואָלט ווי אַנדערע ערצויגען געוואָרען, וואָלט ער אפשר אויך אזוי ווי די אַנדערע געוואָרען.

איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי שרעקליך, ווי מורא'דיג איך פיהל זיך, ווען איך שטעה אַנטקעגען איהם און דענק, אַז דאָס איז מיין פלייש און בלוט, אז דער געהערט צו מיר דורך יע־נעם ענגען באַנד, וואָס פאַרקניפּט דעם פאַטער מיט'ן זוהן, אַז ער איז מיינער אַ דאַנק דעם מורא'דיגען געזעץ פון פערערבונג,

מיינער דורך טויזענד זאכען, דורך זיין פלייש און בלוט און אז די אייגענע קראנקהייטען, די אייגענע ליידענשאפטען דרימלען אין איהם, ווי אין מיר.

נאכאנאנד, אהן אן אויפהער האב איך א שמערצליכען פער־לאנג איהם צו זעהן. זיין אנבליק איז פאר מיר א קוואל פון שרעק־ליכע יסורים און דאך בעטראכט איך איהם שטונדען לאנג פון מיין פענסטער ארויס, ווי ער געהט אהין און צוריק, ווי ער שלעפט דעם שמוץ פון אונטער די פערד און זאג מיר דערביי : „אט דאס איז מיין זוהן !"

און מאנכעס מאל פיהל איך אן אונערטרעגליכען וואונש, איהם צו אומארמען. אבער איך האב נאך קיין איין מאל אפילו זיין שמוציגע האנד ניט אנגעריהרט.

דער אקאדעמיקער איז אנשוויגען געווארען און זיין בעגליי־טער, דער פאליטיקער, האט ארויסגעמורמעלט :

— יא, מען האט זיךווירקליך געדארפט מעהר קימערען ווע־גען די קינדער, וועלכע האבען ניט קיין פאטערס.

א ווינטעל האט א וועהע געטהאן, דער גרויסער, געלער בוים האט ארונטערגעשאטען פון זיך זיינע בליטהען און מיט א דינעם, שמעקעדיגען וואלקען ביידע אלטיטשקע איינגעוויקעלט.

זיי האבען ארייגעזויגען אין זיך דעם זיסען דופט און דער סענאטאר האט אויסגערופען :

און דאך איז גוט צו זיין יונג, צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט — אפילו אויף אזא אופן אויך...

אַ פערשפעטיגטע חרטה

הערר סאוואל, וועלכער איז בעקאנט געווען אין מאַנטע אונטער'ן נאָמען „פאַטער סאוואל“, איז נור וואָס אויפגעשטאנען.

אין דרויסען געהט א רעגען. א טרויעריגער הערבסט־טאָג. די בלעטער שיטען זיך. לאַנגזאַם פאַלען זיי אויף דעם פייכטען ברוק אַרונטער, אקוראט ווי זיי, די פאַלענדיגע בלעטער, וואָלטען אויך א רעגען געווען, נור אַ מעהר שווערער און געדיכטער.

הערר סאוואל'ן איז שווער און טרויעריג אויף'ן הארצען. ער געהט ארום איבער'ן צימער פון דעם פענסטער צום קאַמין און צוריק. אזוינע טרויעריגע טעג טרעפען אין דעם לעבען. פאַר איהם וועט זיין גאַנץ ווייטערעס לעבען בעשטעהן נור פון אַזעלכע טרויעריגע טעג, ווייל ער איז אַ מענש העכער צוויי און זעכציג יאָהר, ווייל די שעהנע יוגענד איז ווייט הינטער איהם ! ער איז אַן אלטער בחור, עלענד, אַליין, אָהן איין נאָהענטען מענשען. ווי ביטער עס איז אַזוי צו שטאַרבען אָהן איין וואַרעמען האַרצען ביי דער זייט.

ער טראַכט וועגען זיין אונאינטערעסאַנטען און עלענדען לעבען. ער דערמאָנט זיך אָן זיין ווייטער פערגאַנגענהייט, אָן זיינע קינדער־יאָהרען, אָן דעם הויז פון זיינע עלטערען, דערנאָך אָן דער שוהלע, די קאַניקולס און אָן די אוניווערסיטעטס־יאָהרען אין פאַריז. דאַן אָן דער קראַנקהייט און דעם טויט פון זיין פאָטער.

ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים צו זיין מוטער. ביידע האָבען צוזאַמען געלעבט, דער יונגערמאַן און די אלטע, רוהיג, שטיל, מען האָט גאָר בעסערס ניט געדאַרפט. דערנאָך איז זי אויך געשטאָרבען — ווי טרויעריג איז דאָס לעבען !

ער איז אליין געבליבען. און איצט קומט באלד זיין רייהע אויף צו שטארבען. ער וועט פערשווינדען, אין גאנצען פון דער ערד אפגעמעקט ווערען.

אויף דער ערד וועט שוין מעהר ניט זיין קיין הערר סאוואל. ווי מורא'דיג דאס איז! אנדערע מענשען וועלען לעבען און ליע־בען, און פרעהען זיך. איז עס דען ניט מערקווירדיג, וואס מען קאן לאכען, פערברענגען, זיין פרעהלאך, בעת מען וויים זיכער, אז מען מוז שטארבען.

וואלט כאטש דער טויט געוועז נור א „מעגליכקייט", דאן וואלט מען נאך געקאנט האפפען; אבער ניין, דער טויט איז אזא „מוז", אזא זיכערע ערשיינונג, ווי די נאכט נאך'ן טאג.

ווען זיין לעבען וואלט כאטש אינטערעסאנט געוועזן! ווען ער וואלט עפעס אויפגעטהאן, ווען ער וואלט דורכגעמאכט פאסי־רונגען, דורכגעלעבט גרויסע פריידען, געהאט גרויסען ערפאלג, אזא אדער אנאנדערע בעפריעדיגונג. אבער קיין אהנונג פון דעם אלעס. ער האט גאר נישט אויפגעטהאן, איז יעדען טאג נור אויפגעשטא־נען, געגעסען און שלאפען זיך געלייגט אלעמאל אין א בעשטימ־טער צייט. און אזוי האט ער בשלום דערלעבט זיין צוויי און זעכ־ציג יאהריגען אלטער! ער האט זאגאר ניט חתונה געהאט, ווי אנדערע. ווארום? יא, ווארום? ער האט עס לייכט געקאנט אוים־פיהרען, ער האט געהאט א נישקשה'דיגען פערמעגען. שוין־זשע האט ער קיינמאל ניט געהאט די געלעגענהייט? פיללייכט. אבער אנדערע מענשען שאפען זיך דאך אליין אזוינע געלעגענהייטען! ער האט וועגען דעם ניט געטראכט. אט דאס איז געוועזן זיין טעות, זיין פעהלער. וויפיעל מענשען פיהרען איבער זייער לעבען אויף אזא שטיינער. עס זיינען פארהאן נאטורען, וואס זיינען אונגע־וועהנליך ניט־ריהרעוודיג. זיי איז שווער זיך אויפצוהייבען, צו בעוועגען, צו פרובען עפעס אויפצוטהאן, צו ריידען, צו טראכטען וועגען דער צו יענער פראגע.

קיינער האט איהם זאגאר קיינמאל ניט געליעבט. קיין איין פרוי האט א מאל אויף זיין ברוסט, פון ליעבע בערוישט, זיך אין גאנצען פערגעסען. ער האט ניט פערזוכט דעם טעם פון יענער

ברענענדיגער אונגעדולד, מיט וועלכער מען ערוואַרטעט אַ געליעב־טע ; ער האָט קיינמאָל ניט געפיהלט די וואונדערליכע בעגייסטע־רונג, וואָס רופט ארויס אַ האַנד־דרוק פון אַ געליעבטער ; האָט קיינמאָל ניט פערזוכט דעם טעם פון דער בערוישענדיגער, זיעגרי־שער ליידענשאַפט.

וואָס פאַר אַ גליק, וואָס פאַר אַ גרויס גליק, וועקט אויף אין דעם הארצען דער ערשטער קוש, בשעת די אומארמונגען מאַכען פון צוויי נפשות איינעם אַ גליקליכען, אָהן אַ מאָס גליקליכען וועזען.

הערר סאַוואַל האָט זיך געזעצט אין זיין שלאָף־ראָק נאָהענט צום ברענענדיגען קאַמין.

געוויס, זיין לעבען איז ניט געוועזען פון די גליקליכע, גאָר ניט פון די גליקליכע. און, דאָך האָט ער איינמאָל אין זיין לעבען גע־ליעבט. געליעבט אין געהיים, קרענקליך און געגען זיין ווילען, ווי ער האָט אַלעס אין זיין לעבען געטהאָן. יאָ, ער האָט געליעבט זיין אַלטע פריינדין, די מאַדאַם סאַנדר, די פרוי פון זיין אַלטען חבר סאַנדר. אַך, ווען ער וואָלט זיך מיט איהר בעקאַנט, בעת זי איז נאָך געוועזען אַ יונג מיידעל ! אָבער ער האָט זי געטראָפען צו שפּעט, בעת זי איז שוין געוועזען פערהייראַטעט. יאָ, ער וואָלט אונבעדינגט איהר פאָרגעשלאָגען צו הייראַטהען ! מערקווירדיג, באַלד, שוין דעם ערשטען טאָג, האָט ער זיך אין איהר פערליעבט !

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי אויפגערעגט ער איז געוואָרען יע־דעם מאָל, בעת ער האָט זיך מיט איהר געטראָפען, און ווי שווער עס איז איהם דערנאָך אויף׳ן הארצען געוועזען, בשעת ער האָט זיך מיט איהר געזעגנט, ווי ער האָט נעכט גאַנצע ניט געשלאָפען, טראַכטענדיג וועגען איהר.

אין די פריהמאָרגענס איז ער געוועזען אַביסעלע וועניגער פער־ליעבט ווי אין די נעכט. וואַרום ?

וואָס פאַר אַ שעהן ווייבעלע זי איז דאַן געוועזען ! אַ קליינע און אַ בלאָנדע, אַ פערקרויזטע און אַ לאַכענדיגע !

סאַנדר איז גאָר פאַר איהר ניט געוועזען קיין פּאָאַר. היינט איז זי שוין אַלט אַכט און פופציג יאָהר. דאַכט זיך, אַז זי איז געוועזען גליקלאַך. אַך, ווען זי וואָלט איהם דאַן געליעבט, בלויז געליעבט !

און ווארום זאָל זי איהם ניט האָבען געליעבט, איהם, סאַוואל'ן, ער האָט זי דאָך אויך געליעבט, זי די מאַדאַם סאַנדר ?

ווען זי וואָלט זיך כאָטש אָנגעשטויסען, אַז עפּעס... שוין־זשע האָט זי קיינמאָל זיך ניט אָנגעשטויסען, ניט בעמערקט, ניט פערשטאַנען ? און וואָס וואָלט זי דאַן געדענקט ? וואָס וואָלט זי איהם געענטפערט, ווען ער וואָלט זיך פאַר איהר ארויסגערעדט ?

און סאַוואל האָט זיך געשטעלט נאָך טויזענדער אַזוינע פראַגען. ער האָט איבערגעלעבט זיין גאַנצע פערגאַנגענהייט, האָט געזוכט זיך צו דערמאָנען אָן פערשיעדענע איינצעלהייטען פון זיין לעבען.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן די לאַנגע אבענדען, וואָס ער האָט פערבראכט ביים קאָרטען־טישעל אין סאַנדר'ס הויז, בשעת מאַדאַם סאַנדר איז נאָך געווען יונג און שעהן.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַלעס, וואָס זי האָט אַמאָל צו איהם גערעדט, אָן די פערשיעדענע קלאַנגען פון איהר שטימע, אָן די שטומע און פיעל־זאָגענדיגע שמייכלען, וואָס יעדער פון זיי האָט אויסגעדריקט אַ בעזונדערען געדאַנק.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי אַלע זאַלבעדריט פלעגען שפּאַציערען ארום דעם טייך סענא, ווי זיי פלעגען עסען זייערע פריה־שטיקס אויף דעם גרינעם גראָז. און פּלוצים, האָט אין זיין זכרון אָפּגעלעבט אַ געוויסער שפּאַציער מיט איהר איבער'ן וואלד, ביים ברעג טייך.

זיי זיינען אוועק שפּאַצירען אין דער־פריה, מיטנעהמענדיג מיט זיך פּראָוויזיאָן. דאָס איז געווען אין אַ וואונדער־שענעם פריהלינגס־טאָג, אין איינעם פון יענע טעג, וואָס בערוישען; ווען אַלסדינג בליהט און דופטעט, ווען אַלע שיינען פאַר גליק; ווען די פייגעלעך זינגען פרעהליכער און פליהען שנעלער.

זיי האָבען אָפּגעגעסען זייער פריהשטיק, זיצענדיג אויף'ן גראָז, אונטער די בוימער, ביים טייך. די לופט איז געווען אַ וואַרימע, אָן אָנגעטרונקענע מיט די ריחות פון די פריהלינגס־זאַפטען, וואָס האָבען פער'שיכור'ט.

וואָס פאַר אַ וואונדער־שענער טאָג דאָס איז געווען!

נאָך'ן פריהשטיק האָט סאנדר איינגעדרימעלט אויף'ן גראָז און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער ערקלערט, אַז דאָס איז געווען דער זיסעסטער שלאָף אין זיין לעבען.

מאַדאַם סאנדר האָט גענומען סאוואל'ן אונטער דער האנד און ביידע זיינען אוועק פּאזע טייך.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן זיין האנד, געלאַכט און גע־רעדט:

— איך בין שיכור, מיין פריינד, שטארק שיכור!

ער האָט געקוקט אויף איהר טיעף אויפגערעגט, געפיהלט אַז ער ווערט בלייך און מורא געהאַט, זיין בליק זאָל זיך ניט אויסווייזען איהר צו דרייסט און דאָס ציטערן פון זיין האנד זאָל ניט ענטדעקען פאר איהר זיין סוד.

זי האָט זיך אויסגעפלאָכטען א קראַנץ פון וואַסער־ליליען, ארויפגעטהאָן זיך אויפ'ן קאָפּ און געפרעגט:

— געפעהלט איך אייך?

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן, איז אַזוי צומישט געוואָרען, דאָס ער וואָלט זיך לייכטער אויף די קניע ארונטערגע־לאָזט, איידער א וואָרט צו זאָגען, און דאַן האָט זי זיך צולאַכט אויפ'ן קול מיט אַן אונצופרידענעם געלעכטער און אויסגעשריען:

— אוי, וואָס פאר א נאַרר! נו, רעדט ארויס כאָטש איין וואָרט!

אַן דעם אַלעם האָט ער זיך איצט דערמאָנט און אַזוי קלאָהר, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען פּאַסירט.

ווארום האָט זי איהם דאַן געזאָגט: „אוי, וואָס פאר א נאַרר! נו, רעדט ארויס כאָטש איין וואָרט!"

און ער האָט זיך דערמאָנט ,ווי צערטליך זי האָט זיך אָנגע־שפּאַרט אָן זיין אָרם. פערבייגעהענדיג אַן איינגעבויגטען בוים, האָט ער דערפיהלט ווי איהר אויער האָט נאָהענט בעריהרט זיין באַק, און ער האָט זיך שנעל אָפּגערוקט פון איהר, אום זי זאָל חלילה ניט מיינען, אַז ער האָט אומיסטנע זיך אַזוי נאָהענט צוגערוקט צו איהר.

אז ער האָט דערנאָך בעמערקט: פּילייכט איז שוין צייט זיך צוריקצוקערן? — האָט זי איהם אזוי מאָדנע אָנגעקוקט.

יאָ, יאָ, זי האָט איהם דאָן אזוי מאָדנע אָנגעקוקט. דעמאָלט האָט ער קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם נים געשענקט, און היינט האָט ער זיך אָן דעם אזוי קלאָר דערמאָנט.

— ווי איהר ווילט, מיין פריינד. אויב איהר זייט מיעד, ווע‏לען מיר זיך צוריקקערן.

און ער האָט זיך אָנגערופען:

— איך בין נים מיעד, אָבער... אפשר האָט זיך דאָרט אייער מאַן אויפגעכאפּט.

זי האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען און געזאָגט:

— אויב איהר האָט מורא, וואָס סאנדר האָט זיך דאָרט אויפגעכאפּט, דאָס איז שוין אן אנדערע געשיכטע. קומט, מיר געהען צוריק.

אויף צוריקוועגס האָט זי די גאַנצע צייט געשוויגען און זיך שוין מעהר נים אָנגעשפּאַרט אָן זיין אָרם. ווארום?

די דאָזיגע פראַגע האָט ער זיך פריהער קיינמאָל נים גע־שטעלט. איצט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער האָט פּלוצים עפּעס פערשטאַנען, וואָס ער האָט ביז איצט נים געקענט פער־שטעהן.

— שוין־זשע? — האָט ער א טראַכט געטהאָן.

הערר סאוואל האָט דערפיהלט, ווי ער איז רויט געוואָרען. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון דעם אָרט אויפגערעגט און אויף דריי־סיג יאָהר אינגער, איהם האָט זיך אויסגעוויזען, ווי ער הערט מאָ־דאַם סאַנדר'ס קול: „איך ליעב אייך!"

זאָל דאָס זיין מעגליך? דער דאָזיגער חשד, וואָס האָט ערוואַכט אין זיין נשמה, האָט איהם גענומען שטאַרק מוטשען. זאָל דאָס מעגליך זיין, אז ער האָט גאָר נישט בעמערקט, נים אָנ־געשטויסען זיך? אָה, אויב עס איז טאַקע אזוי, אויב דאָס גליק האָט זיך באמת איהם אין די הענד געגעבען און ער האָט קיין שכל נים געהאַט עס צו נעהמען!

ער האט צו זיך געזאגט: איך מוז דערגעהן דעם אמת. איך מוז עס וויסען!

ער האט זיך שנעל אין איילעניש אנגעטאן. ער האט געטראכט: איך בין היינט א צוויי־און־זעכציגער, זי — אן אכט און פופציגערין — היינט האב איך דאס רעכט צו פרעגען ביי איהר וועגען דעם.

און ער איז ארויס.

סאנדר'ס הויז איז געשטאנען אויף'ן עק גאס, כמעט געגען זיין הויז. ער איז אוועק אהין.

די דיענסט האט געעפענט איהם די טיר. זי האט זיך זעהר פערוואונדערט, ווען זי האט איהם דערזעהן, ווייל עס איז נאך געווען זעהר פריה.

— האט ניט אן אונגליק פאסירט, הערר סאוואל? — האט זי געפרעגט — אזוי פריה?

— ניין, קליינע, אבער איך וויל זעהן דיין מאדאם, איך מוז מיט איהר גלייך ריידען — האט ער געענטפערט.

די מאדאם פרעגעלט איינגעמאכץ פאר ווינטער; זי איז ביים אויווען, נישט אנגעטהאן.

— זאגט איהר, אז איך דארף זי זעהר נויטיג זעהן וועגען א וויכטיגע זאך.

די דיענסט איז ארויס, און סאוואל האט אנגעהויבען צו געהן איבער'ן זאאל מיט גרויסע נערוועזע טריט.

היינט וועט ער זיך ניט שעהמען, וועט זי פרעגען וועגען דעם אזוי איינפאך, ווי ער וואלט געפרעגט, גוי מען ריכטעט צי א געוויסען שפייז. ער איז דאך ניט קיין יונגערמאנטשיק!

די טיר האט זיך געעפענט, און זי איז אריין.

היינט איז זי געווען א דיקע, רונדע דאמע, מיט ברייטע אקסלען, פוכקע באקען און הילכענדען געלעכטער.

די הענד זיינען ביי איהר געווען מיט צוקער־סיראפ אויסגעשמירט און זי האט זיי געהאלטען אביסעלע אויסגעשטעלט, די ארבעל הויך פערקאשערט און די ארעמס הויל.

זי האט אונרוהיג געפרעגט:

— וואָס האָט פּאַסירט, מיין פריינד? זייט איהר, חלילה, ניט קראַנק?

ער האָט געענטפערט:

— ניין, פריינדין, איך וויל נור פרעגען ביי אייך וועגען עפּעס, וואָס איז זעהר וויכטיג פאַר מיר און וואָס לאָזט מיך ניט רוהען. זאָגט איהר מיר צו, אז איהר וועט מיט מיר זיין אָפענהערציג?

זי האָט א שמייכעל געטהאָן.

— איך בין אַלע מאָל אָפענהערציג. פרעגט.

— עס איז אזא געשיכטע. פון דעם ערשטען טאָג אָן, זייט איך האָב זיך מיט אייך געטראָפען, האָב איך זיך פערליעבט אין אייך. האָט איהר עס פערדעכטיגט?

זי האָט זיך צולאַכט מיט די קלאַנגען פון די אמאָליגע יאָה־רען אין איהר שטימע און זי האָט געענטפערט:

— יאָ, נאַרוניו! געווים, באַלד דעם ערשטען טאָג האָב איך עס שוין בעמערקט!

סאַוואַל האָט אָנגעהויבען צו ציטערען און ארויסגעמורמעלט: איהר האָט עס געוואוסט?.. אויב אזוי...

און ער איז אנשוויגען געוואָרען.

זי האָט געפרעגט:

— אויב אזוי... וואָס?...

ער האָט געענטפערט:

— אויב אזוי... וואָס האָט איהר דאַן געטראַכט?.. וואָס... וואָס... וואָס וואָלט איהר דעמאָלט געענטפערט?

זי האָט זיך שטאַרקער צולאַכט. טראָפּענס פון דעם סיראָפּ האָבען ארונטערגעטריעפט פון די פינגער־שפּיצען איהרע און זיי־נען געפאַלען אויף'ן פּאַרקעט.

— איך? אָבער איהר האָט דאָך ביי מיר דעמאָלט גאָר נישט געפרעגט. ניט איך האָב זיך דאָך גענדאַרפט אייך ערקלערען!

דאַן האָט ער א טראָט געטהאָן נעהענטער צו איהר.

— זאָגט מיר... איך בעט אייך... געדענקט איהר יענעם טאָג, בעת סאַנדר איז איינגעשלאָפען אויף'ן גראָז נאָך'ן פריהשטיק...

ווען מיר בײדע זײנען אװעק ביז אהין, וואו דער וועג פערקירעוועט זיך, ביז אהין...

ער האט ניט דערערדט. זי האט אויפגעהערט צו לאפען און געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין.

נו, אוודאי געדענק איך דאס אלעס.

דאן האט ער ווידער אנגעהויבען, ציטערענדיג מיט'ן גאנ־צען קערפער:

— הייסט עס, דאן... דעמאלט... ווען איך וואלט געווען א ביסעלע דרייסטער ביי זיך... וואס וואלט איהר דאן געטהאן?

זי האט ווידער א שמייכעל געטהאן מיט דעם שמייכעל פון א גליקליכער פרוי, וואס האט נישט וואס צו בעדויערען, און גע־ענטפערט אפענהערציג, מיט א קלארער שטימע, אין וועלכער עס האט געקלונגען א שאטען פון שפאט:

— איך וואלט אייך נאכגעגעבען, מיין פריינד.

דערנאך האט זי זיך שנעל א דרעה געטהאן אויף די קארקעס און איז אנטלאפען צו איהר איינגעמאכץ.

סאוואל איז ארוים אויף דער גאס א צומישטער, ווי נאך א גרויסען אונגליק. ער איז שנעל געלאפען אונטער'ן רעגען אלץ ווייטער און ווייטער צום טייך צו, ניט טראכטענדיג וועגען דעם, וואוהין ער לויפט. ווען ער איז צוגעגאנגען צום בערגעל, פון וועלכען מען לאזט זיך ארונטער צום טייך, האט ער זיך פערקי־רעוועט רעכטס און איז אוועק אין יענער ריכטונג. ער איז גע־גאנגען לאנג, ווי פון עפעס אן אינסטינקט געשלעפט. דער רעגען האט דורכגעווייקט זיינע קליידער, זיין הוט האט פערלארען איהר פארמע, איז געווארען ווייך, ווי א שמאטע און עס האט פון איהר געקאפעט, ווי פון א דאך. ער איז געגאנגען און גע־גאנגען און זיך ניט אומגעקוקט. צום סוף, האט ער זיך דערזעהן אויף דעם איינענעם פלאץ, וואו זיי האבען אלע געגעסען פריה־שטיק אין יענעם שעהנעם טאג.

ער האט זיך געזעצט אונטער די בוימער, וואס זיינען איצט געווען נאקעט, אפגעשונדען פון דעם קאלטען הערבסט, און ער האט זיך ביטער צוואויינט.

מינוטע

די גרויסע שרעקען פון אונזער וועלט ריהרען מיך ניט, האָט געזאָגט זשאַן ברידעלל, אַ'ן אַלטער בחור, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ סקעפּטיקער. איך האָב געזעהן די מלחמה, איך בין איבער די טויטע קערפּער פון די געפאַלענע אַריבערגעטראָטען אָהן האַרץ־קלאַפּעניש. די ברוטאַלע גרויזאַמקייטען פון דער נאַטור אָדער פון די מענשען קען ביי אונז אַרויסרופען אַ געשריי פון שרעק אָדער פון כעס, אָבער מיר פיהלען ניט דערביי יענעם שטאָך אין האַרצען, יענעם שוידער, וואָס לויפט אונז איבער'ן רוקען אַריבער ביי געוויסע, קליינע הערצרייסענדע פּאַסירונגען.

דער גרעסטער וועהטאָג איז געוויס דער פערלוסט פון אַ קינד פאַר אַ מאַמען, פאַר אַ מאַן דער טויט פון זיין מוטער. דאָס איז אַ מורא'דיגער אונגליק, דאָס צורייסט די האַרץ און צוברעכט אין גאַנצען. אָבער סוף כל סוף קומט דאָך די היילונג ווי ביי גרויסע, בלוטענדע וואונדען. אָבער עס זיינען דאָ געוויסע בעגעגענישען, געוויסע אונערוואַרטעטע און דאָך טרויעריגע זאַכען, געוויסע געהיימע ליידען, נידערטרעכטיגקייטען פון'ם שיקזאַל, וועלכע וועקען אויף אין אונז אַ גאַנצע וועלט פון שמערצליכע געדאַנקען און עפענען פאַר אונז אַ וואונדערבאַרע טהירעל צו אַלערליי ליידען פון דער נשמה. און די דאָזיגע ליידען זיינען שווערע, אונהיילבאַרע און וואָס טיעפער זיי זיינען, אַלץ מילדער זעהען זיי אויס פאַר אַ פרעמדע אויג. זיי לאָזען איבער אין אונזער נשמה אַן אונענדליכע טרויעריגקייט, אַ ביטערען געשמאַק, אַ בייזען געפיהל, וועלכער בעהערשט אונז דערנאָך אַ לאַנגע צייט.

איך האָב דערבײַ אימער צוויי אָדער דריי זאַכן פאַר די אויגען, וועלכע אַנדערע האָבן אפשר גאָרניט בעמערקט, אָבער וועלכע זײַנען אין מיר אַרײַנגעדרונגען ווי לאַנגע, שמאָלע אונהייל־באַרע וואונדען.

איהר וועט אפשר גאָר נישט פאַרשטעהן דעם זעעלען־צו־שטאַנד, וועלכען די דאָזיגע אײַנדריקע רופען בײַ מיר אַרויס. איך וועל אײַך דערצעהלען אײנס פון זיי. פּאַסירט האָט עס שוין לאַנג צוריק, אָבער פאַר מיר שטעהט עס נאָך אַזוי לעבעדיג, ווי איך וואָלט עס ערשט נעכטען געזעהן. עס איז מעגליך, אַז מײַן אייגענע פאַנטאַזיע האָט דאָס אַלעס פאַר מיר אויסגעמאָהלען אין אַזאַ ליכט.

איך בין פופציג יאָהר אַלט. דעמאָלט בין איך געווען יונג און האָב שטודירט פאַר אַ'ן אַדוואָקאַט. איך בין געווען עטוואָס מעלאַנכאָליש, טרוימעריש אָנגעזאַפּט מיט דער וועלט־שמערץ פילאָזאָפיע. די טומעלדיגע קאַפעעס האָב איך ליעב געהאַט פונקט אַזוי וועניג ווי שרײַענדיגע קאַמעראַדען אָדער נאַרישע פרוי־ענצימער. איך פלעג אויפשטעהן פריה און אײנע פון מײַנע בעסטע פערגעניגענס איז געווען אַ זייגער אַכט אין דערפריה צו געהן שפּאַצירען אײנער אַליין אין דעם לוקסעמבורגער פּאַרק.

אין דעם דאָזיגען פּאַרק האָט זיך געפונען אַ בוי־שולע, וועלכע איהר האָט שוין מעהר ניט געטראָפען. דאָס איז געווען אַזאַ מין פערגעסענער גאָרטען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, שעהן ווי דער ליעבער שמייכעל פון אַ'ן אַלטער דאַמע. הויכע, קינסט־ליך־פאַרשניטענע ווענט פון גרינע בוימלאַך האָבען אָבגעטהיילט די שמאָלע, לאַנגע אַלעען. אָהן אַן אויפהער האָבען די שעערען פון די גערטנער בעשניטען די דאָזיגע ווענט. דאָ און דאָרט איז געווען אַ בלומען־בעעט אָדער אַ גרופּע פון קלײנע בוימלאַך צו צוויי אײַנגעטהיילט, ווי שילער אויף אַ שפּאַציער־גאַנג, וואונדער־באַרע רויז־בושעס און גאַנצע מאַסען פרוכט־בוימער.

אַ גאַנצער ווינקעל פון דעם דאָזיגען שענעם וועלדיל איז גע־ווען בעוואָהנט פון ביענען. זייערע שטרויענע הײַזלאַך זײַנען זאָרג־פעלטיג אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף ברעטער אַביסעלע אָבגע־

רוקט איינע פון דער אנדערער און די אריינגאנגס טירען, ווי א פינגערהוט די גרויס, האבען זיך געפונען אנטקעגען דער זון. און אין דער גאנצער לענג פונ׳ם וועג האט מען געטראפען די זשומענ־דיגע, גאלד־גלענצענדע פליעגעלאך, וועלכע זיינען עפעס ווי געוואָ־רען די בעלי־הבתים פון דעם דאזיגען שטילען ווינקעל.

כמעט יעדען אין דערפריה בין איך אהין געגאנגען. איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף א באנק און געלעזען. פון צייט צו צייט האב איך ארונטערגעלאזט דעם בוך אויף די קניע, אום צו טרוימען, אום זיך צוצוהערען צום פאריזער לעבען ארום מיר און געניסען די רוהיגע שטילקייט פון דעם אלטמאדישען פארק.

אבער באלד האב איך בעמערקט, אז איך בין ניט געווען דער איינציגער, וואס איז געקומען אהער אזוי שנעל ווי מען האט נור געעפענט די טויערן; ווייל פון צייט צו צייט האב איך באגעגענט אויף מיין שפאציער עפעס א מערקווירדיגען קליינעם גרייז.

ער האט געטראגען שיך מיט זילבערנע שנאלען, שמאלע הוי־זען, א טאבאק פארבענעם ראק און אנשטאדט א שניפס א שפיצען זשאבא, דערצו א גאנץ וואונדערליכען גרויען הוט מיט ברייטע ברעגעס און לאנגע האאר.

ער איז געווען מאגער, זעהר מאגער, ביינערדיג, האט געמאכט פארשיעדענע מינעס און געשמייכעלט. זיינע לעבעדיגע אויגען האבען נאכאנאנד געוואונקען און אין דער האנד האט ער שטענדיג געהאלטען א וואונדערבארען שטעקען מיט א גאלדענעם קנאפ, וועלכער האט מסתמא בעדייטעט עפעס א וויכטיגען אנדענקען פאר איהם.

ווען איך האב צום ערשטען מאל דערזעהן דעם דאזיגען אל־טינקען, בין איך געווארען שטארק פערוואונדערט, דערנאך האט ער מיר גענומען זעהר אינטערעסירען און איך האב איהם בעטראכט דורך די צווייגען, בין איהם נאכגעגאנגען פון ווייטען, און זיך אבגעשטעלט דארט וואו דער וועג נעהמט זיך אן א זייט, כדי ער זאל מיך ניט זעהן.

און איין מאל אין דער פריה, ווען ער האט געדענקט, אז ער איז איינער אליין, האב איך דערזעהן, ווי ער האט פלוצים

געגומען מאַכען עפּעס מאָדנע בעוועגונגען. צוערשט האָט ער אַ פּאָאר מאָל אַביסעלע אַ שפּרונג געטהאָן, דאַן זיך פאַרנייגט; דער־נאָך האָט ער מיט זיינע נאָך ריהרעוודיגע דינע פּיס געמאַכט אַ קרייץ־שפּרונג, גענומען העפליך אונטערטאַנצען, געאַרבייט אויף אַלע כלים און געשמייכעלט און זיך געגייגט אין אַלע זייטען, ווי ער וואָלט פאַר זיך געהאַט אַ פּובליקום. ער האָט געטאַנצט.

איך האָב אויסגעשטעלט אויף איהם מיינע אויגען פאַר ער־שטוינען און איך האָב מיר געשטעלט די פראַגע, ווער פון אונז ביידען איז משוגע, איך צו ער.

אָבער דאָ איז ער פּלוצלונג געבליבען שטעהן, איז אַרוים־געטראָטען עטליכע טריט אין פאָראויס, ווי די אַקטיאָרען אויף דער־ביהנע, האָט זיך פאַרנייגט און גענומען געהן צוריק הינטערוויי־לעכץ, וואַרפענדיג קושען מיט זיינע ציטערנדע הענד אַנטקעגען די ביידע רייהען שטומע בוימער.

און דאַן האָט ער פּול ווירדע ווידער גענומען געהן שפּאַצירען.

פון דעם דאָזיגען טאָג האָב איך איהם ניט אָבגעלאָזט פון מיינע אויגען און יעדען דערפריה האָב איך איהם געזעהן מאַ־כענדיג זיינע מערקווירדיגע בעוועגונגען.

דאַן האָב איך געקריגען אַ פערלאַנג מיט איהם צו רעדען.
איך האָב זיך געמאַכט מוט, איהם געגריסט און געזאָגט:

— אַ שעהן וועטער, היינט, ניט אמת?

ער האָט זיך פאַרנייגט:

— יאָ, עס איז אַ וועטער, ווי אין די גוטע אַלטע צייטען.

אין אַכט טעג אַרום זיינען מיר געווען גוטע פריינד און איך האָב געוואוסט זיין געשיכטע. אין דער צייט פון קעניג לודוויג דעם פופצעהנטען איז ער געווען באַלעט־מייסטער אין דער אָפּערא. זיין שעהנער שטעקען איז געווען אַ פּרעזענט פון גראַף דע קלער־מאָנט. און ווען מען האָט מיט איהם גערעדט פון טאַנצען, האָט ער ניט אויפגעהערט צו פּלוידערן.

דאַן האָט ער מיר אין אַ געוויסען טאָג פאַרטרויט אַ סוד:

— איך האָב מיט דער קאַסטרים געהייראַט. אויב איהר ווילט, וועל איך אייך פאָרשטעלען, אָבער זי קומט אַהער נור נאָך

מיטאג. איהר זעהט אַט דעם גאַרטען, ער איז אונזער גאַנצער גליק און אונזער פרייד, אַלעס, וואָס איז אונז געבליבען פון פריי־הער. אונז דאַכט, אַז מיר וואָלטען גאָרנישט געקענט לעבען, ווען מיר וואָלטען איהם ניט געהאַט. דער גאַרטען איז אַלט און אריס־טאָקראַטיש, נישט אמת? מיר דאַכט זיך, אַז דאָ קען איך אָטהע־מען דיזעלבע לופט, ווי אין דער צייט פון מיין יוגענד. מיין פרוי און איך פאַרברענגען דאָ יעדען נאָכמיטאָג!.. איך אָבער קום אַהער, אַזוי שנעל ווי עס ווערט טאָג, ווייל איך שטעה זעהר פריה אויף.

* * *

אַזוי שנעל ווי איך האָב אָבגעגעסען מיטאָג, האָב איך זיך אומגעקעהרט צוריק אין דעם לוקסעמבורגער גאַרטען און באַלד האָב איך דערזעהן מיין אַלטען פריינד. מיט גרויס פייערליכקייט האָט ער דערלאַנגט דעם אָרעם אַ גאַנץ אַלטער, קליינער פרוי, אָנגע־טהאָן אין שוואַרצען, און איך בין פאָר איהר פאָרגעשטעלט געוואָ־רען. דאָס איז געוועזען די קאַסטרים, די גרויסע טענצערין, וועלכע איז אַמאָל געוועזען געליעבט פון דעם פּרינץ, געליעבט פונ׳ם קעניג, געליעבט פון דעם גאַנצען פרעהליכען יאָהרהונדערט, וועלכער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזען דער וועלט עטוואָס ווי אַ ליעבעס־חויך.

מיר האָבען זיך געזעצט אויף אַ שטיינערנע באַנק. עס איז גע־וועזען אין מאָנאַט מאַי, און די בלומען האָבען געשמעקט אין יעדער אַלעע. די וואַרימע זון האָט אריינגעשיינט צווישען די צווייגען און אונז בעגאָסען מיט איהרע ליכטיגע שטראַהלען. דאָס שוואַרצע קלייד פון דער קאַסטרים איז געוועזען ווי דורכגענומען פון דער העל־קייט.

דער גאַרטען איז געוועזען פּוסט. פון ווייטען האָט מען גע־הערט אַ גערויש פון קאַרעטען, וועלכע זיינען פאַרבייגעפאָהרען.

— איך בעט אייך, ערקלעהרט מיר — האָב איך זיך אָבגע־רופען צום אַלטען טענצער — וואָס אַזוינס אייגענטליך איז געווען דער טאַנץ מינועט?

ער האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן:

— דאָס מינועט, מיין הערר, איז די קעניגין פון אַלע טענץ

און דער טאַנץ פון אַלע קעניגינען, איהר פאַרשטעהט? זייט דעם ווי עס זיינען נישטאָ מעהר קיין קעניגע, איז אויך נישטאָ מעהר קיין מינועט.

און אין אַ געהויבענעם סטיל, מיט הויכע אונפערשטענדליכע ווערטער, וועלכע איך האָב בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן, האָט ער מיר גענומען האַלטען אַ רעדע, וואו ער האָט פאַרהערליכט דעם טאַנץ. איך האָב געוואָלט, ער זאָל מיר ערקלעהרען די פער־שיעדענע פאַ'ס, די בעוועגונגען און שטעלונגען, אָבער ער איז געווען צומישט און טרויעריג, גאַנץ פערצווייפעלט איבער זיין אונפעהיג־קייט מיר דאָס קלאָהר צו מאַכען.

און פּלוצים האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו זיין אַלטער פרוי, וועלכע איז געזעסען די גאַנצע צייט שטיל, ניט רעדענדיג אַ וואָרט און געזאָגט:

— עליזע, ווילסטו, זאָג מיר נור, ווילסטי זיין אַזוי גוט און מיט מיר ווייזען דעם הערר, וואָס דאָס איז געווען אַזוינס?

צושראָקען האָט זי זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, דאַן איז זי אויפגעשטאַנען ניט זאָגענדיג אַ וואָרט און זיך אַוועקגע־שטעלט אַנטקעגען איהם.

דאַן האָב איך געזעהען עטוואָס, וואָס איך וועל קיינמאָל נים פארגעסען.

זיי זיינען געקומען און געגאַנגען מיט קינדערשע האוואַיעס, האָבען געשמייכעלט איינס צום צווייטען, זיך געוויגט, פאַרנייגט און אויפגעשפרונגען, ווי צוויי אַלטע ליאַלקעס, וואָס זיינען פון אַ'ן אַלטען, עטוואָס פאַרזשאַווערטען מעכאַניזם בעוועגט געוואָרען, וועלכען אַ זעהר געשיקטער מייסטער האָט אַמאָל נאָך דעם געשמאַק פון זיין צייט פאַרפערטיגט:

איך האָב זיי אָנגעקוקט און גאַנץ מערקווירדיגע געפיהלען האָבען זיך צו מיר אין הארצען אריינגע'גנב'עט, אַ טיפע טרויע־ריגקייט איז אויף מיר אָנגעפאַלען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, ווי איך וואָלט אַרויסגערופען אַ קלעגליכע און צוגלייך קאָמישע ערשיינונג. עפּעס ווי דער אַלטמאָדישער שאָטען פון דעם פערגאַנ־

גענעם יאָהרהונדערט וואָלט ווידער אויפגעשטאַנען. איך האָב גע־
האַט לוסט צו לאַכען און דאָך האָב איך כמעט געוויינט.

פלוצים האָט זי זיך שנעל אָבגעשטעלט. זיי האָבען געענדיגט
זייער טאַנץ. א פּאָאר סעקונדען זיינען זיי געבליבען שטעהן איי־
נער אנטקעגען אַנדער'ן, זייערע פּנים'ער האָבען זיך מאָדנע פאַר־
קרימט. דאַן זיינען זיי זיך שלוכצענדיג געפאַלען אויף'ן האַלז.

אין דריי טעג אַרום בין איך אוועקגעפאָהרען אויף דער פּראָ־
ווינץ. מעהר האָב איך זיי ניט געזעהן. ווען איך בין אין צוויי
יאָהר געקומען צוריק נאָך פּאריז, האָט מען יענעם גאָרטען שוין
געהאַט צושטערט. וואָס האָבען זיי געטהאָן, ווי אזוי האָבען זיי
געקענט לעבען אָהן דעם אַלטען גאָרטען מיט זיינע לאַטהרינגישע
וועגען, דעם דופט פון דער פערגאַנגענהייט און די רייצענדע גרינע
פאַרשניטענע ווענד ?

זיינען זיי טויט ? בלאָנדזשען זיי אַרום צווישען די מאָדערנע
גאַסען, ווי לעבענסלענגליכע געפאַנגענע ? טאַנצען זיי א פאַנטאַס־
טישען מינועט אַלס וואונדערליכע געשפענסטער צווישען די צי־
פּרעסען פון א בית־עולם אונטער דעם שיין פון דער לבנה ?

דער געדאַנק וועגען זיי פּייניגט מיך, קוועלט מיך און לאָזט
מיך ניט אָב, ער בלייבט אין מיר ווי א וואונד. וואָרום ? איך
ווייס ניט.

איך זעהט עס אויס לעכערליך, ניט אמת ?

מיין פרוי

עס איז געווען אויף א מאַלצייט פון עטליכע פערהייראטע מע־נער, אלטע פריינד, וועלכע האָבען זיך פערקליעבען א לעב צוטהאָן, ווי אמאָל אין די גוטע, אלטע צייטען. מען האָט לאַנג געגעסען, א סך געטרונקען ; גערעדט וועגען אלסדינג, אויפגערודערט אלטע, פרעהליכע עראינערונגען, יענע ווארעמע עראינערונגען, וועלכע גע־גען אונזער ווילען צווינגען די ליפען צו שמייכלען און דאָס הארץ צו ציטערען. מען האָט גערעדט :

— דו געדענקסט, זשאַרזש, אונזער עקסקורשאָן אין סען־זשערמען מיט די צוויי מיידלאך פון מאָנטמארטר ?

— א פראגע צו איך געדענק ! נאָך ווי.

און מען האָט דערמאָנט איינצעלהייטען, די און יענע, טויזענ־דער קלייניגקייטען, וועלכע האָבען נאָך אמוזירט אפילו היינט.

מען האָט גענומען ריידען וועגען דער הייראטה און יעדער פון זיי האָט אויפריכטיג אויסגערופען :

— אך, ווען מען וואָלט עס אלעס געקאָנט אָנהויבען פון דאָס ניי !...

זשאַרזש דע־פאָרטען האָט צוגעלייגט :

— מערקווירדיג, ווי לייכט מען פאלט דאָ אריין. דו מאכסט ביי זיך פעסט אָב קיין מאָל ניט צו הייראטהען ; און דערנאָך קומט דער פריהלינג ; א שפאַציר־פאָהר הינטער דער שטאָדט ; ס'איז ווארעם ; דער זומער איז אזוי שעהן ; דאָס גראָז גרינט ; ביי בעקאנטע טרעפסטו א יונג מיידעל... איין מאָל ! און פאָרטיג. קעהרסט זיך צוריק א פערהייראטער מאָן...

— אמת ! — האָט אויסגערופען פיער לעטואר — דאָס איז פונקט אזוי ווי מיט מיר האָט פאַסירט, דער אונטערשייד איז נור...

זיין פריינד האָט איהם אונטערבראָכען :

—וואָס דיך אָנבעלאַנגט, האָסטו זיך ניט וואָס צו בעקלאָגען — האָט ער געזאָגט — דו האָסט די רייצענדסטע פרוי אויף דער וועלט, א שעהנע, אַ'ן אנגענעהמע, די פאָלקאָמענהייט אליין. דו ביזט געוויס גליקליכער פון אונז אלע.

— דאָס איז זיכער ניט מיין שולד — האָט יענער געענט־פערט.

— וואָס הייסט ?

— אמת, מיין פרוי איז טאַקע די פאָלקאָמענהייט ; נור חתונה געהאַט מיט איהר האָב איך ניט מיט מיין אייגענעם ווילען.

— וואָס הייסט ?

— דאָס הייסט... אַט ווי אזוי די זאַך איז געשעהן. מיר איז געוועזן פינף און דרייסיג יאָהר, און איך האָב זיך פונקט אזוי געקליעבען צו הייראַטהען, ווי צו הענגען זיך. די יונגע מיידלאַך האָבען אין מיינע אויגען אויסגעזעהן אָהן טעם. און איך האָב סתם פערגעטערט דאָס פרייע פרעהליכע לעבען.

דארף זיך מאַכען, אז איך זאָל ווערען איינגעלאַדען אין נאָר־מאַנדיע צו מיין קאָזין סימאָן דע עראַבעל אויף חתונה. דאָס איז געוועזן אין מאָנאַט מאַי און די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרען אויף אַ'ן עכט נאָרמאַנדישען שטייגער. צום טיש האָט מען זיך געזעצט אַ זייגער פינף ביי טאָג ; עלף ביינאַכט האָט מען נאָך געגעסען. צופעליג האָט מען מיך אוועקגעזעצט נעבען פריילען דע מוליען, די טאָכטער פון אַן עקס־קאָלאָנעל. זי איז געוועזן יונג און בלאָנד, דרייסט און רעדעוודיג, אַ מיידעל, מיט איין וואָרט, איינמאָל אַ כוואַט... זי האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין איהרע הענד אויף אַ גאַנצען טאָג, אוועקגעשלעפּט מיך אין פּאַרק, געצוואונגען, צי איך האָב געוואָלט, צי ניט, טאַנצען, האָט מיך איינפאַך דער־הרגעט און גאָר.

איך האָב מיר געטראַכט : — היינטיגען טאָג וועל איך שוין ווי עס איז איבערקומען, אָבער מאָרגען אנטלויף איך פון דאַנען, גענוג !...

אַ זייגער עלף זיינען די דאַמען זיך אוועק אין זייערע צימער־

רען ; די מענער זיינען פערבליעבען רויכערען און נאָך אביסעל אריינגיסען, אָדער, אויב איך געפעלט בעסער, אריינגיסען און נאָך אביסעל רויכערען.

דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט זיך געזעהן א דאָרפישע הוליאנקע. די פויערים און פויערטעס האָבען געשפּרונגען אין קאַראהאָד, צוברומענדיג צו דעם דאַזיגען וווילדען טאנץ זייערן ; צוויי פּידלער און א קלאַרנעטיסט זיינען געשטאנען אויף א קיכען־טיש און האָבען שוואך אקאָמפּאַנירט די טענצער. דאָס משונה׳דיגע געזאנג פון די פויערים האָט צייטענווייז אין גאנצען פערטויבט די קלאַנגען פון די אינסטרומענטען ; און די שוואכע מוזיק, צורייסען פון די ווילדע קולות, איז, דאכט זיך, ווי פון הימעל געפאַלען אין קליינע פיצלאך צופּליקטע, צושאָטענע טענער...

צוויי ריזיג־גרויסע פעסער, ארומגערינגעלט מיט ברענענדיגע פאַקעלן, זיינען אָנגעפילט געווען מיט משקאות פאר דעם עולם. צוויי מענשען זיינען געווען פערנומען מיט שווענקען די גלעזער און קריגלאך אין א צעבער וואסער. די אויסגעוואשענע גלעזער האָט מען גלייך ווידער אונטערגעשטעלט אונטער די צאַפּענס, פון וואנען עס האָט זיך געגאָסען א רויטער שטראָם פון וויין און א גאָלדענער שטראָם פון עפּעל־קוואס. — און דורשטיגע טענצער, רוהיגע, עלטערע מענשען, פערשוויצטע מיידלאך, האָבען זיך געשטופּט, געשטויסען, אויסגעשטרעקט זייערע הענד, כדי צו כאַפּען א גלאָז פון דעם געליעבטען געטראַנק... און געכאַפּט עס, האָבען זיי דעם קאָפּ אהינטער פערוואָרפען און מיט צוויי זופּען עס פערשלונגען. אויף דעם טיש איז געווען ברויט, פּוטער, קעז און וואורשט. אלע האָבען געקייט, געשלונגען א שטיק נאָך א שטיק ; און עס איז אנגענעהם געווען צו קוקען אויף דעם דאָזיגען געזונדען און פארגרעבטען יום טוב אונטער דעם ליכטיגען, אויסגעשטערנטען הימעל. עס האָט אָנגענומען א חשק, צו געהן אהין, זיך אויך אָנטרינקען פון יענע גרויסע, גראָבע פעסער און פערבייסען מיט הארטען ברויט און ביטערע ציבעלע.

און איך האָב פערלאָזען מיינע פריינד און בין אוועק אהין.

— עס קאָן זיין, אז איך בין שוין דאן געווען אביסעלע פער־

שנאַסקעט; מסתמא... ווייל באַלד האָב איך דאָרט געכאַפּט פּאָר אַ האַנד אַ פּערסאָפּעטע, געזונדע פּויערטע און גענומען משונה׳דיג שפּרינגען מיט איהר אַזוי לאַנג, ביז איך בין שיער ניט דערשטיקט געוואָרען.

דערנאָך האָב איך אויסגעטרונקען אַ גלאָז ווײן און געכאַפּט אַ׳ן אַנדער טענצערקע. אום זיך אַביסעל אָבצופרישען, האָב איך אין זיך אַריינגעגאָסען אַ גאַנצען קריגעל עפּעל־קוואַס און גענומען שפּרינגען, ווי אַ פּעררײקטער.

איך בין געווען פלינק, ריהרעוודיג. די בחורים האָבען גע־קוקט אויף מיר מיט התפּעלות און זיך געסטאַרעט מיר נאָכצומאַ־כען. די מיידלעך זיינען אויסגעגאַנגען צו טאַנצען מיט מיר און האָבען פאַבריקעוועט מיט דעם חן און גראַציע פון בהמות...

צום סוף, אַז איך האָב זיך גוט אָנגעטאַנצט און אַריינגעגאָ־סען אין זיך אַ שען ביסעל אי ווײן אי עפּעל־קוואַס, האָב איך אַ זיינער צוויי פאַרטאָג שוין ניט געקענט מעהר האַלטען זיך אויף די פיס.

איך האָב פערשטאַנען מיין לאַגע און געוואָלט זיך דערשלעפּ־פען צו מיין צימער. אין׳ם הויז האָבען אַלע געשלאָפען, עס איז געווען שטיל און פינסטער.

איך האָב ניט געהאַט קיין שוועבעלאָך און אַרום איז געווען שטאָק־פינסטער. ווי נור איך האָב זיך דערשלעפּט צום אַריינגאַנג האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שוואַכקייט. מיט גרויס מאַטערניש איז מיר אָנגעקומען, ביז איך האָב געפונען די פּאַרענץ, צום סוף האָב איך עס פּאָרט ווי עס איז אָנגעטאַפּט און איך האָב זיך צוגעזעצט אויף דעם ערשטען טרעפּעל, סטאַרענדיג זיך צו קומען אַביסעל צו זיך.

מיין צימער האָט זיך געפונען אויף׳ן צווייטען שטאָק, דריטע טיר לינקס. צו מיין גליק האָב איך עס ניט פערגעסען. געשטאַרקט פון דעם דאָזיגען געדאַנק, בין איך מיט גרויס מיה אויפגעשטאַ־נען און גענומען קריכען פון טרעפּעל אויף טרעפּעל. איך האָב זיך אָנגעהאַלטען מיט ביידע הענד אָן די אייזערנע פּאַרענץ, גע־קראָכען און זיך געסטאַרעט ניט צו מאַכען קיין גערויש...

נור דריי אָדער פיער מאָל האָט מיין פוס ניט געמראָפּען אויף דעם טרעפּעל און איך בין געפאַלען אויף די קניע; אָבער א דאַנק מיינע ענערגישע הענד און מיין פעסטען אָנגעשטרענגטען ווילען, האָב איך זיך אויסגעהיט פון אין גאַנצען אַרונטערצופאַלען און בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער.

קוים־קוים, מיט צרות, בין איך דערקראָכען צו דעם צווייטען שטאָק. איך האָב זיך געמאַכט מוטה און בין אריין אין קאָרידאָר, טאַפּענדיג די ווענד. אָט איז איין טיר; איך האָב געצעהלט: „איינס"; נור דאָ פּלוצים האָט זיך מיר פערדרעהט דער קאָפּ און עס האָט מיך א שליידער געטהאָן פון דער וואַנד ביז צו דעם אַנ־דערען עק פון קאָרידאָר. איך האָב געוואָלט זיך אומקעהרען צו־ריק אויף א גלייכער ליניע. דער גאַנג איז געווען א לאַנגער און א שווערער. קוים־קוים האָב איך אָנגעטאַפּט די וואַנד און בין אַוועק פּאַזע איהר זעהר פאָרזיכטיג און געפונען די צווייטע טיר. אום צו זיין זיכער, אז איך האָב קיין טעות ניט, האָב איך ווידער אַמאָל אָבגעצעהלט אין דער הויך: „צוויי". און זיך געלאָזט געהן ווייטער. צום סוף האָב איך מיט מזל געפונען די דריטע טיר. איך האָב געזאָגט „דריי, דאָס איז מיין צימער!" און האָב א דרעה געטהאָן די קליאַמקע. די טיר האָט זיך געעפענט. ווי צומומעלט איך בין ניט געווען, האָב איך פון דעסטוועגען א טראַכט געטהאָן: „זי האָט זיך געעפענט, הייסט עס, אז ס'איז זיכער מיינע..." און איך בין אריין אין דער־פינסטער און שטיל צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר.

איך האָב זיך אָנגעשטויסען אָן עטוואָס ווייכעס: מיין זאָפע. און גלייך האָב איך זיך אויף איהר אויסגעצויגען.

אין מיין לאַגע איז מיר נים נויטיג געווען צו געהן זוכען א נאַכט־טישעל, א לייכטער, שוועבעלאַך. דאָס וואָלט ביי מיר גע־דויערט לכל הפחות א צוויי שעה און נאָך אַמאָל אזוי פיעל וואָלט מיר גענומען מסתמא דאָס אויסטהאָן זיך. עס האָט זיך ניט גע־לוינט אפילו צו טראַכטען וועגען דעם...

איך האָב נור אַרונטערגעשלעפּט די שיך; אָבגעשפּיליעט

די וועסט, וועלכע האָט מיך אַביסעל געדריקט, בעפרייט זיך פון די הויזען און בין אַנשלאָפען געוואָרען, ווי אַ דער'הרג'עטער.

עס איז מסתמא אַוועק אַ לאַנגע צייט. איך בין גראָב אויפ־געוועקט געוואָרען פון אַ ציטערענדער שטימע, וועלכע האָט גאָר נאָהענט נעבען מיר גערעדט:

— דו שלאָפסט נאָך, פוילענצערין דו? דער זייגער איז שוין צעהן. שטעה אויף!...

אַ פרויען־קול האָט געענטפערט:

— שוין צעהן? איך בין נעכטען געוועזן אַזוי מיעד.

ווער רעדט דאָרט? — האָב איך זיך געוואונדערט, און בין געבליבען ווי אַ פערגליווערטער.

— וואו בין איך? וואָס האָב איך געטהאָן?

מיין קאָפּ איז געוועזן שווער, מיינע געדאַנקען מיט אַ געדיכ־טען נעבעל פערצויגען.

די ערשטע שטימע האָט געזאָגט:

— איך וועל דיר אויפהויבען די פאָרהאַנגען.

און איך האָב דערהערט טריט. זיי האָבען זיך געטראָגען אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו מיר. איך בין געזעסען אין גאַנצען אַ צומישטער. דערנאָך האָב איך דערפיהלט אַ האַנד אויף מיין קאָפּ. איך האָב זיך האַסטיג אַ הויב געטהאָן. די שטימע האָט געפרעגט אין דערהויך: „ווער איז דאָ?“ איך האָב שטאַרק מורא געהאַט צו ענטפערען. צוויי צורייצטע הענד האָבען מיך אַ כאַפּ געטהאָן. איך האָב אויך עפּעס עמיצען אָנגעכאַפּט און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע ראַנגלעריי. מיר האָבען זיך געקאַטשעט איבער דר'ערד, אומגעוואָרפען דאָס מעבעל, אָנגע־קלאַפּט זיך אָן די ווענד.

אַ פרויען־קול האָט מיט שרעק געשריען: „ראַטעוועט! ראַ־טעוועט!“

עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפען דיענער, שכנים, דאַמען צו־מישטע פאַר שרעק. מען האָט געעפענט די לאָדענס, אַרויפגע־צויגען די פאָרהאַנגען. איך האָב זיך געפונען אין די אָרעמס פון קאָלאָנעל דעמולען!

איך בין געשלאָפען נעבען זיין טאָכטערס בעט.

ווען מען האָט אונז פונאַנדערגענומען בין איך אַנטלאָפען צו זיך אין צימער, א נאַרישער און א צודולטער. איך האָב זיך פער־שפּאַרט אויף'ן שלאָס און זיך געזעצט, די פּיס אונטער זיך אויף א שטול. מיינע שיך זיינען געבליעבען אין דער מיידעל'ס צימער.

איך האָב געהערט א גרויסען גערודער אין גאַנצען הויז, א קלאַפּען פון טירען, א שושקען, שנעלע טריט.

אין א האַלבע שעה ארום האָט מען אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. איך האָב א געשריי געטהאָן: „ווער איז דאָרט?“ דאָס איז געווען מיין אָנקעל, דער פאָטער פון'ם חתן, ביי וועמען עס איז נעכטען געווען חתונה. איך האָב געעפענט.

ער איז געווען בלאָס און בייז און איז זיך בעגאַנגען מיט מיר גראָב:

— דו פּיהרסט זיך אויף ביי מיר אין הויז, ווי א פּויער, דו פערשטעהסט? — האָט ער געזאָגט און צוגעלייגט שוין אביסעל ווייבער: — דו גרויסער נאַר, ווי אַזוי לאָזטו זיך דאָס כאַפּען אויף'ן אָרט צעהן א זייגער אין דער פריה! שלאָפסט איין, ווי א קלאָץ אין דעם זעלביגען צימער, אַנשטאַט וואָס דו האָסט געדאַרפט זיך אָבטראָגען גלייך נאָך דעם... גלייך, גלייך געהט מען אוועק!...

איך האָב אויסגעשריען:

— אָבער, אָנקעל, איך פערזיכער אייך, עס איז ניט געווען קיין זאַך... איך האָב בלויז א טעות געהאַט אין דער טיר, איך בין געווען שיכור.

ער האָט א דריק געטהאָן די אַקסלען:

— רייד ניט קיין נאַרישקייטען, איך בעט דיך.

איך האָב אויפגעהויבען די האַנד: — איך שווער אייך ביי מיין עהרע!

— דער אָנקעל האָט ניט געגלויבט:

— נו, געוויס, דו מוזט אַזוי ריידען!

איך האָב זיך בעליידיגט און איהם דערצעהלט אַלסדינג וועגען מיין אונגליקליכער פּאַסירונג. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט פערוואונדערטע אויגען, ניט געוואוסט, צי זאָל ער גלויבען צי ניט.

דערנאָך איז ער אוועק זיך מיישב זיין מיט דעם קאָלאָנעל.

איך האָב זיך דערוואוסט, אז עס האָט זיך געבילדעט אזא מין טריבונאל פון מוטערס, וועמען מען האָט געמעלדעט די פערשיע־דענע איינצעלהייטען פון דער פאַסירונג.

אין א שעה ארום האָט זיך דער אָנקעל צוריק געקעהרט. ער האָט זיך געזעצט און מיט דער מינע פון א ריכטער האָט ער אָנגע־הויבען :

— ווי עס זאָל דאָרט ניט האָבען געווען, אָבער פאַר דיר זעה איך ניט קיין אַנדער אויסוועג, ווי חתונה צו האָבען מיט מאַדע־מאַזעל דע מולען.

איך בין אויפגעשפרונגען פאַר שרעק :

— קיין מאָל ניט !

ער האָט געפרעגט הארט :

— וואָס־זשע דענקסטו צו טהאָן ?

איך האָב געענטפערט איינפאַך :

— ס'פערשטעהט זיך... אוועקפאָהרען אזוי שנעל ווי מען וועט מיר אָבגעבען מיינע שיך.

— שפּאַס אָן א זייט — האָט געענטפערט מיין אָנקעל — דער קאָלאָנעל האָט בעשלאָסען דיר צו לעכערען דעם מוח מיט א קויל, ווי נור ער וועט דיך דערזעהן. און דו מעגסט זיין זיכער, אז ער מאַכט ניט קיין אומזיסטע סטראַשונקעס. איך האָב גערעדט מיט איהם וועגען א דועל, ווייל ער ניט הערען און ענטפערט : „ניין, איך זאָג אייך, אז איך וועל איהם צו לעכערען דעם מוח.“

לאָמיר אצינד בעטראַכטען די דאָזיגע פראַגע פון א'ן אַנ־דער שטאַנדפּונקט.

אָדער דו האָסט ווירקליך רואינירט אזא יונג קינד און דאַן איז קיין שטראָף פאַר דיר ניט צו הארט, מיין איינגעל ; וועסט ווייטער ניט קריכען צו יונגע מיידלאך — אָדער דו האָסט, ווי דו זאָגסט, שיכורערהייט א טעות געהאַט, און דאָס איז נאָך ערגער פאַר דיר. שטעל זיך ווייטער ניט אוועק אין אזא נאַרישער לאַגע. אזוי צו אזוי, דאָס ארעמע מיידעל האָט פערלאָרען איהר גוטען נאָמען, ווייל קיינער וועט ניט גלויבען די ערקלעהרונגען פון א

שיכורען. זי איז, אלזא, דער איינציגער און אמת׳ער אפפער. מהו גוט א מראכט וועגען דעם.

ער האט עס געזאגט און איז זיך אוועק. איך האב איהם נאכגעשריען:

— איהר מעגט זאגען, וואס איהר ווילט. איך וועל ניט חתונה האבען.

דערנאך איז געקומען מיין מוהמע. זי האט געוויינט. האט אויף אלע אופנים געסטארעט מיך איבערצורייידען. קיינער גלויבט נים אז איך האב א טעות געהאט. עס איז ניט מעגליך, אז א יונג מיידעל זאל פערגעסען צו פערשפארען איהר טיהר אויף׳ן שלאס אין א הויז, פול מענשען. דער קאלאנעל האט זי געשלאגען. זי האט געקלאגט א גאנצען פריה־מארגען. דער סקאנדאל איז א שרעקליכער, אונמעגליך איהם צו פערשטיקען.

און מיין גוטע מוהמע האט צוגעלייגט:

— דו מוזט איהר פונדעסטוועגען פארשלאגען צו הייראטען. אפשר שפעטער, ווען עס וועלען זיך אנהייבען די פערהאנדלונגען וועגען דעם הייראטס־קאנטראקט, וועסטו געפינען א מעגליכקייט זיך ארויסצודרעהען פון דעם גאנצען עסק.

ביי דעם געדאנק, אז עס איז נאך דא א מעגליכקייט צו בע־פרייען זיך, איז מיר לייכטער געווארען אויף׳ן הארצען, און איך האב איינגעוויליגט אנצושרייבען א בריעף מיט א פארשלאג צו היי־ראטהען. אין א שטונדע ארום בין איך ארויסגעפאהרען קיין פאריז.

אויף מארגען האט מען מיר געלאזט וויסען, אז מיין פארשלאג איז גנעדיג אנגענומען געווארען.

אין דריי וואכען ארום, נאך איידער איך האב צייט געהאט אויסצוטראכטען עפעס א שפיצעל, א דריידעל, איז געמאכט גע־ווארען א׳ן עפענטליכע ערקלעהרונג וועגען אונזער חתונה, בילע־טען זיינען ארויסגעשיקט געווארען, דער קאנטראקט אונטערגע־שריעבען און אין א געוויסען מאנטאג אין דער־פריה האב איך זיך געפונען אין א העל־בעלויכטער קירכע נעבען א יונג מיידעל, וועל־כע האט ביטער געוויינט. איך האב ערקלעהרט דעם גלח, אז איך

בין בעריים צו נעהמען זי אַלם פריינדין... אויף דעם גאַנצען לע־בען, ביז איינער פון אונז וועט שטאַרבען.

איך האָב זי נאָך ניט געזעהן און האָב געקוקט אויף איהר פון דער זייט מיט א געוויסער פיינדשאפט. דאָך, זי איז ניט געווען מיאוס, געווים ניט. איך האָב מיר געטראכט: „אַזאַ מיידעל וועט אמוועניגסטען ניט לאָכען גאַנצענע טעג".

זי האָט אויף מיר ניט א מאָל א קוק געטהאָן ביז'ן סאַמע אַבענד און ניט געזאָגט קיין איין וואָרט.

אַרום האַלבע נאַכט בין איך אריין אין שלאָף־צימער איהר מיטצוטהיילען מיינע בעשליסע, וואָרים איצט בין איך דאָך געווען דער בעל הבית.

איך האָב זי געטראָפען זיצענדיג אין א פאָטעל, אָנגעטהאָן ווי בייטאָג, א בלייכע און מיט רויט פערוויינטע אויגען. זי איז אויפגעשטאַנען, ווי נור איך בין אריין און איז מיט שווערע טרים צוגעגאַנגען צו מיר:

— מיין הערר — האָט זי צו מיר געזאָגט — איך בין בעריים צו טהאָן אלסדינגג, וואָס איהר וועט מיר הייסען. איך וועל זיך טויטען, אויב איהר וועט עס פערלאַנגען.

זי איז געווען שעהן, די דאָזיגע טאָכטער פון דעם קאָלאָנעל, ווי יעדער אין אַזאַ העלדען־ראָלע. איך האָב זי אַרומגענומען. איך האָב א רעכט געהאַט אויף דעם. ניט אזוי?

און אין גיכען האָב איך דערזעהן, אז איך האָב זיך גאָר ניט אָפּגענאַרט.

— עס איז שוין פינף יאָהר, ווי איך בין פערהייראַטה. איך האָב נאָך קיין איין מאָל ניט חרטה געהאַט אויף דעם.

פּיער לעטואַל איז אַנשוויגען געוואָרען. זיינע חברים האָבען געלאַכט. איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— די הייראַטה איז — א לאָטערעע; מען דאַרף קיין מאָל ניט קלייבען די נומערען: די צופעליגע — זיינען די סאַמע בעסטע.

און א צווייטער האָט דערנאָך צוגעלייגט:

— יאַ, אָבער איהר מוזט ניט פערגעסען, אז פאַר פּיער'ן האָט אויסגעקליבען דער גאָט פון שיכרות...

זזערטער פון ליעבע

זונטאג.

מיין טהייער, דיק העהנדרעלע!

דו שרייבסט מיר ניט, איך זעה דיך ניט, דו קומסט ניט. ליעבסטו דען מיך ניט מעהר? ווארום? וואס האב איך גע־טהאן? זאג עס מיר, איך בעט דיך, מיין ליעבער. איך האב דיך אזוי ליעב, אזוי ליעב, אזוי ליעב! איך וואלט וועלען, דו זאלסט אייביג זיין נעבען מיר, אייביג, אז איך זאל דעם גאנצען טאג דיך קענען קושען און רופען מיט די צערטליכסטע נעמען: הער־צעלע מיינס, קעצעלע מיינס, מיט אלע נעמען, וואס וועלען מיר נור איינפאלען. איך פערגעטער, פערגעטער, פערגעטער דיך, מיין שען העהנדרעלע!

דיין ציפליאניקעל סאפיע.

מאנטאג.

מיין ליעבע פריינדין!

דו ווייסט, מסתמא, קיין ווארט ניט פערשטעהן פון דעם, וואס איך האב אין זינען דיר צו זאגען. אבער עס מאכט נישט. ווען מיין בריעף זאל אמאל צופעליג ארייגפאלען אין די הענד פון אנאנדער פרוי, וועט ער איהר פיליכט צוניץ קומען.

ווען דו זאלסט זיין טויב און שטום, וואלט איך דיך זיכער נאך לאנג, לאנג געליעבט. דאס הויפט אונגליק קומט פון דעם, וואס דו רעדסט, נור פון דעם!

א דיכטער האט אמאל געזונגען:

„אן איינפאכער אינסטרומענט אויך אין די גליקליכע טעג ביזטו נור געוועזען, אויף וועלכען מיין בויגען האט געשפיעלט.

ווי א ליעד אויף לעערען האַלץ אויסגעשפּיעלט, אַזוי האָט מיין ליעד אויף דיין לעערען האַרצען געקלונגען".

זעהסטו, ווען מען ליעבט מאַכט מען אימער ליעדער, וויל מען אָבער די ליעדער זאָלען קלינגען, טאָר מען זיי ניט אונטער־ברעכען. רעדט מען, בעת מען קושט זיך, אונטערברעכט מען שטענדיג דעם בערוישענדען טרוים פון די זעעלען, סיידען די ווער־טער, וואָס מען רעדט, זיינען בעזאָנדערס ערהאַבענע, און ערהאַ־בענע ווערטער ווערען ניט געבאָרען אין די קליינינקע קעפּעלאַך פון שעהנינקע מיידעלאַך.

דו פערשטעהסט קיין וואָרט, ניט אמת ? גלייכער אזוי. איך געה ווייטער. דו ביזט זיכער איינע פון די רייצענדסטע פרויען, וואָס איך האָב אויף מיין לעבען ווען געטראָפען.

איז דען דאָ אויף דער וועלט אויגען מעהר פער'חלום'טע ווי דיינע ? אויגען, אין וועלכע עס זאָל רוהען מעהר כישוף, מעהר ליעבע, ווי אין דיינע ? איך גלויב ניט. און ווען דיין מויל שמיי־כעלט מיט זיינע צוויי רונדע ליפּען און ווייזט ארוים דיינע גלענ־צענדע צייהנדעלאַך, דאַן ערוואַרטעט מען אימער, אז פון דעם דאָ־זיגען רייצענדען מיילכעלע זאָל ארויסשטראָמען די ערהאבענ־סטע מוזיק, עטוואָס אונגעוועהנליך זיסעס און הארציגעס, וואָס זאָל ביי יעדען טרערען ארויסרייסען.

אין דער אייגענער מינוט ווענדעסטו זיך צו מיר מיט א קאַל־טען שמייכעל און רעדסט אַרויס : „שעהנינקער פּעטינקער קראַ־ליק'ל מיינער !" און דאַן ווייזט זיך מיר אויס מיט אמאָל, אז איך זעה דיך דורך און דורך, זעה, ווי עס בעוועגט זיך אין דיר דיין קליין נשמה'לע, דאָס נשמה'לע פון א קליינער, שעהנער פרוי, פון א שעהנער אָבער... און דאָס שטערט מיר, ווייסטו, דאָס שטערט מיר זעהר. בעסער וואָלט איך עס ניט געזעהן.

דו פערשטעהסט נאָך אַלץ ניט, וואָס איך מיין, ניט אמת ? איך האָב עס פריהער געוואוסט.

געדענקסטו נאָך, ווי דו ביזט דאָס ערשטע מאָל צו מיר געקור־מען ? האסטיג ביזטו אריינגעקומען און האסט פערשמעקט דאָס גאַנצע צימער מיט דעם דופט פון פיילכען־בלומען. מיר האָבען

שווייגענדיג זיך אנגעקוקט, דאן זיך געקושט, ווי משוגעים... דאן ביז אויף מארגען האבען מיר ניט גערעדט...

אבער ווען מיר האבען זיך צושיידט, האבען אונזערע הענד געציטערט און אונזערע אויגען האבען זיך דערצעהלט זאכען, זא־כען, וואס קיין שפראך איז ניט אימשטאנד אויסצודריקען. אזוי ווענינגסטענס האב איך געדענקט. און ביים ארויסגעהן האסטו שטיל ארויסגעפליסטערט: „צום ווידערזעהן!" דאס אלעס, וואס דו האסט געזאגט, און דו קענסט זיך גאר ניט פארשטעלען, אין וועלכער פער׳כישופ׳טער שטימונג דו האסט מיך איבערגעלאזט, וואס איך האב געזעהן, וואס איך האב פערשטאנען אין די דאזיגע פאאר ווערטער!

פערשטעהסטו מיך, ארמעס קינד, פאר א מאן, וואס איז ניט בעשרענקט, פאר א מאן מיט א פיין־פיהלענדיגער זעעלע, איז די ליעבע אזוי צארט געוועבט, דאס דער מינדסטער הויך קאן זי אוועק־בלאזען. ווען איהר פרויען ליעבט, בעמערקט איהר ניט די לע־כערליכקייט פון מאנכע זאכען און די אונפאסענדסטע ווערטער זשע־נירען אייך ניט.

וואָרום ווירקט דאס איינציגע ווארט גאנץ אנדערש, ווען עס איז ארויסגערעדט פון פערשיעדענע פרויען? וואָרום קלינגט דאס איינענע ווארט אויפריכטיג און אנגענעהם, ווען עס איז ארויסגע־רעדט פון א קליינער ברונעטקע, און פאלש און לעכערליך, ווען עס איז ארויסגעשפראכען פון א דיקער בלאנדינקע? וואָרום פאסט א שטיפערישע מינע דער פרוי יא און יענער ניט? וואָרום איז איינע און די זעלבינע צערטליכקייט ביי איין פרוי אונז שטארק אנגענעהם און ביי דער צווייטער אונערטרעגליך? וואָרום? ווייל אין אלע זאכען, און בעזאנדערס אין דער ליעבע, איז נויטיג פאל־קאמענע הארמאניע. מינע, ווארט, שטימע, ליעבעס־אויסדרוק מוז פאסען צו דער פרוי, וואס רעדט און קושט אייך, מוז שטימען מיט איהרע יאהרען, מיט איהר געשטאלט, מיט דער פארב פון איהרע האאר, מיט דער ארט פון איהר שענקייט.

ווען א פרוי פון פינף און דרייסיג יאהר, אין די דאזיגע יאהר־רען, פון איהרע שטארקסטע ליידענשאפטען, ווען אזא פרוי זאל

איינהאלטען כאטש א סמן פון די שטיפערישע צערטליכקייטען פון איהרע יונגע יאהרען ; ווען זי פערשטעהט ניט, אז זי מוז זיך גאנץ אנדערש אויסדריקען, גאנץ אנדערש קוקען, גאנץ אנדערש קושען, אז זי איז ניט קיין יונג מיידעלע, — וועט זי ביי ניין פון צעהן מע־נער זיכער ארויסרופען אן עקעל, ווען יענע זאלען אפילו ניט קלאר ווייסען די אורזאך, ווארום זי איז אפשטויסענד.

דו פערשטעהסט דאס ? ניין. איך האב עס געוואוסט.

פון יענעם טאג אן, ווי דו האסט אויף מיר מיט פולע צעבערם געגומען ניסען דיינע צערטליכקייטען, האט זיך פאר מיר אלעס גע־ענדיגט, מיין פריינדין.

עס האט אפט געטראפען, אונזער קוש האט זיך געצויגען מי־נוטען־לאנג. א פייערדיגער, א ליידענשאפטליכער אונטער גיישלא־סענע אויגען, אזוי ווי מיר וואלטען מורא געהאט, ער זאל זיך דורך אונזער בליק ניט אויסגיסען, אזוי ווי מיר וואלטען ווען איהם פער־האלטען אין גאנצען אין אונזער דונקעלער, אויפגעשטורמטער נשמה. דערנאך, ווען מיר האבען זיך אפגעריסען איינער פון דעם אנדערען, האסטו זיך אנגערופען מיט א חילכענדיגען געלעכטער : „איא נעשמאק, דיק הינטעלע פיינס !“

אין יענער מינוט בין איך קאפאבעל געווען דיך צו שלאגען, צו נהרג'ען !

דו האסט מיך כסדר גערופען מיט אלע נעמען פון חויז־חיות און גרינסען, וואס דו האסט נור געוואוסט, א דאנק די ביכער : „די בירגערליכע קעכין“, „דער פארטיגער גערטנער“ און עלעמאנ־טערע לעקציאנען פון דער נאטור־געשיכטע פאר די אונטערשטע „קלאססען“. אבער דאס איז נאך ניט אלץ.

די צערטליכקייטען פון דער ליעבע, ווען מען זאל זיך אין זיי גוט אריינטראכטען, זיינען גראב, טיריש און נאך ערגער. דער דיכ־טער מוססע האט געזאגט : „נאך אימער געדענק איך די פירכ־טערליכע קרעמפפען, די קושען אהן ווערטער, וואס צינדען די לייי־בער, דעם גלאנץ פון די פערשצעמטע צייהן און די טויטענ־בלייכ־קייט פון די געזיכטער. שרעקליכע שטונדען !...“

שרעקליכע אדער לעצערליכע !... אה, מיין ארמעס קינד,

וועלכער בייזער גייסט, וועלכער לץ האט דיך געשטופט צו ריידען אט די דאזיגע ווערטער, וואס דו האסט אמאל גערעדט, בעת... דו ביזט אין מיינע ארעמס געלעגען!

זיי האבען זיך אלע איינגעגעסען אין מיין געדעכנים, אבער אום ליעבע צו דיר וועל איך זיי ניט איבערזאגען.

היינט ביזטו גלאט ניט געווען טאקטיש, און דו ביזט אפט ארויסגעפאהרען מיט א בעגייסטערטען „איך ליעב דיך" ביי אזוינע געלעגענהייטען, דאס איך האב זיך געמוזט איינהאלטען מיט אלע קרעפטען, אום ניט צוצולאכען זיך. עס זיינען דא מאמענטען, ווען די ווערטער „איך ליעב דיך" זיינען גאר ניט אם פלאץ, ווען זיי זיינען כמעט מיאוס. געדענק עס!

אבער דו וועסט דאך עס סיי־ווי ניט פערשטעהן!

נאך אנדערע פרויען וועלען מיך ניט פערשטעהן, אזוי ווי דו, און וועלען מיך פאר א נארר האלטען. דאס, אגב, ארט מיך ניט. הונגעריגע עסען גיעריג. אבער פיינ־שמעקער קענען ניט אנקוקען דאס עסען אמאל צוליעב א קלייניגקייט. וועגען דער ליעבע קאן מען זאגען דאס אייגענע, ווי וועגען דאס עסען.

איינס קען איך ניט פערשטעהן: ווי אזוי פרויען, וואס קענען דעם גאנצען פערפיהרערישען רייץ פון זיידענע זאקען, דעם גאנצען כישוף פון פארבען־צוזאמענשטעלונגען, די גאנצע אנציהונגס־קראפט פון טהייערע שפיצען אויף זייערע אונטער־קליידער, די גאנצע אויפרעגענדיגע ווירקונג פון דעם געהיימען לוקסוס, פון די פיינע וועש און אנדערע קלייניגקייטען פון ווייבערשען עלעגאנץ, — ווי אזוי אזעלכע פרויען פערשטעהן ניט יענעם שרעקליכען עקעל, וואס זיי ערוועקען אין אונז מיט זייערע אונפאסענדע אדער גראבע צערטליכקייטען.

א גראב ווארט טהוט אויף אמאל וואונדער, בעלעבט דעם קערפער, צינדט אן דאס בלוט. אזא ווארט איז ערלויבט אין דער מינוט פון'ם געפעכט. אבער מען מוז שווייגען אויך קאנען און אין געוויסע צייטען מוז מען זיך היטען פון צו ריידען אלא פאול־דע־קאק.

איך שיק דיר א הייסען קוש, נור אונטער דעם בעדינג, אז דו זאלסט שווייגען.

רענע.

די גוסס'ע

נאָכ'ן עסען זיינען די הערין אריינגעגאַנגען אין רויכ־צימער פלוידערען אַ ווײַלע. מען האָט גערעדט פון אינטערע־סאַנטע צוואות, אונערוואַרטעטע ירושות און אזוי ווײַ־טער. הערר לעבריומען, וועמען די איבעריגע האָבען גערופען אַ מאָל „געלעהרטער“ און א מאָל „בעריהמטער אַדוואָקאַט“, האָט זיך בעקוועם אָנגעשפּאַרט אָן קאַמין.

— איך האָב איצט — האָט ער אָנגעהויבען — אויפצוזוכען אַ יורש, וועלכער איז אונטער אונגעוועהנליכע, מורא'דיגע אומ־שטענדען, פערשוואונדען געוואָרען. די געשיכטע איז איינע פון יענע איינפאַכע, טרויעריגע טראַגעדיעס, וועלכע שפּיעלען זיך אָב טאָג טעגליך און קיינער ווייס פון זיי גאָרנישט; דאָס איז אַ פאַל וואָס קען זיך טרעפען אַלע טאָג, און איז דאָך דער שרעקליכסטער אין זיין אַרט, וואָס מיר איז ווען־עס־איז אויסגעקומען צו הערען.

מיט אַ מאָנאַטען זעקס צוריק האָט מען מיך גערופען צו אַ גוסס'ער.

זי האָט צו מיר געזאָגט:

— מיין הערר, איך וויל אייך איבערגעבען אַ שווערען, פער־ליינגערטען און אונגעוועהנליכען אויפטראַג. לעזט איבער, זייט אזוי גוט, מיין צוואה דאָרט אויפ'ן טיש. אין איהר איז בעשטימט פאַר אייך אַ האָנאָראַר פון פינף טויזענד פראַנק, אין פאַל, אויב איך וועט גאָרנישט געלינגען אויפצוטהאָן אין דער זאַך, און הונ־דערט טויזענד פראַנק, אויב אייער אַרבייט וועט האָבען אַ'ן ער־פאָלג. דאָ האַנדעלט זיך וועגען דעם, אַז איהר זאָלט אויפזוכען מיין זוהן — נאָך מיין טויט.

זי האָט מיך געבעטען, איך זאָל איהר העלפען אויפזעצען זיך אין בעט, אום עס זאָל איהר לייכטער זיין צו רעדען: איהר קול איז געווען א פערשטיקטער, א קייכענדיגער.

איך האָב זיך ארומגעקוקט און געזעהן, אז איך געפין מיך אין זעהר א רייכען הויז. דאָס גרויסארטיג־מעבלירטע צימער איז אין גאַנצען געווען בעשלאָגען מיט דיקע שטאָפען, וואָס האָבען ארויסגערופען א ווייכע, מילדע שטימונג און האָבען געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען איינזויגען אין זיך יעדען גערויש, דעם קלאַנג פון די ווערטער און עס דאָרט בעהאַלטען.

די גוסס'ע האָט אָנגעהויבען:

איהר זייט דער ערשטער מענש, וועלכער וועט ערפאהרען מיין שרעקליכע געשיכטע. איך וועל מוזען אָנווענדען אַלע מיי־נע קרעפטען, אום צו קענען דערצעהלען זי ביז'ן סוף. איהר מוזט וויסען דעם גאַנצען אמת... איך קען אייך פאַר א מענשען מיט א גוט הארץ און גרויסע פעהיגקייטען, און איך גלויב אין אייער אויפריכטיגקייט... איך האָף, אז איהר וועט אָנווענדען אַלע מענ־ליכע מיה, מיר צו העלפען... הערט מיך אַלזאָ אויס: פאַר מיין חתונה האָב איך געליעבט א יונגען מאַן, וועלכען מיינע עלטערן האָבען ניט געוואָלט, ווייל ער איז ניט געווען רייך גענוג. אין א קורצער צייט ארום האָב איך געהייראַט מיט א'ן אנדער'ן, זעהר א רייכען מאַן; איך האָב חתונה געהאַט מיט איהם, ווייל טאַטע־מאַמע האָבען אַזוי געהייסען, ווייל איך בין געצוואונגען געווען צי פאָלגען... קורץ, ווי עס האָבען חתונה אַלע רייכע יונגע מיידלאַך.

מיר האָבען געהאַט איין קינד, אַן אינגעל. אין עטליכע יאָהר ארום איז מיין מאַן געשטאָרבען.

דער, וועמען איך האָב פריהער געליעבט, האָט אונטער דער צייט אויך חתונה געהאַט. ווען ער האָט דערהערט, אז איך בין געוואָרען א'ן אלמנה, האָט איהם שטאַרק פערדראָסען, וואָס ער איז נישט פריי. ער איז געקומען צו מיר און זיינע זיפצען און טרערען האָבען מיר דאָס הארץ צוריסען. ער איז געוואָרען מיין פריינד. אפשר האָב איך איהם ניט געדאַרפט צולאָזען צו זיך. אָבער דאָך... איך בין געווען איינע אליין, האָב זיך געפיהלט אַזוי

עלענד, אזוי טרויעריג, אזוי פערצווייפעלט! און איהם האָב איך דאָך ליעב געהאט, שוין פון לאנג ליעב געהאט! אָה, ווי שרעק־ליך עס איז אמאָל דאָס לעבען!

אויף דער גאנצער ווייטער וועלט האָב איך קיין איין לע־בעדיגען מענשען ניט געהאט, אויסער איהם — מיינע עלטערן זיי־נען דורך דער צייט אויך געשטאָרבען. עטליכע אבענדען האט ער פערבראכט ביי מיר. איך ווייס, איך האָב עס ניט געטאָרט דערלאָזען, ווייל ער האט געהאט א פרוי. איך האָב אָבער ניט געהאט דעם מוטה, איהם אָבצושטויסען פון זיך. וואָס איז דא פיעל צו רעדען? קורץ: ער איז געוואָרען מיין געליעבטער!... ווי אזוי עס איז געקומען דערצו? איך ווייס נישט. איך גלויב, אז קיינער ווייסט נישט ווי אזוי דאָס קומט! און גלויבט איהר, אז עס איז מעגליך, עס זאָל זיין אנדערש, ווען צוויי מענשליכע וועזענס ווערען געצויגען איינער צום אנדער׳ן דורך דער געוואל־דיגער קראַפט פון געגענזייטיגער ליעבע? גלויבט איהר, אז עס איז מעגליך שטענדיג מלחמה צו האַלטען, שטענדיג זיך וועהרען, שטענדיג ענטזאגען דעם מענשען, וועלכען מען פערגעטערט, וועל־כען מען וויל זעהן א גליקליכען, וועלכען מען וואָלט וועלען געבען צו געניסען פון אלע פריידען, פון אלע פערגעניגענס אין דער וועלט? און אָפזאָגען איהם דעמאָלט, ווען ער בעט און וויינט, ווען ער ליעגט פאר אייך אויף די קניע און יאָמערט, ווען ער ווענ־דעט זיך צו אייך מיט בערוישענדיגע רייד און ברענענדיגער ליי־דענשאפט! מען טאָר דאָס נישט טהאָן, וועט איהר זאָגען, דאָס איז געגען די אנשטענדיגקייטס־בעגריפען פון דער וועלט! אָבער וואָס פאר א מין קראַפט דאַרף מען האָבען זיך אָבצוזאָגען פון גליק, וואָס פאר א מין נארישען עגאאיזמוס מוז מען בעזיצען, אום אין אזא מינוט „ניין!“ צו זאָגען, אין נאָמען פון כלומרשט׳דיגער אנשטענדיגקייט! — — —

קורץ, איך בין געוואָרען זיין געליעבטע, און בין געווען גליקליך. צוועלף יאָהר נאָכאנאנד בין איך גליקליך געווען... און נאָך א גרעסערע עולה בין איך בעגאנגען: איך בין געוואָרען די פריינדין פון זיין פרוי.

מיר האָבען ערצויגען צוזאַמען מיין זוהן; מיר האָבען איהם געמאַכט פאַר א מענשען, פאַר א טיכטיגען און קלוגען מענשען, פול מיט ענערגיע, מיט שטרעבונגען, פול מיט שענע, ערהאַבענע אידעען. דאָס קינד איז אלט געוואָרען זיעבצעהן יאָהר. ער האָט ליעב געהאַט מיין... מיין געליעבטען פונקט אזוי ווי איך, ווייל ער איז פון אונז ביידען מיט גלייכע ליעבע און צערטליכקייט ערצויגען געוואָרען. ער האָט איהם רעספעקטירט און געשעצט פון גאַנצען הארצען, ווייל יענער האָט איהם שטענדיג געדיענט אלס מוסטער פון קלוגשאַפט, עהרליכקייט און אַנשטענדיגקייט. ער פלעגט קוקען אויף איהם, ווי אויף א'ן אלטען, טרייען און איבערגעבענעם פריינד פון זיין מוטער; ווי אויף א מין גייסטיגען פאַטער, אפּעקון און בעשיצער.

און אפשר האָט ער זיך גאָר קיין מאָל קיין פראַגע ניט געשטעלט וועגען אונזערע בעציהונגען, ווייל ער איז פון זיין פריהסטער יוגענד אָן געוואָהנט געווען צו זעהן איהם נעבען מיר, אין אונזער הויז און שטענדיג צוגעבונדען, פול מיט אינטערעס צו אונז.

איין מאָל אין אַן אבענד האָבען מיר אָבגערעדט אַלע דריי צוזאַמען צו עסען (דאָס פלעגט פּאַסירען גאַנץ אָפט און אַזוינע אבענדען פלעגען אלע מאָל זיין ביי מיר א גרויסער יום טוב). איך האָב זיי ביידען ערוואַרטעט און האָב זיך אליין געפרעגט, ווער פון זיי וועט קומען דער ערשטער. די טיר האָט זיך געעפענט: דער ערשטער איז געקומען מיין פריינד. מיט אָפענע אַרעמס בין איך איהם אַנטקעגען געגאַנגען און ער, א גליקליכער, האָט אָבגעפרעסט א הייסען, צערטליכען קוש אויף מיינע ליפּען. פּלוצים האָבען מיר דערהערט הינטער זיך עפּעס א שטילען גערויש, א שאָרך... עס האָט אונז ביידען א זעץ געטהאָן אין הארצען, און א שוידער איז אונז איבער'ן לייב אריבער פון עפּעס א'ן אונבעגוואוסטען, אונהיימליכען געפיהל. מיר האָבען זיך האַסטיג א קעהר געטהאָן און אומגעקוקט: זשאַן, מיין זוהן, בלאַס ווי דער טויט, איז געשטאַנען פאַר אונז...

דאָס איז געווען א מאָמענט פון אונמענשליכען, אונגע־

וועהנליכען שרעק. איך בין אבגעשפרונגען צוריק און האב אויס־געשטרעקט מיינע הענד, ווי מיט געבעט, צו מיין זוהן. איך האב איהם שוין אבער מעהר נישט געזעהן... ער איז פערשוואונדען געווארען.

מיר זיינען געבליעבען שטעהן איינער אנטקעגען אנדער'ן, צושמעטערטע, צומישטע, ניט קענענדיג אויסריידען קיין איינ־ציגעןווארט. דערנאך האב איך זיך אראבגעלאזט אויף א שטוהל, אין הארצען האב איך דערפיהלט נור איין איינציגען, דומפפען פערלאנג — צו אנטלויפען, אנטלויפען אין דער פינסטערער נאכט אריין און פערשוואונדען ווערען, פערשוואונדען ווערען אויף איי־ביג... קאנוואולסיווע ספאזמען האבען מיר צוזאמענגעדריקט דעם האלז און איך האב געוויינט. א פערגיפטעטע פון דעם שרעקליכען אונגליק, האב איך זיך אין גרויס אנגסט געווארפען אהין און אהער, געפייניגט פון יענער שרעקליכער שאנד, וואס עס מוז דורכפיהלען יעדע מוטער הארץ אין אזא מינוט.

ער איז געשטאנען פאר מיר א צומישטער, האט ניט גע־וואגט צוגעהן נאהנט, צו רעדען מיט מיר, מיך אנצורוהרען — טא־מער קומט ווידער אריין מיין זוהן. צולעצט האט ער ארויסגע־רעדט:

— איך וועל איהם אויפזוכען... איך וועל איהם זאגען... ער־קלעהרען... איך מוז איהם געפינען און מיט איהם רעדען.

און ער איז ארויסגעגאנגען.

איך האב געווארט... געווארט א'ן אויפגערעגטע, א גע־פייניגטע, ביי דעם מינדעסטען שארך בין איך אויפגעציטערט גע־ווארען, האב זיך געווארפען אין שרעקליכע אנגסטען און זיך גע־טרייסעלט פאר שרעק פון דעם קלענסטען גערויש פון פייער אין דעם קאמין.

איך האב געווארט א שעה, צוויי, דריי; איך האב גע־פיהלט, ווי אין'ם הארצען ביי מיר וואקסט א'ן אומעדיגע מורא, ווי עס שטייגט דארט פון מינוט צו מינוט אזא אנגסט, וואס איך וואלט ניט ווינשען דעם ערגסטען פערברעכער צו פיהלען. וואו איז מיין קינד? וואס טהוט ער?

אין מיטען נאכט האט מיר א שליח געבראכט א בריעף פון מיין געליעבטען. דעם אינהאלט געדענק איך נאך אויסענ־ווענינ: „איז אייער זוהן צוריקגעקומען? איך האב איהם ניט געפונען. איך שטעה דא אונטען, ווייל איך וויל אזוי שפעט ניט ארויפגעהן צו אייך".

איך האב מיט א בלייפעדער אנגעשריבען אויף דעם זעל־בען בייגעלע פאפיער: „זשאן איז נישט צוריקגעקומען. איהר מוזט איהם געפינען". און איך האב געווארט די גאנצע נאכט — די גאנצע נאכט. איך בין שיער נישט משוגע געווארען, עס האט זיך מיר געוואלט שרייען, לויפען, ווארפען זיך אויף ד'רערד... דאך האב איך זיך נישט קיין ריהר געטהאן: אונבעוועגליך בין איך געזעסען און געווארט, געווארט.

וואס האט דא געקאנט פאסירען? איך האב געוואלט דערגעהן, טרעפען. דאך האב איך מיר עס ניט געקענט פאר־שטעלען, טראץ אלע מיינע אנשטרענגונגען, טראץ די אלע יסורים פון מיין געפייניגטער נשמה.

איצט האב איך אנגעהויבען מורא צו האבען, אז זיי זאל־לען זיך ניט טרעפען. וואס וועלען זיי טהאן? וואס וועט דאס קינד טהאן? שרעקליכע ספקות, מורא'דיגע געדאנקען האבען מיך געמאטערט.

קאנט איהר זיך פארשטעלען יענע נאכט מיינע? מיין דיענסטמיידעל, וואס האט פון קיין זאך נישט געוואוסט, פון קיין זאך קיין אהנונג געהאט, איז אלע ווייל אריינגעגאנגען אין מיין צימער — זי האט בלא ספק געדענקט, אז איך בין משוגע געווא־רען. צום סוף, האב איך איהר, מיט א ווארט אדער מיט א בליק, איך געדענק עס אליין ניט, אוועקגעטריבען פון זיך. זי איז גע־לאפען, האט געבראכט א דאקטאר און ער האט ענטדעקט ביי מיר א שטארקע נערוועז־צוטרייסלונג.

מען האט מיך אריינגעלעגט אין בעט. איך האב בעקו־מען א נערוועז־פיבער. ווען איך בין נאך א לאנגער און שווערער קראנקהייט ווידער צום בעוואוסטזיין געקומען, האב איך נעבען מיין בעט בעמערקט מיין... מיין געליעבטען... איך האב אנ־

געהויבען שרייען: „וואו איז מיין זוהן? וואו איז מיין זוהן?!“ ער האט נישט געענטפערט. איך האב געשטאמעלט: „געשטאר־בען? טויט? האט זיך דאס לעבען גענומען?“

ער האט געענטפערט:

ניין, ניין! איך שווער אייך. מיר האבען אבער בשום אופן נישט געקענט דערגעהן, וואו ער געפינט זיך.

דאן, אין אן אונפערשטענדליכען אויסברוך פון כעס און פערצווייפלונג, האב איך פלוצים געגען מיין אייגענעם ווילען אויס־גערופען מיט גאל:

געהט אוועק! איך פערבאט אייך צו קומען אהער ביז וואנען איהר וועט איהם נישט געפינען. געהט פון דאנען!

ער איז אוועק. פון דאן אן האב איך קיינעם פון זיי ביי־דען שוין מעהר נישט געזעהן... און אזוי לעב איך זייט די לעצטע צוואנציג יאהר. קאנט איהר זיך, מיין הערר, פארשטעלען מיין לעבען, קאנט איהר זיך פארשטעלען די דאזיגע שרעקליכע שטראף, דעם שטענדיגען נאגען פון מיין פערוואונדעטען מוטער־הארץ, פון מיין פרויען־הארץ — דאס דאזיגע אונענדליכע ווארטען... אח, דאס אייביגע ווארטען... אבער ניין... אט וועל איך שוין באל־אויסגעלייזט ווערען... איך וועל אויפהערען צו ווארטען... איך שטארב... איך שטארב, ניט האבענדיג געזעהן מעהר קיינעם פון זיי ביידען!...

ער, דער פריינד מיינער, האט מיר זייט צוואנציג יאהר יעדען טאג געשריבען; דאך האב איך איהם נישט געוואלט אויפ־נעהמען, און אויף קיין איין רגע אפילו ניט געוואלט איהם צולא־זען צו זיך. מיר האט זיך שטענדיג אויסגעוויזען, אז אין דער מינוט, ווען איך וועל איהם ווידער זעהן, וועט אויך מיין זוהן, ווי אין יענעם אונגליקליכען אבענד, פאר מיר ערשיינען! אך, מיין זוהן, מיין זוהן! איז ער טויט? לעבט ער נאך? וואו איז ער? בעהאלט ער זיך הינטער ים'ען, אין אזעלכע ווייטע לענדער, וואס זייער נאמען אפילו האב איך קיינמאל נישט געהערט?... טראכט ער אמאל וועגען מיר?... אך... ווען ער וואלט געוואוסט?!... אח, ווי שרעקליך די קינדער זיינען!... קאן ער דען בעגרייפען,

צו וואָס פאַר אַ מורא׳דיגע יסורים ער האָט מיך פאַראורטהיילט, וויפיעל פערצווייפלונג, וויפיעל ביטערען פיין ער האָט מיר פער־שאַפט אין די דאָזיגע אַלע לאַנגע, אונגליקליכע יאָהרען, זינט מיין יוגענד, ביז מיין טויט ?... האָט ער גאָר אַ׳ן אהנונג דערפון, מיט וואָס פאַר אַ הייסער מוטער־ליעבע איך האָב איהם געליעבט ?... איז דען זיין האַנדלונג נישט צו גרויזאַם ?

דערצעהלט איהם, מיין העדר, וואָס איך האָב אייך גע־זאָגט, און גיט איהם איבער מיינע לעצטע ווערטער: „מיין קינד, מיין ליעב, ליעב קינד! זיי נישט אַזוי האַרט, זיי נישט אַזוי שטרענג געגען מענשען! דאָס לעבען איז שוין אַליין אויך געגוג האַרט און גרויזאַם! מיין ליעב, מיין טהייער קינד, דערמאָהן דיך אָפט אָן דעם, וואָס פאַר אַ ביטער לעבען דיין מאַמע האָט פערבראַכט פון דעם טאָג אָן, וואָס דו האָסט זי פערלאָזען. טהייע־ערער, גוטער זוהן מיינער, זיי איהר מוחל, פערגיב איהר איצט, ווען זי איז שוין טויט... זי איז פאַר איהר זינד שרעקליך, מורא׳־דיג אָבגעקומען"...

זי האָט אָבגעצויגען דעם אָטהעם און געשטאַמעלט אָפּגעריסענע ווערטער מיט אַ ציטערענדיגען קול, ווי זי וואָלט זעהן פאַר זיך איהר זוהן און רעדט ניט צו מיר, נור צו איהם.

— זאָגט איהם, מיין הערר, זאָגט איהם, אַז איך האָב... אַז איך האָב יענעם... דעם אַנדערן... קיינמאָל מעהר נישט געזעהן...

זי איז אָנשווייגען געוואָרען. דערנאָך האָט זי ארויסגעשטאַ־מעלט נאָך עטליכע ציטערענדיגע, אָבגעריסענע ווערטער:

— לאָזט מיך איצט, איך בעט אייך... איך וויל שטאַרבען אַליין... ווען זיי זיינען נישטאָ נעבען מיר...

און הערר לע־בריומען האָט צוגעלייגט: — איך האָב ערפילט איהר וואונש און בין גלייך אַוועקגעגאַנגען. אָבער ווען איך בין אַריין אין עקיפּאַזש, האָב איך אַזוי ביטער געוויינט, דאָס דער קוטשער האָט זיך אומגעדרעהט, צו זעהן, וואָס איז מיט מיר.

און ווען מען טהוט אַ טראַכט, אַז אַזעלכע טראַגעדיעס שפּיע־לען זיך אָב יעדען טאָג!

איך האב דעם זוהן נישט געפונען... דעם זוהן — איהר קאנט זיך דענקען וועגען איהם, וואס איהר ווילט; מיר ווילט זיך איהם אנרופען: דעם פערברעכערישען זוהן!

אויפ'ן געזונקענעם שיף

נעכטען איז געווען דער יום־טוב סילוועסטער.

איך האָב געהאַט נור וואָס אָבגעגעסען פריהשטיק מיט מיין אַלטען פריינד געאָרג גאַרין, ווען דער דיענער האָט איהם געבראַכט א בריעף מיט א סך זיעגלען און אויסלענדישע מאַרקעס.

געאָרג האָט געפרעגט: — דו ערלויבסט דאָך?

— געוויס.

און ער האָט זיך גענומען לעזען אַכט זייטלעך פון א לאַנגען ענגלישען בריעף, וועלכער איז געווען פאַרשריבען אין דער ליינג און דער ברייט אויף אַלע זייטען. ער האָט געלעזען לאַנגזאַם מיט ערנסטער אויפמערקזאַמקייט; מיט יענעם אינטערעס, וואָס מען נעהמט אין זאַכען, וועלכע בעריהרען אונזער הארץ.

דאַן האָט ער אוועקגעלייגט דעם בריעף אויף א ברעג פון קאַמין און געזאָגט:

— הער אַקאַרשט, דאָס איז זעהר א קאָמישע געשיכטע. איך האָב זי דיר נאָך קיין מאָל ניט דערצעהלט, און דאָך איז זי גאַנץ שפּאַנענד. עס איז דאַמאַלס געווען א מערקווירדיגער נייַיאָהרסטאָג, דאָס איז געווען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, דען דאַן בין איך אַלט געווען דרייסיג יאָהר און איצט בין איך פופציג.

איך בין דאַן געווען א אינספעקטאָר אין דער ים־פערזיכע־רונגס געזעלשאַפט פון וועלכער איך בין איצט דירעקטאָר. איך האָב געוואָלט פאַהרען פאַרברייננגען דעם נייַיאָהרסטאָג אין פּאַ־ריז, ווען איך האָב ערהאַלטען א בריעף פון'ם דירעקטאָר מיט דעם בעפעהל גלייך צו פאַהרען צום אינזעל רע, וואו א שיף אויס סעינט־נאַזאר, וועלכע איז ביי אונז געווען פאַרזיכערט, האָט

שיפס־ברוך געליטען. אָרום צעהן אזייגער בין איך אוועק אין ביוראָ פון דער געזעלשאַפט, אום צו נעהמען אַלע נויטיגע אינסטרוקציאָנען, און נאָך אין דעם זעלבען אבענד בין איך אוועקגעפאָהרען מיט דעם שנעלצוג, וועלכער האָט מיך אויפ׳ן צווייטען טאָג, סילוועסטער, קיין לאַ־ראשעל געבראַכט.

איך האָב געהאַט צוויי שטונדען צייט אוידער איך בין אַרויף אויף דער שיף דזשאָן־גיוטאָן, וועלכע האָט מיך געזאָלט ברייגגען קיין רע. איך האָב זיך בענוצט מיט דער צייט און געמאַכט אַ שפּאַציערגאַנג איבער׳ן שטאָדט; לאַ־ראשעלל איז ווירקליך אַ מערקווירדיגע שטאָדט מיט איהר לאַבירינט פון גאַסען, מיט איהרע טראָטואַרען, וועלכע ציהען זיך אונטער ענדלאָזע גאַלעריען. די דאָזיגע גאַלעריען, אינטערעסאַנט און געהיימניספול, שיינען ווי געמאַכט אום צו אַנטלויפען אויף זיי, ווי געמאַכט פאַר די פריהערדיגע קעמפּפע, פאַר די בלוטיגע קרייצציגע, רעליגיעזע מלחמות. דאָס איז די ריכטיגע אַלטע הוגענאָטען שטאָדט, ערנסט, שטיל, אָהן גרויסאַרטיגע געביידעס, אָהן אייגעם פון יענע מערקווירדיגע מאָנומענטען, וואָס מאַכען רוען אזוי שען.

נאָכדעם ווי איך האָב אַ געוויסע צייט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די איינגנאַרטיגע גאַסען, בין איך אַרויף אויף אַ קליינער, שוואַרצער, בייכיגער דאַמפּף־שיף, וועלכע האָט מיך געזאָלט ברייגגען צו דעם אינזעל רע. פייפענדיג און סאָפּענדיג האָט זי זיך אַ לאָז געטהאָן צווישען די צוויי גרויסע טורעמס, וואָס בעוואַכען דעם האַפען, דאַן אין דער לייגג פון דעם ריעזיגען דאַם, וועלכען רישעליע האָט געבויט, און וואָס זיינע געוואַלדיגע הויכע געמויערטע ווענט זעהען זיך איבער׳ן גאַנצען שטאָדט; דאַן האָבען מיר זיך אַ קעהר געטהאָן רעכטס.

עס איז געוועזען איינער פון יענע טרויעריגע טעג, וועלכע דריקען אונז ווי אַ שווערע לאַסט, דערשטיקען אונזערע געדאַנקען, פאַראומערען דאָס האַרץ און נעהמען צו אונזער גאַנצע קראַפט און ענערגיע; אַ גרויסער, אייזיגער טאָג, מיט שווערע נעבלען, פייכטע ווי רעגען, קאַלטע ווי אייז.

אונטער די דאָזיגע ניעדעריגע, טרויעריגע נעבלען איז גע־לעגען דער געלער, זאמדיגער, ניט טיעפער ים, א גלאַטער, א רוהיגער אָהן א שום בעוועגונג, אָהן לעבען, ווי א פערפּליעסנעטע שטעהענדיגע וואסער. וויגענדיג זיך לייכט, האָט זיך אונזער שיף געטראָגען איבער'ן ים, האָט דורכגעשניטען דאָס גלייכע, טונקעלע אָבערפלעכע, געלאָזען הינטער זיך עטליכע כוואליעס, אויפגערו־דערט עטליכע וואסערדיגע רינגען, וואָס האָבען זיך א ווײלע גע־בולקעט און געדרעהט און גלייך ווידער בערוהיגט.

איך האָב זיך צורעדט מיט'ן קאַפּיטאַן, א קליינעם מאַן רונד ווי א שיף, וועלכער האָט אויסגעזעהן עפּעס ווי גאָר אָהן הענד. איך האָב געוואָלט וויסען א פּאאר איינצעלהייטען איבער דעם שיף־ברוך צוליעב וועלכען איך בין דאָס אהער געקומען. און אָט וואָס דער קאַפּיטאַן האָט מיר דערצעהלט: א גרויסער דריי־מאסטער פון סענט־נאזאר, וועלכער האָט געטראָגען דעם נאָמען מאַריע־יאָזעף, איז אין א שטורמדיגער נאכט צושמעטערט גע־וואָרען נעבען דעם אינזעל רע.

דער שטורם האָט דיא שיף אזויפיעל ארומגעשליידערט ביז ער האָט זי אין גאנצען חרוב געמאכט. איך האָב אַלזאָ געמוזט פעסטשטעלען די לאַגע פון דער שיף, אָבשאצען אין וועלכען צו־שטאנד זי האָט זיך געפונען פאר דעם שיף־ברוך און ארויסגעבען מיין אורטהייל, אויב אַלעס איז געטהאָן געוואָרען צו ראַטעווען די פעראונגליקטע מאַריע יאָזעף. איך בין געפאָהרען אַלס בעאַמ־טער פון דער געזעלשאַפט, אזוי אַז אין פאַל עס וועט נויטיג זיין זאָל איך קענען אויפטרעטען אַלס עדות אין געריכט.

נאָך מיין רעפּאָרט נאָך האָט דער דירעקטאָר געדאַרפט אויסאַרבייטען א פּלאַן, ווי אונזערע אינטערעסען אַם בעסטען צו פאַרטהיידיגען.

דער קאַפּיטאַן פון דער דזשאַן־גיוטאַן האָט געוואוסט ווי די געשיכטע האָט פּאַסירט, ווייל ער איז אָהין געוואָרען געוואָ־רען מיט זיין שיף אום צו העלפען.

ער האָט מיר אַלעס דערצעהלט. דאָס אונגליק איז געקו־מען גאַנץ איינפאַך. אין מיטען נאכט האָט אויסגעבראָכען א

מורא'דיגער שטורם און די מאריע־יאָזעף איז ארומגעשליידערט געוואָרען איבער'ן שווימענדען ים ווי אַ קליין שפענדעל, צום סוף איז זי פאַרטריבען געוואָרען צו די אונענדליכע זאַמדיגע פעלזען ביי די ברעגעס און דאָרט איז זי אַ צושמעטערטע גע־בליבען שטעקען.

בעת מיר האָבען אַזוי גערעדט האָב איך זיך ארומגעקוקט הינטער זיך און פאָראויס. צווישען דעם אָקעאַן און דעם שווע־רען הימעל איז געווען אַ פרייער רוים, וואו דאָס אויג האָט גע־קענט ווייט, ווייט אריינקוקען. מיר זיינען צוגעקומען צו אַ פאַס לאַנד. איך האָב געפרעגט:

— איז דאָס דער אינזעל רע?

— יאָ.

און פלוצים האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנד און מיר געצייגט עטוואָס אין וואַסער, וואָס האָט זיך קוים אָנגעזעהן:

— זעהט איהר, דאָרט ליעגט די שיף.

— די מאריע־יאָזעף?

— יאָ, יאָ.

איך בין געווען שטאַרק ערשטוינט. דער דאָזיגער שוואַרצער פונקט, וועלכען מען האָט קוים געקענט ענטדעקען, האָט מיר אויסגעזעהן וויינינגסטענס דריי קילאָמעטער ווייט פון ברעג.

איך האָב געזאָגט:

— אָבער קאַפּיטאַן, נעבען דעם פונקט, וואָס איהר צייגט מיר אָן, מוז דאָך דאָס וואַסער זיין אודאי הונדערט קלאַפטער טיעף.

ער האָט זיך צולאַכט:

— הונדערט קלאַפטער, ליעבער פריינד, איך זאָג אייך, אַז אפילו קיין צוויי אויך נישט.

און ער האָט ווייטער גערעדט:

— איצט ניין אַזייגער מיט פופציג מינוטען איז דאָס וואַ־סער הויך. געהט איהר אָקאָרשט עסען פריהשטיק אין האָטעל, דערנאָך לאָזט זיך געהן מיט'ן ברעג און איך פערשפרעך אייך,

אז צוויי אזייגער מיט פופציג מינוטען, אם שפעטסטען דריי. וועט איהר א טרוקענער שטעהן נעבען דער געזונקענער שיף. א שטונדע מיט דרייפירטעל ביז צוויי שטונדען קענט איהר אויף איהר פערבלייבען, לייננער ניט א מינוט, ווייל דאן הויבט זיך דאס וואסער ווידער אויף און עס קען אייך נאך פערטרינקען. פאר־לאזט די שיף אום פיער אוהר פופציג מינוט, דאן וועט איהר אום האלב נאך זיעבען זיין צוריק אויף דער דזשאן־גיוטאן, וועלכע וועט אייך נאך דעם זעלבען אבענד צוריקברייננען נאך לא־ראשעלל.

איך האב בעדאנקט דעם קאפיטאן און זיך געזעצט אויף דעם פאדערדעק, אום ארויסצוקוקען אויף דער קליינער שטאדט סענט־מארטין, צו וועלכער מיר האבען זיך גענעהנטערט.

איך האב בעמערקט א קליינעם האפען, וועלכער בינדט צו־זאמען, ווי א קניפעל, די קליינע, ארום דעם ים־ברעג צו־ווארפענע אינזלען. עס איז געוועזן א גרויסער פישער־דארף האלב אויפ'ן וואסער אויסגעבויט און האלב אויף פעסטען באדען, א דארף וואס האט געלעבט פון פיש און עופות, פון גרינסען און מעער־קעפלאך. דער אינזעל איז זעהר נידעריג, וועניג פארבויט און דאך זעהט ער אויס שטארק בעוואהנט. אבער איך בין אינעווייניג אין דארף ניט געגאנגען. נאכדעם ווי איך האב אבגעגעסען פריהשטיק, בין איך אוועק איבער'ן זאמד ביז צו אזא מין שווארצען פעלז, וועלכען איך האב פון ווייטען געזעהן ליגענדיג ווייט־ווייט אין וואסער.

מיט שנעלע טריט בין איך געגאנגען איבער דעם געלען, זאמ־דיגען וועג, וועלכער איז געוועזן ווייך און האט ווי געשוויצט אונ־טער מיינע פיס. ניט לאנג איז דא געשטאנען דאס געזאלצענע ים־וואסער, איצט האב איך דאס וואסער געזעהן ווייט אוועק, ווי עס וואלט אין דער ווייטקייט צום מיטען ים זיך געטראגען, און איך האב שוין ניט געקענט מעהר אונטערשיידען די ליניע, וואס האט אבגעטהיילט דעם זאמד פון דעם אקעאן. מיר האט זיך אויס־געוויזען, ווי איך זאל בייוואהנען א געוואלטיגע, איבערנאטירליכע טעאטער פארשטעלונג. נור וואס איז דער אטלאנטישער אקעאן געלעגען פאר מיינע אויגען און פלוצים איז ער פון ברעג פער־

שוואוגדען, ווי די דעקאָראַציאָן אויף דער ביהנע, און איצט האָב איך געטראָטען אין מיטען פון אַ וויסטעניש, וואו נור אַ לייכטער גערוך פון זאַלץ־וואַסער האָט זיך אין דער לופטען געטראָגען. איך האָב איינגעזויגען און זיך די פרישע לופט, דעם דופט פון די וועלען, די קרעפטיגע געזונדע ים־לופט. איך בין געגאַנגען שנעל, מיר איז מעהר ניט געווען קאַלט און איך האָב געקוקט אויף דער געזונקענער שיף, וואָס איז געוואָרען אַלץ גרעסער, וואָס נעהנטער איך בין געקומען צו איהר, איצט האָט זי שוין אויס־געזעהן ווי אַ ריעזיגער וואַל־פיש.

עס האָט אויסגעוויזען, ווי זי וואָלט פון דר'ערד ארויסגע־וואַקסען און זיך שטאַרק צושפּרייט איבער דער דאָזיגער געלער אונענדליכער אָבערפלעכע. צום סוף נאָך אַ שטונדע גאַנג בין איך צוגעקומען אויפ'ן פּלאַץ. די שיף איז געלעגען אויף איין זייט, איז געווען צופלאַטשט, צושפּרונגען און ווי אַ פערוואונדעטע חיה, האָט זי געוויזען איהרע צובראָכענעביינער, איהרע הילצערנע גליעדער, וואָס זיינען דורכגעבויערט געווען פון מעכטיגע נעגעל. דער זאַמד האָט זיך צום שיף אַ נעהם געטהאָן, איז אריינגעדרונגען אין אַלע לעכער, אין אַלע שפּאַרונעס, און זיך דאָרט צושפּרייט איבער'ן גאַנצען שיף. דער פאָדערשטער טהייל איז געווען טיעף אין דעם דאָזיגען ווייכען, ניעדערטרעכטיגען זאַמד איינגעזונקען, וועהרענד דער הינטערשטער טהייל האָט זיך פערצווייפעלט צום הימעל געריסען און אויסגעשטרעקט אהין די ביידע ווייסע ווערטער וואָס זיינען אויסגעקריצט געווען אויף זיין שוואַרצען לייב: „מאַריע־יאָזעף".

דורך דער ניעדריגערער זייט האָב איך ארויפגעקלעטערט אויף דער אונגליקליכער שיף, בין ארויף אויפ'ן דעק און פון דאָרט זיך אַראָבגעלאָזען אינעווייניג. דורך די לעכער און שפּאַלטען האָט זיך דורכגעריסען אַ פּאַס ליכט און שוואַך בעלויכטען יענעם מין לאַנגען, דונקעלען קעלער, וועלכער איז געווען פול מיט צו־שפּאַלטענע שטיקער האָלץ. אינעווייניג איז מעהר גאָרנישט גע־ווען אויסער זאַמד, וועלכער האָט זיך אויסגעלייגט אין דער געזונ־קענער שיף, ווי אַ פּאָדלאָגע.

איך האָב געמאַכט עטליכע נאָטיצען איבער דעם צושטאַנד פון דער שיף. דערצו האָב איך זיך געזעצט אויף א ליידיגע, צובראָכענע פעסעל און געשריבען פאַר'ן שיין, וואָס איז אריינ־געקומען דורך א ברייטען שפּאַלט. א בעזונדער קאַלטער ווינד און דאָס געפיהל פון איינזאַמקייט איז מיר אַלע ווײַלע איבער'ן לייב אַריבער און דאַן האָב איך אויפגעהערט צו שרייבען, אום זיך צוצוהערען צו די אונבעשטימטע, זעלטזאַמע גערוישען פון דער געזונקענער שיף: צו דעם ליאַרעם פון די זשאַבעס, וועלכע האָבען מיט זייערע שפּיציגע פיס אויף דעם ראַנד פון דעק גע־קראָכען, צום גערויש פון טויזענדער קליינע ים־חיה'לעך, וועלכע האָבען זיך שוין דאָ באַזעצט און זייערע נעסטען אויפגעבויט, צו דעם דומפּפען טאָן פון די ווערים, וואָס עסען זיך איין אין אַלטע געהילץ און האַלטען עס אין איין פרעסען, אין איין לעכערן און פאַרצעהרען.

אָבער פּלוצים האָב איך גאָר נאָהענט דערהערט מענשליכע שטימען. איך בין אויפגעשפּרונגען, ווי איך וואָלט גייסטער דער־זעהן. א סעקונדע נאָכאַנאַנד האָב איך ווירקליך געגלויבט, אַז אין דער פינסטערניש פון דעם רוים האָבען זיך בעוויזען צוויי דערטרונקענע, וועלכע האָבען מיר געוואָלט דערצעהלען פון זייער סוף.. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און איך האָב אַרויפגעקלעטערט צוריק אויף'ן דעק. און גלייך האָב איך אין פראָנט פון דער שיף דערזעהן א הויכען הערר מיט דריי יונגע מיידלאַך, אָדער בעסער געזאָגט א הויכען ענגלענדער מיט דריי מיס'עס. זיי האָבען זיך, ווי עס שיינט, דערשראָקען נאָך מעהר פון מיר, ווען זיי האָבען אויף דעם פערלאָזענעם דריימאַסטער א מענשליכען וועזען דער־זעהן. די אינגסטע פון די מיידלאַך איז אַנטלאָפען, די אַנדערע צוויי האָבען אָנגעכאַפּט זייער פאָטער פאַר די אָרעמס. ער איז אָבער געבליבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל, דאָס איז געווען דער איינציגער אויסדרוק פון זיין שרעק.

אין א פּאָאַר מינוטען אַרום האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען:

— האַללאָ, זייט איהר דער אייגענטימער פון דיעזער שיף?

— יאָ.

— קענען מיר זי בעטראכטען ?

— געוויס, מיט פערגעניגען.

ער האָט געהאַלטען אַ לאַנגע, ענגלישע רעדע, פון וועלכער איך האָב ניט פערשטאַנען קיין וואָרט.

אַזוי ווי ער האָט געזוכט אַ פּלאַץ, אום אַרויפצוקלעטערען אויבען, האָב איך איהם אָנגעוויזען דעם בעסטען. ער איז אַרויפ־געקראָכען, דאַן האָבען מיר געהאָלפען די דריי מיידלאַך, וועלכע האָבען זיך דערווייל׳ע שוין געהאַט בערוהיגט. זיי זיינען געווען רייצענד שעהן, בעזונדערס די עלטסטע, אַ בלאָנדינקע פון אַ יאָהר אַכטצעהן, פריש ווי אַ בלום, ליעב און צאַרט. אמת שעהנע ענג־לענדערקעס זעהען אויס, ווי געשמאַקע פרוכטען פון ים. עס האָט אויסגעוויזען ווי די מיידלאַך וואָלטען נור וואָס פון זאַמד אַרויסגעשטיגען און זייערע האאר האָבען נאָך דעם זאַמדקאָלי־איינגעהאַלטען. מען האָט גערן אויף זיי געקוקט; מיט זייער וואונדערבאַרער פרישקייט, מיט זייערע צאַרטע פאַרבען האָבען זיי אויסגעזעהן ווי ראָזאָווע מעער־קעפּלאַך, אָדער ווי די זעלטענע, געהיימניספולע פּעריל, וואָס פינקלען אין די אונבעקאַנטע טיע־פענישען פון ים.

זי האָט פערשטאַנען אונזער שפּראַך אַביסעל בעסער פון איהר פאָטער, און האָט געהאָלפען פיהרען דאָס געשפּרעך. איך האָב געמוזט דערצעהלען מיט אַלע איינצעלהייטען וועגען דעם שיפסברוך, אַזוי ווי איך וואָלט דערביי געווען. דאַן האָט זיך די גאַנצע פאַמיליע אַרונטערגעלאָזען אינעווייניג אין דער געזונקענער שיף. ווי נור זיי זיינען אַריין אין דעם פינסטערען רוים, צו וועלכען קיין איין ליכט־שטראַהל איז ניט צוגעקומען, זיינען זיי געבליבען שטעהן ערשטוינט און פערוואונדערט. און פּלוצים האָבען פאָטער און טעכטער אַרויסגענומען סקיצען־ביכער, וועלכע זיינען הפנים פאַרשטעקט געווען צווישען זייערע קליידער און זיך גענומען צייי־כענען מיט בלייפעדערס דעם אויסזעהן פון דעם מערקווירדיגען, טרויעריגען רוים.

זיי זיינען געזעסען איינס נעבען צווייטען אויף אַ'ן אַרונ־טערגעהאַנגענעם באַלקען, און די פּיער סקיצען־ביכער אויף די

אכט קניע האבען זיך שנעל באדעקט מיט די זעלבע שווארצע ליניעס, וואס האבען געזאלט פארשטעלען דעם האלב־געעפענטען לייב פון דער מאריע־יאזעף.

איך האב פארטגעזעצט די אונטערזוכונג פון דער שיף, דאן האב איך זיך געזעצט נעבען דער עלטערער מיידעל, וועלכע האט גערעדט מיט מיר, ווערענד זי האט געארבייט.

איך האב ערפאהרען, אז זיי האבען פערבראכט דעם ווינטער אין ביאריטץ און זיינען עקסטרא געקומען צו דעם אינזעל רע, אום דעם געזונקענעם דריימאסטער צו זעהן. דיעזע לייטע האבען אין זיך ניט געהאט די געוועהנליכע שטייפקייט פון די ענגלענדער, זיי זיינען געוועזן איינפאכע מענשען, מיטגליעדער פון יענער ארומ־בלאנזשענדער וואנדער־קאלאניע, מיט וועלכע ענגלאנד באפעלקערט די גאנצע וועלט. דער פאטער איז געוועזן הויך, מאגער, מיט א ווייסער בארד אויף זיין רויט פנים. די מיידלאך זיינען אויך געוועזן הויך, מיט לאנגע פיס, אויך מאגער, אויסער דער עלטסטער, און אלע דריי זיינען געוועזן זעהר ליעב, בעזונדערס אבער די עלטסטע..

זי האט געהאט עפעס אזא זעלטענע ארט צו רעדען, צו דער־צעהלען, צו לאכען, עטוואס צו פערשטעהן אדער נישט צו פער־שטעהן, די אויגען אויפצוהויבען אום ביי מיר עפעס צו פרעגען, בלויע אויגען, טיעף ווי דאס וואסער, אויפהערען צייכענען אום צו טרעפען וואס איך וויל זאגען, זיך ווידער צו דער ארבייט נעה־מען, „יעס“ אדער „נא“ צו זאגען, אז איך האב זי אימער געמוזט אנקוקען און זיך אויפמערקזאם צו איהר צוהערען.

פלוצים האט זי געזאגט:

— איך האב געהערט עפעס א קליינעם גערויש אויפ'ן שיף.

איך האב זיך צוגעהערט און גלייך האב איך אונטערשיידעט א לייכטען, גאנץ בעזונדערן גערויש. וואס איז דאס געוועזן? איך האב זיך אויפגעהויבען אום ארויסצוקוקען דורך א שפאלט און א הויכער געשריי האט זיך פון מיין ברוסט אריסגעריסען. דער ים האט זיך אויף אונז געטראגען, ער איז געוועזן נאהענט אונז צו פארשלינגען.

מיר האָבען גלייך אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן דעק. עס איז שוין געווען צו שפּעט, דאָס וואַסער איז שוין געלאָפען אַרום אונז, האָט זיך געיאָגט צום ברעג מיט אַן אונגלויבליכער שנעלקייט, עס איז ניט געלאָפען, עס האָט זיך געגליטשט, געקלעטערט, זיך גע־צויגען. נור איינינגע סענטימעטער וואַסער האָבען דעם זאַמד באַ־דעקט, אָבער די פלוט איז געקומען מורא'דיג שנעל. דער ענגלענ־דער האָט געוואָלט אַרונטערשפּרינגען, אָבער איך האָב איהם אָב־געהאַלטען. אַנטלויפען איז געווען אונמעגליך צוליעב די טיעפע זומפּיגע גריבער, וועלכע מיר האָבען אויסגעמיעדען קומענדיג אַהער, און אין וועלכע מיר וואָלטען אָהן צווייפעל אַריינגעפאַלען געהענ־דיג צוריק.

איין אויגענבליק זיינען מיר געווען אויסער זיך, דאַן האָט די עלטסטע ענגלענדערין גענומען לאַכען און אַרויסגערעדט:

— איצט זיינען מיר די געזונקענע.

איך האָב געוואָלט לאַכען, אָבער די מורא האָט מיך שטום געמאַכט, אַ שרעקליכע, פייגע, ניעדריגע מורא. אַלע געפאַהרען, וואָס האָבען אונז ערוואַרט, זיינען מיר אין איין מינוט קלאָהר גע־וואָרען. איך האָב געפיהלט ווי צו שרייען, רופען נאָך הילף. אָבער צו וועמען?

ביידע קליינע ענגלענדערינס האָבען זיך צוגעטוליעט צו זיי־ער פאָטער, וועלכער האָט צושראָקען געקוקט אויף דעם געוואַלטי־גען וואַסער־פלוט אַרום אונז. און ווי נור דאָס וואַסער האָט זיך גענומען הויבען, אַזוי שנעל האָט זיך די נאַכט אַרונטערגעלאָזען, אַ שווערע, דומפּפע, אייזיגע, פייכטע נאַכט.

איך האָב געזאָגט:

— פאַר אונז בלייבט קיין אַנדער אויסוועג ניט, אויסער צו בלייבען אויפ'ן שיף.

דער ענגלענדער האָט געענטפערט:

— אָה, יעס.

און מיר זיינען געבליבען שטעהן אַ פיערטעל שעה, אַ האַלבע, איך ווייס אַליין ניט ווי לאַנג און געקוקט אַרום זיך אויף דאָס געלע וואַסער, וואָס איז געוואָרען אַלץ געוואַלטיגער, האָט געווירבעלט

און געקאָכט און זיך צו דעם גרויסען, ברייטען ברעג געצויגען.

איינע פון די אינגערע מיידלאך האָט געזאָגט, אז איהר איז קאַלט און ביי אונז איז געבליבען ווידער ארונטערצוגעהן אונטען, אום אונז צו שיצען פון דעם ווינד, וועלכער איז געווען אייז־קאַלט און האָט אונז געשטאָכען ווי מיט שפּילקעס.

איך האָב זיך איינגעבויגען און אַריינגעקוקט אינעוויייניג. דאָס שיף איז געווען פול מיט וואסער. מיר האָבען געמוזט בלייבען שטעהן אויפ׳ן דעק, וועלכער האָט אונז פאָרט עטוואָס געשיצט.

איצט איז געוואָרען גאַנץ פינסטער און מיר זיינען דאָרט געבליבען שטעהן, צוגעדריקט איינער צום אנדער׳ן, פון וואסער און פינסטערניש ארומגערינגעלט. איך האָב געפיהלט ווי די שול־טערן פון דער ענגלענדערין ציטערן נעבען מיינע שולטערן, ווי עס קלאַפּען איהרע צייהן אין מויל, איך האָב אָבער אויך געפיהלט דורך איהרע קליידער די זיסע ווארימקייט פון איהר לייב און דאָס דאָזיגע געפיהל איז מיר געווען אנגענעהם ווי אַ קוש. מיר האָבען מעהר נישט גערעדט, מיר זיינען געבליבען שטעהן אונבעוועגליך ווי חיות אין אַ לאָך אין צייט פון אַ שטורם. און דאָך, טראָץ דער פינסטערער נאכט, טראָץ דער אַלץ גרעסערער געפאהר, האָב איך זיך אָנגעהויבען פיהלען גליקליך, גליקליך דערמיט, וואָס איך בין דאָ, גליקליך איבער דער קעלט און די געפאהר, גליקליך מיט די לאַנגע שטונדען פון מורא און אנגסט, וואָס האָבען אונז נאָך ערוואַרט אויף דיעזער שיף, גליקליך אין דער נאָהענטקייט פון דער דאָזיגער שעהנער, רייצענדער מיידעל.

איך האָב זיך אַליין געפרעגט, פון וואַנען קומט צו מיר דאָס גאַפּיהל פון גליק און צופרידענהייט?

— פון וואַנען? פאַר וואָס? קען מען עס דען וויסען? ווייל זי איז דאָ געווען? ווער, זי? אַ קליינע ענגלענדערין, וואָס איך האָב זי גאָר נישט געקאָנט. ניט איך האָב זי געליעבט, ניט איך האָב זי געקאָנט און דאָך האָב איך זיך געפיהלט אזוי ווייך, אזוי געריהרט, אזוי צוגעצויגען צו איהר. איך וואָלט זי וועלען רעטען, זיך פאַר איהר אָפּפערען און טויזענד קינדערשע נאַרישקייטען טהאָן פון איהרטוועגען. מערקווירדיג, פון וואַנען קומט עס, וואָס די

געגענוואַרט פון אַ פּרוי מאַכט אויף אונז אַזאַ שטאַרקען איינ־דרוק. איז דאָס די מאַכט פון איהר חן, וואָס בעהערשט אונז, איז עס די צויבערקראַפט פון איהר יוגענד און שענהייט, וואָס בעהערשט אונז ווי ווייך?

גיכער פון אַלץ איז עס ווי אַ הויך פון ליעבע, פון דער גע־היימניספולער ליעבע, וועלכע זוכט שטענדיג צו פאַארען די ווע־זענס. איהר מאַכט לאָזט זיך פיהלען אַזוי שנעל ווי מאַן און פרוי קומען זיך צוזאַמען, זי רופט אַרויס אין זיי עפּעס אַ מערקווירדיגע, געהיימע, טיעפע ריהרונג...

אָבער די שטילקייט אין דער אַרומיגער פינסטערניש איז געוועזן שרעקליך, אויך דער הימעל איז געוועזן שטיל און פינסטער, מיר האָבען נור געהערט אונטען, אונטער אונז, אַ לייכטען אונ־אויפהערליכען גערויש, אַ דומפּפען רעווען פון ים, וועלכער איז אַלין געשטיגען און געשטיגען, און דאָס גלייכמעסיגע קלאַפּען פון וואַ־סער אַנטקעגען אונזער שיף.

פּלוצים האָב איך דערהערט שלוכצען. די קלענסטע פון די ענגלענדערינס האָט זיך צו־וויינט. איהר פאָטער האָט זי געוואָלט טרייסטען און זיי האָבען גענומען רעדען אין זייער שפּראַך, וועל־כע איך האָב ניט פערשטאַנען. איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אַז ער גיט איהר אונטער מוט און אַז זי האָט שטאַרק מורא. איך האָב געפרעגט מיין שכנה:

— איהר מוזט אויך שטאַרק פריהרען, מיסס?

— יאַ, געוויס, מיר איז זעהר קאַלט.

— איך האָב איהר געוואָלט געבען מיין אויבער־ראָק. אָבער זי האָט זיך ענטזאָגט. דאָך האָב איך איהם גלייך אויסגעטהאָן און זי איינגעדעקט, ניט קוקענדיג אויף איהר וועהרען זיך. ביי דעם קורצען שטרייט האָב איך אָנגעריהרט איהר האַנד און עס האָט מיך אַ שוידער געטאָהן.

זייט אַ פּאָאר מינוט איז געוואָרען קעלטער און דאָס קלאַפּען פון די כוואַליעס אָן ראַנד פון שיף שטאַרקער. איך האָב אויפגע־הויבען דעם קאָפּ, אַ גוואַלדיגער ווינד האָט מיר אַ שניט געטהאָן אין פּנים. אַ שטורם איז אָנגעקומען.

דער ענגלענדער האט עס בעמערקט אין דעם זעלבען מאמענט ווי איך און האט געזאגט איינפאך:

— מיר זיינען אין א גאנץ שלעכטער לאגע.

געוויס, מיר זיינען געווען אין א זעהר שלעכטער לאגע. דאס איז געווען א זיכערער טויט. ווען כוואליעס פון שטורם געיאגט, זאגאר נור שוואכע כוואליעס זאלען נעהמען טרייסלען און קלאפען די אזוי אויך צובראכענע שיף, וועט עס ניט לאנג געדויערן און זי וועט צוהאקט ווערען אויף שטיקער.

אונזער אנגסט האט איצט גענומען וואקסען פון מינוט צו מינוט, צוזאמען מיט דעם אנקומענדיגען שטורם. דאס וואסער האט זיך שוין איצט מעהר ניט אויפגעהויבען, אבער אין דער פינ־סטערניש האב איך פון ווייטען אונטערשיידעט ווייסע ליניעס קו־מען און פערשווינדען. דאס איז געווען דער ווייסער שוים פון די כוואליעס, וועלכע זיינען געלאפען אונז אנטקעגען און האבען זיך מיט איין קורצען שטוים אנגעקלאפט אן דער מאריע יאזעף, די שיף האט זיך יעדעס מאל א טרייסעל געטהאן און א שוידער איז אונז אלעמען איבער'ן לייב אריבער.

די עלטסטע ענגלענדערין האט זיך געטרייסעלט. איך האב געפיהלט ווי זי ציטערט שטעהענדיג נעבען מיין זייט, און א משוגענע לוסט האט זיך ערוועקט אין מיר, זי צו כאפען אין מיינע ארעמס און צודריקען צו זיך.

דארט פון ווייטען, פאר אונז, הינטער אונז, רעכטס און לינקס, אומעדום ביי די האפענס, זיינען די לייכט־טהורמס בעלויכטען גע־ווארען, ווייסע, געלע, רויטע דרעהענדיגע פייערלאך, ווי געוואל־טיגע אויגען, ווי די אויגען פון א ריעז, האבען געקוקט אויף אונז, האבען אונז דורכגענומען און געווארט ביז מיר וועלען פערשוואונ־דען ווערען. פון איינעם פון די דאזיגע פייערלאך האב איך ניט געקענט ארונטערנעהמען מיינע אויגען. אלע דרייסיג סעקונדען איז עס פערלאשען געווארען, אום גלייך ווידער אויפצובליצען...

פון צייט צו צייט האט דער ענגלענדער אנגעצונדען א שווע־בעלע און געקוקט אויפ'ן זייגער, דאן האט ער דעם זייגער צוריק

אין קעשענע אריינגעלייגט. פּלוצים רופט ער זיך אָן צו מיר איבער די קעפּ פון זיינע טעכטער מיט א זעהר פייערליכען טאָן:

— איך ווינש אייך א גליקליכען ניי־יאָהר.

עס איז געווען האלבע נאכט. איך האָב איהם אויסגעשטרעקט מיין האנד, וועלכע ער האָט געדריקט. דאַן האָט ער עפּעס געזאָגט אויף ענגליש. און פּלוצים האָבען זיינע טעכטער צוזאמען מיט איהם גענומען זינגען: גאד סייוו דהי קווין.

צוערשט האָט זיך מיר געוואָלט לאכען, דאַן אָבער האָב איך זיך דערפיהלט מערקווירדיג שטארק געריהרט.

עטוואָס וואונדער־טרויעריגעס און צוגלייך שטאָלצעס איז גע־לעגען אין דעם דאָזיגען געזאַנג פון די שיף־בריכיגע, פון די צום טויט פעראורטהיילטע מענשען; עטוואָס ווי א געבעט און אַן אויסדרוק פון מוט און קראַפט אין דערזעלבער צייט.

ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען האָב איך געבעטען מיין שכנה, זי זאָל אליין עטוואָס פאַרזינגען, אום מיר זאָלען אויף א ווײלע אונזער אנגסט פארגעסען.

זי האָט איינגעווילגט און איהר יונגע, קלאָהרע שטימע האָט גענומען קלינגען אין דער נאכט אריין. זי האָט וואהרשיינליך געזונגען א טרויעריגעס ליעד, דען זי האָט די טענער לאַנג אויס־געצויגען און ווען זיי זיינען לאנגזאַם פון איהר מויל ארויס, האָ־בען זיי, ווי פערוואונדעטע פויגלאך איבער די כוואַליעס אוועקגע־פלאַטערט.

דער ים איז געוואקסען און אָהן אויפהער אונזער שיף געשמי־סען. אָבער איך האָב געטראַכט נור פון איהר שטימע און אויך פון די סירענען. ווען א שיף זאָל איצט פארבייפאָהרען ניט ווייט פון אונז, וואָס וואָלטען די מאַטראָזען געדענקט? מיין גע־מאַרטערטער גייסט האָט גענומען טרוימען. א סירענע! איז זי ניט געווען טאַקע אויף אַן אמת א סירענע, א וואַסער פרוי, די דאָזיגע טאָכטער פון ים, וועלכע האָט מיך צוגעשמיעדט צו דער שיף און וועלכע וועט צוזאמען מיט מיר אונטערגעהן?

אָבער פּלוצים האָט אונז אלעמען פינף א שליידער געטהאָן אויף'ן דעק, דען די מאַריע־יאָזעף האָט זיך א קעהר געטהאָן אויף

דער רעכטער זייט. די ענגלענדערין איז געפאלען אויף מיר, איך האב זי גענומען אין מיינע אָרעמס און דענקענדיג אז אונזער לעצטע שטונדע האט געשלאגען, האב איך מיט א גליהענדען מויל גענומען קושען איהרע באקען, איהרע שלייפען, איהרע האאר. די שיף האט זיך מעהר ניט באוועגט, אויך מיר האבען זיך ניט גערירט.

דער פאטער האט א רוף געטהאן:

— קיידי!

דאס מיידעל, וואס איך האב אין מיינע אָרעמס געהאלטען, האט געענטפערט: — יעס! — און געמאכט א בעוועגונג ווי זיך פריי צו מאכען. אין דעם דאזיגען מאמענט וואלט איך געוואונשען, אז די שיף זאל צושמעטערט ווערען, אום מיט איהר צוזאמען אונ־טערצוגעהן.

דער ענגלענדער האט ווייטער גערעדט:

— עס האט נור געטהאן א קליין שטויס. מעהר גאר נישט. מיינע דריי טעכטער זיינען לעבעדיג.

אזוי ווי ער האט די עלטסטע ניט געזעהן, האט ער זי אין פלוג געהאלטען פאר פערלארען.

איך האב זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און פלוצים האב איך גאנץ נאהענט פון אונז דערזעהן א ליכט. איך האב גענומען רו־פען, מען האט געענטפערט. דאס איז געוועזען א שיפעל, וועלכע האט אונז געזוכט. דער בעל הבית פון האטעל האט פאראויסגע־זעהען אונזער אונפארזיכטיגקייט.

מיר זיינען געוועזען געראטעוועט. איך בין געוועזען פערצווייפעלט. מען האט אונז ארויפגענומען אויף'ן שיף און געבראכט נאך סענט מארטין.

איצט האט זיך דער ענגלענדער געריבען די הענד און גע־רעדט פאר זיך: — איצט א גוטען סאפער, א גוטען סאפער.

און מיר האבען טאקע אויף אן אמת גוט אריינגעגעסען. אבער איך האב זיך געפיהלט טרויעריג, איך האב געבענקט נאך דער צו־טרימערטער מאריע־יאזעף.

אויף'ן צווייטען טאג האבען מיר זיך געמוזט שיידען, מיר הא־

בען זיך ארומגענומען און פערשפּראָכען צו שרייבען. זיי זיינען צוריקגעפאָהרען נאָך ביארימץ און איך בין שיער־שיער זיי ניט נאָכ־געפאָהרען.

איך בין געווען פשוט משוגע, איך האָב געוואָלט מאכען דער מיידעל א פאָרשלאָג. ווען מיר וואָלטען פערבראכט אכט טאָג צו־זאמען, וואָלט איך מיט איהר זיכער חתונה געהאַט. ווי מערקווירדיג, ווי שוואך דער מענש איז אָפּט!

צוויי יאָהר זיינען אוועק, און איך האָב פון זיי גאָרנישט גע־הערט. דאן האָב איך געקריגען א בריעף פון ניויאָרק. זי האָט גע־הייראַטה און האָט עס מיר מיטגעטהיילט, און פון דאן אָן שריי־בען מיר איינער צום צווייטען איין מאָל אין יאָהר, צו ניי־יאָהר. זי דערצעהלט מיר ווי איהר געהט, זי רעדט פון איהר מאַן. וואָ־רום? פאַרוואָס? און איך רעד גור פון דער מאַריע־יאָזעף. זי איז פיליימכט די איינציגע פרוי, וועלכע איך האָב ווען אין מיין לעבען געליעבט. ניין, די איינציגע, וועלכע איך האָב ווען געקענט ליעבען. ווער ווייס? די פּאַסירונגען אין לעבען טראָגען אונז אוועק, און דאן? דאן געהט אַלעס פערביי. איצט מוז זי שוין זיין אַלט, איך וועל זי שוין מעהר קיינמאָל ניט זעהן. אָבער זי, די מיידעל אויף דער געזונקענער שיף, אך, איז זי שעהן געווען! זי שרייבט מיר, אז איהרע האָר זיינען אין גאנצען ווייס געוואָרען. אויפ'ן הארצען ווערט אזוי ביטער, אזוי טרויעריג. — איהרע בלאָנדע האָאָר. ניין, יענע, פון וועלכער איך האָב אמאָל געטרוימט, איז שוין מעהר נישטאָ... און די יעצטיגע איז אַלט און ווייס... אך ווי טרויעריג!...

בײם ראַנד פֿון'ם בעט

אין קאמין האָט געברענט א פײער. פאר איהם אויף א יאפאנעזישען טישעל זײנען געשטאנען צװײ טהעע־טעצלאך אײנע אנטקעגען דער אנדערער, װעהרענד די הײסע טהעע־קאן האָט זיך געפונען נעבען דער צוקערניצע און אַ פלאַש ראָם.

גראף סאללור האָט א װאָרף געטהאָן זײן הוט, זײנע האנדשוה און זײן פעלץ אויף א שטוהל, װעהרענד די גרעפין, נאָכדעם װי זי האָט אראָבגעװאָרפען פון זיך די אויבערשטע בגדים, איז געשטאַנען פאר'ן שפיעגעל און זיך פאררירכט די האָאר. זי האָט געלאכט צו זיך אַלײן, בעת זי האָט מיט איהרע פײנע פינגער, אויף װעלכע עס האָבען געבליסטשעט רינגען, געצופט זיך די קרײזלאך ארום די שלײפען. דאן האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהר מאַן. זײט אײניגע סעקונדען האָט ער זי אָנגעקוקט, אונענטשלאָסען, װי געמאַטערט פון א געװיסען געדאנק.

צום סוף האָט ער זיך אָנגערופען:

— האָט מען דיר הײנט בײנאַכט גענוג קאָמפּלימענטען געזאָגט?

זי האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען און טריאומף און נצחון האָט אין זײ א בליץ געטהאָן, בעת זי האָט געענטפערט:

— איך האָף אזוי!

דאן האָט זי זיך צוריק געזעצט אויף איהר פּלאַץ, ער איהר אנטקעגען און נעהמענדיג א שטיק געבעק צום טהעע, האָט ער געזאָגט:

— הער אויס, דו מאַכסט מיך כמעט לעכערליך!

זי האָט געפרעגט:

— דו ווילסט מיר מאַכען אַ סצענע ? האָסטו מיר עטוואָס אויפצו־וואַרפען ?

— ניין, מיין ליעבע, איך דענק נור, אַז חערר בורעל האַלט זיך אַנטקעגען דיר צו פריי. ווען איך זאָל האָבען אַ רעכט דערצו, וואָלט איך אויף אַ'ן אמת בייז געוואָרען.

— ליעבער פריינד, זיי דאָך עהרליך, דו דענקסט הפנים היינט ניט מעהר אַזוי, ווי דו האָסט פאַראַיאָהרען געדענקט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דו האָסט אַ געליעבטע, אַ געליעבטע ועמען דו האָסט ווירקליך ליעב ! דעמאָלט וואָלט דיך ניט אָנגעהויבען צו אַרען, אויב מען מאַכט מיר קאָמפּלימענטען אָדער ניט. איך האָב דיר דאַן מיין וועהטאָג ערקלעהרט, איך האָב צו דיר גערעדט פּונקט אַזוי ווי דו אַליין זאָגסט היינט ביינאַכט צו מיר, אָבער מיט מעהר רעכט : ליעבער פריינד, דו קאָמפּראָמעטירסט פרוי דע סערוווי, דו פערשאַפסט מיר יסורים און מאַכסט מיך לעכערליך. וואָס האָסטו דאַן געענטפערט ? דו האָסט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז איך בין גאַנץ פריי, אַז ביי קלוגע מענשען איז די הייראַט ניט מעהר ווי די געמיינשאַפט פון געוויסע אינטערעסען, אַז דאָס איז אַ סאָציאַלער בונד אָבער ניט קיין מאָראַלישער ! איז דאָס אמת ? דו האָסט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז דיין געליעבטע איז טויזענד מאָל שענער פון מיר, פיעל, פיעל פערפיהרערישער, פיעל מעהר ווייב, יאָ, דאָס זיינען דיינע ווערטער: „מעהר ווייב“. דאָס אַלעס האָסטו אפילו בעצוקערט מיט אַלערליי שעהנע פראַזען, אַלס אַ גוט ערצויגענער מאַן האָסטו עס איינגעוויקעלט אין אַלערליי קאָמפּלימענטען, פאַ.' וועלכע דו פערדיענסט אַלע אַכטונג. דאָך האָב איך אַלעס פערשטאַנען.

מיר האָבען אָבגעמאַכט צווישען זיך, אַז פון איצט אָן זאָלען מיר זיין געשיעדען, הגם מיר וועלען בלייבען צוזאַמען. מיר האָבען געהאַט אַ קינד. דאָס איז געווען דאָס איינציגע קייטעלע, וואָס האָט אונז צוזאַמענגעבונדען.

דו האָסט מיר דאַמאַלסט געגעבען אָנצוהערענישען, אַז ווען איך וויל, קען איך מיר אויך נעהמען אַ געליעבטען, זעלבסט פערשטענדליך טאָר קיין מענש וועגען דעם ניט וויסען. דו האָסט דאַן

געהאַלטען אַ לאַנגע, אויסגעצייכענטע רעדע איבער דער קלוגשאַפט און פיינקייט פון דער פרוי, איבער איהר געשיקטליכקייט אָנצו־האַלטען איהר גוטען נאָמען.

איך האָב דיך פערשטאַנען, מיין ליעבער פריינד, איך האָב דיך אויסגעצייכענט פערשטאַנען: דאַן ביזטו געווען פערליעבט אין פריידע סערווי, און מיין צערטליכקייט, מיין געזעצליכע ליעבע האָט דיר געשטערט. ווי ניט איז, האָב איך ביי דיר פאָרט צוגענו־מען אַ טהייל פון דיינע קרעפטען, צייט דאַן האָבען מיר געלעבט געשיעדען, מיר געהען צוזאַמען אין געזעלשאַפט, קומען צוזאַמען אהיים און דאַן געהט זיך יעדער צו זיך אין צימער אוועק.

און איצט זייט איין אָדער צוויי מאָנאַטען הויבסטו פּלוצים אָן צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ׳ן אייפערזיכטיגען מאַן. וואָס זאָל דאָס הייסען?

— מיין ליעבע, איך בין ניט אייפערזיכטיג, אָבער איך האָב מורא, דו זאָלסט מיר ניט קאָמפּראָמעטירען, דו ביזט יונג, לעבהאַפט און יאָגסט זיך נאָך פערגעניגען...

— ווייסטו, ווען מיר ריידען פון יאָגען זיך נאָך פערגעניגען, דאַן האָבען מיר, דאַכט זיך, ניט וואָס אויפצו־וואַרפען איינער דעם אַנדערן.

— וויצעל זיך ניט, איך בעט דיך, איך רעד צו דיר אַלס פריינד, אַלס ערנסטער פריינד. אַלעס וואָס דו זאָגסט, איז שטאַרק איבערטרייבען.

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, דו האָסט צוגעגעבען, אַז דו האָסט בעציהונגען מיט אַ פרעמדער פרוי, דאָס בעדייטעט כמעט דאָס זעלבע, ווי דו זאָלסט מיר האָבען געגעבען דאָס רעכט אויך צו טהאָן ווי דו. און איך... האָב עס נישט געטהאָן.

— וואַרט אָקאָרשט —

— זיי אַזוי גוט, לאָז מיך אויסריידען. איך האָב עס ניט געטהאָן, איך האָב ניט קיין געליעבטען, און האָב נאָך קיינעם ניט געהאַט ביז אהער; איך וואַרט אָב, איך זוך, איך געפין דער־וויילע קיינעם ניט. איך מוז האָבען אימעצען, וואָס זאָל זיין זעהר

שען, שענער פון דיר. איך מאך דיר דערמיט אַ קאָמפּלימענט, אָבער ווי עס שיינט בעמערקסטו עס גאָרנישט.

— מיין ליעבע, דיינע שפּאַסען זיינען ווירקליך ניט אויף'ן ריכטיגען פּלאַץ.

— אָבער איך שפּאַס גאָרנישט, דו האָסט צו מיר געוועדט פון דעם אכטצעהנטען יאָהר הונדערט און מיר געגעבען צו פער־שטעהן, אז דו האָסט די אַנזיכטען פון יענער צייט. איך האָב דאָס ניט פערגעסען און אין דעם טאָג, ווען מיר וועט זיך פּאַסען ניט צו זיין מעהר דאָס וואָס איך בין נאָך דערוויי, דאַן נעהם זיך אין אכט, איך וועל דיך דאַן בעטריעגען און דו וועסט דערפון אפילו ניט וויסען!

— ווי קענסטו עטוואָס אזוינס אויסרעדען?...

— וואָס אזוינס? איך דערמאָן דיך בלויז אָן דעם, ווי משוגע דו האָסט געלאכט, ווען פרוי דע־גערס האָט בעהויפּטעט, אז הערר סערווי זעהט אויס ווי אַ בעטראָגענער נאַר.

— וואָס עס קען קלינגען קאָמיש אין פרוי דע גערס מויל, קען ווערען אונפּאַסענד אין דיינעם.

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. פאַר דיר קלינגט דאָס וואָרט „בעטראָגענער נאַר" זעהר קאָמיש, ווען עס האַנדעלט זיך פון הערר סערווי, ער קריעגט אָבער שוין גאַר אַ'ן אנדער קלאַנג, ווען עס האַנ־דעלט זיך וועגען דיר אליין! אלעס ווענדעט זיך פון וואָס פאַר אַ שטאַנדפּונקט מען קוקט אויף דעם. אגב אינטערעסירט מיך דאָס דאָזיגע וואָרט אין גאַנצען ניט. איך האָב עס נור געזאָגט אום צו זעהן, אויב דו ביזט שוין רייף.

— רייף? צו־וואָס?

— נו, אום צו ווערען בעטראָגען. אזוי שנעל ווי אַ מאַן ווערט אין כעס, ווען ער דערהערט דאָס דאָזיגע וואָרט, דאַן איז ער גאַנץ רייף. אין צוויי מאָנאַטען ארום, וועסטו זיין דער ערשטער, וואָס וועט לאַכען, ווען מען וועט רעדען פון „אַ בעטראָגענעם נאַר". ווען מען איז אליין אַ בעטראָגענער, ווייס מען ניט דערפון און מען פיהלט עס שוין ניט מעהר.

— היינט אָבענד האָלסטו אין איין ריידען אונפּאַסענדע זאַ־כען. פריהער האָב איך דאָס אין דיר ניט באַמערקט.

—אָט זעהסטו, איך האָב זיך געענדערט, צו שלעכטען — און דאָס איז דיין שולד.

— גענוג, מיין ליעבע, איצט זיי ערנסט. איך פערלאַנג פון דיר, איך בעט דיך, דו זאָלסט מעהר ניט דולדען די אונפּאַסענדע נאָהענטקייט פון דעם הערר בורעל.

— זעהסטו, דו ביזט אייפערזיכטיג, איך האָב עס דאָך פריי־הער געזאָגט.

— ניין, ניין ; איך וואָלט אָבער ניט וועלען ווערען לעכער־ליך, און ווען איך וועל נאָך אַמאָל זעהן, אַז אַ מאַן האַלט זיך מיט דיר צו אינטים, וועל איך וויסען וואָס איך האָב צו טהאָן.

— ביזטו דען פערליעבט אין מיר ?

— דאָס קען מען זיין אין פרויען, וועלכע זיינען אַ סך ווייני־גער שען, ווי דו.

— זעהסטו, דו ביזט אַלזאָ יאָ פערליעבט. אָבער דו ווייסט, איך בין אין דיר שוין ניט מעהר פערליעבט.

דער גראַף האָט זיך אויפגעהויבען, איז אוועק ארום טיש און ווען ער איז פערבייגעגאַנגען זיין פרוי, האָט ער זי אַ קוש געטהאָן אין נאַקען. זי האָט זיך שנעל אַ הייב געטהאָן און איהם אָנגע־קוקט אין די אויגען :

— איך פערבאָט דיר צו מאַכען מיט מיר אַזעלכע שפּאַסען. מיר זיינען געשיעדען. די אַלע זאַכען זיינען שוין פאַרביי.

— רעג זיך דאָך ניט אויף. זייט אַ געוויסער צייט ביזטו אין מיינע אויגען צו שען.

— איך האָב אַלזאָ געוואונען ! דו דענקסט, אַז איך בין אויך שען !

— איך דענק, אַז דו ביזט רייצענד, דיינע אַרעמס, דיין גע־זיכטספאַרב, דיינע שולטערן...

— געפעלען הערר בורעל.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטען. אָבער איך קען ניט קיין איין פרוי, וואָס זאָל זיין מעהר אויפרעגענדיג ווי דו.

— דו האָסט הפּנים געפּאַסט.

— וואָס ?

— איך זאָג : דו האָסט הפּנים געפּאַסט.

— וואָס מיינט דאָס ?

— ווען מען האָט געפּאַסט איז מען הונגעריג, און אַז מען איז הונגעריג, ענטשליסט מען זיך צו עסען זאַכען וואָס מען האָט געוועהנליך נישט ליעב. איך בין די שפּייז, וואָס דו האָסט ביז אַהער ניט ליעב געהאַט און וועלכע דו וואָלסט היינט ביינאַכט גערן וועלען ווידער פערזוכען.

— אָבער, מאַרגאַרעטא, ווער האָט דיך אויסגעלערנט אַזוי צו רעדען ?

— דו. זייט דעם ווי דו ביזט זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט פרוי דע סערווי, האָסטו, אַזוי פיעל ווי איך וויים, געהאַט פיר אַנ־דערע ליעבעס, מאַנכע פון זיי מיט טהעאַטער דאַמען. ווי אַזוי זאָל איך אַלזאָ ערקלעהרען דיין היינטיגען אינטערעס צו מיר אַנדערש ווי מיט אַ קורצען פאַסטען.

— גוט, איך וויל זיין גאַנץ אָפען און עהרליך און דיר אָהן אַלע קונצען ערקלעהרען : איך האָב זיך ווידער פערליעבט אין דיר און דאָס מאָל גאַנץ שטאַרק. אָט האָסטו דעם אמת׳ן גרונד.

— אַזוי גאָר, און דו וואָלסט וועלען מיט מיר ווידער שלום ווערען ?...

— יאָ.

— היינט ביינאַכט ?

— אָה, מאַרגאַריטאַ !

— זעהסטו, דאָס איז שען. איצט ביזטו נאָך ענטריסטעט אויך, מיין ליעבער ! אָבער מיר מוזען דאָך ריכטיג פערשטעהן איינער דעם אַנדערן. מיר זיינען דאָך איצט פרעמדע. איך בין אפילו דיין פרוי, אָבער דיין פרוי, וועלכע איז פריי... איך האָב געהאַט אין זינען זיך צו פאַרבינדען מיט אַ׳ן אַנדערן, דו ווילסט, איך זאָל דיר געבען די פּריווילעגיע. גוט, איך וועל עס דיר געבען, אָבער נור פיר דעם זעלבען פּרייז.

— איך פערשטעה ניט וואָס דו רעדסט.

— איך וועל עס דיר גלייך ערקלעהרען. זאָג מיר אָקאָרשט גאַנץ אָפען, בין איך אַזוי שען ווי דיינע געקויפטע פרויען ?

— טויזענד מאָל שענער.

— שענער ווי די שענסטע פון זיי ?

— גאָרנישט צו פערגלייכען.

— גוט, וואָס האָט דיר די שענסטע פון זיי געקאָסט אין אונגעפעהר דריי מאָנאַטען ?

— איך פערשטעה ניט, וואָס דו מיינסט.

— איך מיין גאַנץ איינפאַך, וויפיעל האָט דיר די שענסטע פון דיינע ליעבשאַפטען געקאָסט אין געלד, ציערונג, סאַפּערס, דיענערס, טהעאַטער און אַזוי ווייטער ?

— דאָס וויים איך אַליין ניט.

— דו מוזט עס דאָך וויסען, פיליי׳כט ניט גאַנץ גענוי, אָבער אונגעפעהר קענסטו דאָך אָנגעבען א סומע ! לאָמיר זאָגען פינף טויזענד פראַנק א מאָנאַט ? שטימט עס ?

— יא, כמעט.

— אַלזאָ גוט, מיין פריינד. גיעב מיר גלייך פינף טויזענד פראַנק און דאַן בין איך דיינע פון היינט ביי נאַכט אָן אויף א גאַנצען מאָנאַט.

— ביזטו משוגע ?

— אויב דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט, גוט נאַכט.

די גרעפין הייבט זיך אויף און געהט אריין אין איהר שלאָף־צימער. דאָס בעט איז אויפגעדעקט ; א אונבעשטימטער דופט טראָגט זיך איבער׳ן צימער. דער גראַף בעוועגט זיך אין טיר :

— עס שמעקט זעהר שען ביי דיר.

— ווירקליך ? דאָס איז אַלעס געבליעבען ווי געוועזן, איך געברויך נאָך אימער מיינע פריהערדיגע פּאַרפיומען.

— טאַקע ! עס שמעקט זעהר שען !

— דאָס איז מעגליך. אָבער טראָג זיך אָב, זיי אַזוי גוט, איך וויל געהן שלאָפען.

— מארגאַריטאַ.

— געה, איך בעט דיך.

ער געהט אריין אינעווייניג אין צימער און זעצט זיך אויף א שטול.

— אך, אזוי איז די מעשה ? דאן איז עס נאך ערגער פאר דיר.

זי טהוט לאנגזאם אוים איהר באל־קלייד, און ער דערזעהט איהרע ווייסע נאקעטע שולטערן, דאן הויבט זי אויף די ארעמס איבער'ן קאפ, אום צו פאריכטען איהרע האאר, און פון הינטער די שפיצען פון איהר שווארצען זיידענעם קארסעט ערשיינט עפעס א ראזאווע פינטעלע.

דער גראף שטעהט שנעל אויף און געהט צו צו איהר.

—לאז מיך צופריעדען אדער איך ווער אין כעס.

ער נעהמט זי ארום און זוכט איהרע ליפען.

דאן בויגט זי זיך אוים, טהוט א כאפ פון איהר טואלעט־טישעל א גלאז מיט פארפיומירטע וואסער, און גיסט עס איבער'ן שולטער איהר מאן אין פנים אריין.

א צורייצטער טהוט ער זיך א כאפ אויף און בשעת דאס וואסער רינט פון איהם, רופט ער אוים :

— דאס איז צו דום.

— דאס קען זיין, אבער דו ווייסט מיין בעדינגונג. פינף טויזענד פראנק.

— דאס וואלט דאך געווען א משוגעת !

— פאר וואס עפעס ?

— פארוואס ? זאל דער מאן נאך בעצאהלען זיין אייגענער פרוי אויף ?

— פוי, וואס פאר א שפראך !

— קען זיין, אבער עס וואלט דאך געווען משוגע צו בעצאה־לען מיין פרוי, מיין אייגענער געזעצליכער פרוי !

— עס איז נאך פיעל נארישער, ווען מען האט א'ן אייגענע פרוי, ארויסצו־ווארפען זיין געלד פאר פראסטיטוטקעס.

— דאס איז מעגליך, אבער איך וועל זיך ניט לעבערליך מאכען.

די גרעפין האט זיך געזעצט אויף דער זאפע. זי ציהט לאנג־זאם ארונטער די זאקען און קעהרט זיי אוים אויף דער אנדערער

זייט. עס בעווייזט זיך איהר קליין ראָזאָווע פיסעל, וועלכע זי שטעלט אויף דעם טעפיך.

דער גראַף געהט צו נעהנטער און זאָגט מיט א צערטליכער שטימע:

— דיר איז איינגעפאַלען א משוגענע אידעע!

— וואָס פאַר אַן אידעע?

— צו פערלאַנגען פינף טויזענד פראַנק.

— דאָס איז, דאַכט זיך, גאַנץ נאַטירליך. מיר זיינען דאָך איצט פרעמדע מענשען, ניט אמת? דו ווילסט מיך האָבען, נו, קיין עולה איז עס ניט, אָבער... הייראַטען מיט מיר קענסטו ניט, ווייל מיר זיינען דאָך שוין פערהייראַט, דאַן קויפסטו מיך! און אפשר נאָך אביסעל ביליגער ווי אַן אַנדערע.

איך בעט דיך, איבערלעג עס זיך מיט א קלאָהרען קאָפּ! און דערצו וועט נאָך דאָס דאָזיגע געלד בלייבען אין הויז, אין דיין איי־גענער ווירטשאַפט, אנשטאָדט וואָס א שמוציגע פרויענצימער זאָל דאָס פערשווענדען.

און קען דען זיין פאַר א קלוגען מענשען עטוואָס אמוזאַנטע־רעס, עטוואָס אָריגינעלערעס ווי צו בעצאָהלען זיין אייגענער פרוי? ווען מען קויפט ליעבע אויסער דער היים, זוכט מען נור דאָס טהייערסטע. דו הויבסט אויף דעם ווערט פון דיין געזעצליכער ליעבע און גיסט איהר צו א גאַנץ בעזונדערען געשמאַק דערמיט וואָס דו בעצאָהלסט פאַר איהר ווי פאַר געקויפטער ליעבע.

בין איך ניט גערעכט?

במעט א נאַקעטע איז זי אויפגעשטאַנען און איז אריין אין איהר טואַלעט־צימער.

— נו, איצט זאָלסטו זיך גלייך אָבטראָגען, אז ניט קלינג איך נאָך מיין קאַמערמיידעל.

דער גראַף בלייבט שטעהן, גאַנץ צומישט, ער קוקט זי אָן אונ־צופריעדען און פּלוצים ענטשליסט ער זיך און טהוט איהר א וואָרף זיין געלד בייטעל:

— אָט, האָסטו זעקס טויזענד, דו עקשן וואָס דו ביזט. אָבער ווייסטו...

די גרעפין הייבט אויף דאָס געלר, צעהלט עס געלאסען איבער און פרעגט לאנגזאם:

— וואָס?

— געוועהן זיך בעסער ניט צו אזעלכע זאכען.

זי פלאצט ארויס צוגעהענדיג נאָהנט צו איהם:

יעדען מאָנאט פינף טויזענד, אז ניט קענסטו געהן צוריק צו דיינע פראָסטיטוטקעס, און ביזטו מיט מיר צופריעדען, פערלאנג איך נאָך מעהר!

הײליגע בײנער

צום הערר אבבע לואי ד׳עננעמאר אין סואססאן.

מײן ליעבער אבבע !

דער שידוך מיט דײן קוזינע איז אבגעלאזען און דערבײ אויף דעם דומסטען אופן, צוליעב א נארישען שפאס, וואס איך האב במעט ניט ווילענדיג זיך ערלויבט מיט מײן כלה.

איך בעט דיך, דו זאלסט מיר העלפען, אלטער פרײנד, אין דער שווערער פערלעגענהײט, אין וועלכער איך געפין זיך איצט, דען נור דו אלײן קאנסט מיך אויסלײזען פון אזא צרה. כל זמן איך וועל לעבען וועל איך דיר די דאזיגע טובה ניט פערגעסען.

דו קענסט, אדער ריכטיגער, דו מײנסט, אז דו קענסט זשיל-בערטא׳ן ; אבער איז דען איבערהויפט מעגליך א פרוי צו קענען ? די אנזיכטען און איבערצײגונגען פון פרויען, זײערע געדאנקען און אײנפאלען זײנען אזוי פול מיט איבערראשונגען ! בײ זײ קומט אלסדינג פאר אזוי אונערווארטעט, אזוי מאדנע אונגעריכטער-הײט. זײ זײנען אונלאגיש און האבען זײ זיך עפעס אין דעם קאפ אריינגענומען, וואס, דאכט זיך, קײנער און גאר נישט אין דער וועלט איז ניט אימשטאנד עס פון דארט ארויסצושלאגען, ווארפען זײ עס פלוצים אלײן ארויס פון׳ם קאפ, אמאל גאר צוליעב אזא קלײניג-קײט, ווײל א פײגעלע האט זיך געזעצט אויף׳ן פענסטער-ברעט !...

איך דארף דיר ניט דערצעהלען, אז דײן קוזינע, ערצויגען פון די ווײסע און שווארצע פרומע דאמען פון נאנסי, איז איבערטריבען רעליגיעז.

דאס ווײסטו בעסער, ווי איך. וואס דו ווײסט אבער ניט, איז, דאס אלסדינג איבערטרײבט זי פונקט ווי די רעליגיאן. זי ווערט פון אלסדינג אוועקגעטראגען ווי א בלאט פון דעם ווינד. און זי איז מעהר פרוי, — אדער ריכטיגער יונגע מײדעל — ווי אנ-

אנדערע ? ווי־נור וואָס, איז זי געריהרט, ווי־נור עפּעס, ערגערט זי זיך. שנעל צופלאַקערט זיך אין איהר די ליעבע, אזוי שנעל דער האַס און אזוי שנעל ווערט זי אָפּגעקיהלט. און שען איז זי, ווי דו ווייסט, און רייצענד איז זי... מיט ווערטער אליין לאָזט זיך עס גאָר ניט אויסדריקען... דו קענסט עס ניט פערשטעהן, פון דעם ווענסטו קיינמאָל קיין אהנונג ניט האָבען.

קורץ : מיר זיינען געוואָרען חתן־כלה. איך האָב זי פערגעטערט, ווי איך פערגעטער זי נאָך היינט. זי האָט מיך, דאכט זיך, אויך געליעבט.

איינמאָל ביינאכט האָב איך ערהאלטען א טעלעגראַם, וואָס האָט מיך גערופען אין קעלן צו א קראַנקען אויף א קאָנסוליאום. אפשר האָט זיך דאָרט געהאנדעלט וועגען א וויכטיגע און שווערע אָפּעראַציאָן. אויף מאָרגען האָב איך געזאָלט אָפּפאָהרען און איך בין אוועקגעלאָפען צו זשילבערטאַ'ן, זעגענען זיך מיט איהר און ערקלערען איהר, ווארום איך וועל ניט קענען זיין מיטוואָך ביי איהרע עלטערען צו־מיטאָג, נור ערשט פרייטאג, ווען איך וועל זיין צוריק. אָה, היט זיך פאר דעם פרייטאג, דאָס איז א שלימזל'דיגער טאָג !

ווען איך האָב גענומען ריידען וועגען מיין אבווייזע, האָב איך בעמערקט טרעהרען אין איהרע אויגען. אָבער ווען איך האָב געזאָגט, אז איך וועל גיך קומען צוריק, האָט זי גענומען פּאטשען אין די הענד און אויסגעשריען :

— אָה, וואָס פאר א גליק ! דו ברענג מיר עפּעס פון דאָרט צום אנדענקען, מעג זיין א קלייניגקייט, אָבער עפּעס אזוינס, וואָס זאָל זיין ספּעציעל פאר מיר אויסגעזוכט. דו מוזט טרעפען, וואָס מיר וועט אם בעסטען געפעהלען, דו הערסט ! איך וועל זעהן, אויב דו האָסט פאַנטאַזיע !

זי האָט א ווײלע געטראַכט, דערנאָך האָט זי צוגעלייגט :

— אָבער דו דאַרפסט ניט אויסגעבען מעהר ווי צוואנציג פראַנק. איך וויל, מיין ליעבער, דו זאָלסט מיר פערגעניגען פערשאַפען ניט דורך דעם פרייז, וואָס דו וועסט פאר דער זאַך בעצאָהלען, נור דורך דיין אויסטראַכטען, וואָס צו קויפען פאר מיר.

דערנאָך, נאָך א נייעם קורצען שווייגען, האָט זי זיך ווידער אָנגערופען האלב־שטיל און מיט ארונטערגעלאָזטע אויגען:

— ווען דאָס קאָסט ניט פיעל און עס איז פיין און שארפזיניג אויסגעטראכט, בעקומסטו... א קוש!

* * *

אויף מאָרגען בין איך געווען אין קעלן. דאָרט האָט זיך גע־האנדעלט וועגען א שרעקליכען אונגליק, וואָס האָט געבראכט צו פערצווייפלונג א גאנצע פאמיליע. אן אָפּעראציאָן איז דאָרט נויטיג געווען. איך האָב געמוזט וואָהנען אין יענעם הויז, מען האָט מיך דאָרט געהאלטען כמעט פערשפּארט און איך האָב געזעהן נור וויינענדיגע מענשען ארום זיך. איך האָב אָפּערירט א גוסס'ען, וועלכער איז שיער ניט געשטאָרבען ביי מיר אונטער'ן מעסער. צוויי נעכט האָב איך פערבראכט נעבען איהם, און באלד — נור ווי איך האָב בעמערקט א קליינע בעסערונג ביי איהם, האָב איך זיך געהייסען פיהרען צו דער באהן.

אויף דער באהן האָט זיך ארויסגעוויזען, אז איך דארף ווארּ־טען נאָך א גאנצע שטונדע ביז דער צוג וועט אָפּגעהן. איך בין אוועק איבער די גאסען און האָב נאָך אַלץ געטראכט וועגען מיין פּאציענט. פּלוצים גיהט צו צו מיר עפּעס א מאָן.

איך קען קיין דייטש, ער האָט קיין פראנצויזיש פערשטאנען, אָבער דאָך האָב איך סוף כל סוף זיך אָנגעשטויסען, אז ער האָט צו פערקויפען הייליגע ביינער. איך האָב זיך גלייך דערמאָנט אָן זשילבערטא'ן, דערמאָנט זיך, ווי רעליגיעז זי איז. קורץ, קיין בע־סערע מתנה פאר איהר, ווי אזא, האָט מען גאָר ניט געקענט אויס־טראכטען. איך בין אוועק מיט דעם מאָן. ער האָט מיך געבראכט אין א געשעפט אריין פון הייליגע זאכען און מיר דערלאַנגט א „קליין שטיקעל קנאכען פון די עלף טויזענד יונג־פרויען".

די „הייליגע ביינער" זיינען געלעגען אין א רייצענדען, זיל־בערנעם קעסטעלע פון אלטער ארבייט. דאָן איז עס מיר אוודאי גע־פעהלען געוואָרען. איך האָב עס געקויפט, אין קעשענע אריינגע־לייגט, אוועק צו דער באהן און אין א וואגאָן זיך אריינגעזעצט.

ווען איך בין געקומען אהיים, האָב איך נאָך אמאָל געוואָלט

אָנקוקען מיין מתנה. איך האָב זי אַרויסגענומען... די שאַכטעל איז געווען אָפען, און אינוועניג — לעדיג. איך זוך אין אַלע קע־שענעס, זוך היינט, זוך מאָרגען, דער קליינער קנאָכען, קלענער ווי אַ שפּילקע, איז פערשוואונדען.

מיין ליעבער אבבע, דו ווייסט דאָך, אַז קיין שטאַרק גלויביגער בין איך ניט. דו ביזט „וט־הערציג גענוג, דו ביזט מיר פריינד גענוג, צו דולדען מיין גלייכגילטיגקייט און צו לאָזען מיך צורוה. דו האָפסט, אַז שפּעטער וועל איך זיך בעסערען, זאָגסטו. אין די „הייליגע ביינער", וואָס ווערען פערקויפט אין די געשעפטען, גלויב איך אוודאי און אוודאי ניט און דו אַליין גלויבסט אויך ניט אין דעם. קורץ, דער פערלוסט פון דעם דאָזיגען שטיקעל שעפסען־קנאָכען האָט מיך אַ האָאַר ניט געקימערט ; איך האָב לייכט גע־קראָגען אנאנדער שטיקעל ביינדעל און איהם אריינגעקלעבט אין שאַכטעל.

דאַן בין איך צו מיין כלה אוועק.

באַלד ווי זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי זיך אַ וואָרף געטהאָן מיר אַנטקעגען מיט אַן אונרוהיגען שמייכעל :

— וואָס האָסטו מיר געבראַכט ?

איך האָב געמאַכט זיך, ויי איך האָב כלומרשט גאָר אין גאַנצען אָן דעם פערגעסען ; זי האָט עס ניט געוואָלט גלויבען. איך האָב זיך לאַנג גערייצט מיט איהר און ווען איך האָב דערזעהן, אַז זי געהט אוים פאַר נייגעריגקייט, האָב איך איהר דערלאַנגט דאָס הייליגע קעסטעלע. זי איז געווען איבערגליקליך. „הייליגע ביינער ! הייליגע ביינער !" דערביי האָט זי ליידענשאַפטליך געקושט דאָס קעסטעלע. דאַ האָב איך זיך פערשעהמט פאַר מיין בעטרוג.

אָבער פּלוצים איז זי געוואָרען שטאַרק אונרוהיג. זי האָט מיך אָנגעקוקט שטאַרק, שטאַרק, מיט פאָרשענדיגע אויגען און געפרעגט :

— ווייסטו בעשטימט, אַז זיי זיינען אמת'ע ?

— בעשטימט.

— פון וואַנען ?

איך בין אריינגעפאַלען. מודה זיין זיך, זאָגען, אַז דאָס ביינ־

דעל האָב איך געקויפט ביי אַ הענדלער, וועלכען איך האָב אויף דער גאס געטראָפען, דאָס וואָלט געהייסען איבערגעפיהרט דעם גאַנצען עסק. אָבער וואָס זאָגט מען איהר פאָרט? אַ ווילדער גע־דאַנק איז מיר איינגעפאַלען און איך האָב זיך אַנגערופען שטיל און מיט אַ געהיימער מינע:

— איך האָב זיי גע'גנב'עט פאַר דיר!

זי האָט מיך אַנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען. אין זיי האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט פערוואונדערונג און בעגייסטערונג:

— אָה, דו האָסט ז ייגע'גנב'עט? וואו?

— אין דעם קלויסטער, פון דעם קאַסטען מיט די ביינער פון די עלף טויזענד יונגפרויען!

עס האָט איהר גענומען קלאַפּען אין'ם הארצען; זי האָט שיער ניט גע'חלש'ט פאַר גליק און זי האָט געמורמעלט:

— דאָס האָסטו פאַר מיר געטהאָן!... פאַר מיר... דערצעהל מיר... דערצעהל מיר אַלעס...

פערפאַלען, ארויסדרעהען זיך האָב איך שוין ניט געקענט. איך האָב אויסגעטראַכט אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע מיט אַלע איינצעל־הייטען. איך האָב דעם וועכטער געגעבען הונדערט פראַנק, אַז ער זאָל מיך אַליין אַריינלאָזען אין קלויסטער. גראָד האָט מען דאַן פעררעכט די קאַסטען, וואו עס זיינען געלעגען די הייליגע ביינער. ווען איך בין אריין אין קלויסטער, זיינען די ארבייטער און די גייסטליכע גראָד געהאַט אַוועקגעגאַנגען עסען מיטאָג. קיינער אוי־סער מיר איז אין'ם קלויסטער ניט געווען. איך האָב אויף גיך געעפענט די קאַסטען און ארויסגעכאַפּט פון דאָרט אַ קליין ביינ־דעלע, אָה גאָר אַ קליינס, פון דעם בארג ביינער. (איך האָב געמוזט זאָגען „פון דעם בארג", ווייל עלף טויזענד יונגפרויען האָבען דאָך געמוזט ליפערען אַ היבשע ביסעל ביינער). דערנאָך בין איך אוועק צו אַ גאָלד־ארבייטער און ביי איהם אַ קעסטעלע געקויפט, וואָס זאָל ווערט זיין אַזאַ הייליגקייט.

פערבייגעהענדיג האָב איך דערווײלע אריינגעוואָרפען, אַז דאָס קעסטעל האָט מיך געקאָסט פינף הונדערט פראַנק.

אָבער וועגען דעם האָט זי ניט געטראַכט. זי האָט זיך צוגע־

הערט צו מיין געשיכטע און געציטערט פאר בעגייסטערונג און ענט־ציקונג. זי האט ארויסגעמורמעלט : „איך האב דיך אזוי ליעב !“ דאן האט זי זיך א ווארף געטהאן מיר אין די ארעמס אריין.

בעטראכט נור : איך בין פיר איהר בעגאנגגען א גאטעס־לעסטערונג. איך האב גע'גנב'עט ; א קלויסטער פערשוועכט, א הייליגע קאסטען אויפגעבראכען, הייליגע ביינער בע'גנב'עט, פער־שוועכט. דערפאר האט זי מיך פערגעטערט, דערפאר האט זי מיך געהאלטען פאר דעם בעסטען, פאלקאמענסטען, רייצענדסטען מאן. אזוי איז די פרוי, ליעבער אבבע, די עכטע פרוי !

גאנצע צוויי מאנאטען דערנאך בין איך געוועזען דער בעסטער חתן. איהר צימער האט זי געמאכט פאר א מין הייליגען ארט און געהאלטען דארט דאס שעפסען־ביינדעל, וואס איך האב גע'גנב'עט, ווי זי האט גערענקט, צוליעב דער געטליכער ליעבע ; און יעדען טאג האט זי דארט פערבראכט, נעבען דעם דאזיגען שעפסען־ביינדעל, בעגייסטערט און ענטציקט.

איך האב זי געבעטען, זי זאל וועגען דעם, חלילה ניט ריידען. מען קאן נאך מיך ארעסטירען און ארויסגעבען צו דייטשלאנד — האב איך איהר געזאגט. זי האט ניט גערעדט.

אבער דא אין'ם פריהלינג האט זי מיט אמאל אנגעכאפט א ווילדער ווונש, צו זעהן מיט די אייגענע אויגען דעם ארט, וואו איך האב בעגאנגען מיין העלדענ־טהאט. זי האט אזוי לאנג גע־מארטערט איהר פאטער, ביז ער איז מיט איהר געפאהרען אין קעלן. פון מיר האט מען עס געהאלטען בס:ד. אזוי האט זי געוואלט.

עס איז איבריג צו זאגען, אז איך בין קיינמאל דארט אין'ם קלויסטער ניט געוועזען און ווייס אפילו ניט, ווי ער זעהט אויס אי־נעווועניג. נאך וועניגער ווייס איך, וואו די קאסטען מיט די ביי־נער פון די עלף טויזענד יונגפרויען געפינט זיך.

אין א וואך ארום האב איך בעקומען פון איהר צעהן ציילען, וועלכע האבען מיר מיין ווארט צוריקגעגעבען. דאן א בריעף פון איהר פאטער, וועמען זי האט שוין געהאט דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. פון דעם דאזיגען בריעף איז מיר אלעס קלאר געווארען. גלייך ווי זי האט דערזעהן די קאסטען מיט די ביינער, אזוי

זיינען איהר באלד קלאָר געוואָרען מיין בעטרוג, מיינע ליגען און אויך מיין אונשולד. זי האָט ביי דעם וועכטער פון די הייליגע ביינער געפרעגט, אויב עמיצער האָט אמאָל דאָ פון דער קאסטען גע־גנב׳עט, האָט ער זיך צולאַכט און איהר אויפגעוויזען, ווי אונמעגליך איז אזא זאך.

אָבער פון דעם אויגענבליק אָן, ווען עס האָט זיך ארויסגע־שטעלט, אז איך האָב קיין פערברעכען ניט בעגאנגען אין דעם היי־ליגען אָרט, אז מיינע הענד האָבען ניט געשענדעט די הייליגע ביי־נער, בין איך שוין מעהר ניט ווערט געווען מיין בלאָנדער כלה.

דעם שוועל פון איהר הויז האָט מען מיר פערבאָטען אריבער־צוטרעטען. אומזיסט זיינען געווען מיינע רייד, אומזיסט מיין בעטען — גאָר נישט האָט געקענט ווייכער מאכען די פרומע שעהנ־הייט.

פאר צער בין איך געוואָרען קראנק.

און פאָריגע וואָך האָט אייער ביידענס קוזינע, מאדאם ד׳אר־וויל, מיך איינגעלאַדען צו זיך. איצט הער די בעדינגונגען, אונטער וועלכע זי וויל מיר פערצייהען: איך מוז איהר פערשאפען היילי־גע ביינער, און דוקא פון א הייליגע יונג פרוי, אָבער ריכטיגע, וואָס זייער עכטקייט זאָל דער פאפסט אליין בעשטעטיגען. איך ווער פערריקט פאר אונרוה און פערלעגענהייט.

ווען נויטיג וועל איך פאָהרען אין רוים. אָבער איך קען דאָך ניט קומען צום פאפסט און איהם דערצעהלען מיין נארישע געשיכ־טע. און אויסער דעם גלויב איך קוים, אויב מען וועט אנפער־טרויען עכטע הייליגע ביינער פריוואט פערזאָנען.

צו קענסטו מיר ניט געבען א רעקאָמענדאציאָן צו וועמען ניט־איז פון די קארדינאלען אָדער כאָטש צו א פראנצויזישען פרעלא־טען, וואָס פערמאָגט א רעשטעל פון עפעס א הייליגער? צו אפשר פערמאָגסטו גאָר אליין די טהייערע זאך, וואָס איך זוך?

ראטעווע מיך, ליעבער אבבע, און איך פערשפרעך דיר, צו בע־קעהרען זיך צו דעם אמת׳ן גלויבען פריהער מיט צעהן יאָהר!

מאדאם ד׳ארוויל, וועלכע נעהמט זיך די געשיכטע שטארק צום הארצען, האָט מיר געזאָגט:

— די ארעמע זשילבערטא וועט קיינמאָל ניט הייראטען !
ליעבער פריינד, שוין־זשע וועסטו דערלאָזען, אז דיין קוזינע זאָל א יונגינקע פון דער וועלט אוועקגעהן אלס קרבן פון א נארי־שען שפאס ? איך בעט דיך, איך בעט דיך, העלף, דערלאָז ניט, זי זאָל חלילה ווערען נומער עלף טויזענד און איינס.

פערצייהע, איך בין עס אפילו ניט ווערט ; אָבער איך דריק דיין האנד און איך האָב דיך ליעב פון גאנצען, גאנצען הארצען.

דיין אלטער פריינד,

אנרי פאָנטאל.

אונזערע בריעף

נאך א אכט שטונדיגען פאהרען אויף'ן אייזענבאהן, שלאפען אנדערע ווי געהרג'עטע, און אנדערע קענען גארניט שלאפען. איך אליין געהער צו די לעצטע, וועלכע קענען מיט א'ן אויג ניט צו מאכען א גאכט נאכדעם.

א זייגער פינף בין איך אנגעקומען צו מיין פריינד מורעט דע ארטוס, אום אויף זיין גוט דריי וואכען צו פארברייגגען.

דאס הויז, וואס ער האט בעוואהנט, איז געווען א שעהנע געביידע. איינער פון זיינע עלטער־זיידעס האט עס געבויט צום סוף פון פאריגען יאהר־הונדערט און זייט דעם איז עס געבליעבען אין דער פאמיליע. א גאנץ בעזונדערע אייגענארטיגקייט האט זיך געפיהלט אין דעם דאזיגען הויז, וואו עס האבען אימער געוואהנט די זעלבע מענשען, וואו עס איז שטענדיג געשטאנען די זעלביגע מעבעל. קיין זאך האט זיך דארט ניט געענדערט. מען שפירט אימער דעם הויך פון דעם זעלבען גייסט אין די צימערן ; די אבגענוצטע און אבגעבליאקירטע טאפעטען ווערען קיין מאל ניט ארונטערגעריסען פון די אלטע ווענט. די שטיקער מעבעל, ווי אלט זיי זאלען ניט זיין, בלייבען אימער אין הויז, העכסטענס שטעלט מען זיי נור אביסעל איבער, אום צו מאכען פלאץ פאר עפעס א נייער זאך, וואס זעהט דאן אויס ווי א ניי געבארענעם קינד צווישען עלטערע שוועסטער.

דאס הויז ליעגט אויף א בערגעל אין מיטען פון א פארק, וועלכער ציהט זיך ביז צום טייך ארונטער. פון דער אנדערער זייט טייך ציהען זיך לאנקעס, דארט פאשען זיך גאנצע סטאדעס דיקע קיה, קייען דאס זאפטיגע גראז און אין זייערע פייכטע אויגען שפיגעלט

זיך אָב, דאַכט זיך, אַ מין חיות. איך האָב ליעב דאָס דאָזיגע הויז, ווי עטוואָס וואָס מען וואָלט שטאַרק וועלען בעזיצען. יעדען יאָהר קום איך אהין אין יעסען און יעדעס מאָל פרעה איך זיך אָהן אַ מאָס. און מוז איך פון דאָרט אַוועק, ווער איך זעהר טרויעריג.

נאָכדעם ווי איך האָב אָבגעגעסען מיט מיינע פריינד, וועלכע האָבען מיך אויפגענומען ווי אַ לייבליכען קרוב, האָב איך געפרעגט מיין אַלטען פריינד פאָול מורעט:

— וואָס פאַר אַ צימער האָסטו מיר היינטיגס יאָהר געגעבען?

— דעם צימער פון טאַנטע ראָזע.

אין אַ שטונדע אַרום האָט מיך פרוי מורעט דע־אַרטוס, בעגלייט פון איהרע דריי קינדער, צוויי גרויסע מיידלאַך און איין אייגעל, אַוועקגעפיהרט אין צימער פון טאַנטע ראָזע. דאָרט האָב איך נאָך קיין מאָל ניט געוואָהנט.

ווען איך בין געבליעבען אַליין, האָב איך גענומען בעטראַכ־טען די ווענד, די מעבעל, דאָס גאַנצע אויסזעהן פון׳ם צימער. גע־קענט האָב איך איהם, איך בין דאָ פריהער שוין געוועזען אַ פּאָאָר מאָל און האָב מיט גלייכגילטיגע בליקען בעטראַכט אַ בילד פון טאַנטע ראָזע, וועמעס נאָמען דער צימער האָט געטראָגען.

מיט איהרע קרייזלאַך האָט די דאָזיגע אַלטע טאַנטע ראָזע אויסגעזעהן אויף איהר פאַרטונקעלטען בילד גאַנץ אונאינטערע־סאַנט. זי האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון איינער פון יענע בראַווע פרויען, וואָס פיהרען אַ שטרענגען, פּרינציפּיעלען לע־בען און וועלכע זיינען פונקט אַזוי שטאַרק אין מאָראַל פּרעדיגען ווי אין דער קאָך־קונסט. איך האָב זי אָנגענומען פאַר איינער פון יענע אַלטע טאַנטעס, וואָס ווייסען ניט פון פרעהליכקייט, פון לעבעדיג־קייט, און וועלכע געהען אַרום אין די פּראָווינציעלע פאַמיליעס ווי אַ פינסטערער שאָטען.

אגב האָב איך קיינמאָל ניט געהערט פון איהר רעדען. אויך האָב איך גאָרנישט געוואוסט ניט פון איהר לעבען און ניט פון איהר טויט. האָט זי געלעבט אין היינטיגען יאָהר הונדערט צו אין דעם פערגאַנגענעם? האָט זי די וועלט פערלאָזען נאָך אַ רוהיגען אָדער אַ שטורעמדיגען לעבען?

האט זי צום הימעל געבראכט דאס ריינע הארץ פון א'ן אלטער מיידעל, אדער דאס שטילע הארץ פון א פערהייראטער פרוי ? דאס צערטליכע הארץ פון א מאמע, אדער א הארץ צוריטעלט פון ליעבעס שטורעמס ? און פארוואס רופט מען זי „טאנטע ראזע“ ?

איך האב גענומען א לייכטער, אום צו בעטראכטען איהר ערנסטען פנים, וועלכער האט אויף מיר ארויסגעקוקט פון א'ן אלטען פערגאלדעטען, פון האלץ אויסגעשניצטען ראהם. עס האט זיך מיר אויסגעוויזען אונאינטערעסאנט, אונאנגענעהם, זאגאר אונסימפאטיש. דאן האב איך בעטראכט די איינריכטונג. אלע מעבעל זיינען הפנים געוועזען פון דער צייט פון לודוויג דעם זעכצעהנטען.

זייט דאן איז אין דעם דאזיגען צימער ניט צוגעקומען קיין זאך, קיין שטוהל, קיין פארהאנג. א הויך פון אלטע, אלטע צייטען האט געשוועבט איבער אלעס, איבער דאס האלץ, די שטאפען, די טאפעטען, איבער'ן גאנצען צימער, וואו מענשען האבען אמאל געלעבט, געליעבט און געליטען.

דאן האב איך זיך געלייגט צו בעט, אבער איך האב ניט געקענט שלאפען. נאכדעם ווי איך האב זיך ארומגעווארפען א פאאר שטונדען אהין און אהער, האב איך זיך ענדליך בעשלאסען אויפצושטעהן און שרייבען עטליכע בריעף.

איך האב געעפענט א קליין שרייב טיש מיט מעטאלענע לייסטען, וועלכער איז געשטאנען צווישעןביידע פענסטער. איך האב געדענקט, אז איך'ל דארט געפינען טינט און פעדער. אבער איך האב דארט גארנישט געפונען אויסער א'ן אלטע הענטעל פון א פעדער, וועלכע איז געוועזען צוביסען פון דער אנדערער זייט. איך האב שוין געוואלט צוריק צומאכען דעם שרייב־טיש, ווען א ליכטיגער פונקט האט זיך מיר א ווארף געטהאן אין די אויגען, דאס איז געוועזען עפעס א מין געלער טשוועקעל, ווי א קליין רונד קנעפעל, אויף'ן עק פון א ברעטעל.

ווען איך האב איהם אנגעריהרט מיט'ן פינגער, האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז ער בעוועגט זיך. איך האב איהם אריינגענומען

צווישען צוויי פינגער און א ציה געטהון אזוי שטארק ווי איך האב געקענט. ער האט לאנגזאם נאכגעגעבען. דאס איז געווען א לאנגע גאלדענע שפילקע, אריינגערוקט אין א לאך אין האלז און דארט בע־האלטען.

צו־וואס ? גלייך איז מיר איינגעפאלען, אז דא ליעגט בעהאל־טען עפּיס א סוד. און איך האב אנגעהויבען צו זוכען. אבגעזוכט א שעה צוויי און געמאכט אלערליי פּראבעס, האב איך ענטדעקט נאך א לאך פּונקט אנטקעגען דער ערשטער. איך האב אריינגע־שטעקט אהין מיין שפּילקע, און א קליין ברעטעלע האט א שפּרונג געטהאן מיר אנטקעגען. איך האב דערזעהן צוויי פּעקלאך געל־געווארענע בריעף, איבערגעבונדען מיט א בלויער באנד. איך האב זיי געלעזען און צוויי פון זיי איבערגעשריבען. אט איז זייער אינהאלט :

מיין געליעבטע פריינדין !

דו ווילסט אלזא איך זאל דיר צוריקגעבען דיינע בריעף ? אט דא האסטו זיי. אבער עס טהוט מיר זעהר וועה ! פארוואס האסטו מורא, אז איך וועל זיי פערליערען ? זיי ליעגען דאך פערשלאסען ! — אז מען זאל זיי גנב'ענען ? — אבער איך בעוואך זיי דאך אזוי גוט, זיי זיינען דאך מיין טהייערסטער אוצר.

יא, דאס טהוט מיר זעהר וועה און טיעף אין מיין הארצען האב איך זיך געפרעגט, צו האסטו נים חרטה אפשר, — ניט אויף דעם, וואס דו האסט מיך געליעבט, דען איך וויים, אז דו ליעבסט מיך נאך אימער — נור אויף דעם, וואס דו האסט דיין הייסע ליע־בע אויף פּאפּיר אויסגעדריקט אין יענע שטונדען, ווען דיין הארץ איז געווען פול און האט איהרע געהיימניסע פערטרויט — ניט מיר, נור דער פעדער, וואס דו האסט אין דער האנד געהאלטען.

ווען מיר ליעבען, האבען מיר דאס בעדירפעניש זיך אימעצען צו פערטרויען, א צערטליכע בעדירפעניש צו רעדען אדער צו שריי־בען, און מיר ריידען און מיר שרייבען. אויסגעשפּראכענע ווערטער שוועבען אוועק, טהייערע ווערטער, פול מיט מוזיק, מיט זיסע טע־נער און צערטליכקייט, הייסע ווערטער, אויסגעהויכט מעהר ווי אויסגערעדט, ווערטער וועלכע לעבען דערנאך אין אונזער עראי־

נערונג, אָבער מען קען זיי ניט זעהן, ניט בעריהרען, ניט קושען, ווי די ווערטער, וועלכע דיין האנד האָט געשריעבען. דיינע בריעף? יא, איך גיעב זיי דיר צוריק. אָבער מיר איז טרויעריג, אזוי טרויע־ריג!

דו האָסט זיך דערנאָך אודאי פארשעהמט פאר די ווערטער, וועלכע לאָזען זיך מעהר נישט אויסלעשען. דו מיט דיין צארטער, שרעקעדיגער נשמה, וועלכע ווערט פערציטערט פון דער קלענסטער בעריהרונג, האָסט מסתמא בעדויערט, וואָס דו האָסט געשריעבען צו א מאַן, אז דו האָסט איהם ליעב. די ווערטער, וועלכע האָבען דיך אמאָל בעוועגט, זיינען דיר צוריק אויף די געדאנקען ארויף און דו האָסט צו זיך געזאָגט, אז זיי מוזען פערברענט ווערען אויף אַש.

זיי צופריעדען, זיי גליקליך. אָט זיינען זיי דיינע בריעף, איך ליעב דיך.

* * *

ליעבער פריינד!

ניין, דו האָסט מיך ניט פערשטאנען, האָסט מיין אבזיכט ניט געטראָפען. איך בעדויער ניט און וועל עס קיין מאָל ניט בע־דויערען, וואָס איך האָב זיך פאר דיר מודה געווען אין מיין ליעבע. איך וועל צו דיר אימער שרייבען, אָבער דו מוזט מיר מיינע בריעף צוריקגעבען, אזוי שנעל ווי דו וועסט זיי ערהאַלטען.

ווען איך זאָג דיר דעם גרונד פאר דעם דאָזיגען וואונש מיי־נעם, ווערט ער דיך וואהרשיינליך בעליידיגען, דען דער גרונד איז ניט א פּאָעטישער ווי דו דענקסט, גור, פערקעהרט, זעהר א פּראַק־טישער... אַך, פאר דיר האָב איך קיין מורא ניט, אָבער איך שרעק זיך פאר א צופאַל. איך בין געוואָרען א שולדיגע און איך וויל ניט, אז מיין שולד זאָל פאַלען אויף ווענען עס איז אויסער מיר אליין.

דו ווייסט, מיר קענעןביידע שטאַרבען, דו און איך. דו קענסט ארונטערפאַלען פון׳ם פערד, ווארום דו פאָהרסט דאָך יעדען טאָג רייטענדיג, קענסט פּלוצים פאַלען אין א דועל, עס קען דיך טרעפען א הערץ־שלאָג, א אונגליקליכער צופאַל מיט דער קאַרעטע, קורץ, אויף טויזענדערליי ארטען קענסטו שטאַרבען. איין מאָל

איז דאַ דער טויט, דאַן זיינען פאַראַן מעהר טויט אורזאַכען, ווי טעג אין אונזער לעבען.

דאַן וועלען דיין שוועסטער, דיין ברודער, דיין שוועגערין מיינע בריעף געפינען.

גלויבסטו, אַז זיי האָבען מיך ליעב ? איך גלויב עס ניט. און ווען זיי זאָלען מיך אַפילו פאַרגעטערן, איז עס דען מעגליך, אַז צוויי פרויען און איין מאַן זאָלען וויסען אַ געהיימניס, און דערצו נאָך אַזאַ געהיימניס, און זאָלען דערפון ניט רעדען ?

עס קלינגט זעהר מיאוס, וואָס איך רעד אַפריהער פון דיין טויט און דאַן נאָך פון דער פערשוויגענהייט פון דיינע קרובים.

אָבער מיר שטאַרבען דאָך אַלע, היינט אָדער מאָרגען, ניט אמת ? און עס איז דאָך כמעט זיכער, אַז איינער פון אונזביידע וועט איבערלעבען דעם אנדער'ן. מוז מען אַלזאָ אַלע געפאַהרען פאָראויסזעהן, און די דאָזיגע אויך.

איך אָבער וועל דיינע בריעף אוועקלייגען נעבען מיינע אין אַ געהיימען שופליאַד פון מיין קליין שרייב-טישעל און וועל זיי דאָרט בעהאַלטען. איך וועל זיי דיר אַמאָל דאָרט ציינען ווי זיי רוהען דאָרט זייט ביי זייט אין זייער מיט זיידענם בעשלאָגענעם באהעלטעניש, ווי צוויי ליעבענדע אין איין קבר.

דו וועסט זאָגען : אָבער ווען דו שטאַרבסט צוערשט, דאַן וועט דיין מאַן די דאָזיגע בריעף געפינען.

אָה, איך האָב פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט : ערשטענס ווייס ער ניט פון דעם געהיימניס אין מיין שרייבטיש און דאַן וועט ער דאָרט גאָרנישט זוכען. און ווען ער זאָל אַפילו נאָך מיין טויט עפּעס געפינען, האָב איך אויך ניט פאַרוואָס מורא צו האָבען.

האָסטו שוין אַמאָל געטראַכט פון אַלדי ליעבעס בריעף, וואָס מען געפינט אין שרייבטיש פון אַ טויטער ? איך דענק וועגען דעם שוין זייט אַ לאַנגער צייט און מאַקע דערפאַר וואָס איך האָב וועגען דעם אַזוי פיעל געטראַכט, בין איך געקומען דערצו, צו פערלאַנגען פון דיר מיינע בריעף צוריק.

פאַרגעס ניט, אַז אַ פרוי פערברענט ניט, צורייסט ניט און פערניכטעט קיין מאָל ניט די בריעף, אין וועלכע מען ערקלעהרט זיך

איהר אין ליעבע. אין זיי ליגט אונזער גאנץ לעבען, אלע אונזערע האפנונגען, אונזער ערוואַרטונג, אונזער טרוים פון גליק. די דאָזיגע קליינע בלעטלאך, וועלכע טראָגען אונזער נאָמען און שמייכלען אונז מיט זיסע רייד, זיינען היילינגטהימער, און מיר פרויען ליעבען די קירכען, איבערהויפּט די, אין וועלכע מיר אליין זיינען די הייליגע. אונזערע ליעבעס־בריעף זיינען די בעווייזע פון אונזער שענהייט, אונזער ליעבענסווירדיגקייט, אונזער אונווידערשטעהליכקייט, דער געהיימער שטאָלץ פון יעדער פרוי, דאָס שאַץ־קעסטעלע פון איהר הארצען. ניין, קיין מאָל וועט די פרוי ניט צושטערען די דאָזיגע טהייערסטע געהיימע דאָקומענטען פון איהר לעבען.

אָבער מיר שטארבען ווי די גאַנצע וועלט און דאַן — דאַן וועט מען אונזערע בריעף געפינען. ווער געפינט זיי? דער מאַן. וואָס טהוט ער מיט זיי? גאָרנישט, ער פערברענט זיי.

אָה, איך האָב פיעל וועגען דעם געטראַכט. באַרעכבען נור, אז אלע טאָג שטארבען פרויען, וועלכע האָבען געהאַט ליעבהאָבער, און אז טאָג־טעגליך פאַלען אריין די בעווייזע פון זייער שולד אין די הענד פון זייערע מענער. און טראָצדעם הערט מען קיינמאָל ניט פון א סקאַנדאַל, קיין מאָל ווערט ניט צוליעב דעם א דועל.

טהו א טראַכט, מיין ליעבער פריינד, וועגען דעם מאַן און וועגען זיין הארץ. מיט א לעבעדיגער רעכענט ער זיך אָפּ. ער נעהמט אָן איהר נקמה, ער שלאָגט זיך מיט דעם, וועלכער האָט זיין עהרע בעשמוצט, ער טויטעט איהם, אזוי לאַנג ווי די פרוי לעבט, וויל... יאָ, וואָרום? איך וויים אליין ניט. אָבער ווען מען געפינט די דאָזיגע בעווייזע נאָך דעם טויט פון דער פרוי, דאַן פערברענט מען זיי און מען וויל פון קיין זאַך מעהר ניט וויסען. מען בלייבט גוט פריינד מיט דעם געליעבטען פון דער טויטער און מען גיט איהם די האַנד. מען פיהלט זיך בערוהיגט און בעפריעדיגט, וואָס די דאָזיגע בריעף זיינען ניט אריינגעפאַלען אין פרעמדע הענד און מען פרעהט זיך, וואָס זיי זיינען פערניכטעט.

אַך, איך וויים גאַנץ גוט, אז פיעל פון מיינע פריינד האָבען געמוזט פאַרברענען אזעלכע בריעף און איצט מאַכען זיי אַן אַנשטעל, ווי זיי וויסען ניט פון וואָס צו זאָגען, וועהרענד זיי וואָלטען

זיך געשלאָגען מיט א ווילדער פארביסענקייט, ווען זיי זאָלען דאָס האָבען געוואוסט פאר'ן לעבען פון זייערע פרויען. אָבער די פרוי איז טויט. דער בעגריעף פון עהרע האָט זיך געענדערט. דער קבר איז פאר דעם בעטראָגענעם מאַן ווי די פאַרלייגגערטע צייט פאר א פערברעכען.

איך קען אלזא די בריעף, וועלכע זיינען אין דיינע הענד גע־פעהרליך פאר אונז ביידע, רוהיג בעהאלטען.

קענסטו זאָגען, אז איך בין אונגערעכט?

איך ליעב דיך און קוש דיר אין שטערן.

ראָזא.

איך האָב אויפגעהויבען די אויגען צום בילד פון טאַנטע ראָזא, האָב אָנגעקוקט איהר ערענסט, צוקנייטשט, עטוואָס בייז פּנים און גענומען טראַכטען: פון אַלדי פרויען־נשמות, וועלכע מיר פער־שטעהען ניט, וועלכע מיר שטעלען זיך פאַר גאַנץ אַנדערש ווי זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט, וועמעס געבאָרענע שלויקייט, ווע־מעס קופּערנער שטערן און שאַרפע צינגעלאַך זיינען אַזוי שווער פאַר אונז צו בעגרייפען, צו ווידערשטעהן.

גערֿאַטעוועט

די קליינע מאַרקיזע דע רענענדאָן איז אַריינגעפאַלען אין צימער, ווי אַ קויל, וואָס ברעכט זיך דורך דורך גלאָז, און נאָך איידער זי האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, האָט זי גענומען לאַכען, לאַכען ביז טרעהרען, פונקט אַזוי ווי זי האָט געלאַכט מיט אַ מאָנאַט צוריק, ווען זי האָט דערצעהלט איהר פריינדין, אַז זי איז פאַלש געוואָרען דעם מאַרקיז, האָט איהם בעטראָגען און מיט דעם איינציגען צוועק צו נעהמען אָן איהם נקמה, ווייל ער איז שוין צו נאַריש און צו אייפערזיכטיג.

די באַראָנעסע דע גראַנזשע האָט אַ וואָרף געטהאָן דאָס בוך, וואָס זי האָט געלעזען, אויף דער זאָפע, אָנגעקוקט מיט נייגעריגקייט אַננעטע'ן און זיך אַליין אויך צולאַכט.

צום סוף האָט זי געפרעגט:

— נו, האָסט שוין עפּעס ווידער אָבגעטהאָן?

— אָך, מיין טהייערע... מיין טהייערע... דאָס איז אַזוי קאָמיש, אַזוי קאָמיש... שטעל זיך פאָר... איך בין גערעטעט... גערעטעט... גערטעט!

— וואָס הייסט גערעטעט?

— אָט אַזוי, פּשוט גערעטעט.

— פון וואָס, פון וועמען?

— פון מיין מאַן, מיין טהייערע. בעפרייט, פריי, פריי!

— וואָס הייסט פריי? פון וואָס?

— פון וואָס? פון אַלסדינג: ס'הייסט אַ גט. יאָ, אַ גט. דער גט איז איצט אין מיינע הענד.

— דו האָסט זיך גע'גט מיט דיין מאַן?

— דערווייל נאָך נישט, נאַרעלע. דריי אַ זייגער גט מען

זיך ניט. אָבער איך האָב בעווייזע... בעווייזע, אַז ער איז מי. פאַלש... איך האָב איהם געכאַפּט ביי דער האַנד אויף דעם פּלאַץ... שטעל זיך פאָר... אין רעכטען מיטען...

— אך ווי אינטערעסאַנט ! דערצעהל עס מיר. הייסט עס, אַז ער האָט דיך גענאַרט ?

— יאָ.. דאָס הייסט, ניין... אי יאָ אי ניין... איך ווייס ווירקליך ניט. נור איך האָב בעווייזע, דאָס איז די הויפּטזאַך...

— ווי אַזוי־זשע האָסטו זיי געקראָגען ?

— ווי אַזוי איך האָב זיי געקראָגען ? הער אויס. אַך, איך בין געוועזען ענטשלאָסען, ענטשלאָסען און איינגעשפּאַרט. פאַר די לעצטע דריי מאָנאַטען איז ער געוואָרען אין גאַנצען אונערטרעג־ליך : האָט מיך בעהאַנדעלט האַרט, גראָב, דעספּאָטיש. צום סוף איז ער געוואָרען איינפאַך ניעדערטרעכטיג. איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין : אַזוי קען עס ווייטער ניט געהן : איך מוז האָבען אַ גט. אָבער ווי אַזוי קריעגט מען אַרויס אַ גט ? דאָס איז גע־ווען ניט קיין לייכטע שטיקעל אַרבייט. אין אָנהויב האָב איך גע־פּרובט צופיהרען אַזוי, אַז ער זאָל מיך שלאָגען. האָט ער עס אָבער ניט געטהאָן. פון אין־דער־פריה ביז ביינאַכט האָט ער געטהאָן אַלסדינג מיר אויף צו להכעיס, האָט מיך געצוואונגען אוועקצוגעהן, ווען איך האָב געוואָלט זיין אין דערהיים, אָדער בלייבען אין דער היים, ווען איך האָב גאַר געוואָלט עסען דיענער וואו עס איז אין אַ רעסטאָראַנט. אין פערלויף פון אַ גאַנצער וואָך האָט ער מיר מיין לעבען פערביטערט, געמאַכט איינפאַך אונערטרעגליך ; אָבער געשלאָגען האָט ער מיך ניט.

דאַן האָב איך גענומען פאָרשען, צי האָט ער ניט וואו עס איז אַ געליעבטע. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט. ער איז אָבער געוועזען זעהר פאָרזיכטיג, האָט זיך געהיט. עס איז געוועזען אונמעגליך זיי צו כאַפּען ביינאַנד. הייגט טרעף, וואָס איך האָב גע־טהאָן ?

— ווי קען איך עס טרעפען ?

— געוויס, דיר וועט עס קיינמאָל ניט איינפאַלען. איך האָב

געבעטען מיין ברודער, ער זאָל מיר פערשאפען א בילד פון יענער פערזאָן.

— פון דיין מאנס געליעבטער ?

— יאָ. דאָס האָט געקאָסט זשאק'ען פופצעהן לואידאָרס, דערפאַר האָט ער מיט איהר פערבראכט פון זיעבען ביז צוועלף, אריינגערעכענט דעם מיטאָג, מאכט עס אויס דריי לואידארס א שטונדע. אלס א צוגאב האָט ער געקראָגען דאָס בילד.

— איך דענק, אז דאָס בילד האָט ער געקאָנט קריעגען ניט... ניט... ניט זייענדיג געצוואונגען צו בעזיצען דעם אָריגינאל אויך.

— זי איז אָבער א גאנץ שענינקע. דאָס איז זשאק'ען ניט געווען אונאנגענעהם. אויסער דעם האָב איך געמוזט דערגעהן איינינע איינצעלהייטען וועגען איהר וואוקס, איהר בוזים, די געזיכטס־פארב און טויזענדער אנדערע זאכען.

— איך פערשטעה דיך ניט.

— דו וועסט גלייך פערשטעהן. ווען איך האָב זיך דערוואוסט אלסדינג, וואָס איך האָב געוואָלט, בין איך אוועק צו איינעם א געוויסען... ווי זאָל איך עס אָנרופען... צו א געוויסען געשעפטס־מאַן... פערשטעהסט ? איינער פון יענע לייט, וועלכע פיהרען אָלע סאָרטען געשעפטען : ווי ארויסרופען אָן עפענטליכען סקאנדאל און אזוי ווייטער און אזוי ווייטער... דו פערשטעהסט שוין אליין, מיט איין וואָרט...

— יא, איצט הויב איך אָן צו בעגרייפען. און דו האָסט איהם אלסדינג דערצעהלט ?

— איך האָב איהם געוויזען קלאריסא'ס בילד (זי הייסט קלאַריסא) און געזאָגט : איך דארף א דיענסט, וועלכע זאָל זיין עהנליך צו דיעזער... איך וויל, אז זי זאָל זיין שעהן, עלעגאנט, נעט און ציכטיג. איך וועל איהר בעצאָהלען, וויפיעל עס וועט נויטיג זיין. עס מעג מיר אפילו קאָסטען צעהן טויזענד פראנק. דארפען דארף איך זי ניט מעהר, ווי אויף דריי מאָנאטען.

ער האָט געמאכט זעהר א פערוואונדערטען פנים, דער דאָזיגער הערר. דערנאָך האָט ער געפרעגט :

— ווילט איהר, אז זי זאָל זיין דורכאויס אָרענטליך ?

איך בין רויט געווארען, דאך האב איך געענטפערט:

— יא... זי מוז זיין ארענטליך.

ער האט צוגעלייגט:

— איהר מיינט, אז זי מוז זיין מאראליש אויך?

איך האב ניט געהאט קיין מוטה צו ענטפערען. איך האב נור א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ אויף ניין. נור דא האב איך זיך געכאפט, אז דאס קען אין איהם ערוועקען א שרעקליכען גע־דאנק, האב איך אין גאנצען דעם קאפ פערלארען און גענומען שרייען:

— דאס איז פאר מיין מאן, וועלכער איז מיר פאלש... וואס בעטריגט מיך אן דער זייט... און איך וואלט וועלען... ער זאל מיך בעטריגען אין דער היים... איהר פערשטעהט... אום איהם צו כאפען דערביי.

דערהערט עס, האט זיך דער דאזיגער העדר צולאכט הויך אויף א קול. נור אן זיינע אויגען איז קענטיג געווען, אז ער האט גע־נומען פיהלען אכטונג צו מיר. עס איז איהם געפעלען געווען מיין דרייסטקייט. איך בין זיכער, אז אין יענער מינוט האט זיך איהם זעהר געוואלט א דריק טהאן מיין האנד.

ער האט צו מיר געזאגט:

— אין א וואך ארום, מאדאם, וועל איך ערפילען אייער וואונש. אויב נויטיג, וועט מען זאגאר קענען אומבייטען די פער־זאן. פאר דעם ערפאלג קאוויר איך אייך. געצאהלט וועל איך קריגען, ווען איהר וועט ערררייכען די געווינשטע רעזולטאטען. דיעזע בילד איז אלזא פון אייער מאן'ס געליעבטע?

— יא, מיין העדר.

—א שעהנע פרוי... מיט עטוואס געמאכטער, קינסטליכער מאגערקייט. און וואס פאר א פארפיום?

איך האב ניט פערשטאנען און האב איבערגעפרעגט:

— וואס מיינט איהר — וואס פאר א פארפיום?

ער האט א שמייכעל געטהאן און געענטפערט:

— אה, מאדאם, פארפיום איז זעהר א וויכטיגע זאך, ווען עס האנדעלט זיך צו פערפיהרען א מאן, ווייל עס ערוועקט אין איהם

אונבעוואוסטע עראינערונגען, וועלכע בעוועגען איהם צו האנדלען; פארפיום רופט ארוים א גיט קלאָהרע אויפרעגונג אין מח, צומישט און רעגט איהם אויף, דערמאָנענדיג איהם אָן פריהערדיגע געגו־סען... עס וואָלט אויך ניט געשאדט צו וויסען, וואָס אייער מאן עסט געוועהנליך, ווען ער שפייזט מיט דער דאָזיגער דאמע. איהר וואָלט דאן דיזעלבע שפייזען געקענט צובערייטען פאר איהם אין דעם אבענד, ווען איהר וועט וועלען איהם כאפען ביי דער האנד. אָה, מיר וועלען איהם שוין כאפען, איהר מעגט זיין זיכער, אז מיר וועלען איהם כאפען.

איך בין אוועק א ענטציקטע. איך האָב געזעהן, אז איך האָב צו טהאָן מיט זעהר א קלוגען מענשען.

2.

אין דריי טעג ארום איז צו מיר געקומען א הויכע ברונעטקע, א גאנץ שעהנע, מיט א בעשיידענעם און אין דערזעלבער צייט אויך ענטשלאָסענעם אויסזעהן — א בעזונדערער טיפ פון א פעהיגער און ערפאַהרענער פרוי. מיט מיר האָט זי זיך געהאלטען זעהר אנשטענדיג. ניט וויסענדיג געגוי, מיט וועמען איך האָב דאָ צו טהאָן, האָב איך זי אָנגערופען „מאדעמאזעל", דארויף האָט זי בע־מערקט: „איהר קענט מיך רופען איינפאך ראָזא". מיר האָבען גענומען שמועסען.

— איהר ווייסט דאָך, ראָזא, צוליעב וואָס מען האָט אייך אהער איינגעלאַדען?

— איך שטוים זיך אָן, מאדאם.

— זעהר שעהן, מיין ליעבע... און דאָס... און דאָס זשענירט אייך ניט?

— אָה, מאדאם, דאָס איז שוין דער אכטער גט, וואָס מענ־שען האָבען דורך מיר ארויסגעקראַגען... איך בין שוין געוואָהנט.

— אויסגעצייכענט. וועט איהר דארפען א סך צייט, אום צו ערדייכען דעם דאָזיגען צוועק?

— דאָס העגגט אין גאנצען אָב פון אייער מאנס טעמפעראַ־

מענט. אַבזייענדיג מיט דעם הערדן פינף מינוט אויג אויף אויג, וועל איך עס אייך קענען זאָגען גאַנץ גענוי.

— איהר וועט איהם גלייך זעהן, מיין קינד. נור איך זאָג אייך אַפריהער, ער איז ניט קיין שעהנער.

— דאָס איז מיר גאַנץ עגאַל, מאַדאַם. איך האָב שוין גע׳גט דריי זעהר העסליכע. נור איך וועל אייך בעטען מיר צו זאָגען, אויב איהר ווייסט שוין — וועגען די פּאַרפּיום.

— יא, ראָזא, פּאַרפּיום־ווערבענא.

— גוט, מאַדאַם. איך האָב זעהר ליעב דעם דאָזיגען סאָרט פּאַרפּיום.

— און ווייסט איהר אויך פּיליכט צו אייער מאַן׳ס געליעבטע טראָגט זיידענע וועש?

— ניין, מיין ליעבע: זי טראָגט באַטיסטינע מיט שפּיצען.

— הייסט עס, אז זי איז אַ גאַנץ אַנשטענדיגע פּערזאָן. זיידענע וועש הייבט אָן צו ווערען צופיעל אין מאָדע ביי פרויען פון די ניעדריגע קלאַססען...

— דאָס, וואָס איהר זאָגט, איז זעהר ריכטיג.

— הייסט עס, מאַדאַם, אז איך קען זיך גלייך נעהמען צו מיינע פּפליכטען.

און זי האָט זיך ווירקליך גלייך גענומען פאַר דער ארבייט, אַזוי ווי זי וואָלט איהר גאַנץ לעבען מיט קיין אַנדער זאַך ניט בעשעפטיגט זיך.

אין אַ שטונדע ארום איז געקומען מיין מאַן. ראָזא האָט אויף איהם אַפילו קיין אויג ניט אויפגעהויבען, נור דערפאַר האָט ער אויף איהר אַ קוק געטהאָן. זי איז געוועזן שוין צו שטאַרק בעגאַסען מיט ווערבענא.

אין פינף מינוט איז זי ארויס פון׳ם צימער.

ער האָט מיך גלייך געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידעל?

— דאָס... דאָס איז מיין נייע קאַמער־מיידעל.

— וואו האָט איהר זי געקראָגען?

— די באַראָנעסע דע־גראַנזשע האָט זי צו מיר געשיקט מיט די בעסטע רעקאָמענדאַציאָנען.

— זי איז גאָר נישט קיין מיאוסע.

— דענקט איהר אזוי ?

— יא... פאַר א קאַמער־מיידעל, מיין איך.

איך בין געווען ענטציקט. איך האָב געפיהלט, אז ער הויבט שוין אָן אריינצופאַלען אין נעץ.

אין דעם זעלבען אבענד האָט ראָזא צו מיר געזאָגט:

— איצט קען איך אייך צוזאָגען, אז עס וועט ניט נעהמען מעהר ווי צוויי וואָכען. אייער מאַן מאַכט ניט קיין בעזונדערע שוועריגקייטען.

— ווי, איהר האָט שוין געפּרובט ?

— ניין, מאַדאַם, אָבער דאָס קען מען זעהן פון'ם ערשטען בליק. עס ווילט זיך איהם שוין מיך א קוש טהאָן, ווען ער געהט פערביי.

— ער האָט אייך גאָרנישט געזאָגט ?

— ניין, מאַדאַם. ער האָט ביי מיר נור געפרעגט מיין נאָמען, אום צו הערען דעם קלאַנג פון מיין שטימע.

— אויסגעצייכענט, מיין ליעבע ראָזא. האַנדעלט וואָס שנע־לער.

האָט ניט קיין מורא, מאַדאַם. איך וועל זיך וועהרען בלויז אזוי פיעל, וויפיעל עס איז נויטיג, אום ניט צו ווערען צו ביליג.

אין א וואָך אַרום איז מיין מאַן שוין כמעט ניט ארויסגעגאַנ־גען פון'ם הויז. די גאַנצע צייט נאָך מיטאָג האָט ער זיך ארומגע־בלאָנקעט איבער די צימערען ; אָבער דאָס הויפּט כאַראַקטע־ריסטישע דערביי איז געווען דער פאַקט, אז ער האָט מיר שוין איצט ניט געשטערט אוועקצוגעהן ווען און וואו איך האָב געוואָלט. און איך... איך האָב פערבראַכט גאַנצע טעג אויסער דעם הויז... אום... אום ער זאָל זיין פריי.

אויף דעם ניינטען טאָג, בעת ראָזא האָט מיך אויסגעטהאָן, האָט זי שטיל ארויסגערעדט :

— מאַדאַם, פון היינט אין דער פריה אָן איז אַלסדינג פּאַרטיג.

איך בין געווארען אביסעל פערוואונדערט, זאגאר עטוואס אויפ־גערעגט, ניט אזוי פון דער דאזיגער פאסירונג אליין, ווי פון דער ארט און ווייזע, אין וועלכער זי האט מיר דערפון מיטגעטהיילט. איך האב ארויסגעשעפטשעט:

— און... און... אלסדינג איז אבגעגאנגען גלאט?...

— אה, גרויסארטיג, מאדאם. שוין דריי טעג, ווי ער לאזט מיך ניט רוהען, אבער איך האב ניט געוואלט האנדלען צו שנעל. זאגט מיר אן, ווען איהר ווילט איהם כאפען ביי דער האנד...

— גוט, מיין ליעבע... אט... וואס... לאמיר דאס בעשטעט־לען אויף דאנערשטאג.

— נעהט עס, זאל זיין דאנערשטאג. ביז דאן קען ער ביי מיר בשום אופן קיין זאך מעהר ניט פועל'ן, אייף אזא שטייגער וועל איך איהם האבען פעסט אין מיינע הענד.

— זייט איהר זיכער, אז אייך וועט געלינגען אלסדינג אויס־צופיהרען?

— אה, יא, מאדאם, איך בין אין דעם איבערצייגט. איך וועל אייער מאן אנציהען אזוי, אז ער וועט זיך ביי מיר פרעגלען די גאנצע צייט, און אונטערגעבען וועל איך זיך איהם אין יענער שטונדע, וועלכע איהר וועט מיר בעשטעלען..

— לאמיר דאס בעשטעלען אויף פינף א זייגער, ראזא.

— גוט, זאל זיין פינף א זייגער, מאדאם; אבער וואו, אויף וועלכען פלאץ?

— אין... אין מיין שלאף־צימער.

— גוט... אין אייער שלאף־צימער.

נאכדעם, פערשטעהסטו דאך שוין אליין, מיין טהייערע, וואס איך האב געטהאן. פריהער פאר אלץ בין איך אוועק רופען טאטע־מאמע, דערנאך האב איך גערופען מיין אנקעל, דעם פרעזי־דענט דע־ארוואלען און דעם ריכטער ראפלע, וועלכער איז מיין מאן'ס א פריינד. איך האב זיי ניט אויסגעזאגט, וואס איך קלייב זיך זיי צו ווייזען. איך האב זיי אלע צוגעפיהרט אויף די שפיץ־פינגער צו דער סאמע טיר פון מיין שלאף־צימער. איך האב אב־געווארט ביז פינף אוהר, ביז פונקט פינף אוהר... אך, ווי מיין

האַרץ האָט געקלאַפּט. איך האָב אויך גערופן דעם שווייצאַר, אום צו האָבן נאָך אַ'ן עדות. און דערנאָך... דערנאָך, ווי נור דער זייגער האָט גענומען שלאָגן, טראַך !... איך טהו ברייט אַ'ן עפן די טיר... ביי אַלעמען האָט זיך אַרויסגעריסן איין געשריי : — אַך, אַך, אַך !... אַלסדינג איז געוועזן ווי עס האָט געדאַרפט זיין, ווי עס האָט געדאַרפט זיין, זאָג איך דיר, מיין טהייערע. האָט ער געהאַט אַ פּנים, אוי אַ פּנים !... ווען דו וואָלסט נור געקענט זעהן זיין פּנים. ער האָט זיך אָבגעקעהרט, דער שוטה. אַך, ווי לעכערליך, ווי קאָמיש ער איז געוועזן. איך האָב געלאַכט, זיך גע־קייכט פאַר געלעכטער. און דער פּאַפּאַ האָט זיך געקאָכט, גע־וואָלט אָנברעכען מיין מאַן די ביינער... דער שווייצאַר, ווי אַ געטרייער דיענער, האָט איהם געהאָלפען אָנטהאָן זיך, פאַר אונז אַלעמען אין די אויגען... שטעל זיך פאָר, אין אונזער אַלעמענס געגענוואַרט. ער האָט איהם פערשפּיליעט די שלייקעס — אָבער איז דאָס געוועזן לעכערליך, איך קען דיר גאָר אַזוי פיעל ניט איבער־געבען. און וואָס אַנבעלאַנגט צו ראָזאַן, האָט זי זיך געהאַלטען אויסגעצייכענט, אין פולען זין פון'ם וואָרט אויסגעצייכענט. זי האָט געוויינט... פּראַכטפאָל געוויינט. זי איז זעהר אַ ווערטה־פולע פערזאָן. טאָמער ווענסטו אמאָל דאַרפען, זאָלסטו זי נעה־מען. מען קען זיך אויף איהר פערלאָזען, ווי אויף זיך אליין.

און אַט, ווי דו זעהסט, בין איך גלייך געקומען אַהער, דיר דערצעהלען די דאָזיגע מעשה. גלייך בין איך געקומען צו לויפען צו דיר. אַלזאָ, איך בין פריי. לעבען זאָל דער גט !...

און אַ גליקליכע האָט זי גענומען טאַנצען איבער'ן זאַאַל אין דער צייט, ווען די באַראָנעסע מיט אַן אונצופריעדענער און פער־טראַכטער מינע האָט אַרויסגעשעפּטשעט :

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיך ניט איינגעלאַדען עס צו זעהן ?

דאָס בעט

פאר א יאָהרען זומער אין א שטארק הייסען נאָכמיטאָג איז דאָס אוקציאָן־לאָקאַל געלעגען ווי פערשלאָפען. די שטימען פון די אוקציאָן־לייט, וואָס האָבען אויסגערופען די אָנגעבאָטענע פּרייזען, האָבען געקלונגען מיעד און מאט. אין א הינטער־זאַל אויף'ן ערשטען שטאָק איז געלעגען אין א ווינקעלע א קופּע אַלטע זיידענע זאכען, וואָס האָבען אמאָל בעלאנגט צו א קירכע.

דאָרט זיינען געווען רייכע בגדים, שעהנע ריזעס פאַר פּריסטער און כאָריסטען, צו טראָגען אין קירכע בשעת גאָטעס־דיענסט, מיט אויסגענייהטע בלומען־פּליטערלאַך ארום סימבאלישע בוכשטאַבען אויף א פערגעלטען זיידענעם אויבערשלאַג, וואָס איז אמאָל וויים געווען.

עטליכע הענדלער זיינען דאָרט געשטאנען, צוויי דריי מענער מיט ניט קיין רעזירטע בערד און איין דיקע פרוי מיט א גרויסען בויך, איינע פון יענע סוחר'טעס, וואָס האנדלען מיט קליידער און דערביי מיט פערבאָטענער ליעבע, וואָס פערשאכערען פונקט אזוי גוט אַלטעס און יונגעס מענשען־פלייש, ווי אַלטע און נייע קליידער.

דאָ האָט מען אָנגעבאָטען צום פערקויף א שענע פּריסטער־ריזע אין'ם סטיל פון לודוויג דעם 15טען, וואָס איז געווען אזוי שען ווי א גוט ערהאלטען קלייד פון א מארקיזע, מיט א מאַי־בלומען־קראַנץ ארום דעם קרייץ, מיט לאנגע בלויע ליליען איבער דער גאַנצער לענג ביז דעם הייליגען צייכען אונטען און מיט ראָזען־קרוינען אין די עקען.

ווען איך האָב געקויפט די דאָזיגע ריזע, האָב איך בעמערקט,

אַז זי האָט נאָך איינגעהאַלטען אין זיך אַ לייכטען דופט פון ווייה־רויך, אַזוי ווי אַ נאָכוועהעניש פון די געשמאַקע, זיסע בשמים פון די פריהערדיג יאָהרען.

אין דער־היים האָב איך געוואָלט דערמיט איבערציהען אַ ריי־צענדען קליינעם שטוהל פון דעם איינענעם סטיל. אַזוי ווי איך האָב געהאַלטען די ריזע אין די הענד, אָנמעסטענדיג זי אויף׳ן שטוהל, האָב איך פּלוצים דערפיהלט אונטער די פינגער אַ שאָרש־קען פון פּאַפּיר. אַז איך האָב אויפגעטרענט דאָס אונטערשלאַג, זיינען עטליכע בריעף פון דאָרט אַרויסגעפאַלען. זיי זיינען פער־געלט געוועזען פון דער צייט און די אָפּגעבליאַקירטע טינט האָט אויס־געזעהן ווי פערשימעלט. מיט אַ פיינער האַנדשריפט איז אָנגעשריע־בען געוועזען אויף אַ ביינעלע פּאַפּיר, וואָס איז צונויפגעלעגט געוועזען אויף אַן אַלט־פרענקישען שטייגער:

„צום העדר אבבע ד׳ארזשאנסע“.

די ערשטע דריי בריעף האָבען נור בעשטימט צייט און פּלאַץ, ווען און וואו צו טרעפען זיך. דער פערטער האָט זיך געלעזען אַזוי:

„ליעבער פריינד, איך בין קראַנק, פיהל מיך עלענד און פער־לאָז ניט דאָס בעט. דער רעגען שמייסט אין די פענסטער־שייבען, און איך ליג אויף די ווייכע, וואַרימע קישען און טרוים. אַ בוך ליעגט פאַר מיר, אַ בוך, וואָס איך ליעב. איך פיהל, ווי אַ היבשע טהייל פון מיין אייגענעם „איך“ וואָלט עס אין זיך אָפּגע־שפּיעגעלט. זאָל איך אייך זאָגען, ווי דאָס בוך הייסט? ניין. איהר וועט מיך זידלען. דאָס דאָזיגע בוך רופט אין מיר אַרוים אַלערליי געדאַנקען און איך וועל אייך דערצעהלען וועגען וואָס.

מען האָט מיר קישענס הינטער׳ן קאָפּ אונטערגעלייגט און אַזוי קאָן איך זיצען, און איך שרייב אייך אויף יענעם קליינעם פּולט, וואָס איהר האָט מיר געשענקט.

אַזוי ווי היינט איז שוין דער פערטער טאָג, ווי איך האָב ניט פערלאָזען מיין בעט, דענק איך נור וועגען מיין בעט און אַפילו אין׳ם שלאָף טראַכט איך פון דעם.

דאָס בעט, ליעבער פריינד, בעדייטעט אונזער גאַנצעם לע־בען. דאָ ווערט מען געבוירען, דאָ ליעבט מען און דאָ שטאַרבט מען.

ווען איך וואָלט געקאָנט שרייבען אזוי ווי קרעביליאָן, וואָלט איך די געשיכטע פון א בעט געשריעבען. וואָס פאר א מורא'דיג־שרעקליכע און וואָס פאר א רייצענדע און ריהרענדע געשיכטעס לאָזט זיך דאָ דערצעהלען! וויפיעל ניצליכע לעהרען וואָלט דער־פון געקאָנט לערנען יעדער איינער!

מיין פריינד, איהר קאָנט דאָך מיין בעט. איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, וויפיעל נייעס איך האָב דערין ענטדעקט פאר די דאָזיגע עטליכע טעג און ווי איך האָב עס ליעב געקראָגען זייט דעם. עס קומט מיר פאָר, ווי עס וואָלט געווען בעוואָהנט פון א סך, א סך מענשען, וועלכע איך האָב ניט געקענט, אָבער וועלכע האָבען איבערגעלאָזט אויף דעם דאָזיגען געלעגער א שטיק פון זייער „איך".

איך קען ניט פערשטעהן יענע מענשען, וואָס קויפען נייע בע־טען, בעטען אָהן עראינערונגען. מיין, אונזער בעט, אזוי אלט, אזוי אָפּגעניצט, אזוי ברייט און געראָם ווי עס איז, האָט א סך מענשען־לעבענס פלאַץ ביי זיך געגעבען פון דער וויגעלע אָן ביז'ן קבר... טהוט נור אליין א טראַכט וועגען דעם, ליעבער פריינד, דערמאָנט זיך אָן אלעם; דערמאָנט זיך אָן די לעבענס, וואָס האָ־בען פערבראכט צווישען די דאָזיגע פיער זיילען, אונטער דעם דאָ־זיגען באלדאכין איבער אונזערע קעפּ... דריי הונדערט יאָהר איז ער אלט און וואָס־וואָס האָט ער ניט געזעהן פאר זיינע אלע יאָהרען!

אָט ליעגט אונטער דעם דאָזיגען באלדאכין א יונגע פרוי. פון צייט צו צייט לאָזט זי ארויס א זיפץ, א קרעכץ. נעבען איהר זיינען די אַלטע מאַמע־מאַמע, און באלד ברענגט זי אויף דער וועלט א קליין, צוקנויטשטע נפש'ל, וואָס מיאוקעט, ווי א קעצעלע. דאָס איז א מענש געבאָרען געוואָרען. די יונגע מאמע פיהלט זיך שמערצ־ליך גליקלאָך, געהט אוים פאר גליק ביי דעם ערשטען געשריי פון איהר קינד און אָהן אָן אָטהעם שטרעקט זי אוים צו דעם איהרע הענד, און אַלע וויינען פאר פרייד. דען דאָס דאָזיגע שטיק לעבע־דיג פלייש, וואָס איז פון איהר ארוים, בעדייטעט דאָס ווייטערדיגע בליהען פון דעם שטאם, דאָס ווייטערדיגע געדרייהען פון בלוט, האַרץ

און זעעלע פון די אלטע טאטע־מאמע, וועלכע קוקען אויף דעם און ציטערען פאר פריידיגער אויפרעגונג.

אַט האָבען אונטער דעם אייגענעם באלדאכין, דעם דאָזיגען „לעבענס־שירים“, צוויי ליעבענדע צום ערשטען מאָל מיט זייערע ארמס זיך צונויפגעפלאָכטען. זיי ציטערען, זיי צאפּלען זיך פאר גליק און פרייד, זיינען בעגייסטערט פון זייער נאָהענטקייט: אַ ברוסט צו אַ ברוסט, אַ מויל צו אַ מויל, דער געטליכער קוש האָט זיי פעראייניגט; דער דאָזיגער קוש איז די פּאָרטקע צום אירדי־שען גן עדן, דער דאָזיגער קוש זינגט פון מענשענס־פרייד, פון מענ־שענס העכסטען גליק און גיט מעהר, ווי ער פערשפּרעכט. און דאָס בעט, אויף וועלכען זיי רוהען, וואַרפט זיך, ווי אַ שטורמדיגער ים, מורמעלט, לעבט און פרעהט זיך, דאכט זיך, אליין, דען אין דער דאָזיגער מינוט ענטפּלעקט זיך אויף איהם דער בערוישענדיגער סוד פון דער ליעבע. איז דען פאראַן אויף דער וועלט עטוואָס זי־סערעס, גרעסערעס, ווי די דאָזיגע אומארמונגען, וואָס גיסען צו־נויף צוויי וועזענס אין איינס און וואָס ערוועקען איןביידען אין דער אייגענער רגע, איינעם און דעם זעלביגען געדאנק, איינעם און דעם זעלביגען וואונש, איינע און די זעלביגע משוגענע פרייד, וועל־כע באַפט זיי ארום ווי אַ הימעלשעס פייער?

און דערמאָנט זיך אָקאָרשט אָן דעם טויט, ליעבער פריינד, אָן אלע די יעניגע, וואָס האָבען זייער לעצטען הויך אויף דעם דאָזיגען בעט אויסגעהויכט. ווארום עס איז אין דער אייגענער צייט אויך דער קבר פון אלע האָפנונגען, די טיר, וועלכע פערשליסט זיך הינ־טער אלעמען, נאָכדעם ווי עס איז געווען די פּאָרטקע צום לעבען. וויפיעל יללות, שרעק, ליידען, פערצווייפלונג, וויפיעל קרעכצען פון גוססע, וויפיעל ארמס, אויסגעשטרעקטע צו דער פערגאנגענהייט, וויפיעל געשרייען וועגען גליק, פערשטומטע אויף אייביג! ווי־פיעל קאָנוואולסיען, כאָרכלערייען, פערקרימטע געזיכטער, פער־דרעהטע מיילער, פערגלאָצטע אויגען האָט געזעהן דאָס דאָזיגע בעט פאר די דריי הונדערט יאָהר, זינט עס גיט מענשען ביי זיך אַ גע־לעגער.

טהוט אַ טראַכט וועגען דעם, מיין פריינד — דאָס בעט איז

דער סימבאָל פון'ם לעבען. דאָס איז מיר קלאָר געוואָרען ערשט דריי טעג צוריק. דאָס בעט איז דאָס שענסטע און הייליגסטע וואָס עס איז דאָ.

און איז דען ניט דער שלאָף — די בעסטע מינוטען פון אונ־זער לעבען ?

אָבער עס איז אויך דער ארט פון אונזערע ליידען, דער פּלאַץ פון דעם קראַנקען, פון דעם צו־וועהטאָגטען קערפּער !

דאָס בעט, דאָס איז דער מענש. אונזער הערר יעזוס האָט זיך קיינמאָל ניט גענויטיגט אין א בעט, א בעוויז, דאָס ער האָט גאָר קיין מענשליכעס אויף זיך ניט געטראָגען. אויף שטרוי איז ער גע־באָרען און געשטאָרבען אויף'ן קרייץ. פאַר אונז, שוואכע בעשעפּע־נישען, האָט ער איבערגעלאָזט דעם ווייכען געלעגער צו רוהען און חיות'ן זיך.

און נאָך, און נאָך פיעל אנדערע געדאנקען זיינען מיר איינ־געפאלען. אָבער ניטאָ קיין צייט, זיי אלע צו פערשרייבען ; און איז דען מעגליך איבערהויפּט צו דערמאָנען זיך אָן אלע ! איך בין שוין אזוי אויך גענוג מיעד, וועל באלד ארויסשלעפּען די קישענס פון הינטער מיין רוקען, וועל זיך אויסציהען אין דער גאנצער לענג און איינשלאָפען.

קומט מאָרגען אום דריי, מיך געוואָהר ווערען. אפשר וועל איך זיך דעמאָלט בעסער פיהלען און... איך וועל עס אייך קאָנען בעווייזען.

צום ווידערזעהן, ליעבסטער פריינד. איך שטרעק אייך די האנד צום קוש אנטקעגען און — מיינע ליפען.

די טויטע

איך האָב זי געליבט ביז צו משוגעת! צו־וואָס ליעבט מען איבערהויפּט? איז עס ניט משוגע צו זעהן אויף דער גאנצער וועלט נור איין פּערזאָן, צו האָבען נור איין איינציגען געדאנק אין מוח, איין וואונש אין הארצען; איין נאָמען אויף די ליפּען? איין נאָמען, וואָס רייסט זיך פון דער טיפעניש פון דער נשמה, ווי וואסער פון א קוואַל; וועלכער איז שטענדיג אויף די ליפּען, וועלכען מען האלט אין איין דערמאָנען שטענדיג, אָהן אויפהער, און אומעדום און איבעראַל פּליסטערט מען איהם אַרוים ווי א תפילה.

איך וועל אונזער געשיכטע ניט דערצעהלען; אין דער ליעבע איז דאָ נור איין געשיכטע, און זי איז אימער די זעלבע. איך האָב זיך מיט איהר געטראָפען און זי ליעב געקראָגען — דאָס איז אַלעס. א גאנץ יאָהר נאָכאנאנד האָב איך אין איהר ליעבע געלעבט, אין איהרע אָרעמס, אין איהרע צערטליכקייטען, פון איהרע ווערטער, איהרע קליידער, דורך אַלסדינג, וואָס איז ארויסגעקומען פון איהר. אזוי שטאַרק בעהערשט און פערשקלאַפט, דאָס איך האָב ניט געוואוסט צי עס איז טאָג צו נאכט, צי בין איך טויט אָדער לעבעדיג, צי געפין איך זיך נאָך אויף אונזער אלטער ערד אָדער שוין ערגעץ אנדערש־וואו.

און דאָ איז זי געשטאָרבען. ווי אזוי? איך וויים ניט... איך געדענק ניט.

איין מאָל אין א רעגענדיגען אבענד האָט זי זיך צוריקגעקעהרט א דורכגענעצטע, אויף דעם צווייטען טאָג האָט זי געני־

מען הוסטען, האָט אזוי אָבגעהוסט ביי א וואָך צייט און זיך גע־מוטשעט אריינגלייגען אין בעט.

— וואָס דערנאָך איז געשעהן, געדענק איך שוין ניט מעהר.

עס זיינען געקומען דאָקטוירים, פערשריעבען רעצעפטען און ווידער אוועק. מען האָט עפּעס געבראכט פון אפּטהעק און א פרוי האָט עס איהר איינגעגעבען. איהרע הענד זיינען געוועזן הייס, איהר שטערן האָט געברענט, טראָפּען שוויים זיינען אויף איהם געשטאַנען, איהרע אויגען האָבען געבלישטשעט און טרויע־ריג געקוקט ארום זיך. איך האָב גערעדט צו איהר, זי האָט גע־ענטפערט. וואָס האָבען מיר איינער צום אַנדער'ן געזאָגט? איך וויים עס ניט מעהר. איך האָב אלסדינג פערגעסען, אלסדינג, אלס־דינג... זי איז געשטאָרבען. איך געדענק נור קלאָהר איהר לעצ־טען, קורצען זיפץ, אזא שוואכער, אזא שטילער — דער לעצטער...

די קראנקען־וועכטערין האָט געזאָגט: „אך !“ דאן האָב איך אַלסדינג פערשטאַנען.

איך האָב מעהר פון קיין זאך ניט געקענט טראכטען. איך האָב געזעהן א גלח, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט: „אייער געליעבטע“. מיר האָט זיך געדאכט, אז מיט די דאָזיגע ווערטער בעליידיגט ער זי, ווארים איצט, ווען זי איז טויט, האָט קיינער מעהר קיין רעכט ניט וועגען דעם צו רעדען. איך האָב איהם ארויסגעטריבען. א'ן אַנדערער איז געקומען, דיזער איז געוועזן ווייך, מילד. איך האָב געוויינט, ווען ער האָט וועגען איהר גערעדט.

מען האָט ביי מיר געפרעגט טויזענדע קלייניגקייטען וועגען איהר קבורה. איך געדענק שוין ניט וואָס דאָס איז געוועזן. דאָך געדענק איך גענוי דעם טויטען־קאסטען און דאָס קלאַפּען פון'ם האמער, ווען מען האָט זי דאָרט פערשפּאַרט. אך, מיין גאָט!

מען האָט זי בעגראָבען, בעשאָטען! זי! אין דער דאָזיגער טיעפער גרוב! צו דער לויה זיינען געקומען א פּאָאר בעקאנטע, פריינד. איך האָב זיך ארויסגעריסען, בין אנטלאָפען... א לאַנגע צייט האָב איך ארומגעבלאָנדזשעט איבער די גאסען; דאן בין איך אהיים געקומען. אויף דעם צווייטען טאָג בין איך אוועקגע־פאָהרען אויף א רייזע.

* * *

נעכטען האָב איך זיך צוריקגעקעהרט אין פּאַריז. ווען איך האָב ווידער דערזעהן מיין צימער, אונזער צימער, אונזער בעט, אונזערע מעבעל. דאָס גאַנצע הויז, אין וועלכען עס איז פערבליעבען אלעס, וואָס בלייבט פון אַ מענשען נאָך זיין טויט, איז אויף מיר ווידער אמאָל אָנגעפאַלען אַזאַ שטאַרקע פערצווייפלונג, דאָס איך האָב געוואָלט עפענען דאָס פענסטער און זיך ארויסווארפען. אין דעם דאָזיגען הויז, הינטער די פיער ווענד, וואו זי האָט אמאָל געלעבט און געאָטהעמט, ארומגערינגעלט פון די דאָזיגע אַלע זאכען, וועלכע האָבען אזוי קלאָהר דערמאָנט אָן איהר, האָב איך מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען, און איך האָב גענומען מיין הוט צו אנטלויפען. פּלוצים, ווען איך בין צוגעקומען צו דער טיר, האָב איך געמוזט פערבייגעהן דעם גרויסען שפּיעגעל, וועלכען זי האָט דאָרט געהייסען אוועקשטעלען, אום יעדען טאָג אייידער זי איז ארויסגעגאַנגען, זאָל זי זיך קענען בעטראַכטען פון קאָפּ ביז צו די פיס, צו זעהן, אויב איהרע קליידער פּאַסען איהר, צו איז אַלסדינג אין אָרדנונג און צו זי זעהט אויס שעהן.

און ווי אַ פערשטיינערטער בין איך געבליעבען שטעהן פאַר דעם שפּיעגעל, וועלכער האָט אזוי אָפט איהר בילד אָבגעשפּיעגעלט. אזוי אָפט, אזוי אָפט, דאָס מיר האָט זיך געדאַכט, ער מוז אין זיך איהר בילד איינהאַלטען.

אַ ציטערענדיגער בין איך געשטאַנען פאַר איהם, מיט די אויגען אין דאָס גלאָז איינגעגעסען, אין דאָס גלאַטע, טיעפע, לעדיגע גלאָז, וועלכע האָט זי אמאָל אין גאַנצען ארומגענומען, אין גאַנצען זי בעזעסען, גראָדע אזוי ווי איך, ווי מיין ליידענשאַפטליכער בליק. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך ליעב דעם דאָזיגען שפּיעגעל — איך האָב איהם אָנגעריהרט — ער איז געווען קאַלט... אַך, די ערינערונג ! די ערינערונג ! ליידענס־שפּיעגעל, פייערדיגער שפּיגעל, לעבעדיגער, מורא׳דיגער שפּיגעל, וועלכער האָט ארויסגערופען אין מיר די דאָזיגע אַלע ליידען ! גליקליך זיינען די מענשען, וואָס זייערע הערצער זיינען, ווי דער שפּיעגעל, וואו די ערשיינונגען טהוען זיך אַ מיניע און פערשווינדען

גלייך צוריק, ניט איבערלאָזענדיג קיין שפור ; וועלכע פערגעסען, ווי דער שפּיעגעל, אלסדינג וואָס האָט אָבגעשפּיעגעלט, אלסדינג וואָס איז פאַר איהם געשעהן, אלסדינג וואָס האָט מיט ליעבע און איי־בערגעבענהייט אין איהם אריינגעקוקט...

מיין גאָט, ווי איך האָב געליטען !

איך בין ארויס אין גאַס. און גאַנץ מעכאַניש אָהן מיין ווילען, כמעט אָהן מיין וויסען, ביז איך אַוועק צום בית עולם. איך האָב אויפגעזוכט איהר קבר, א׳ן איינזאַמען און איינפאַכען, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען א מאַרמאָרנע מצבה מיט די דאָזיגע עטליכע ווערטער :

„זי האָט געליעבט, איז געליעבט געוועזן און איז געשטאָרבען“.

אונטער דעם דאָזיגען שטיין איז זי געלעגען און געפוילט ! ווי שרעקליך, ווי מורא׳דיג ! איך האָב זיך צו־וויינט און צוגעדריקט דעם שטערן צו דר׳ערד.

לאַנג, לאַנג בין איך אַזוי אָבגעלעגען. צום סוף, האָב איך בע־מערקט, אז די נאַכט פאַלט צו. א משונה׳דיגער, משוגענער גע־דאַנק איז מיר אין קאָפּ אריין ; מיר האָט זיך פערוואָלט פער־ברייננגען די נאַכט דאָ נעבען איהר, זיך גוט אויסוויינען אויף איהר קבר. אָבער אויב מען וועט מיך דערזעהן, וועט מען מיך אַוועק־טרייבען. וואָס זאָל איך טהאָן ? איך בין געפאַלען אויף א שפּי־צעל. איך האָב זיך אויפגעהויבען און גענומען ארומבלאָנדזשען איבער דער שטאָדט פון די טויטע. איך בין געגאַנגען און גע־גאַנגען. אָבער ווי קליין איז זי, די דאָזיגע שטאָדט, אנטקעגען דער שטאָדט פון די לעבעדיגע. און דאָך זיינען דאָ אַזוי פיעל מעהר טויטע, ווי לעבעדיגע ! מיר, די לעבעדיגע, דאַרפען גרויסע היי־זער, גאַסען, אַזוי פיעל פּלאַץ פאַר די פיער דורות, וועלכע וואַרעמען זיך אונטער דער אייגענער זון, טרינקען וואַסער פון איין קוואַל, וויין פון איין וויינשטאָק, עסען דאָס ברויט פון די זעלבע פעלדער.

און פאַר אַלע דורות פון טויטע, פאַר דער גאַנצער שטופּענ־לייטער פון דער מענשהייט, וועלכע פיהרט אַזש ביז צו אונז, איז גאָרנישט נויטיג, אויסער א פעלד. — כמעט גאָרנישט. די ערד

שלינגט זיי איין, די פערגעסענהייט מעקט אָפּ זייער געדעכעניש. און ווי נישט געוועזן !...

אויף דער אנדער זייט פון'ם בית עולם, וואו עס איז נאָך גע־וועזן גענוג פּלאַץ פאר נייע קברים, האָב איך פּלוצים דערזעהן אַ'ן אַלטען, פערלאָזענעם בית עולם, וואו די קברים פון די לאנג, לאנג פערשטאָרבענע האָבען זיך מיט דער מוטער ערד אויסגעגלייכט. די מצבות אַפילו האָבען דאָרט געפוילט. אפשר מאָרגען נאָך וועט דער דאָזיגער אלטער בית עולם ווידער ווערען אַ נייער לעצטער אָרט פיר נייע טויטע... ער איז פול געוועזן מיט ווילדע ראָזען, מיט גרויסע, דונקעלע ציפּרעסען ; א טרויעריגער, א וואונדערבארער גארטען, פון מענשליכע לייבער גענעהרט.

איך בין געוועזן אַליין, גאַנץ אליין. איך האָב זיך בעהאַלטען הינטער א גרינעם בוים... האָב זיך אין גאנצען פערשטעקט אין זיינע געדיכטע און דונקעלע צווייגען. אַנגעשפּארט אויף דעם שטאַם, האָב איך געוואַרט, ווי אַ קאַפּיטאַן פון אַ צובראָכענער שיף אויף די צושמעטערטע רואינען פון זיין שיף.

* * *

ווען עס איז געוואָרען נאכט, פינסטערע נאַכט, האָב איך פער־לאָזען מיין בעהעלטעניש און מיט שטילע, לאנגזאמע טריט האָב איך גענומען געהן איבער דער ערד, אונטער וועלכער טויטע זיינען אויף טויטע געלעגען.

איך האָב געבלאָנדזשעט לאנג, לאנג, לאנג. איך האָב זי ניט געקענט געפינען. מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, מיט ווייט אויפ־געריסענע אויגען אָנשטויסענדיג זיך אָן די קברים דאָ מיט די הענד, דאָ מיט די פיס, דאָ מיט די קניע, מיט דער ברוסט און זאָגאר מיט דעם קאָפּ, האָב איך ארומגעבלאָנדזשעט הין און צוריק און זי ניט געקענט געפינען. איך האָב געטאַפּט ארום זיך, אלסדינג בעריהרט, ווי א בלינדער, וועלכער זוכט זיין וועג ; האָב אָנגעטאַפּט צלמים, שטיינער, אייזערנע שטאַכעטען, גלעזערנע קראַנצען, קראַנצען פון פערוועלקטע בלומען ! איך האָב געלעזען די נעמען, מיט די פינ־גער אָנטאַפּענדיג די בוכשטאַבען. וואָס פאר א נאכט ! וואָס פאר א נאכט ! און איך האָב זי ניט געקענט געפינען.

נישטאָ קיין לבנה! א פינסטערע נאכט! עס איז אויף מיר אָנגעפאלען א מורא, א׳ן אימה׳דיגע מורא, אין די דאָזיגע שמאָלע וועגלאך צווישען די שורות קברים. קברים! קברים! קברים! איבעראל, אומעדום קברים! רעכטס, לינקס, פאר מיר, הינטער מיר, ארום מיר, איבעראל קברים! אויף אייגעם פון זיי האָב איך זיך אוועקגעזעצט, מיינע קניע האָבען מיר געברָאכען, איך האָב ניט געקענט געהן ווייטער. איך האָב געהערט, ווי דאָס הארץ האָט ביי מיר געקלאפט, און איך האָב געהערט נאָך אנדערע זאכען. וואָס איז עס אזוינס? עפּעס א מערקווירדיגער, דומפּפער גערויש. האָט זיך עס געדאכט מיין אויפגערעגטער פאנטאזיע? אָדער האָט עס א שייכות געהאט מיט דער דאָזיגער פינסטערער, שטאָק־פינס־טערער נאכט? איז דער דאָזיגער גערויש געקומען פון דער גע־היימניספולער ערד, פון דער ערד, וואָס איז פול געווען מיט מענש־ליכע ביינער? איך האָב זיך ארומגעקוקט.

ווי לאנג איך בין דאָרט געזעסען, ווייס איך ניט. איך בין ווי געלעהמט געוואָרען פאר שרעק, צומישט פון אימה׳דיגער מורא. איך האָב געפיהלט ווי צו נעהמען שרייען מיט בענומענע קולות.

פּלוצים האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז די מאַרמאָרנע מצבה, אויף וועלכער איך בין געזעסען, האָט זיך גענומען בעוועגען. יא, זי האָט זיך בעוועגט אזוי, ווי מען וואָלט זי פון אונטען אויפגעהוי־בען. איך האָב א שפּרונג געטהאָן אויף א צווייטען קבר און האָב געזעהן, גאנץ דייטליך געזעהן, ווי דער שטיין, אויף וועלכען איך בין נור וואָס געזעסען, האָט זיך אָפּגערוקט, און עס האָט זיך בע־וויזען א טויטער, א נאקעטער סקעלעט, וועלכער האָט דעם שטיין מיט זיין צוקרימטען רוקען אויפגעהויבען. איך האָב עס אליין געזעהן, געזעהן זעהר דייטליך, הגם די נאכט איז געווען א דונקע־לע. אויף דער מצבה האָב איך געקענט איבערלעזען:

„דאָ רוהט יאקאָב אליוואנט, געשטאָרבען צו איין און פופציג יאָהר. ער האָט געליעבט זיינע קרובים, איז געווען עהרליך און גוט, און געשטאָרבען מיט גאָט אין׳ם הארצען".

דער טויטער האָט אויך איבערגעלעזען די אויפשריפט אויף זיין קבר. דאן האָט ער אויפגעהויבען א שטיין פון׳ם וועג, א קליינעם

שפּיציגען שטיין, און גענומען אראבקראצען מיט איהם די אנגע־שריעבענע ווערטער. ער האט זיי לאנגזאם אבגעמעקט און מיט זיינע לעדיגע אויגען־לעבער דעם פּלאץ בעטראכט, וואו זיי זיינען נור וואס געשטאנען. און מיט דעם שפּיץ פון דעם ביין, וועלכער איז אמאל געוועזן זיין צייגע־פינגער, האט ער אנגעשריעבען מיט פייערדיגע בוכשטאבען, ווי מען שרייבט מיט א שוועבעלע אויפ־שריפטען אויף א וואנד:

„דא רוהט יאקאב אליוואנט, געשטארבען צו איין־און־פופציג יאהר. דורך זיין גרוייזאמקייט האט ער זיין פאטער אין קבר פער־טריעבען, וועלענדיג איהם ירשה'נען; ער האט פערמוטשעט זיין ווייב; געמאטערט זיינע קינדער. בעטראגען די שכנים, האט גע'גנב'עט, ווען ס'האט זיך געמאכט א געלעגענהייט, און איז גע־שטארבען א'ן אונגליקליכער".

ווען דער טויטער איז פארטיג געווארען מיט זיין שרייבען, איז ער געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך און בעטראכט זיין ווערק. ווען איך האב זיך אומגעדרעהט, האב איך דערזעהן, אז אלע קברים זיינען געשטאנען אפענע, אלע מתים זיינען פון דארט ארויסגע־קראכען און זיי אלע האבען אבגעמעקט די ליגענס, וואס זייערע איבערגעבליעבענע קרובים האבען אויף זייערע מצבות אנגעשריע־בען און אנשטאדט זיי דעם אמת אויסגעקריצט.

און איך האב געזעהן, אז זיי אלע, אלע זיינען געווען הענקער פון זייערע מיטמענשען, מיט הערצער, פול האס, פול אונעהרליכ־קייט, אז זיי זיינען געווען ליגנער, צבועקעס, שווינדלער, פערלוימ־דער; אז זיי האבען גע'גנב'עט, בעטראגען, אבגעטהאן די ערגס־טע, די מיאוסטע מעשים, זיי, די דאזיגע אלע גוטע פאטערס, די געטרייע פרויען, די ליעבענדע זיהן, די דאזיגע ריינע, אונשולדיגע מיידלאך, די עהרליכע סוחרים, די דאזיגע אלע, אלע מענער און פרויען, וועמען מען האט נאכגעזאגט, אז זיי זיינען געווען אזוי עהר־ליך און גוט...

אלע האבען זיי געשריבען אין איין צייט אויף דער שוועל פון זייער אייביגער דירה, דעם שרעקליכען, דעם מורא'דיגען, דעם

הייליגען אמת, וועלכען קיינער פון זיי ווייסט ניט ביים לעבען, אָדער מאַכט זיך ניט וויסענדיג.

און איך האָב מיר געטראַכט, אַז אויך זי, זי מוז איצט אויך אוודאי אויף איהר מצבה עפּעס שרייבען. און איצט בין איך אָהן מורא געלאָפען צווישען די האַלב אָפענע קברים, צווישען די דאָזיגע אַלע מתים, די סקעלעטען, געלאָפען צו איהר, אַ זיכערער, אַז איך וועל זי געפינען.

איך האָב זי דערקאַנט פון ווייטען, הגם איהר פּנים איז מיט אַ ווייסען טוך פערהילט געווען.

און אויף דער מאַרמאָרנער מצבה, אויף וועלכער איך האָב נאָך ניט לאַנג צוריק איבערגעלעזען:

„זי האָט געליעבט, איז געליעבט געווען און איז געשטאָרבען“ האָב איך דערזעהן די דאָזיגע ווערטער:

„אין אַ געוויסען טאָג איז זי אַרויס מיט דער אבזיכט צו בע־טריגען איהר געליעבטען, זי האָט זיך פערקיהלט אין רעגען און איז געשטאָרבען“.

פאַרטאָג האָט מען מיך געפונען, הפּנים, אַ בעוואוסטלאָזען, נעבען איהר קבר...

פויל'ס פריינדין

דער רעסטאָראַן גריללאָן, וואו עס פלעגען זיך פער־קלייבען די שיפער, האָט ביסלעכווייז גענומען לעדיג ווערען. פאַר דער טיר האָבען זיך געהערט קולות און געשרייען, און קרעפטיגע יונגען אין ווייסע טריקאָס, מיט רודערס איבער די שול־טערן, זיינען ארומגעלאָפען אהין און צוריק.

די פרויען אין העלע זיידענע פריהלינגס־קליידער האָבען זיך פאָרזיכטיג ארונטערגעלאָזט אין די שיפלאך, געזעצט זיך ביים שטייער, פעררוכט זייערע קליידער, ווערהרענד דער בעל הבית פון רעסטאָראַן, א הויכער מאַן מיט א רויטער באָרד, וועל־כער האָט געהאַט א שם אַלס א גבור, האָט די שעהנהייטען ביים איינשטייגען די האַנד דערלאַנגט, אום איינצוהאַלטען די גלייכ־געוויכט פון די שמאָלע שיפלאך.

די שיפער מיט נאַקעטע ארעמס און אויסגעפּוטשעטע ברוס־מען האָבען זיך איצט אויך בעוויזען פאַר דעם עולם און פערנומען זייערע פלעצער אין די שיפלאך. דער עולם איז בעשטאַנען פון בעלי בתים אין זונטאגדיגע קליידער, פון ארבייטער און סאָלדאַ־טען, וועלכע זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער פּאַרענץ פון'ם בריק און האָבען אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו דער אומזיסטער פאָרשטעלונג.

די שיפלאך זיינען איינס נאָך דעם אַנדערען אָבגעפאָהרען פון'ם ברעג. די שיפער האָבען גערודערט, האָבען זיך איינגעבויגט אין פאָראויס און זיך אָפּגעוואָרפען צוריק אין א גלייכמעסיגער בעוועגונג. און אונטער די קלעפּ און דעם טרייבען פון די לאַנגע רודערס, האָבען זיך די שיפלאך געגליטשט איבער'ן וואַסער, זיך

דערוווייטערט אַלץ מעהר און מעהר, זיינען געוואָרען קלענער און קלענער און זיינען צום סוף אין גאַנצען פערשוואונדען אונטער דעם אַנדערען בריק, דעם אייזענבאַהן־בריק, אין דער ריכטונג פון גרע־נאַוויל.

נור איין פּאָרל איז נאָך פערבליבען: א בלייכער, מאָגערער יונגערמאַן נאָך כמעט גאָר א אינגעל, כמעט אָהן איין האָאר אויף׳ן פּנים, און א קליינע מאָגערע ברונעטין מיט די בעוועגונגען פון א היישעריק.

ער האָט זי געהאַלטען ארומגענומען ביי דער טאַליע און יערע ווילע האָבען זיי זיך טיעף אין די אויגען אריינגעקוקט.

דער בעל הבית האָט א געשריי געטהאָן:

— נו הערר פּויל, איילט זיך צו אביסעל!

און זיי זיינען צוגעקומען נעהענטער צום ברעג.

צווישען די אַלע געסט פון יענעם רעסטאָראַן איז הערר פּויל געווען דער סאַמע אנגעלעגטער און בעליעבטעסטער. ער האָט געהאַט אַן אָפּענע האַנד און האָט געצאָהלט זעהר פּינקטליך, וועה־רענד די אַנדערע האָבען זיך לאַנג געלאָזט מאָהנען און מאַנכע פון זיי פּלעגען זיך אין גאַנצען אויסדרעהען פון בעצאָהלען... אויסער דעם איז ער פיר דעם רעסטאָראַן געווען א סאָרט לעבעדיגע רע־קלאַמע, ווייל זיין פאָטער איז געווען א סענאַטאָר. און ווען א נייער גאַסט האָט געפרעגט:

— ווער איז דער מאָגערער יונגערמאַנטשיק, וואָס קלעבט זיך אזוי צו זיין מיידעל? — דאַן האָט עמיצער פון די שטענדיגע בעזוכער געענטפערט אין דער שטיל מיט א וויכטיגער און געהיימ־ניספולער מינע:

— דאָס איז פּויל באַראָן, דער זוהן פון א סענאַטאָר.

און א צווייטער גאַסט האָט דערביי אמאָל צוגעלייגט:

— אָרימער אינגעל, ווי עס שיינט, איז ער מיט דער מיידעל ווייט פערקראָכען!...

מוטער גריללאָן, די בעל הבית׳טע פון׳ם רעסטאָראַן, א בראַ־ווע פרוי, האָט דעם יונגענמאַן און זיין מיידעל ניט אַנדערש גערו־פען ווי: „מיינע צוויי טייבעלאַך”. איהר האָט, קאָנטיג, שטאַרק

געריהרט די דאָזיגע ליעבע, וועלכע האָט זיך אַזוי גוט בעצאָהלט פיר איהר געשעפט.

דאָס פּאָארל איז לאַנגזאַם צוגעקומען נאָהענט צום ברעג. דאָס שיפעל „מאַגדאַלענע" האָט אויף זיי געוואַרט, און איידער זיי האָבען זיך געזעצט, האָבען זיי זיך געגעבען אַ קוש, פון וואָס דער עולם אויבען אויף׳ן בריק האָט זיך צולאַכט. דערנאָך האָט פויל גענומען די רודערס און איז אַוועק נאָך די אַנדערע אין די ריכטונג פון גרענאַווילל.

ווען זיי זיינען אַהין אָנגעקומען, איז געווען אַרום דריי אַזייגער. דער גרויסער שווימענדיגער רעסטאָראַן דאָרט איז פול געפּאַקט געווען מיט געסט.

אַ גרויסער פליט מיט אַ געפּעכטען, לייוועגדענעם דאַך, אָנגעשפּאַרט אויף הילצערנע זיילען, איז פערבונדען געווען מיט דעם רייצענדען אינזעל קראָאסי דורך צוויי שטעגלאַך, וואָס איינער פון זיי האָט געפיהרט צום שווימענדיגען רעסטאָראַן און דער צווייטער — צו דעם קליינציקען אינזעלע, וואָס האָט געהייסען „דער בלומען-טאָפּ" (ווייל אויף איהם האָט איין איינציגער בוים געוואַקסען) און פון דאָרט צו די באָדע-פלעצער אויף׳ן ברעג.

פויל האָט צוגעבונדען זיין שיפעל און אַריבערגעקלעטערט איבער׳ן פּאַרענץ פון׳ם רעסטאָראַן. דאַן האָט ער דערלאַנגט זיין פריינדין די האַנד און זי אויך אַרויפגענומען אויבען. דערנאָך האָבען זיי זיך ביידע געזעצט ביי אַ טישעל.

אויף דער אַנדער זייט פון׳ם ברעג האָט זיך איבער׳ן וועג געצויגען אַ לאַנגע רייהע פון עקיפּאַזשען. דראָזשקעס און שווערע וואָגענס האָבען זיך געמישט מיט עלעגאַנטע עקיפּאַזשען פון רייכע לייט. די ערשטע אויף שווערע רעדער, געשלעפּט פון עפּעס אַ שקאַפּע, צי אַזוי פון עפּעס אַ האַלבער פּגירה, מיט אַן אַרונטערגעהאַנגענער האַלז און ציטערענדיגע פיס; די לעצטע, לייכטע, פלינקע, אויף פיינע רעדער, געשלעפּט פון פערד מיט דינע מעכטיגע פיס און הויך-פּעררייסענע העלזער מיט ווייסען שוים אויף די ציימלאַך, און געקירעוועט פון אונבעוועגליכע קוטשערס אין

ליוורעען, מיט וויכטיגע, רוהיגע מינעס און מיט בייטשלאַך אויף די קניע.

דער ברעג איז שווארץ געווען פון מענשען, וועלכע זיינען דאָרט געגאַנגען גרופּפּען־ווייז, פּאָאר־ווייז אָדער איינציג־ווייז. זיי האָבען געריסען די גראָז, אַרונטערגעקלעטערט צום וואַסער און ווידער געקלעטערט אַרויף אויף'ן וועג. זיי אַלע האָבען זיך אָפּגע־שטעלט נעבען איינעם און דעם זעלביגען פּלאַץ און געוואַרט אויף דעם פּאַראָם.

דער שווערער פּאַראָם האָט זיך נאָכאַנאַנד בעוועגט פון איין ברעג צום אַנדערן און אַרונטערגעלאָזט פּאַסאַזשירען אויף'ן אינזעל.

דעם פּלאַץ אויף'ן טייך, וואו דער רעסטאָראַן איז געשטאַנען, האָט מען גערופען „טויטער פּלאַץ", ווייל דאָס וואַסער האָט זיך דאָרט קוים בעוועגט. גאַנצע פּלאָטען שיפלאַך פון פערשיידענע פאָרמען און קאָלירען האָבען זיך דאָרט געטראָגען איבער'ן שטי־לען וואַסער, האָבען איבערגעשניטען איינס דעם אַנדערן דעם וועג, געמישט זיך און פערטשעפּעט זיך איינס אָן דעם אַנדערן, אָפּגעשטעלט זיך און דערנאָך אוועקגעטראָגען זיך ווייטער, ווי לאַנגע געלע אָדער רויטע פיש.

די אוועק, זיינען אַנדערע אָנגעקומען. מאַנכע פון שאַטו, פון אַרויף־וואַסער; אַנדערע פון בוזשיוואַל, פון אַראָפּ־וואַסער; און פון איין שיפעל צום אַנדערן האָבען זיך געטראָגען געשרייען, פראַ־גען און געלעכטער.

די שיפער האָבען בעוועגט נעגען דער גליהענדיגער זון זייערע ברוינע מוסקוליסטע אָרעמס. און ווי מאָדנע שווימענדיגע בלומען האָבען אויסגעזעהן די פערשיעדען־קאָלירטע זונען־שירמען פון די דאַמען אין די שיפלאַך.

די יולי־זון האָט געבאַקען. די לופט האָט זיך געדאַכט, איז אָנ־געפילט געווען מיט זודיגער, קאָכעדיגער פרעהליכקייט. קיין הויך פון אַ ווינטעל האָט בעוועגט די בלעטער פון די ווײדען און פּאַ־פּעלן־ביימער.

דאָרט, ווייטער, זעהט זיך אין דעם העלען ליכט דער אונ־פערמיידליכער מאָנ־וואַלעריען מיט זיינע מעכטיגע פעסטונגען,

וועהרענד רעכטס אין א האלב קרייז טרעט ארוים דער רייצענ־דער ברעג פון לואוסיען און דא און דארט קוקען ארוים דורך דער געדיכטער גרינקייט און דונקעלקייט פון זיינע סעדער די ווייסע ווענד פון הילצערנע הייזער.

ארום גרענאווילל האבען גרויסע מענגעם מענשען געשפא־צירט אונטער די ריזיגע ביימער, וואס א דאנק זיי איז דער דא־זיגער טהייל פון דעם אינזעל פעררעכענט אלס דער שענסטער פארק אויף דער ערד. פרויען און מיידלאך מיט בלאנד־געפארבטע האאר, מיט אונגעוועהנליך־הויכע בוזימער און ברייטע היפטען, מיט גלאנציגע באקען, אונטערגעמאה'לטע אויגען און געפארבטע ליפען, איינגעשנורעוועט און איינגעדריקט אין עקסטראוואגאנטע קליידער, האבען זיך בעוועגט איבער דעם פרישען גראז און ארוים־געוויזען דעם שלעכטען שרייענדיגען געשמאק פון זייערע טואלע־טען און מאנירען. נעבען זיי זיינען געגאנגען יונגעלייט, לעבערליכע פראנטען, אין מאדנע לעבערליכע קליידער, מיט העלע האנד־שוה, לאקירטע שיך, מיט שטעקעלאך, דין ווי א פאדים, און מיט מא־נאקלען ביים אויג, וואס דאס האט זיי נאך לעבערליכער געמאכט.

דער אינזעל ענדיגט זיך נאהענט נעבען דעם שווימענדיגען רעסטאראן, און צווישען איהם און דעם צווייטען ברעג געהט אויך א פאראם, וועלכער ברענגט צופיהרען פאסאזשירען פון קרואססי. יענער ברעג טייך איז שטורמיש, קאכעדיג. אן אבטהיילונג פון סאלדאטען געפינט זיך אויף יענעם ברעג און אייניגע פון זיי אין דער יוניפארם פון ארטילעריסטען האבען זיך דארט אויסגעזעצט אויף א קלאץ און קוקען זיך צו, ווי דאס וואסער רוישט און שוימט.

אין דעם שווימענדיגען רעסטאראן איז געווען פרעהלאך און טומעלדיג. ארום די הילצערנע טישען, וואס זיינען נאס און קלע־פיג געווען פון די פערגאסענע משקאות, זיינען געזעסען האלב־שיכור'ע מענשען. די דאזיגע גאנצע מענגע האט געשריען, געזונ־גען און געפילדערט. די מענער זיינען דא געזעסען מיט די היט אויף די פאטילניצעס, מיט רויטע פנים'ער און גלאנציגע פון'ם אלקאהאל אויגען. זיי האבען זיך בעוועגט אויף זייערע פלעצער, געקלאפט מיט די גלעזער, זיינען אויפגעשפרונגען, ארומגעלאפען

אהין און אהער און האָבען געגוואַלדעוועט, בעהערשט פון דעם טהירישען פערלאַנג צו פילדערען...

די פרויען האָבען געזוכט קאַוואַלירען פיר דעם אבענד און דערוויילע ביז וואָס־ווען האָבען זיי געצוואונגען די קאַוואַלירען זיי מכבד צו זיין מיט וויין. צווישען די טישען האָבען זיך ארומ־געדרעהט די שטענדיגע בעזוכער פון דעם דאָזיגען פּלאַץ, מיים־טענס שיפער מיט זייערע פריינדינען אין קורצע פלאַנעלענע קליידלאַך.

איינער פון זיי האָט שווער געאַרבייט איבער א קלאַוויר. עס האָט זיך געדראַכט, אז ער שפּיעלט אי מיט די הענד אי מיט די פיס. פיער פּאָארלאַך האָבען געטאַנצט א קאַדריל. און צו זייער טאַנצען האָבען זיך אויך צוגעקוקט איינצע עלעגאַנטע, קאָרעקט־אָנגעצויגענע יונגע לייטלאַך, וואָס וואָלטען געמאַכט א גאַנץ אָנ־שטענדיגען איינדרוק, ווען ניט דער בעזונדערער שטעמפּעל פון אויסגעלאַסענהייט אויף זייערע פּנים׳ער.

דען דאָ איז געווען דער פּלאַץ פון אלע אויסוואורפען און באַנדיטען, אהער האָט זיך פערקליבען דער גאַנצער אפּשוים פון דער פּאַריזער געזעלשאַפט. א מיש־מאַש פון קרעמער און אקטיאָ־רען האָט מען דאָ געטראָפען, פון ביליגע צייטונגס־שרייבער און פון אַרעליגע, וואָס האָבען געלעבט אויף דעם חשבון פון בערזען־שווינדלער, פון מענשען, וואָס האָבען אין גאַנצען פערהולטעוועט זייער עהרע און פון מענשען, וואָס ווען אין גיכען פערלירען זייער עהרע, פון פּשוט׳ע זשוליקעס און גנבים און פון פרויען־הענדלער, וואָס האָבען געקוקט ארום זיך מיט אזא ווירדע און מיט אזא מינע, ווי זיי וואָלטען געזאָגט: „אנו, פּרובט אָקאָרשט זאָגען, אז איך בין ניט קיין שענער מענש, איך מאַך אייך גלייך פיר א בר מנן!“

דער דאָזיגער פּלאַץ איז אָנגעזאַפּט מיט געמיינהייט און שמעקט מיט לאַסטער. די מענער זיינען דאָרט ווערט די פרויען און די פרויען די מענער. אזוי ווי דאָס פערברעכען וואָלט דאָרט אין דער לופט געשוועבט. די מענשען שלאָגען זיך דאָרט פיר זייער

עהרע, אומשטיינס געזאָגט, אויף פיסטאָלעטען און שווערדען און פערלירען דורך דעם נאָך מעהר זייער עהרע.

יעדען זונטאג קומען אהין מענשען, וואָס וואָהנען אין דער נאכבארשאפט, אוים איינפאכער נייגעריגקייט. און יעדעס יאָהר בעווייזען זיך דאָרט אַלץ נייע בלוט־יונגע בחורים׳לאך, אום דאָס לעבען צו לערנען. נאאיווע מענשען געהען דאָרט פערלאָרען.

נעבען דעם איבערגעדעקטען פליט, וואו מען עסט און טרינקט, באָדען זיך פרויען. די יעניגע פון זיי, וועלכע האָבען וואָס צו ווייזען, שטעלען ארוים אַלע זייערע רייצען, אום א בעלן צו כאַפען. די אנדערע פרויען, וואָס די נאטור האָט זיי ניט בעשענקט מיט אזוינע צוציהענדע לייבער, קוקען בלומרשט מיט פעראכטונג אויף יענע, וואָס ווייזען מיט אזא חוצפה זייער קערפערליכען רייכטהום, אין הארצען אָבער זיינען זיי יענע שטארק מקנא.

פון א קליינער פלאַטפאָרמע שפּרינגען שווימער אין טייך אריין. לאנגע און דינע, ווי שטאנגען, אָדער רונדע, ווי קירבעסען, ווארפען זיי זיך מיט׳ן קאָפּ ארונטער, און שווימען אויף׳ן בויך אָדער אויף׳ן רוקען. ווען זיי שפּרינגען, שפּריצט דאָס וואסער אין רעסטאָראן אריין.

טראָץ די מעכטיגע ביימער, וואָס האָבען בעשאָטענט דעם רעסטאָראַן, און טראָץ דער נאָהענטקייט פון׳ם וואסער, איז דאָרט היים געווען, צום דערשטיקט ווערען. דער גערוך פון פערגאָסענעם ווייַן האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם גערוך פון פערשוויצטע לייבער און פון שטארקע פערפיומען, מיט וועלכע די פערקויפערינס פון ליעבע האָבען זיך געשפּריצט. אָבער איבער די אַלע דאָזיגע פערשיידענע גערוכען האָט געשוועבט א לייכטער דופט פון פודרע, וועלכער איז דאָ פערשוואונדען און דאָ ווידער גע־קומען, אזוי ווי א פערבאָרגענע האנד וואָלט די לופט געפודרעט...

דאָס ריכטיגע לעבען איז אָנגעגאנגען אויף׳ן טייך, וואו די שיפלאך האָבען זיך געטראָגען. די פריינדינען פון די שיפער זיי־נען געזעסען אויף זייערע שטולען אנטקעגען די מענער, וואָס האָ־בען גערודערט מיט זייערע שטארקע ארעמס און האָבען מיט פער־

אכטונג געקוקט אויף די פרויען, וועלכע האָבען אויף'ן אינזעל זיך ארומגעטריעבען און געזוכט א מיטאָג.

יעדע ווילע האָבען מענשען אויף'ן ברעג בעמערקט פערביי־פאָהרען א שיפעל מיט בעקאנטע, זיי האָבען דאן אויפגעהייבען א געשריי, און דער גאנצער עולם האָט זיי אונטערגעהאלטען מיט א ווילדען געפילדער.

אין דער ריכטונג צו שאטו האָבען זיך געצויגען שיפלאך אָהן א צאָהל. זיי זיינען צוגעקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער, זיינען געוואָרען אלץ גרעסער און גרעסער, און וואָס דייטליכער מען האָט די מענשען אויף זיי געקאָנט אונטערשיידען, אלץ ווילדער האָבען געפילדערט די מענשען אויף'ן ברעג.

פלוצים האָט זיך בעוויזען א שיפעל מיט א לייוועגדענערביידעל. פיער פרויען זיינען אויף איהם געפאָהרען. די פרוי, וועלכע האָט געדודערט, איז געווען קליין און מאָגער און געקליידט ווי א מאטראָס, מיט די האָאר צונויפגענומען פון הינטען אין א דיקען קנופ אונטער א טוכענעם הוט. נעגען איהר איז געלעגען אויף'ן רוקען א דיקע בלאָנדע פרוי אין מאנסבילשע קליידער פון ווייסען פלאנעל. איהרע דיקע פיס האָט זי געהאלטען הויך פער־ריסען און ברייט צורוואָרפען אויף א באנק. זי איז געלעגען, האָט געדויכערט א סיגארעט און זיך גע'חיות'ט. ביי יעדען שטארקען שטויס פון'ם שיפעל האָבען איהרע הויכע בוזים און בויך אויפגע־ציטערט. הינטען אונטער דער ביידעל זיינען געזעסען צוויי הויכע, שענע, שלאַנקע מיידלאך, איינע א ברונעטקע, די אנדערע א בלאָנ־דינקע. זיי זיינען געזעסען און האָבען זיך געהאלטען ארומגענו־מען און געקוקט אויף זייערע חבר'טעס.

אין דעם שווימענדיגען רעסטאָראן האָט עמיצער אויסגע־רופען:

— העי, אָט איז דאָך לעסבאָס! *)

---

*) לעסבאָס — אן אינזעל אין'ם אלטען גריכענלאנד, וואו — ווי די לעגענדע געהט — פרויען האָבען פערקעהרט צווישען זיך אויף א העסליכען, אוננאטירליכען אופן. — ל. ק.

און גלייך האָט זיך אָנגעהייבען אַ ווילדער געפּילדער, די גאַנצע מאַסע האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן, געוואָרפען די גלעזער, געשפּרונגען אויף די טישען און געוואַלדעוועט ווילד און פער־שיכור׳ט:

— לעסבאָס! לעסבאָס! לעסבאָס!

און באַלד האָט מען שוין קיין ווערטער אויך ניט געהערט, נור אַ רעווען, אַ סקאַוואַטשען ווי פון צוויושעטע חיות, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע לופט און צוטראָגען זיך אויף אַלע זייטען.

די פרוי, וואָס האָט גערודערט, האָט ביי דער דאָזיגער אוואַציאָן לאַנגזאַמער געלאָזט דאָס שיפעל געהן. די דיקע בלאָנדינקע, וועלכע איז אויף׳ן רוקען געלעגען, האָט גלייכגילטיג אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפּ און זיך אַביסעלע אויפגעהייבען אויף׳ן עלענבויגען און די אַנדערע צוויי שענע מיידלאַך אונטער דער ביידעל האָבען אָנגעהייבען צו לאַכען און מאַכען צום עולם מיט׳ן קאָפּ.

דעמאָלט איז דאָס געפּילדער נאָך שטאַרקער געוואָרען, אַזוי שטאַרק, דאָס דער שווימענדיגער רעסטאָראַן האָט זיך געטרייסעלט. די מענער האָבען געהויבען זייערע הים, די פרויען האָבען געפאָכעט מיט זייערע טיכלאַך און אַלע שטימען, הויכע און ניעדריגע, קוויטשענדיגע און גראָבע, האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין געשריי:

— לעסבאָס! לעסבאָס! לעסבאָס!

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די דאָזיגע גאַנצע באַנדע, דער דאָזיגער נעסט פון פערברעכען און זינד, בעגריסט זייער פיהרער, זייער הויפּטמאַן, ווי אַן עסקאַדראָן קריעגס־שיפען וואָלטען דורך־זאַלפען דאָס אַדמיראַל־שיף בעגריסט.

די שיפלאַך אויף׳ן טייך האָבען אויך בעגריסט דאָס שיפעל מיט די מיידלאַך.

נור איין פּויל האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער קעשענע אַ שלי־סעל און גענומען פייפען מיט אַלע קרעפטען. זיין פריינדין איז געוואָרען בלייך און נערוועז, האָט איהם אָנגעכאַפּט ביים אָרם און געהייסען איהם שווייגען. דערביי האָט זי געקוקט אויף איהם אַזוי אויפגערעגט, מיט אַזאַ כעס.

אָבער ער איז געווען פערצווייפעלט, ווי אַ גוואַלדיגע מאַנס־בילשע אייפערזוכט וואָלט איהם מיט אַמאָל איבערוועלטיגט. אַן אינסטינקטיווער, טיעפער, ברענענדיגער האַס האָט זיך אין איהם ערוועקט צו יענע פרויען. ער האָט געשטאַמעלט מיט ציטערענ־דיגע ליפּען:

— ס׳איז אַזאַ שאַנדע! מען האָט זיי געדאַרפט דערטרינ־קען ווי ציינ, מיט אַ שטיין ארום האַלז!...

מאַגדאַלענאַ איז געוואָרען אויסער זיך. איהר קוויטשענדיגע שטימע האָט גענומען שיפּען און זי האָט אָנגעהייבען צו ריידען שנעל, שנעל און מיט היץ, אַזוי ווי זי וואָלט פערטהיידיגט אַ זאַך, וואָס איז געווען שטאַרק נוגע איהר אַליין.

— וואָס געהט עס דיך אָן? קענען זיי דען ניט טהאָן, וואָס זיי ווילען? זיי זיינען ניט מחויב אָפּצוגעבען וועמען רעכנונג. דער טייפעל מאָג דיך נעהמען, וואָס מישטו זיך ניט אין דיין זאַך!

אָבער ער האָט זי אונטערבראָכען:

— דאָס איז די זאַך פון דער פּאָליציי. איך וועל שוין זעהן, אַז מען זאָל זיי פערשפּאַרען הינטער׳ן שלאָס און ריגעל, מאַנסט זיין זיכער!

זי איז אויפגעשפּרונגען.

— דו?

— יאָ, איך. און דיר פערבאָט איך צו ריידען מיט זיי. דו הערסט? איך פערבאָט עס דיר!

— מיין טהייערינקער, איך וועל טהאָן דאָס, וואָס מיר גע־פעלט. אויב דיר לוינט ניט, קאָנסטו זיך העלפען, קאָנסטו זיך געהן, און טאַקי גלייך אויך! איך בין ניט דיין ווייב, דו האָסט מיר ניט וואָס צו זאָגען, און שוויינ!

ער האָט גאָר נישט געענטפערט. זיי זיינען געבליבען שטעהן איינער געגען אַנדערן אויפגערעגטע מיט פערקרימטע מיילער.

דערווייל זיינען די פיער מיידלאַך צוגעפאָהרען צום ברעג און זיינען אריין אין רעסטאָראַן.

די צוויי אין די מאַנסבילשע קליידער זיינען געגאַנגען אין פאָראויס. איינע פון זיי איז געווען מאָגער, עהנליך צו אַן איינגעל

מיט אן אלטען פנים, מיט געלע פלעקען אויף די שלייפען; די אנדערע — דיק און פעט, מיט א הויכען בוזים און אונגעוועהנ־ליכע היפטען, וואס האבען, דאכט זיך, ווי צושפּארט אויף איהר די ווייסע פלאנעלענע מאנסבילשע קליידער. זי האט געטראָטען שווער, ווי א פעטע גאנז. הינטער זיי זיינען געגאנגען זייערע שענע צוויי חבר׳טעס, און די שיפער זיינען זיי אנטקעגען געלאָפען און געדריקט די האנד.

זיי אלע זאלבעפערט האבען א קליין הייזעל נעבען וואסער געדונגען און האבען זיך געלעבט ווי צוויי פּאר פאלק.

זייערע העסליכע פערהעלטניסע זיינען געווען אן אָפענער סוד פיר אלעמען; מען האט וועגען דעם גערעדט ווי וועגען א גאנץ נאטירליכע זאך; מען האט זיך דערצעהלט וועגען זיי מערק־ווירדיגע געשיכטען, מורא׳דיגע סצענעס פון אייפערזוכט צווישען פרוי און פרוי אוים ליעבע צו א פרוי; מען האט זיך גע׳סוד׳עט וועגען דעם, אז בעוואוסטע אקטריסעס בעזוכען שטילערהייט דאס קליין הייזעל נעבען וואסער...

א שכן, וועלכער איז אויפגעבראכט געוואָרען פון די דאזיגע סקאנדאליעזע געשיכטען, האט וועגען דעם געלאזט וויסען דער פּאָליציי און דער פּאָליציי־וואכמייסטער איז געקומען צו זיי מאכען אן אונטערזוכונג. דער ענין איז געווען א צו עדעלער. אייגענטליך האט מען די מיידלאך ניט געקענט גאָר נישט אויפוואַרפען, אין גאָר נישט בעשולדיגען, ווייל מיט קיין געוועהנליכער פּראָסטי־טוציאָן האבען זיי זיך ניט בעשעפטיגט. דער צומישטער וואכ־מייסטער, וועלכער האט אליין ניט געוואוסט וועגען וואס פיר א פערברעכען דאָ האט זיך געהאנדעלט, האט נאָך דער אונטערזו־כונג ארייגעבראכט א לאנגען רעפּאָרט וועגען זייער אונשולד.

די גאנצע געגענד האט דאן געהאט פון וואס צו לאכען.

מיט לאנגזאמע טריט, ווי קעניגינען, זיינען זיי דורכגעגאנ־גען דעם רעסטאָראן. עס איז קאָנטיג געווען, אז זיי זיינען שטאלץ אויף זייער בעריהמטקייט, אז זיי זיינען גליקלאך אויף די אויפ־מערקזאמקייט, וואס זיי ציהען אויף זיך, אז זיי האלטען זיך א סך העכער פון דעם דאזיגען המון.

מאגדאלענא און איהר געליעבטער האבען געזעהן זיי קומען, און די אויגען פון דער מיידעל האבען גענומען לייכטען.

ווען דיביידע ערשטע זיינען זייער טישעל פערבייגעגאנגען, האט מאגדאלענא א רוף געטהאן: „פוילינע!"

די דיקע האט זיך אומגעקוקט, איז שטעהן געבליבען און געזאגט:

— זעה נור, מאגדאלענא!... קום אהער, מיין טהייערע!

פויל האט זיך איינגעגעסען מיט די פינגער אין דעם ארם פון זיין געליעבטער; אבער זי האט איהם געזאגט: „לאז אפ" מיט אזא מינע, דאס ער האט זי אפגעלאזט און איז געבליבען ביים טישעל אליין.

דאן איז מאגדאלענא מיט דער דיקער געשטאנען און גערעדט שטיל און שנעל. זיי האבען עפעס געלאכט און יעדע וויילע האט די דיקע פוילינע פער׳גנב׳עט געוואָרפען א בליק אויף פויל׳ן און דערביי האט זי געשמייכעלט אזוי סארקאסטיש.

צום סוף האט פויל ניט אויסגעהאלטען. ער האט זיך אויפ־געהויבען און איז צוגעשפרונגען צו זיי. ער האט געציטערט פון קאפ ביז די פיס. ער האט א כאפ געטהאן מאגדאלענא׳ן ביים ארם און געזאגט:

— קום, איך היים דיר! איך האב דיר פערבאטען צו ריי־דען מיט דיזע אויסוואורפען!

אבער פוילינע האט אויף איהם געעפענט אזא מויל, דאס ער איז צומישט געווארען. זי האט איהם גענומען זידלען מיט די שמוציגסטע ווערטער הויך אויף׳ן קול. דער עולם ארום זיי האט געלאכט. מען האט זיך גענומען שטופען צו זיי, מען האט זיך גע־שטעלט אויף די שפיץ־פינגער, אום בעסער צו זעהן. און ער איז געשטאנען און קיין ווארט ניט געקענט ארויסברענגען אונטער דעם דאזיגען האגעל פון שימפף־ווערטער. עס האט זיך איהם אויס־געוויזען, ווי די ווערטער, וואס זיינען פון איהר מויל ארויס, הא־בען איהם ווי מיט בלאטע בעגאסען, און אזוי ווי ער האט זיך נאך געשעהמט פיר א סקאנדאל, האט ער זיך אפגעקעהרט פון

די פרויען, איז אַפּגעטראָטען פון זיי, האָט זיך אַנגעלעהנט אויף דעם פּאַרענץ און גענומען קוקען אויף׳ן טייך.

אַזוי איז ער געבליבען שטעהן און האָט געקוקט אויף דאָס וואַסער. צייטענווייז האָט ער גערוועז מיט אַ העפטיגער בעוועגונג אַרונטערגעווישט אַ טרער פון די אויגען־ווינקלען, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען זי אַרויסרייסען.

דען ער האָט געליעבט דאָס מיידעל משוגע, ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואָרום, צו להכעיס זיינע אַלע פיינע אינסטינקטען, צו להכעיס זיין פערשטאַנד, צו להכעיס זיין ווילען. ער איז אריין אין דער ליעבע, ווי אין אַ טיעפען זומפּ, נישט אַרויסצורייסען זיך.

פון נאַטור אויס צאַרט און פיין־פיהלענד, האָט ער געטרוימט פון ריינער, אידעאַלער ליעבע, און דאָ האָט איהם די דאָזיגע קליינע פרוי, אַזאַ דומע בעשעפעניש, אַזאַ נאַרישע חיה, ווי אַלע אַזוינע פרויען, אפילו ניט קיין שענע, אריינגענומען אין די הענד, האָט איהם בע׳כשוף׳ט, דעם קאָפּ צומישט, דעם ווילען פון איהם אַוועקגענומען. ער האָט געהערט צו איהר אין גאַנצען — מיט קאָפּ און פיס, מיט לייב און זעעל. ער האָט זיך אונטערוואָרפען דעם דאָזיגען ווייבערשען כשוף, דעם געהיימען און דעם אַלמעכטיגען ווייבערשען כשוף, דער דאָזיגער אונבעקאַנטער קראַפט, וואָס מען ווייס ניט פון וואַנען זי קומט, וועלכע וואַרפט דעם קלינגסטען מענשען צו די פיס פון דער ניכטסווירדיגסטער פרויענצימער אָהן אַ פּאַרוואָס און אָהן אַ וואָרום.

און ער האָט געפיהלט, אַז דאָרט הינטער זיין רוקען ווערט פּאָרבערייטעט אַ גרויסע געמיינהייט. דאָס לאַכען, וואָס ער האָט געהערט, האָט איהם אין ס׳האַרץ געשטאָכען. וואָס זאָל ער טהאָן? ער האָט אפילו גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס ער דאַרף טהאָן, ער האָט אָבער קיין קרעפטען אויף דערויף ניט געהאַט.

מיט שטאַרע אויגען האָט ער געקוקט אויף אַ מאַן, וואָס האָט דאָרט אויף׳ן ברעג מיט אַ האַטשעק געפאַנגען פיש.

פלוצים האָט דאָרט דער מאַן מיט אַ קרעפטיגער בעוועגונג

ארויסגעכאפּט א קליין זילבער־פישעלע, וואָס האָט זיך געצאַ־פּעלט אויף׳ן העקעל.

ער האָט געוואָלט ארונטערטרייסלען דאָס פישעלע פון׳ם האַטשעק, האָט איהם געדרעהט אהער און אהין, אויף אַלע זייטען, אָבער אומזיסט. דאַן האָט ער פּאָר אונגעדולד איהם א ריס גע־טהאָן, און דאָס גאַנצע פערבלוטיגטע העלזעלע פון׳ם פישעלע מיט א טהייל פון זיין איינגעווייד איז פערבליבען הענגען אויף׳ן שפּיץ אייזען. און פויל איז פערטרייסעלט געוואָרען, ווען ער האָט עס דערזעהן. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אזוי ווי דער דאָזיגער האַטשעק וואָלט זיין ליעבע געווען אין וועג. ער זאָל זי וועלען ארויסרייסען פון זיין הארצען, וואָלט אויף׳ן שפּיץ פון דעם פער־בויגטען שטיקעלע אייזען זיין צוריסענע ברוסט פערבליבען שטע־קען, אזוי טיעף האָט מאַגדאַלענא פערוואָרפען דאָרט איהר האַ־טשעק.

ער האָט דערפיהלט א האַנד אויף זיין אַקסעל. ער האָט זיך א כאַפּ געטהאָן. דאָס מיידעל איז געבען איהם געשטאַנען. זיי האָבען ניט גענומען ריידען און זי האָט זיך אויך אָנגעלעהנט אויף׳ן פּאַרענץ, ווי ער, און געקוקט אויף דאָס וואַסער.

ער האָט געזוכט, וואָס איהר צו זאָגען, און קיין ווערטער ניט געפונען. ער האָט זיך אפילו ניט געקענט ערקלערען, וואָס אין איהם איז פאָרגעגאַנגען. ער האָט נור געפיהלט א פרייד, וואָס זי איז נעבען איהם, וואָס זי האָט זיך צוריקגעקעהרט, און נאָך א געפיהל, א שענדליך, א פייג געפיהל, צו פערצייהען איהר אַלס־דינג, צו ערלויבען איהר אַלסדינג, אום נור זי זאָל איהם ניט פער־לאָזען.

צום סוף אין א פּאָאר מינוטען ארום האָט ער זי געפרעגט, מיט א ווייכער שטימע:

— ווילסטו אפשר זיך דורכפאָהרען אביסעל? אויף׳ן שי־פעל וועט זיין אַנגענעהמער.

זי האָט געענטפערט:

— יאָ, קעצעלע מיינס.

און ער האָט איהר געהאָלפען ארונטערצוגעהן אין דאָס שי־

פעל, האָט זי געהאַלטען אונטער׳ן אָרם, געדריקט איהר די הענד, איז אין גאַנצען „צוקראָכען" געוואָרען און אַ פּאָאר טרערען זיי־נען נאָך ביי איהם געשטאַנען אין די אויגען. דאַן האָט זי אַ קוק געטהאָן אויף איהם מיט אַ שמייכעל און זיי האָבען זיך ווידער צוקושט.

לאַנגזאַם האָט זיך זייער שיפעל אַוועקגעטראָגען אַרויף־טייך, אַרום ברעג, וואָס איז בעוואַקסען געווען מיט ווײַדען און מיט גראָז.

ווען זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין רעסטאָראַן, איז ערשט געווען אַזייגער זעקס. זיי האָבען איבערגעלאָזט דאָס שי־פעל אויף׳ן ברעג און זיינען אַוועק איבער׳ן אינזעל צו בעזאָן צו איבער לאָנקעס, פּערביי די הויכע פּאַפּעל־ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג טייך.

דאָס גראָז איז געווען רייף צום שניידען און פול מיט בלו־מען. די אונטערגעהענדיגע זון האָט דערויף געוואָרפען אַ רויטע, שטראַהלענדע ליכט און אין דער מילדער וואַרימקייט פון׳ם שטאַר־בענדען טאָג האָט זיך געמישט דער גראָז־גערוך מיט דעם פייכ־טען אָטהעם פון׳ם טייך. אַ זיסע מאַטיגקייט איז געלעגען אין דער לופט, אַ הויך פון שטילען גליק, פון שטילער לעבענס־פרייד.

דאָס האַרץ איז צוגאַנגען פאַר זיסער, ווייכער מיעדקייט. עס האָט זיך געפיהלט, ווי מען גיסט זיך צונויף מיט דעם דאָזיגען שטילען אָבענד־שיין, מיט דעם דאָזיגען געהיימען, אונבעשטימ־טען פליסטערען פון די גרעזער און ביימער, מיט דער דאָזיגער מעלאַנכאָלישער פּאָעזיע, וואָס האָט, דאַכט זיך, אַרויסגעשטראָמט פון די פלאַנצען און פון די אַלע זאַכען, וועלכע האָבען זיך אין די דאָזיגע שטילע מינוטען ענטפּלעקט פיר די געפיהלען.

ער האָט עס אַלסדינג געפיהלט, אָבער ניט זי. זי האָט פון עטוואָס אַזוינס קיין אַהנונג ניט געהאַט. זיי זיינען געגאַנגען איי־נער נעבען אַנדערען. און פּלוצים, ווען עס האָט איהר דערעסען צו שווייגען, האָט זי אָנגעהויבען צו זינגען מיט אַ קוויטשענדיגען, פאַלשען קול עפּעס אַ גאַסען־ליעדעל, און האָט גראָב צושטערט די טיעפע און רוהיגע האַרמאָניע פון׳ם אָבענד.

דאַן האָט ער זי אָנגעקוקט און דערפיהלט צווישען זיך און איהר אַ טיעפען, טיעפען אָפּגרונד.

זי האָט געקלאַפּט מיט'ן זונען־שירם איבער די גראָז, געהאַל־טען דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט, געקוקט אויף איהרע פיס און האָט געזונגען מיט געצוואונגענע טענער און זאָגאר געפּרובט צו מאַכען טרילען מיט דער האַלז.

איהר קליינער, שמאָלער שטערן, וועלכען ער האָט אַזוי ליעב געהאַט, איז געווען פּוסט! גאָר נישט איז דאָרט געווען, אויסער די דאָזיגע גאַסען־ליעדלאַך. און די געדאַנקען, וואָס האָבען דאָרט אַמאָל אויפגעבליצט, זיינען אויך געווען פון דעם אייגענעם סאָרט, ווי די דאָזיגע גאַסען־מוזיק. זי האָט איהם ניט פערשטאַנען, זיי זיינען געווען אַזוי פרעמד, אַזוי ווייט איינער פון'ם אַנדערן, ווי זיי וואָלטען זיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט. איהרע קושען האָבען ווייטער פון זיינע ליפּען ניט געגרייכט.

דאַן האָט זי די אויגען אויפגעהויבען צו איהם און האָט איהם לאַכענדיג אָנגעקוקט. ער האָט אַ ציטער געטהאָן, געעפענט זיינע אַרמס און זי ליידענשאַפטליך צוגעדריקט צו זיך.

אָבער אַזוי ווי ער האָט איהר קלייד צוקנייטשט, האָט זי זיך אַרויסגעדרעהט פון זיינע אַרמס און אום ניט איבערצופיהרען זיין גוטע שטימונג, האָט זי אַרויסגעפּליסטערט, לאַסצענדיג זיך צו איהם ווי אַ קאַץ:

— אַך, איך האָב דיך אַזוי ליעב, קעצעלע מיינס!

ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער טאַליע. דאָס בלוט האָט איהם אַ זעץ געטהאָן אין'ם קאָפּ און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט לויפען מיט איהר, געלאָפען מיט איהר און געקושט זי אויף די באַקען, אויף די שלייפען, אויף'ן נאַקען און דערביי האָט ער געטאַנצט און געשפּרונגען. אָהן אָן אָטהעם האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטהאָן נעבען אַ בוש, וועלכען די זון האָט מיט איהרע רויטע שטראַה־לען בעגאָסען. און איידער זיי האָבען געהאַט דעם אָטהעם אָפּגע־צויגען, האָבען זיי זיך אין ליעבע פעראייניגט.

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט איבער דעם זעלבינגען וועג געאָרמט. ערשט פּלוצים האָבען זיי דורך די ביימער דערזעהן דאָס

שיפעל מיט די פיער מיידלאך. די דיקע פוילינע האט זיי אויך בעמערקט, האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען ווארפען האנד־קושען צו מאגדאלענא׳ן. דערנאך האט זי א געשריי געטהאן:

— פערגעס ניט, היינט ביינאכט.

מאגדאלענא האט געענטפערט:

— היינט ביינאכט.

פויל האט דערפיהלט א פראסט אין׳ם הארצען.

און זיי זיינען אוועק עסען.

זיי האבען זיך געזעצט אין א ביידעל נעבען וואסער און שווייגענדיג גענומען עסען. ווען די נאכט איז צוגעפאלען, האט מען זיי אריינגעטראגען א ליכט אונטער אזא מין גלעזערנעם קאל־פאק, אום דער ווינד זאל עס ניט פערלעשען. עס האט געלייכטעט מיט א ציטערענדיגען, שוואכען שיין.

יעדע וויילע האט זיך דערהערט א הויך געלעכטער פון די שיפער, וואס זיינען געזעסען אויבען אין דעם גרויסען זאאל אויף׳ן ערשטען שטאק.

ווען זיי האבען אפגעגעסען, האט פויל צערטליך אנגענומען מאגדאלענא׳ן ביי א האנד און געזאגט:

— איך בין זעהר מיעד. ווען דו ווילסט זיין א גוטינקע, וועלען מיר היינט זיך לייגען שלאפען אביסעלע פריהער.

אבער זי האט פערשטאנען, וואס ער מיינט, האט איהם אנגעבליקט מיט יענעם רעטזעלהאפטען בליק, הינטער וועלכען די פרויען פערבארגען אזוי פיעל סודות. דערנאך האט זי א ווייל נאכגעדאכט און געזאגט:

— דו קאנסט דאך געהן שלאפען, ווען דו ווילסט. איך האב פערשפראכען צו זיין היינט אויף׳ן באלל אין גרענאוויל.

ער האט טרויעריג א שמייכעל געטהאן און ווידער געזאגט מיט צערטליכקייט אין׳ם קול:

— עס וואלט געווען אזוי פיין פון דיר, ווען דו וואלסט מיט מיר פערבליבען.

זי האט א שאקעל געטהאן דעם קאפ און געשוויגען.

אבער ער האט געפרובט ווידער זי בעטען:

— איך בעט דיך, מיין ליעבע, געה ניט היינט.

דאן האט זי אויסגעשריען מיט כעס:

— דו ווייסט דאך, וואס איך האב דיר געזאגט. ווען דיר פאסט ניט, קאנסטו זיך העלפען. איך האלט דיך ניט צו: איך האב פערשפראכען צו זיין אויף׳ן באלל און איך וועל זיין.

ער האט זיך אנגעלעהנט מיט ביידע עלענבויגענס אן טיש און איז געבליבען אזוי זיצען, אין שמערצליכע געדאנקען פערזונקען.

די שיפער זיינען ארונטערגעקומען פון אויבען מיט א געפילדער. זיי זיינען געפאהרען אויף זייערע שיפלאך צום באלל אין גרענאוויל.

מאגדאלענא האט זיך אנגערופען צו פויל:

— ועסטו פאהרען, ניין? זאג שנעלער. אניט וועל איך עמיצען בעטען, מען זאל מיך מיטנעהמען.

פויל האט זיך אויפגעהייבען און ארויסגעמורמעלט:

— קום.

און זיי זיינען אוועקגעפאהרען.

די נאכט איז געוועזען דונקעל, די שטערן האבען ארונטערגעקוקט פון׳ם הימעל, א ווארימער הויך האט זיך געטראגען איבער׳ן טייך, די לופט איז געוועזען שווער און געדיכט און עס האט אבי־סעלע געשטיקט.

די שיפלאך האבען זיך אוועקגעלאזט אין וועג, יעדע פון זיי האבענדיג מיט זיך א ווענעציאנער לאנטערנע. די שיפלאך האט מען ניט געקענט דערקענען, נור די קליינע קאלירטע לאנטערנעס האבען זיך געגליטשט און ארומגעטאנצט אין דער פינסטערניש, ווי פייערדיגע פייגעלאך, און פון אלע זייטען האבען געקלונגען שטימען דורך די דונקעלהייט.

דאס שיפעל מיט פויל און מאגדאלענא׳ן האט זיך געטראגען לאנגזאם איבער׳ן טייך. ווען אנאנדער שיפעל אין פולען גאנג האט זיי אריבערגעיאגט, האט זיך זיי אין די אויגען געווארפען דער ווייסער רוקען פון דעם שיפער, בעלייכטעט פון דער לאנ־

טערנע, וועלכער איז אין א רגע ארום ווידער פערשלונגען געווא־רען פון דער דונקעלהייט.

שפעטער האבען זיי דערזעהן פון דער וייטענס גרענאווילל. דער רעסטאראן האט אויסגעזעהען יום־טוב׳דיג, אילומינירט מיט קאלירטע לעמפעלאך און פאפירענע לאנטערנעס, וואס האבען אויסגעזעהן ווי גירליאנדען. אויף דער סיינע זיינען לאנגזאם ארומגעשוואומען א פאאר גרויסע שיפען מיט פיראמידען און אלערליי מאנומענטען, פארגעשטעלט פון פייערלאך פון די פער־שיידענסטע פארבען. פייערדיגע מוסטערען האבען זיך געצויגען ביז צו דעם וואסער ארונטער און יעדע ווילע האט אויף׳ן שפיץ פון א הויכען שטאנג זיך בעוויזען א רויטע אדער בלויע לאנ־טערנע, וואס האט אויסגעזעהן, ווי א גרויסער שטערן, וועלכער האט זיך דארט אין דער־הויך געשאקעלט אהער און אהין.

די דאזיגע גאנצע אילומינאציאן האט צוגאסען א העלען שיין ווייט ארום רעסטאראן, האט בעלייכטעט די הויכע ביימער פון אויבען ביז אונטען. אונטער דעם העלען שיין האבען זייערע שטא־מען ביים ברעג טייך אויסגעזעהן גרוי און זייערע בלעטער מילך־ווייס און גרין פון דער טיעפער דונקעלקייט פון די פעלדער און דעם הימעל.

דער ארקעסטער, וועלכער איז בעשטאנען פון פינף דארפישע מוזיקאנטען, האט שוין פון ווייטען זיך געלאזט הערען מיט זיין גאסען־מוזיק, און מאגדאלענא, דערהערענדיג די דאזיגע טאנצענ־דיגע טענער, האט ווידער אנגעהייבען צו זינגען.

זי האט געוואלט גלייך אריינגעהן אין רעסטאראן. פויל האט אפריהער געוואלט זיך דורכגעהן איבער׳ן אינזעל, אבער זי האט זיך איינגעשפארט: ניין און ניין, זי וויל דוקא גלייך אין רעסטא־ראן, און ער האט איהר געמוזט נאכגעבען.

דער עולם איז דארט איצט געווען אביסעלע א בעסערער. אויסער די שיפער זיינען דארט געווען מענשען פון מיטעל־קלאס, אויך א פאאר יונגע לייט מיט זייערע מיידלאך. דער דירעקטאר און אראנזשירער פון דעם קאנקאן, וועלכער האט דא געזאלט געטאנצט ווערען, האט אויסגעזעהן גאנץ לייטיש אין זיין שווא־

צען, אָבגעטראָגענעם פראַק. ער איז אַרומגעלאָפען איבער׳ן רעס־טאָראַן און האָט געדרעהט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטען.

די דיקע פוילינע מיט איהרע חבר׳טעס זיינען דאָ ניט גע־ווען, און פויל האָט פרייער אָפּגעצויגען דעם אָטהעם.

מען האָט אָנגעהייבען צו טאַנצען. די פּאַארלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען איינע געגען די אַנדערע, האָבען גענומען מאַכען אַלער־ליי קונצען, געוואָרפען די פיס הויך אין דער לופטען איינער גע־גען אַנדערן. מאַנכעס מאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט פאָהרט אריין איינעמ׳ס פוס דעם צווייטען אין נאָז.

די נקבות מיט צושפּרייטע לענדען זיינען געשפּרונגען און זייערע קליידלאַך האָבען זיך געהייבען און געפלאָטערט, און אַרום־געוויזען די אונטער־קליידלאַך און נאָך ווייטער. מיט אַ מערק־ווירדיגער לייכטקייט האָבען זיי געוואָרפען די פיס ביז איבער די קעפּ, געדרעהט זייערע בייכער, זייערע היפטען, געטרייסעלט זיי־ערע בריסט און האָבען דערביי צושפּרייט אַרום זיך אַ שטאַרקען גערוך פון פערשוויצטען פלייש.

די זכרים האָבען זיך אַרונטערגעלאָזט אויף דער׳ערד און אַרומגעשפּרונגען ווי פרעש מיט אומאַנשטענדיגע בעוועגונגען. האָבען זיך געדרעהט אויף די הענד, געקרימט זיך, געמאַכט מיאוס׳ע העויות, אָדער האָבען געפּרובט זיין קאָמיש און מיט לעבערליכער ווירדע נאָכגעמאַכט גוטע מאַנירען.

אַ דיקע קעלנערין און צוויי קעלנער האָבען בעדיענט דעם עולם.

און אַזוי ווי דער שווימענדיגער רעסטאָראַן איז געווען אָפען פון אַלע זייטען, ניט פערצוימט פון קיינע ווענד, נור פערצויגען מיט אַ לייוונטענעם דאַך, איז דער דאָזיגער ווילדער טאַנץ פאָר־געקומען אין דער פרייער נאַטור, אין מיטען פון דער פריעדליכער שטילקייט פון דער נאַכט.

פּלוצים איז מאַן־וואַלעריען, דאָרט, אַנטקעגען, בעלייכטעט געוואָרען, אַזוי ווי דאָרט וואָלט אַ שרפה געווען. דער שיין איז געוואָרען גרעסער, שאַרפער, האָט זיך ביסלעכווייז צוגאָסען איי־בער׳ן הימעל, פערכאַפּט אַ גרויסען לייכטענדיגען קרייז פון בליי־

בען וויסען ליכט. דערנאך האט זיך בעוויזען עפעס רויטעס, וואס איז געוואקסען און געוואקסען, עפעס גליהענדיג־רויטעס, ווי דאס מעטאל אויף׳ן אמבאס. לאנגזאם איז עס געווארען רונדער און רונדער און עס האט זיך געדאכט, ווי עס וואלט פון אונטער דר׳ערד ארויסגעשטייגט, און פלוצים האט די לבנה זיך שנעל אפגעטהיילט פון׳ם האריזאנט און האט לאנגזאם און שטיל זיך גענומען הייבען אויף׳ן הימעל. און וואס העכער זי האט זיך געהייבען, אלץ בלאסער איז געווארען איהר פורפורנע פארב, אלץ געלער איז זי געווארען, העל־געל, לייכטענדיג־העל, און אלץ קלענער איז זי געווארען.

פויל האט זיך פערקוקט אויף דאס דאזיגע בילד און אין גאנצען פערגעסען זיין מיידעל. ווען ער האט זיך אומגעקוקט, איז זי שוין ניט געוועזן.

ער האט זי אנגעפאנגען צו זוכען, האט זי אבער ניט געקענט געפינען. ער איז געווארען אונרוהיג, געלאפען אהין, אהער, האט געפרעגט ביי דעם, ביי יענעם אויף איהר, קיינער האט זי ניט געזעהן.

דאן האט איהם איינער פון די קעלנער געזאגט:

— איהר זוכט פריילין מאגדאלענא׳ן, זי איז ערשט אוועק מיט פריילין פוילינע.

און אין דער אייגענער רגע האט פויל בעמערקט אויף׳ן אנדער׳ן עק פון׳ם רעסטאראן פוילינע׳ס דריי חבר׳טעס. זיי זיינען געשטאנען, האלטענדיג איינע די אנדערע ביי דער טאליע, האבען געקוקט אויף איהם און זיך גע׳סוד׳עט.

ער האט פערשטאנען און איז ארויסגעלאפען ווי א משוגע׳נער פון׳ם רעסטאראן.

ער האט זיך געלאזט לויפען איבער׳ן אינזעל. אפריהער איז ער אוועקגעלאפען צו שאטו צו, אבער אויף׳ן וועג האט ער זיך מישב געווען און זיך צוריקגעקעהרט. ער האט גענומען זוכען אין די בושעס ניט ווייט פון׳ם רעסטאראן, ארומגעדרעהט זיך דא און דארט, איז געגאנגען און געלאפען, האט זיך צייטענווייז אפגעשטעלט און אנגעשטרענגט דעם געהער, אפשר וועט ער דער־

הערען... אומעדום האָט ער געהערט דעם קוואַקען פון די פרעש.

ערגעץ ארום בוזשיוואל האָט עפּעס אַ פייגעל געזונגען און שוואַך האָבען זיך פון דאָרט דערטראָגען איהרע טענער. אויף די ברייטע לאַנקעס האָט די לבנה געגאָסען איהר ווייכעס ליכט, ווי זילבער־שטויב, האָט בעזילבערט די בלעטער און די רוישענדיגע שפּיצען פון די הויכע ביימער.

די פּאָעזיע פון דעם דאָזיגען אבענד האָט אין פּויל׳ם נשמה אריינגעדרונגען געגען זיין ווילען. זי האָט אויפגעטרייסעלט זיין אומעט, צורודערט זיין הארץ מיט ווילדער איראָניע און אויפגעוועקט אין זיין צארטער, געפיהלפולער זעעלע אַ ברענענדיגע בענקעניש נאָך ליעבע און לאַסקעס און אַ בעדירפניש אויסצוגיסען זיינע געפיהלען אויף דער ברוסט פון אַ טריי געליעבטער פרוי.

טרערען האָבען איהם גענומען שטיקען און ווערגען, און ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלען.

ווען דער אַנפאַל איז געווען פאַראיבער, איז ער אוועק ווייטער.

פּלוצים האָט איהם ווי מיט אַ מעסער אין הארצען אַ שניט געטהאָן. דאָרט, הינטער אַ בוש, האָט מען זיך געקושט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אהין. דאָס איז געווען אַ פערליעבט פּאָאר, וואָס האָט זיך דאָרט שנעל אָפּגעטראָגען, ווי נאָר זיי האָבען דערהערט זיינע טריט.

ער האָט ניט געוואגט צו רופען. ער האָט געוואוסט, אז זי וועט ניט ענטפערען און דערצו האָט ער מורא געהאט, צו טרעפען זיי צוזאמען.

די טענער פון׳ם קאדריל מיט די ליארמענדיגע קולות פון דעם טראמבאָן, מיט דעם פאַלשען פייפען פון דער פליטע און דעם קוויטשענדיגען סקריפּען פון דער פיעדעל האָבען איהם דאָס הארץ צוריסען, דאָס הארץ, וואָס איז געווען אזוי אָנגעוועהטאָגט. די דאָזיגע ווילדע מוזיק האָט געקלונגען צווישען די ביימער אמאָל שוואכער, אמאָל שטארקער, לויט דעם ווינד, וואָס האָט זי צוטראָגען.

פּלוצים איז איהם איינגעפאַלען: אפשר האָט זי זיך דאָרט

צוריקגעקערט? יאָ, זי האָט זיך געווים צוריקגעקערט. וואָרום ניט? ער האָט אָהן אַ פאַר־וואָס דעם קאָפּ פערלאָרען. עס איז נאַריש פון איהם, וואָס ער פיינינט זיך אַזוי צוליעב אַ פערדאַכט, וואָס ער האָט זיך זייט אַ געוויסער צייט אין קאָפּ אריינגענומען.

און בעפאַלען פון יענער מערקווירדיגער רוהיגקייט, וועלכע קומט אַמאָל נאָך דער גרעסטער פערצווייפלונג, האָט ער זיך צו־ריקגעקערט צום באַלל.

געקומען אין זאַאל, האָט ער זי ווידער אַרומגעזוכט מיט די אויגען, זי איז דאָרט ניט געווען. ער איז פערבייגעגאַנגען אַלע טישען, ניטאָ, ניטאָ! ער האָט ווידער דערזעהן פאַר זיך יענע דריי מיידלאַך. ער האָט אפנים אויסגעזעהן זעהר קאָמיש, דען אַלע דריי מיידלאַך האָבען זיך צולאַכט הויך אויף׳ן קול, ווען זיי האָ־בען אַ קוק געטהאָן אויף איהם.

דאַן איז ער ווידער אַרויסגעלאָפען פון׳ם רעסטאָראַן, האָט זיך ווידער אַוועקגעלאָזט איבער׳ן אינזעל און האָט זיך דאָרט בע־האַלטען צווישען די בושעס.

ער האָט זיך ווידער גענומען צוהערען, האָט זיך צוגעהערט לאַנג, לאַנג, ווייל אין די אויערען האָט איהם געקלונגען. אָבער צום סוף האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער האָט געהערט אַ קורץ הילכענדיג לאַכען, וואָס איז איהם אַזוי גוט בעקאַנט געווען, און ער האָט גענומען פויזען אין פאַראויס, פונאַנדעררוקענדיג די צווייגען, דערביי האָט ביי איהם דאָס הארץ אַזוי געקלאַפּט, דאָס דער אָטהעם האָט איהם פערכאַפּט.

צוויי שטימען האָבען זיך געשושקעט. ער האָט די ווערטער קלאָר ניט געהערט. דערנאָך זיינען זיי אַנשוויגען געוואָרען.

דאַן האָט זיך אין איהם ערוועקט אַ גוואַלדיגער פערלאַנג, צו אַנטלויפען, נישט צו זעהן, אַנטלויפען אויף אַלע מאָל פון דער דאָזיגער העסליכער ליידענשאַפט, וואָס ברענגט איהם אום. ער וועט זיך צוריקקעהרען אין שאַטו, וועט זיך זעצען אויף אַ צוג און אַ סוף, אַן ענד, וועט זי מעהר קיינמאָל ניט זעהן.

אָבער אין דער אייגענער צייט האָט איהר בילד אויפגעלעבט פאַר איהם און איהם צומישט אין גאַנצען. עס האָט זיך איהם

פֿאַרגעשטעלט, ווי זי כאַפּט זיך אויף אין־דער־פריה אין דעם וואַרימען בעט, ווי זי דריקט זיך צו צו איהם, נעהמט אריין זיין האלז צווישען איהרע ארמס, די האאר צולאָזט, מיט איין לאַקענדעל, וואָס דרעהט זיך ארום איהר שטערן, מיט נאָך־צוגעמאַכטע אויגען און מיט ליפּען געעפענטע פיר די ערשטע קושען, און די דאָזיגע פּלוציםדיגע ערוואַכונג אַן די אין־די־פריהענדיגע לאַסקעס האַט ערוועקט אין איהם אזא משוגע׳נע בענקעניש, אזא ווילדען פערלאַנג.

די שטימען האָבען זיך ווידער דערהערט. ער האַט ווידער גענומען פויזען. דערנאָך האַט ער דערהערט אַ שטילען געשריי פון אונטער די ביימער גאַנץ נאָהענט פון איהם, — איינעם פון יענע ליעבעס־געשרייען, וואָס ער האַט געהערט אין די אייגענבליקען פון העכסטער לוסט, פון העכסטער ליעבע.

ער האַט אַלץ געפּויזעט ווייטער און ווייטער כמעט געגען זיין ווילען, אַן אונווידערשטעהליכע קראַפט האַט איהם געצויגען, געשלעפּט אהין; ער האַט זיך אליין קיין רעכנונג ניט אָפּגעגעבען, וואָס ער טהוט, וואוהין ער פויזעט, צי ער געהט, צי ער פויזעט, צי מען שלעפּט איהם... און... ער האַט זיי דערזעהן.

אָה, ווען דאָס וואָלט געווען אַ מאַן, אַנאַנדער מאַן! אָבער דאָס! דאָס! ער האַט זיך געפיהלט, אזוי ווי זייער געמיינהייט וואָלט איהם מיט קייטען צום אָרט צוגעשמיעדט. ער איז געבליבען דאָרט שטעהן אָהן לשון, ווי אַ דער׳הרג׳עטער, אזוי ווי ער וואָלט פּלוצים פאַר זיך דערזעהן די צופוילטע לייבע פון זיין געליעבטער. אזא פערברעכען געגען דער נאַטור, אזא שמוציגע לעסטערונג פון דער ליעבע!...

דעמאָלט האַט ער ניט־ווילענדיג אַ טראַכט געטהאָן וועגען דאָס קליין פישעלע, ביי ועמען דער מאַן האַט אין דעם אייגענעם טאָג די אינגעווייד ארויסגעריסען... אָבער מאַגדאַלענא האַט נעפליסטערט: „פוילינע“ מיט דעם זעלבינען ליידענשאַפטליכען קול, ווי זי פלעגט פליסטערן: „פויל!“ און אזא וועהטאָג האַט איהם דורכגענומען, דאָס ער האַט זיך געלאָזט לויפען, איז געלאָפען אזוי שנעל, ווי די פיס האָבען איהם געטראָגען.

ער האט זיך אנגעשטויסען אן צווייביימער, איז געפאלען איבער א ווארצעל, האט זיך ווידער אויפגעהייבען און איז ווייטער געלאפען און אזוי, אונבעמערקט פיר איהם אליין, איז ער דער־לאפען ביז דעם טייך, ביז דעם פלאץ, וואו דאס וואסער האט געקאכט און געשוימט, בעלייכטעט פון לבנה־שיין.

אויף דער אנדער זייט טייך זיינען געלעגען די זומער־וואה־גונגען פון קרואססי אונטער דעם העלען שיין פון דער לבנה.

פויל האט עס אלסדינג געזעהן ווי אין חלום, ווי אין דער עראינערונג נור, ער האט וועגען גאר נישט געטראכט, גאר נישט פערשטאנען, און אלסדינג, אפילו זיין אייגענע עקזיסטענץ האט זיך איהם פארגעשטעלט אלס עטוואס אונבעשטימטעס, ווייטעס, פערגעסענעס, אלס עטוואס, וואס איז שוין נישטא מעהר.

דארט האט דער טייך געשטראמט. האט ער געוואוסט, וואס ער טהוט? האט ער געוואלט שטארבען? ער האט זיך פון׳ם זינען געריהרט, דאך האט ער זיך א קעהר געטהאן צום אינזעל, צו איהר, און אין דער רוהיגער בייגאכטיגער לופט, דורך וועלכע עס האבען נאך געקלונגען די מוזיק־טענער פון׳ם זאאל, האט אבגעהילכט זיין פערצווייפעלטע, איבערמענשליכע, מוראדיג־שאר־פע שטימע:

— מאגדאלענא!

דער דאזיגער הערצרייסענדיגער געשריי האט אפגעקלונגען ווייט אונטער דעם שטילען הימעל, האט זיך צוטראגען איבער׳ן גאנצען האריזאנט.

דערנאך האט פויל מיט איין שוואונג, ווי א חיה, א שפרונג געטהאן אין טייך אריין. דאס וואסער האט א ציטער געטהאן, און אויף דעם ארט, וואו ער איז פערשוואונדען, האבען זיך גענומען דרעהען קרייזען, און קליינע כוואליעלאך האבען זיך מיט א בול־בען געיאגט צום ברעג...

ביידע פרויען האבען דערהערט דעם געשריי. מאגדאלענא איז אויפגעשפרונגען:

— דאס איז פויל!

און דאן האט זי צוגעליינט, געמוטשעט פון א פערדאכט:

— ער האָט זיך דערטרונקען!

זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צום טייך, די דיקע פּוילינע נאָך איהר.

אַ שווערע שיף מיט צוויי מענער איז ארומגעפאָהרען אויף איין אָרט הין און צוריק. איינער פון די מענער האָט גערודערט און דער צווייטער האָט געטאַפּט מיט אַ שיף־האקען (באַגאָר) אין טייך, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט.

פּוילינע האָט אויסגערופען:

— וואָס איז דאָרט? וואָס טהוט איהר?

אַ פרעמדע שטימע האָט געענטפערט:

— אַ מאַן האָט זיך ערשט דערטרונקען.

די פרויען האָבען זיך צוגעדריקט איינע צו דער אַנדערער און מיט שטאַרע אויגען נאָכגעקוקט נאָך די בעוועגונגען פון דעם שיף.

פון דערווייטענס האָט זיך נאָך אַלץ געהערט די ווייסטע מוזיק פון גרענאָוויל, אַזוי ווי זי וואָלט בעגלייט די ארבייט פון די פישער. און דער טייך, וואָס האָט איצט אַ טויטען ביי זיך געהאַט בעגראָבען, האָט געווירבעלט, פון לבנה־שטראהלען בע־גאָסען.

די פישער האָבען דערווייל געזוכט. מאַגדאַלענאַ'ן האָט געגומען שוידערן פאַר שרעק. צום סוף, אַן ערך אין אַ האַלב שעה ארום, האָט איינער פון די מענער אויסגערופען:

— איך האָב איהם! איך האָב איהם!

און ער האָט לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג גענומען שלעפּען זיין לאַנגען שיף־האקען. דאַן האָט זיך אויף'ן וואסער בעוויזען עפּעס אַ גרויסע דונקעלע מאַסע. דער אַנדערער פישער האָט ארויסגע־לאָזט די רודער און זיי ביידע האָבען ארויפגעשלעפּט און אריינ־געוואָרפען די אונבעוועגליכע מאַסע אין שיף.

דערנאָך זיינען זיי צוגעפאָהרען צום ברעג און האָבען גענו־מען זוכען אַ ניעדריגען און ליכטיגען פּלאַץ, וואו ארונטערצוגעהן.

ווען דאָס שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען די ביידע מייד־לאַך צוגעגאַנגען נאָהענט.

מאַגדאַלענאַ האָט צושראָקען זיך אַ כאַפּ געטהאָן צוריק, ווען

זי האָט איהם דערקענט. ביים שיין פון דער לבנה האָט ער אויס־געזעהן גרין, זיין מויל, אויגען, נאָז, קליידער, פול מיט בלאָטע. זיינע צונויפגעקרעמפפטע, שטאַרע פינגער האָבען אויסגעזעהן מורא'דיג. איבער זיין גאַנצען קערפּער איז געלעגען איין שוואַרצע געדיכטע קלעפּיגקייט. זיין פּנים האָט אויסגעזעהן געשוואָלען און פון זיינע צונויפגעקלעפּטע האָאר איז ארונטערגערונען שמוציגע וואַסער.

די מענער האָבען איהם גענומען בעטראַכטען:

— דו קאָנסט איהם? — האָט איינער געפרעגט.

דער צווייטער האָט א ווײלע זיך געקווענקעלט:

— יאָ, מיר דאַכט זיך, אז איך האָב דעם דאָזיגען יונגענמאַן ערגעץ געזעהן. אָבער אויף געוויס קען איך ניט זאָגען.

דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים א כאַפּ געטהאָן:

— געוויס, דאָס איז דאָך הערר פויל.

זיין חבר האָט איהם געפרעגט:

— ווער איז דער הערר פויל?

און דער ערשטער האָט געענטפערט:

— נו, הערר פויל באַראָן, דער זוהן פון דעם סענאַטאָר. דו ווייסט דאָך, יענער יונגערמאַנטשיק, וואָס איז געווען אזוי פער־ליעבט.

דער אנדערער האָט זיך אָנגערופען מעשה פילאָזאָף:

—נו, איצט וועט ער זיך שוין מעהר ניט נאַריש מאַכען. דאָך א שאַד, ווען מען האָט אזוי פיעל געלד...

מאַגדאַלענא האָט זיך א וואַרף געטהאָן אויף דר'ערד און גענומען וויינען.

די דיקע פּוילינע איז צוגעגאַנגען צו די מענער און האָט גע־פרעגט:

— איז ער טאַקי טויט?

די מענער האָבען א דריק געטהאָן די אַקסלען:

— נו, געוויס. אזא לאַנגע צייט געלעגען אונטער'ן וואַסער. געוויס.

דערנאָך האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופען:

— ער וואָהנט, דאַכט זיך, אין גריללאַן?

דער צווייטער האָט געענטפערט:

— יאָ, מיר וועלען איהם אוועקפיהרען אהין. מיר וועלען שוין דערפאַר קריגען טרינק־געלד.

זיי האָבען זיך ווידער אריינגעזעצט אין שיף און זיינען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם אָפּגעפאָהרען פון'ם ברעג, ווייל זיי איז אויסגעקומען צו טרייבען דאָס שיף ארויף וואַסער, געגען שטראָם. און לאַנג נאָך, ווען דאָס שיף איז שוין געהאַט פערשוואונדען פון די אויגען פוןביידע פרויען, האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון די רודערס איבער'ן וואַסער.

פּוילינע האָט ארומגענומען די וויינענדיגע מאַגדאַלענאַ'ן, האָט זי געגלעט, האָט זי געקושט און זי געטרייסט:

— נו, גענוג, דו ביזט דאָך ניט שולדיג, ניט אמת? מען קען דאָך די מענער ניט פערבאָטען צו בעגעהן נאַרישקייטען. ער האָט עס דאָך אליין געוואָלט, נו, איז אָך און וועה צו איהם!

דאַן האָט זי אויפגעהייבען מאַגדאַלענאַ'ן:

— נו, גענוג, קעצעלע. קום, דו וועסט היינט שלאָפען ביי אונז. דו קענסט דאָך ניט געהן היינט נעכטיגען אין גריללאַן.

זי האָט זי נאָך אמאָל אַ קוש געטהאָן:

— קום, מיר וועלען דיך שוין בערוהיגען.

מאַגדאַלענאַ האָט זיך אויפגעהייבען; זי האָט נאָך אפילו געוויינט, אָבער שוין ניט אַזוי שטאַרק ווי פריהער. זי האָט צוגעשפּאַרט איהר קאָפּ צו פּוילינע'ס אַקסעל, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט טרייסט אין איהר אינטימערער, נעהענטערער, פאַסיגערער ליעבע, און זיי ביידע זיינען אוועק מיט שטילע, לאַנגזאַמע טריט.

נוזלאַזע שענהייט

1.

אן עלעגאנטער קויטש, מיט צוויי פראכטפולע פערגעשפאנט, האַט געוואַרט פאַר'ן פאַלאַץ. עס איז געווען ענדע יוני ארום האלב זעקס פארנאכט, און צווישען די דעכער פון די זייטיגע פליגלען, וואַס האַבען ארומגעיינגעלט דעם פריצישען הויף, האַט ארויסגעקוקט אַ קלאַהרער, אַ וואַרעמער, אַ פרעהליכער הימעל.

די גרעפין דע מאַסקאַרע האַט זיך בעוויזען אויף די טרעפ פונקט אין דער מינוט, ווען איהר מאַן, זיך אומקעהרענדיג אהיים, איז אריין אין טיר. ער האַט זיך אויף אַ מאַמענט אַבגעשטעלט, אַ קוק געטהאַן אויף זיין פרוי און איז עטוואַס בלייך געוואַרען. זי איז געווען שען, שלאַנק און האַט אויסגעזעהן זעהר רייצענד מיט איהר לענגליכען, ווי געשניצטען פנים, מיט דער עלעפאַנט־ווייסער הויט, מיט די גרויסע גרויע אויגען און שוואַרצע האאר. ניט אַ קוק טהאַנדיג אויף איהר מאַן, ווי ניט בעמערקענדיג איהם, איז זי מיט אזא שטאָלצען, פעררייסענעם אויסזעהן אין קויטש אריין, דאַס די מורא'דיגע אייפערזוכט, וועלכע האַט איהם שוין פון לאַנג אַן געפלאַגט, האַט אויף דאַס ניי איהם דאַס האַרץ צוריסען.

ער איז צוגעגאַנגען צו זיין פרוי, זי בעגריסט און געפרעגט:

— דו פאַהרסט ארויס?

זי האַט געענטפערט מיט פעראַכטונג, קוים עפענענדיג די ליפען:

— ווי דו זעהסט.
— אין בולאָנער וואלד?
— וואָרישיינליך.
— ווערמוז מיר ערלויבען דיך בעגלייטען?
— דער עקיפּאַזש איז דיינער.

ניט וואונדערענדיג זיך איבער דעם טאָן, אין וועלכען זי האָט איהם געענטפערט, איז ער אריין אין קוטש, האָט זיך גע־זעצט נעבען זיין פרוי, און אַ געשריי געטהאָן צום קוטשער:

— נאָך בולאָנער וואלד!

דער לאַקעי האָט אַ שפרונג געטהאָן אויף׳ן קעלניע נעבען קוטשער, די פערד האָבען גענומען קלאַפּען מיט די קאַפּיטעס אָן דער ערד און שאָקלען מיט די קעפּ, ביז זיי זיינען ארויסגעפאָהרען אין גאַס.

מאַן און פרוי זיינען געזעסען זייט ביי זייט און געשוויגען. דער מאַן האָט געטראַכט, ווי אַזוי צו פערפיהרען אַ געשפּרעך, אָבער דער פרוי׳ס פּנים איז געווען אַזוי שטרענג, אַזוי קאַלט, דאָס ער האָט ניט געוואגט...

צום סוף, האָט ער פער׳גנב׳עט און ווי צופעליג אָנגעריהרט דער גרעפינס האנד. אָבער אין דער בעוועגונג, מיט וועלכער זי האָט אַ ריס געטהאָן איהר האנד, איז געווען אַזוי פיעל הארט־קייט, אַזוי פיעל עקעל, אַז ער האָט זיך מיט אנגסט אָבגערוקט, הגם ער איז געוועהנליך געווען אַ מענש מיט אַ הערשזיכטיגער און דעספּאָטישער נאַטור.

ער האָט נור ארויסגעשעפּטשעט:

— גאַבריעל!

זי האָט געפרעגט, ניט אומקעהרענדיג דעם קאָפּ:

— וואָס ווילסטו?

— דו זעהסט אוים רייצענד.

זי האָט ניט געענטפערט, איז געלעגען אויסגעצויגען אין קוטש מיט דער מינע פון אַ בעלייריגטער קעניגין.

זיי זיינען איצט געפאָהרען צווישען די יעליסעער פעלדער, צו דער טריאומף ארקע. אַ ריעזיג גרויסער מאָנומענט איז אויף׳ן

ראָג פון דער לאַנגער אַלע געשטאַנען און האָט, דאַכט זיך, מיט זיינע שפּיצען דעם רויטען הימעל אונטערגעשפּאַרט. די זונן האָט זיך ווי אויף איהם אָראָבגעלאָזט, שיטענדיג פון דאָרט אַ פייערדיגען שטויב איבער'ן האָריזאָנט.

און אַ דאָפּעלטער שטראָם פון עקיפּאַזשען, גלענצענדע און בליסטשענדיגע פון דאָס מעש און זילבער, מיט וועלכער זיי זיינען געווען בעשלאָגען, פון די קריסטאַלענע לאַנטערנעס אויף זיי, האָבען זיך ווי צוויי כוואַליעס געטראָגען — איינס צו דער שטאָדט, די צווייטע צום וואַלד.

גראַף מאַסקארע האָט ווידער אָנגעהויבען:

— מיין ליעבע גאַבריעל.

דאָ האָט זי זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און געזאָגט מיט אַ בייזען קול:

— איך בעט דיך, לאָז מיך צופרידען. איצט קען איך שוין ניט בלייבען אַ ווילע אַליין אפילו ביי מיר אין עקיפּאַזש.

ער האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און וייטער גערעדט:

— דו האָסט נאָך קיינמאָל ניט אויסגעזעהען אַזוי שען, ווי היינט.

איהר געדולד האָט הפנים געפּלאַצט און זי האָט געענטפערט מיט גיפט:

— אומזיסט קוקסטו איצט אויף מיין שענקייט, איך שווער, אַז איך וועל דיר מעהר קיין מאָל ניט געהערען.

די דאָזיגע ווערטער האָבען איהם פערוואונדערט און דער־שראָקען. זיין הערשזיכטיגע נאַטור האָט זיך דורכגעריסען און מיט אַ טאָן, וועלכער האָט אין איהם ארויסגעוויזען דעם ברוּ־טאַלען בעל־הבית און הערשער גיכער ווי דעם ליעבענדען מאַן, האָט ער אַ געשריי געטהאָן:

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען?

זי האָט געענטפערט שטיל, הגם די דינער אויף'ן קעלניע האָבען, ביי דעם בעטויבענדען גערויש פון די רעדער, סיוויי גאָר נישט געקענט הערען.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען? וואָס זאָל דאָס בעדייטען? זאָל איך דיר דאָס טאַקע זאָגען?

— יא.

— איך זאָל דיר אַלסדינג זאָגען?

— יא.

— אַלעס, וואָס איך טראָג אויף'ן הארצען, זייט איך בין געוואָרען אַן אָפּפער פון דיין ברוטאַלען עגאָאיזמוס?

ער איז געוואָרען רויט פאר אויפרעגונג און כעס און מיט צונויפגעדריקטע צייהן האָט ער אַרויסגעברומט:

— רייד.

ער איז געווען הויך געוואַקסען, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ לאַנגער רויטליכער באָרד, אַ מאַן — אַ פּאַרשוין, אַ דזשענ־טעלמאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ גוטען מאַן און אויסגעצייכענטען פאָטער.

צום ערשטען מאָל, זייט זיי האָבען דעם פּאַלאַץ פערלאָזען, האָט זי זיך אומגעקעהרט און איהם אריינגעקוקט אין פּנים:

— דו ווערסט אָבער מוזען אויסהערען זעהר אונאַנגענעהמע זאַכען. איך זאָג דיר פריהער אום דו זאָלסט זיין פּאָרגעברייט. איך וועל זיך ניט אָבשטעלען פאַר קיין זאַך, ווייל איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא ניט און פאַר דיר ווייניגער, ווי פאַר וועמען עס איז.

ער האָט איהר געקוקט אין די אויגען און געציטערט פאַר כעס. ער האָט אויסגעברומט:

— דו ביזט משוגע געוואָרען!

—ניין. אָבער איך זאָג זיך אָב אויף ווייטער צו נעהמען אויף זיך די מורא'דיגע יסורים, וועלכע איך האָב געדולדעט צו־ליעב דיר גאַנצע עלף יאָהר: די יסורים פון מוטערשאַפט. איך וויל ענדליך פיהרען אַ געזעלשאַפטליכען לעבען און געניסען פון דער וועלט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פרויען, איך האָב אַ רעכט אויף דעם אַזוי ווי אַלע אַנדערע.

ער איז פּלוצים בלייך געוואָרען און גענומען שטאַמלען:

— איך פערשטעה דיך נים.

— ניט אמת, דו פערשטעהסט מיך זעהר גוט. עס איז ערשט דריי מאָנאטען זייט איך האָב געהאַט מיין לעצטען קינד; נור אזוי ווי איך בין נאָך אַלץ שען און טראָץ אַלע דיינע בעמיהונגען געלינגט דיר ניט מיך העסליך צו מאַכען — דו האָסט עס אליין צוגעגעבען דערזעהענדיג מיך אויף די טרעפּ פון דיין הויז — דעריבער דענקסטו, אז עס איז שוין ווידער צייט, איך זאָל ווערען שוואנגער.

— דו רעדסט נארישקייטען.

— ניין. איך בין דרייסיג יאָהר אַלט און איך האָב זיעבען קינדער. מיר זיינען עלף יאָהר פערהייראַט און דו דיינקסט הפנים, אז אויף אזא אופן וועלען אַוועקגעהן נאָך א יאָהר צעהן און דאַן וועסטו סיי ווי סיי אויפהערען זיין אייפערזיכטיג צו מיר.

ער האָט זי א כאַפּ געטהאָן פאר א האנד, שטארק א דריק געטהאָן און ארויסגעשטאַמעלט:

— איך וועל דיר מעהר ניט ערלויבען צו רעדען צו מיר אין אזא טאָן.

— און איך וועל רעדען צו דיר אזוי לאנג, ביז איך וועל האָבען ארויסגעזאָגט אַלסדינג, וואָס איך האָב צו זאָגען. און טאָמער וועסטו מיר פּרובען שטערן, וועל איך מאַכען אזעלכע קולות, אז די דיענער אויף דער קעלניע זאָלען דערהערען. אָט צוליעב דעם טאקע האָב איך דיר ערלויבט צו זעצען זיך נעבען מיר אין דעם עקיפּאַזש, ווייל דאָ האָב איך צוויי עדות, וועלכע וועלען דיך צווינגען צו בעהערשען זיך און מיך אויסהערען. אַלזאָ הער אויס.

— איך האָב דיך קיין מאָל ניט געליעבט און האָב עס דיר אימער ארויסגעציינט. איך האָב זיך פאר דיר קיין מאָל ניט פערשטעלט. דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט געגען מיין ווילען, אויסנוצענדיג די געדריקטע לאַגע פון מיינע עלטערן. דו האָסט זיי איינפאַך געצוואונגען, זיי זאָלען דיר אָבגעבען זייער טאָכטער, ווייל דו ביזט זעהר רייך. זיי האָבען פון מיר פערלאנגט, איך זאָל

הייראַטען און איך האָב מיט טרערען אין די אויגען געמוזט איינ־ווילִיגען.

דו האָסט מיך אַלזאָ געקויפט. און אזוי שנעל ווי דו האָסט מיך אריינגעקריגען אין דיינע הענד, ווי נור איך בין געוואָרען דיין פריינדין, דיין לעבענס בעגלייטערין, בערייט זיך צו דיר צו צובינדען, אַלעס צו פערגעסען און א טרייע, ליעבענדע פרוי צו ווערען, ביזטו אייפערזיכטיג געוואָרען, אייפערזיכטיג ווי קיין אנדער מאַן אין דער וועלט. ווי א שפּיאָן האָסטו מיך געהיט, פערפאָלגט מיט דער דאָזיגער אייפערזוכט דיינער, וועלכע האָט דיך אַליין ערנידעריגט, קליין געמאַכט און מיך טיעף בעליידיגט. עס זיינען נאָך ניט אוועק קיין אכט מאָנאַטען נאָך אונזער חתונה, ווי דו האָסט מיר שוין חושד געווען אין די נידעריגסטע געמיינ־הייטען. דו האָסט זיך אפילו ניט געשעהמט מיר דאָס אָפען ארויס־צוזאָגען... אזוי ווי עס איז ניט געווען אין דיין מאַכט צו שטערען מיר זיין שען, צו געפעלען, און ווייל דו האָסט ניט געקענט פער־וועהרען אין די סאַלאָנען און די צייטונגען צו בעטראַכטען מיך אַלס איינע פון די שענסטע פרויען אין פאַריז, האָסטו גענומען אויסטראַכטען אנדערע מיטעל, ווי אָבצוהיטען מיך פון פערעה־רער. דיר איז איינגעפאַלען יענע נידערטרעכטיגע אידעע מיך צו צווינגען מיין גאַנץ לעבען פערברייננגען אין שוואַנגערשאַפט, ביז איך וועל ווערען מיאוס און אַלט און וועל אויפהערען צו געפעלען די מענער. לייקען דאָס ניט אָב!... א צייט לאַנג האָב איך עס ניט פערשטאַנען, שפּעטער ערשט האָב איך זיך גע־כאַפּט! דו האָסט זיך דערמיט זאָגאַר בעריהמט פאַר דיין שוועס־טער, אָבער זי האָט עס מיר איבערגעגעבען, ווייל זי האָט מיך ליעב און ווייל זי איז אויסער זיך פון דיין פויערשער גראָבקייט.

אָך, דערמאָן זיך נאָר אָן אַלע אונזערע קריגערייען, אָן די אויפגעבראָכענע טירען! וואָס פאַר א לעבען האָסטו מיך גע־צוואונגען צו פיהרען אין פערלויף פון די גאַנצע עלף יאָהר! — דאָס לעבען פון א פיה, וועלכע ווערט געהאַלטען אין שטאַל נור אויף צו קעלבען זיך... — ווי נור איך בין שוואַנגער געוואָרען, בין איך דיר גלייך געווען איבערדריסיג, מיאוס און איך האָב

דיך גאַנצע מאָנאַטען לאַנג אין די אויגען ניט אָנגעזעהן. מיך האָט מען דאַן אַוועקגעשיקט אין דאָרף, אין דעם פאַמיליען־שלאָס, אויף די פעלדער, אויף די לאָנקעס — אויסצוטראָגען דאָס קינד. און ווען איך האָב זיך ווידער אין דער געזעלשאַפט בעוויזען שען, פּריש, בליהענד, אימער נאָך רייצענד און פער־פיהרעריש, האָפּענדיג, אַז ענדליך וועל איך אימשטאַנד זיין צו פיהרען דאָס לעבען פון אַ רייכער, וועלטליכער דאַמע, דאַן האָט דיך ווידער אָנגעכאַפּט די אייפערזוכט און דו האָסט מיך ווידער גענומען פערפאָלגען מיט דיין פייגער און העסליכער ליעבע, פון וועלכער דו ליידעסט אויך אין דער דאָזיגער מינוט, זיצענדיג דאָ נעבען מיר. דיין געפיהל צו מיר איז ניט קיין ליעבע, עס איז ניט אַ פערלאַנג מיך צו בעזיצען — דאָס וואָלט איך דיר קיין מאָל ניט ענטזאָגט — עס איז נור אַ וואונש מיין שענהייט צו צושטער־רען, מיך העסליך צו מאַכען!

דאַן איז געקומען נאָך עפּעס אַ נידערטרעכטיגע און אונ־פערשטענדליכע זאַך, איבער וועלכער איך האָב זיך אַ לאַנגע צייט דעם קאָפּ געבראָכען. איצט אָבער פערשטעה איך דיך, איך פער־שטעה אַלע דיינע האַנדלונגען, אַלע דיינע געדאַנקען. דו האָסט זיך צוגעבונדען צו די קינדער אוים דאַנקבאַרקייט, ווייל זיי האָ־בען דיר גאַראַנטירט מיין טרייהייט און דיין רוה, כל זמן איך האָב זיי אונטער מיין האַרצען געטראָגען. דו האָסט זיי ליעב געהאַט, ווייל זיי האָבען דיר דאָס פערגעניגען פערשאַפט מיך צו זעהן אַ שוואַנגערע. דאָס איז ביי דיר אימער געווען די העכסטע פרייד.

אַך, ווי אָפט האָב איך געפיהלט אין דיר די דאָזיגע פרייד, וויפיעל מאָל האָב איך עס אין דיינע אויגען געלעזען. דו האָסט ליעב דיינע קינדער ניט ווי דיין פלייש און בלוט, נור ווי דיין זיעג איבער מיר; דיין זיעג איבער מיר, איבער מיין יוגענד, מיין שענהייט, מיין רייץ; דיין זיעג איבער די קאָמפּלימענטען, וואָס האָבען זיך אויף מיר געשאָטען און איבער די פריינדליכקייטען, וואָס מען האָט פון מיר שטילערהייד צווישען זיך גערעדט. דו שטאָלצירסט מיט די קינדער; ווייזט זיי ארוים פאר דער וועלט,

פיהרסט זיי אַרום איבער'ן בולאָגנער וואַלד, לאָזט זיי רייטען אויף עזלען איבער מאָנטמאַראַנס. דו שלעפּסט זיי אַרום מיט זיך צו מאַטינעעס אין טעאַטער, אום מען זאָל דיך זעהן מיט זיי אין איינעם און מען זאָל זאָגען: „אָט דאָס איז אַ גוטער פאָטער!"..

מיט אַ ווילדען כעס האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאָן ביי דער האַנד און געגומען דריקען אַזוי פעסט, דאָס זי האָט מעהר ניט געקענט ריידען פאַר וועהטאָג און איז אָנשוויגען געוואָרען.

דאַן האָט ער גאַנץ שטיל אַרויסגערעדט:

— איך האָב ליעב מיינע קינדער, דו הערסט! דאָס וואָס דו האָסט מיר איצט געזאָגט איז אַ שאַנד פאַר אַ מוטער. אָבער דו געהערסט צו מיר, איך בין דער בעל הבית, דיין בעל הבית. איך קען פון דיר פערלאַנגען, וואָס איך וויל, ווען איך וויל... און דאָס געזעץ איז אויף מיין זייט.

ער האָט געוואָלט צוקוועטשען איהרע פינגער, דריקענדיג זיי מיט זיין גרויסער, שטאַרקער האַנד, ווי מיט צוואַנגען. זי איז געווען בלייך פאַר וועהטאָג און האָט זיך אומזיסט געמאַטערט צו בעפרייען איהר האַנד פון זיין אייזערנעם דרוק; זי האָט שווער געאָטהעמט און איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען.

— אָט זעהסטו, אַז איך בין דער הערר — האָט ער געזאָגט — איך בין דער שטאַרקערער.

ער האָט איהר האַנד אַביסעלע אָבגעלאָזט. זי האָט געפרעגט:

— האַלטסטו מיך פאַר אַ רעליגיעזע?

ער האָט אַרויסגעשטאַמעלט אַ פערוואונדעטער:

— געוויס.

— דענקסטו, אַז איך גלויב אין גאָט?

— געוויס.

— דענקסטו, אַז איך זאָל קענען ליגען, ווען איך זאָל שווערען פאַר אַן אַלטאַר, וואו עס געפינט זיך דער קערפּער פון גאָט?

— ניין.

— ווילסטו מיט מיר געהן אין אַ קירכע?

— צו וואָס ?
— דו וועסט שוין זעהן. ווילסטו ?
— אויב עס איז נויטיג, גוט.
זי האָט א געשריי געטהאָן אין דער הויף :
— פיליפּ !

דער קוטשער האָט איינגעבויגט אביסעל דעם קאָפּ, ניט אראָבנעהמענדיג די אויגען פון די פערד, ווי ער וואָלט נור מיט דעם אויער זיך צו זיין הערריין אומגעקעהרט. און זי האָט געזאָגט :

— פאָהרט צו דער קירכע סענט־פיליפּ !

דער קויטש, וועלכער איז שוין כמעט אריינגעפאָהרען אין די טויערען פון בולאָנער וואלד, האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיין פּאריז.

פאָהרענדיג צוריק, האָבען מאַן און פרוי ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. דערנאָך, ווען די קארעטע האָט זיך אָבגעשטעלט ביים אריינגאנג אין קירכע, איז די גרעפין ארויסגעשפּרונגען און אריין אינעווייניג. דער גראף האָט איהר נאָכגעפאָלגט א פּאָאר טריט פון וויטען.

ניט אָבשטעלענדיג זיך איז זי צוגעגאנגען ביז צו די שטאַ־בעטען, וואָס טהיילען אָב דעם כאָר, איז געפאַלען אויף די קניע און, פארשטעלענדיג דעם פּנים מיט ביידע הענד, האָט זי גענומען בעטען. זי האָט געבעטען לאַנג, לאַנג און דער גראף, וועלכער איז געשטאַנען הינטער איהר, האָט ענדליך בעמערקט, אז זי וויינט. זי האָט געוויינט אין דער שטיל, ווי עס וויינען פרויען אין א מאָמענט פון שארפען אונערטרעגליכען וועהטאָג. איבער איהר גאַנצען לייב איז דורכגעלאָפען א ציטערען, פון הארצען האָבען זיך געריסען שטילע שלוכצען, וועלכע זיינען דערשטיקט געוואָרען מיט די פינגער פון איהרע הענד.

דעם גראף האָט זיך אויסגעוויזען, אז די געשיכטע געדויערט צו לאַנג און ער האָט ארויפגעלעגט די האַנד אויף איהר אַקסעל.

פון דער דאָזיגער בעריהרונג האָט זי זיך א טרייסעל געטהאָן, ווי פון א ברען, האָט זיך אויפגעהויבען און א קוק געטהאָן איהם

גלייך אין די אויגען אריין, דאן האט זי שטיל און ערנסט ארויס־געדערט :

— איצט הער אויס, וואס איך האב דיר צו זאגען. איך האב פאר קיין זאך קיין מורא נים. דו קענסט טהאן וואס דו ווילסט, קענסט מיך אפילו טויטען, אויב דו ווילסט. איינס פון דיינע קינדער, נור איינס, געהערט נים צו דיר. דאס שוועך איך דיר פאר גאט, וועלכער הערט מיך דא אצונד. דאס איז געווען די איינציגע ראכע, וואס איך האב געקענט פון דיר נעהמען פאר דיין נידערטרעכטיגער טיראנייע, פאר דער צוואנגס־ארבייט, וואס דו האסט אויף מיר ארויפגעלייגט צו האבען קינדער... ווער איז געווען מיין געליעבטער, וועסטו קיין מאל נים וויסען. דו קענסט חושד זיין די גאנצע וועלט, איהם וועסטו אבער נים אויסגעפינען. אהן ליעבע, אהן הינרייסונג האב איך זיך צו איהם איבערגעגעבען, נור אבי דיך צו בעטריגען. און אויך ער האט מיך פאר א מוטער געמאכט... וועלכע איז זיין קינד ? דאס וועל איך דיר קיין מאל נים זאגען. איך האב זיעבען, אלזא געה טרעף ! איך האב דאס דיר געוואלט אויסזאגען, אבער ערשט אין א צייט ארום ; נעהמען ראכע אן א מאן דערמיט, וואס מען בעטריגט איהם מיט אן אנדערען, קען מען נאר דאן, ווען ער וויים דערפון. דו האסט מיך געצוואונגען, איך זאל דאס דיר הײנט אויסזאגען. גוט, איך האב עס געטהאן. איצט בין איך פערטיג.

זי האט זיך אווארף געטהאן דורך דער קירכע צו דער טיר, וואס האט געפיהרט אין גאס ארויס, מורא האבענדיג, אז הינטער איהר וועלען זיך באלד דערהערען די איילינע טריט פון איהר בעליידיגטען, צורייצטען מאן, און אז זי וועט פאלען אויף דעם אספאלט אונטער די שווערע קלעפ פון זיינע פויסטען.

זי האט אבער גארנישט געהערט, איז צוגעלאפען צו איהר קויטש, מיט איין שפרונג אריין אינעווייניג און, ציטערענדיג פאר שרעק, טרייסלענדיג זיך פון אויפרעגונג, האט זי א געשריי געטהאן צום קוטשער : — אהיים !

די פערד האבען זיך א טראג געטהאן אין שנעלען גאלאפ.

2.

פערשפּאַרט אין איהר צימער, האָט די גרעפין דע מאַסקאַרע געוואָרט אויף דער מיטאַגסשטונדע, ווי אַ צום טויט פעראורטייל־טער אויף זיין היגריכטונג. וואָס וועט טהאָן איהר מאַן ? האָט ער זיך אומגעקעהרט אהיים ? ווי וועט ער איצט האַנדלען, ער, דער טיראַן, דער בייזער, צוקאָכטער מאַן, וועלכער איז פעהיג אויף יעדער גוואַלטהאַט ? וואָס האָט ער אויסגעטראַכט, וואָס האָט ער פאָרבערייטעט ? וואָס בעשלאָסען ? אין גאַנצען הויז איז געווען שטיל, קיין פּאַרע האָט זיך פון ערגעץ ניט געהערט, און זי האָט אַלע מינוט געקוקט אויף די ווייזערס פון איהר זייגערל. דאָס דיענסטמיידעל איז געקומען איהר העלפען אָנטהאָן זיך צום מיטאָג, דערנאָך איז זי ווידער אַוועק.

דער זייגער האָט געשלאָגען אַכט און גלייך נאָכדעם האָט מען צוויי מאָל אָנגעקלאַפּט אין איהר טיר.

זי האָט געזאָגט :

— אַריין !

עס האָט זיך בעוויזען אַ דיענער און געמעלדעט :

— דער טיש איז סערווירט, פרוי גרעפין !

— איז דער גראַף אהיים געקומען ?

— יאָ, פרוי גרעפין, דער גראַף איז אין עס־צימער.

אויף אַ מאָמענט איז איהר געקומען דער געדאַנק מיטצו־נעהמען מיט זיך דעם קליינעם רעוואָלווער, וועלכען זי האָט גע־קויפט מיט אַ צייט צוריק, פאָראויסזעהענדיג די דראַמאַ, וואָס וועט זיך ביי זיי אָבשפּיעלען.

אָבער זי האָט זיך דערמאָהנט, אַז אַלע קינדער וועלען דאָרט זיין פערקליבען און האָט נור גענומען אַ פלעשעלע מיט חלשות־טראָפּענס.

ווען זי איז אַריין אין עס־צימער, איז איהר מאַן געשטאַנען הינטער'ן ווענטעל פון זיין שטול און האָט געוואָרט. זיי האָבען אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ איינער צום אַנדער'ן, און זיך געזעצט. נאָך זיי האָבען זיך געזעצט די קינדער. די דריי זיהן מיט זייער ערציהער דעם אבבע (פּריסטער) מארען האָבען זיך געזעצט

רעכטס פון דער מוטער, די דריי מיידלאַך מיט זייער ענגלישער גובערנאַנטין מיס סמיטה, לינקס. דאָס אינגסטע דריי־מאָנאַט־אַלטע קינד איז געבליבען מיט דער אַם אין איהר צימער.

די דריי בלאָנדע מיידעלאַך, פון וועלכע די עלטסטע איז צעהן יאָהר אַלט געווען, האָבען געטראָגען בלויע קליידער מיט שמאָלע, ווייסע שפיצען און האָבען אויסגעזעהן ווי שענע ליאַל־קעס. די אינגסטע פון זיי איז נאָך ניט אַלט געווען קיין דריי־יאָהר. אַלע שענינקע, האָבען זיי פערשפּראָכען צו ווערען אמת'ע שענהייטען, ווי זייער מוטער.

די דריי זיהן, צוויי העלערע, און דער עלטסטער, ניין יאָהר, אַ ברונעט, האָבען אויסגעזעהען אַזוי, אַז מען האָט שוין געקענט דערקענען אַז זיי וועלען אויסוואַקסען הויכע, גרויסע, שטאַרקע מענער. די גאַנצע פאַמיליע האָט געשיינט צו זיין פון איין בלוט, געזונד און לעבעדיג.

דער אבבע האָט ווי אימער, ווען עס זיינען ניט געווען קיין געסט, געזאָגט אַ קורצעס געבעט. אין דער אַנוועזענהייט פון פרעמדע מענשען זיינען די קינדער קיינמאָל ניט געקומען צום טיש. דערנאָך האָבען זיך אַלע גענומען צום עסען.

די גרעפין, זעהר אַן אויפגערעגטע, איז געזעסען מיט אַרונ־טערגעלאָזטע אויגען, וועהרענד דער גראַף האָט אונזיכער און מיט אַ בענקעניש געקוקט דאָ אויף די אינגלאַך און דאָ אויף די מייד־לאַך, לויפענדיג מיט זיין בליק פון איין קעפּעל אויף דער צוויי־טער. פּלוצים האָט ער צובראָכען זיין גלאָז, אַוועקשטעלענדיג עס צוריק אויפ'ן טיש, און דער רויטער וויין האָט זיך איבער'ן ווייסען טישטוך צוגאָסען. פון דעם גערויש, וואָס דער דאָזיגער קליי־נער צופאַל האָט אַרויסגערופען, האָט זיך די גרעפין אַ צאַפּעל געטהאָן און איז אויפגעשפּרונגען פון איהר אָרט. צום ערשטען מאָל האָבען זיי אַ קוק געטהאָן איינער אויפ'ן צווייטען, און פון דעמאָלט אָן, טראָץ דעם שאַרפען וועהטאָג, וואָס עס האָט זיי ביידען פערשאַפט, האָבען זיך זייערע בליקען געגען זייער ווילען יעדע ווײַלע בעגעגענט און איינער דעם אנדערן ווי מיט שאַרפע שפּיזען דורכגעשטאָכען.

דער אבבע האָט געפיהלט, אז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט און געזוכט צו פערבינדען א געשפּרעך. ער האָט בעריהרט פערשיע־דענע טעמאַס, אָבער אומזיסט איז געווען זיין מיהע.

די גרעפין, אַלס א גוט־ערצויגענע, העפליכע דאַמע, האָט א פּאָאר מאָל פּרובירט איהם ענטפערן; אָבער עס האָט ניט גע־האָלפען. אין איהר אויפגערעגטען און צומישטען צושטאַנד האָט זי ניט געפונען קיין ווערטער, און דער קלאַנג פון איהר אייגענער שטימע אין דעם דאָזיגען גרויסען, שטילען זאַאל, וואו עס האָט זיך נור געהערט א לייכטער קלאַנג פון זילבער און גאָלד געשיר, האָט זי געשראָקען.

פּלוצים האָט זיך איהר מאַן אויסגעבויגען צו איהר און גע־פרעגט:

— שווערסטו מיר דאָ, אין דער אנוועזענהייט פון דיינע קינדער, אז דאָס, וואָס דו האָסט מיר היינט געזאָגט, איז אמת?

דער גאַנצער האַסס, וואָס האָט געקאָכט אין איהרע אָדערען, האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבען אין איהר און זי האָט עס ניט בעהאַלטען. זי האָט איהם אָנגעקוקט שאַרף, האָט אויפגעהויבען ביידע הענד, די רעכטע אין דער ריכטונג פון איהרע זיהנס קעפּ, די לינקע אין דער ריכטונג פון די טעכטער און דאַן האָט זי ארויסגערעדט מיט אַן ענטשלאָסענעם, פעסטען און זיכערען קול:

— איבער די קעפּ פון מיינע קינדער שווער איך, אז איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, א וואָרף געטהאָן מיט פער־צווייפלונג די סערוועטקע אויף'ן טיש, זיך אומגעקעהרט, א שלייי־דער געטהאָן זיין שטול אָן וואַנט, און ניט ריידענדיג א וואָרט, איז ער ארויס פון'ם צימער.

זי האָט שווער אָבגעאָטהעמט, ווי נאָך א געוואונענעם זיעג און געזאָגט מיט א רוהיגער שטימע:

— בעאונרוהיגט זיך ניט, מיינע ליעבע קינדער, אייער פאָטער האָט היינט איבערגעלעבט א גרויסען קומער, און ער איז נאָך זעהר טרויעריג. אין א פּאָאר טעג ארום וועט ער קומען צו זיך.

דאַן האָט זי אַ ווײַלע גערעדט מיט דעם אבבע, גערעדט מיט מיסס סמיטה, אַלע איהרע קינדער אַ גוט וואָרט געזאָגט, געמאַכט צו זיי יענע ליעבע חן׳דעלאַך, וועלכע אַלע קינדער האָבען אזוי ליעב צו הערען און די מוטערס צו זאָגען.

נאָך׳ן עסען איז זי מיט דער גאַנצער פאַמיליע אריבערגע־גאַנגען אין גאַסט־צימער. דאָרט האָט זי אויסגעהערט די פּלוי־דערייען פון די עלטערע און דערצעהלט מעשיות די אינגערע קינדער. און ווען עס איז געקומען די צייט צו געהן צו בעט, האָט זי זיי גוט אָנגעקושט און געשיקט זיי שלאָפען. דערנאָך איז זי אליין אוועק צו זיך אין צימער.

זי האָט געוואוסט, זי איז זיכער געווען, אז איהר מאַן וועט קומען. ווי נור די קינדער זיינען געווען ווייט פון איהר, האָט זי זיך ענטשלאָסען צו פערטהיידיגען איהר שענעם פרויען קער־פּער, אזוי ווי זי האָט פערטהיידיגט איהר עקזיסטענץ אלס וועלט־דאַמע, און זי האָט בעהאַלטען אין קלייד דעם קליינעם, געלאַ־דענעם רעוואָלווער, וועלכען זי האָט מיט אַ פּאָאר טעג פריהער געקויפט.

שטונדען זיינען אוועק, דער זייגער האָט געשלאָגען. יעדער גערויש אין דעם הויז איז פערשטאָרבען געוואָרען. פון צייט צו צייט האָט זיך נור דערטראָגען פון גאַס אַ ניט קלאָהרער, ווייטער קלאַפּען פון קאַרעטען איבער די שטיינער פון ברוק.

זי האָט געוואוסט אויף איהם ענטשלאָסען, נערוועז, אָבער שוין אָהן מורא, אויף אַלסדינגג בערייט און כמעט טריאומפירענ־דיג, וואָס זי האָט אויסגעפונען פאַר איהם אזא שטראָף, פון וועלכער ער וועט ליידען זיין גאַנצען לעבען לאַנג.

די ערשטע שטראַהלען פון טאָג האָבען זיך דורך די ארונ־טערגעלאָזענע פאָרהאַנגען אין צימער אריינגעריסען און איהר מאַן איז נאָך אַלץ ניט געקומען. דאַן ערשט האָט זי פערשטאַנען, אז ער וועט שוין מעהר ניט קומען. פערשפּארענדיג די טיר אויף׳ן שלאָס און אראָבלאָזענדיג דעם ריעגעל, וועלכען זי אַליין האָט געהייסען אָנשלאָגען, האָט זי זיך געלעגט אין בעט און איז אזוי אָבגעלעגען די גאַנצע צייט מיט אָפענע אויגען, זיך צוברעכענדיג

דעם קאָפּ טראַכטענדיג, וועלענדיג טרעפען און ניט בעגרייפענדיג, וואָס אַזוינס איהר מאַן וועט איצט טהאָן, אויף וואָס ער וועט זיך בעשליסען.

ווען דאָס קאַמער־מיידעל האָט איהר געבראַכט טהעע, האָט זי איהר איבערגעגעבען אַ בריעף פון גראַף. אין דעם דאָזיגען בריעף האָט ער געשריבען, אַז ער פאָהרט אַוועק אויף אַ לאַנגער רייזע און אַז זיין נאָטאַריאוס וועט איהר געבען אַלע נויטיגע סומען געלד, וואָס זי וועט דאַרפען אויף איהרע אויסגאַבען.

3.

דאָס איז געווען אין דער אָפּערא צווישען די אַקטען פון „ראָבערט דער טייפעל". אין אָרקעסטער זיינען געשטאַנען די הערען מיט די צילינדערס אויף די קעפּ, מיט די ברייט אויס־געשניטענע וועסטען פון וועלכע עס האָבען אַרויסגעלויכטען די בלענדענד־ווייסע העמדער מיט די גאָלדענע און בריליאַנטענע שפּאַנקעס אויף זיי. זיי האָבען געקוקט אויף די לאָזשען, וואו עס זיינען געזעסען די דאַמען אין אויסגעשניטענע קליידער מיט דימענטען און פערל בעפּוצט. ווי בליהענדע בלומען האָבען זיי אויסגעזעהן אין דעם דאָזיגען גרויסען, העל־בעלויכטענעם, וואַ־רעמען זאַאַל, וואו זייערע שענע פּנים'ער און דער בלענדענדער גלאַנץ פון זייערע שולטערן האָבען אויסגעזעהן ווי בעשאַפען פאַר די הייסע בליקען, וואָס די מענער האָבען, צווישען די טענער פון מוזיק און געזאַנג, אויף זיי געוואָרפען.

שטעהענדיג מיט'ן רוקען צום אָרקעסטער און ריידענדיג צווישען זיך, האָבען צוויי פריינד בעטראַכט דורך אַ אָפּעראַ־גלאָז די גאַנצע גאַלערעע פון עלעגאַנץ, די דאָזיגע אויסשטעלונג פון אמת'ער אָדער געמאַכטער שענקייט, פון עדעלשטיינער, לוק־סוס און אויפגעבלאָזענקייט, וועלכע האָט, ווי אַ האַלבער רינג, אַרומגעכאַפּט דעם גרויסען זאַאַל פון טהעאַטער.

איינער פון זיי, ראַזשער־דע־סאַלען, האָט געזאָגט צו זיין פריינד בערנאַרד גראַנדין:

— טהו אַ קוק אויף דער גרעפין דע־מאַסקאַרע, זעה ווי שען זי איז נאָך.

דער אַנדערער האָט דורך זיין אָפּערא־גלאָז גענומען בעטראַכטען, אין איינער פון די פאָדערשטע לאָזשען, אַ הויכע, נאָך יונגע פרוי, וועמעס אויפפאַלענדיגע שענהייט האָט געצויגען אויף זיך די בליקען פון אַלע עקען טהעאַטער. איהר בלייכער, עלעפאַנט־פאַרביגער פּנים האָט איהר צוגעגעבען דעם אויסזעהן פון אַ סטאַטוע; אין איהרע האָאר, שוואַרצע ווי די נאַכט, האָט געבליסטשעט אַ דיאַדעם אין דער פאָרמע פון אַ רעגענבויגען, ווי די מילך־שטראַסע אויף׳ן הימעל.

בעטראַכט זי אַ געוויסע צייט, האָט בערנאַרד געענטפערט מיט איבערצייגונג אין קול:

— יאָ, מען מוז צוגעבען, זי איז זעהר שען. ווי אַלט קען זי זיין?

— וואַרט אַ ווייליכקע. איך וועל דאָס דיר זאָגען גאַנץ גענוי. איך קען זי פון קינדערווייז אויף און האָב געזעהן, ווי זי איז צום ערשטען מאָל אין דער געזעלשאַפט אריין. זי איז איצט... אַ יאָהר דרייסיג... דרייסיג... זעקס און דרייסיג.

— עס קען ניט זיין!

— דאָס איז גאַנץ זיכער.

— דאָס לאָזט זיך גאָר ניט גלויבען!

— און זי האָט געהאַט זיעבען קינדער.

— זי זעהט אויס ווי אַ יאָהר פינפאונצוואַנציג.

— אַלע איהרע קינדער לעבען און זי אַליין איז אַן אויסגעצייכענטע מוטער. איך קום דאָרטען אריין. ביי זיי איז זעהר אַ פיינע הויז, אַ רוהיגע, אַ שטילע. דיעזע פרוי ווייזט אַ מערקווירדיגען ביישפּיעל, ווי אַזוי צו זיין אי וועלט־דאַמע אי מוטער אין דער אייגענער צייט.

— דאָס איז אָריגינעל. און פון איהר האָט מען קיין מאָל גאָרנישט געהערט?

— קיין מאָל ניט.

— נו, און איהר מאַן? ער איז עפּעס אַ זאָנדערלינג, ניט אמת?

— יאָ און ניין. עס קאָן זיין, אַז צווישען זיי האָט פּאַסירט עפּעס אַ קליינע דראַמאַ, איינע פון יענע פאַמיליען־דראַמען, אויף וועלכע מען קען זיך נור אָנשטויסען, אָבער פון וועלכע מען קען קיינמאָל אויף זיכער ניט וויסען אין וואָס זיי בעשטעהען.

— וואָס אַזוינס האָט דאָרט געקאָנט פּאַסירען?

— איך וויים ניט. מאַסקאַרע איז היינט צו טאָג אַ לעבע־מאַן, בעת פריהער איז ער געוועזן אַן אויסגעצייכענטער פאַמיליע־מאַן. אַזוי לאַנג ווי ער איז געווען אַ געטרייער מאַן, האָט ער געהאַט אַן אונאויסשטעהליכען כאַראַקטער, בייז, אויפגערעגט, אונאַנגענעהם; פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט גענומען הולטאַ־יעווען, איז ער געוואָרען גלייכגילטיג צו אַלסדינג, אָבער עס זעהט אויס, ווי עפּעס וואָלט איהם געמאַטערט, ווי ער וואָלט עפּעס אַ קומער געהאַט, וועלכער גריזשעט און פּלאָגט איהם און פערקירצט איהם די יאָהרען. ער איז אין אַ קורצער צייט זעהר אַלט געוואָרען.

דאָ האָבעןביידע פריינד אַ ווײַלע פילאָזאָפירט איבער די געהיימע און פערשוויגענע ליידען, וואָס ווערען מאַנכעס מאָל אַרויסגערופען אין פאַמיליעס דורך אונגלייכהייט פון כאַראַקטער, אָדער דורך פיזישער אָבנייגונג, וואָס מען האָט פריהער גאָרנישט בעמערקט.

ראָזשער דע סאַלען, וועלכער האָט ניט אויפגעהערט צו קוּ־קען אויף דער גרעפין דע־מאַסקאַרע, האָט נאָך אַמאָל געזאָגט:

— עס לאָזט זיך גאָר ניט גלויבען, אַז אָזא פרוי האָט גע־האַט זיעבען קינדער.

— יאָ, אין עלף יאָהר צייט. דאַן, ווען זי איז געוואָרען דרייסיג יאָהר אַלט, האָט זי אויפגעהערט צו האָבען קינדער און איז געוואָרען אַ וועלט־דאַמע און דאָס וועט זי בלייבען נאָך אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

— אָרימע פרויען!

— פאַרוואָס בעדויערסטו זיי?

— פּאַרוואָס? אַך, ליעבער פריינד, טהו אָקאָרשט אַ טראַכט! עלף לאַנגע יאָהרען פון שוואַנגערשאַפט פאַר אַזאַ פרוי ווי די דאָזיגע, דאָס מוז דאָך זיין ערגער ווי דער גיהנום! די גאַנצע יוגענד, די שענהייט, אַלע האָפנונגען אויף ערפאָלג, אַלע פאַנטישע טרוימען פון אַ גלאַנצענדען לעבען — אַלעס, אַלעס ווערט אויפגעאָפּפערט צו דעם העסליכען געזעץ צו ווערען מוטער, וועלכער פערוואַנדעלט אַ נאָרמאַלע פרוי אין אַן איינפאַכער קינדער־מאַשין.

— אָט אַזוי איז שוין די נאַטור!

— יאַ, דאָס איז אמת. אָבער איך זאָג, די נאַטור איז אונזער פיינד. מיר מוזען שטענדיג קעמפּפען געגען דער נאַטור, אַז ניט שלעפּט זי אונז צוריק צו דער מדרגה פון אַ חיה.

אַלץ וואָס איז עלעגאַנט, שען, אינטערעסאַנט אויף אונזער ערד איז געשאַפען געוואָרען ניט פון דער נאַטור, נור פון מענשען און פון דעם מענשליכען מאַרך. מיר האָבען אַריינגעטראָגען אין׳ם לעבען — מיט דעם וואָס מיר בעזינגען איהם אַלס פּאָעטען, אידעאַליזירען איהם אַלס שווערמער און טרוימער, פערהערליכען איהם אַלס קינסטלער, ערקלעהרען אַלס דיינקער און פילאָזאָפען, וועלכע קענען אפילו אמאָל אַ טעות האָבען, די טיעפע סודות פון דער נאַטורס ערשיינונגען — מיט דעם אַלעמען האָבען מיר אַריינגעטראָגען אַ געוויסע גראַציע, שענקייט, אַ געהיימען און וואונדערבאַרען רייץ אין׳ם לעבען. די נאַטור האָט נור בעשאַפען די פּרימיטיווע, פּערנרעבטע בעשעפעניסען, פול מיט זוימען פון פערשיעדענע קראַנקהייטען, וועלכע נאָך עטליכע יאָהרען פון אַ ריין טיערישען לעבען ווערען קראַנק און אַלט און שוואַך. זי האָט זיי, ווי עס שיינט, נור געשאַפען, אום זיי זאָלען אויף אַ שמוציגען אופן זיך מעהרען און פּרוכפּערען און דאַן שטאַרבען, ווי די איין־טאָג־אַלטע פליגען אין די זומערדיגע אבענדען. איך האָב געזאָגט „אויף אַ שמוציגען אופן זיך מעהרען און פּרוכפּערען“, און דאָס מיין איך טאַקי. און, באמת, קאַן דען זיין עפּעס ניעדעריגער, אָפּשטויסענדער, ווי דער דאָזיגער שמוציגער און לעכערליכער אַקט פון פּראָדוצירען לעבעדיגע נפשות, וועלכער

ענטריסטעט און וועט אַלע מאָל ענטריסטען אַלע פיין־פּיהלענדע זעעלען? אזוי ווי אַלע אָרגאַנען, וואָס די דאָזיגע שפּאָרזאמע און שלעכט־מיינענדיגע נאַטור, האָט בעשאפען, האָבען צו ערפי־לען אַ דאָפּעלטען צוועק, ווארום האָט זי דען ניט אויסגעוועהלט אַנדערע, ניט אַזוינע שמוציגע און בעשמוצענדיגע, אויף צו פער־טרויען די דאָזיגע הייליגע מיסיאָן, די שענסטע און ערהאבענסטע פון אַלע מענשליכע פונקציאָנען? דער מויל, וועלכער שפּייזט אויף דעם קערפּער מיט מאַטעריעלער נאַהרונג, פערשפּרייט אויף ווערטער און געדאַנקען, דער גוף לעבט דורך איהם און דורך איהם קריגען די געדאַנקען לעבען. די לופט, וועלכע מיר אָטהע־מען איין מיט די לונגען, גיעט איבער אויף אונזערע געהירען אַלע אַראָמאַטען פון אונזער וועלט: דעם אַראָמאַט פון בלומען, פון וועלדער, פון בוימער, פון ים. דאָס אויער, וואָס העלפט אונז צו פערקעהרען מיט אונזערע מיט־מענשען, האָט אונז אויך מעגליך געמאַכט מוזיק צו ערפינדען, צו בעשאפען מיט דער הילף פון טענער שענע טרוימען, גליק, געדאַנקען וועגען דער אייביגקייט און זאָגאָר פיזישען פערגעניגען. אָבער די פרעכע און צינישע נאַטור, זי, קען מען מיינען, האָט אויף אייביג געוואָלט פער־הינדערן די בעציהונגען פון דעם מענשען צו דער פרוי צו פער־שענערן, צו אידעאַליזירען און פערעדלערן. דאָך האָט דער מענש די ליעבע ערפונדען. ניט קיין שלעכטער ענטפער דער שפּאָטישער נאַטור. און ער האָט זי אַזוי מיט פּאָעזיע ארומגעוועבט, דאָס די פרוי פערגעסט אָפט, צו וואָס פאַר אַ בעציהונגען זי איז געצוואונ־גען. יענע פון אונז, וואָס זיינען פעהיג זיך צו פערבלענדען מיט אויפרעגונגען, האָבען אויסגעטראַכט דעם לאַסטער און די ראַפּ־פינירטע אויסגעלאַסענקייט. ווידער אַן אַרט, ווי צו פערשפּאָטען די נאַטור און די שענקייט צו פערהערליכען — אַ העסליכער, שענדליכער אַרט פערהערליכונג. דען דער נאָרמאַלער מענש ברענגט קינדער אויף דער וועלט, פּונקט אַזוי ווי אַ חיה, וועלכע איז דורכ׳ן געזעץ צו דעם געצוואונגען.

קוק אָן די דאָזיגע פרוי! איז עס דען ניט אַ שרעק צו דענ־קען, אַז דער דאָזיגער טהייערער בריליאַנט, וואָס איז געבאָרען

געוואָרען שען צו זיין, בעוואונדערט און פערגעטערט צו ווערען, — איז גאַנצע עלף יאָהר פון איהר לעבען פערנומען געוועזען מיט טראָגען און געבוירען קינדער פאר דעם גראף מאקארע?

בערנארד גראנדען האָט זיך צולאַכט און געענטפערט:

— פיעל אמת איז דאָ אין דיינע רייד; אָבער זעהר ווענינ מענשען וועלען דיך פערשטעהן.

סאלען האָט זיך נאָך מעהר צוהיצט:

— דו ווייסט, ווי איך שטעל מיר זיך פאָר די נאטור — האָט ער געזאָגט — ווי א גוואַלדיגע שעפּפערישע קראפט, וועלכע קיינער פון אונז קען ניט, און וועלכע זייהט אין דעם וועלט־רוים מיליארדען פון לעבענס, אַט אזוי ווי א גוואַלדיגער פיש, וואָס ווארפט אין דעם ים זיין רייגען (איקרע). זי שאפט, ווארום דאס איז איהר בערוף, איהר פונקציאָן. אָבער זי ווייסט ניט, וואָס זי טהוט, זי אַהנט ניט, וואָס פון די אַלע פערזייהטע זוימען וואַקסט ארויס. דער מענשהייטס־געדאַנק איז נור א גליקליכער צופאַל צווישען אַלע אַנדערע צופעליגע שעפּפונגען איהרע, אַן אונערוואַרטעטער צופאַל, א פאַראיבערגעהענדיגער, וואָס איז פערארורטהיילט צום אונטערגאַנג צוזאַמען מיט דעם ערד־קוגעל, אום פיליכט דאָ אָדער אַנדערשוואו אויף דאָס ניי אָנצוהייבען אין דער אַלטער אָדער א נייער פאָרמע, אין נייע קאָמבינאַציאָנען פון די אייביגע בעניייאונגען. אַט דעם דאָזיגען קליינעם צופעליגען פאַקט האָבען מיר צו פערדאַנקען, וואָס מיר פיהלען זיך שלעכט אויף דער וועלט, וועלכע איז ניט בעשאַפען געוואָרען פאַר אונז, וועלכע איז ניט איינגעריכטעט אויפצונעהמען, נעהרען און בעפריעדיגען אונז, דענקענדיגע מענשען. איהם דארפען מיר אויך דאנקען, וואָס מיר קעמפּפען נאָכאַנאַנד (ווען מיר זיינען באמת געבילדעטע, קולטורעלע מענשען) געגען דאָס, וואָס מען רופט די פאָרזעהונג.

גראנדען האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו איהם. ער האָט שוין לאַנג געקענט די מערקווירדיגע איינפעלע פון זיין פריינד׳ס פאַנטאַזיע און ער האָט געפרעגט:

— הייסט עס, דו מיינסט, אַז דער מענשליכער געדאַנק איז

א צופעליגעס פּראָדוקט פון דער בלינדער געטליכער שאַפונגס־קראַפט?

— געוויס! א צופעליגע פונקציאָן פון די נערווען צענטרען פון אונזער מוח, ווי אונערוואַרטעטע כעמישע פּראָדוקטען דורך נייע מישונגען, ווי דאָס ארויסווייזען זיך פון עלעקטריציטעט דורך פלוצימדיגער בעריהרונג פון אנדערע געגענשטענדען, קורץ, ווי אַלע ערשיינונגען, וואָס ווערען געשאַפען דורך דעם אונערמיעד־ליכען און נאָכאנאנדיגען וואַנדלען פון דער לעבענס־מאַטעריע.

אָבער, פריינד מיינער, די זאַך איז יעדען קלאָר, וועלכער קוקט נור מיט אָפענע אויגען ארום זיך. ווען דער מענשליכער געדאַנק וואָלט געווען געשאַפען פון א בעוואוסטזיניגען שעפּפער, וואָלט ער דען געוואָרען דאָס, וואָס ער איז געוואָרען, אזוי פערשיע־דען פון דעם געדאַנקען פון א חיה, תמיד אויפגערעגט, געקוועלט, שטענדיג פאָדערונגען, זוכענדיג און פאַרשענדיג? — איז דען די וועלט געשאַפען פאַר אויפצונעהמען אזוינע נפשות, ווי מיר זיינען היינט צו טאָג? — וואָלט דען די דאָזיגע וועלט געוואָרען יענער אונ־בעקוועמער קליינער טיער־פּאַרק, יענער סאַלאַט־פעלד, יענער געמיי־זע־גאָרטען, רונד און פעלזיג, אויף וועלכען אייער פאָרזעהונג האָט אונז בעשטימט נאַקעט אין הייהלען אָדער אונטער ביימער צו לעבען פון דעם פלייש פון געטויטעטע חיות, אונזערע ברידער, אָדער פון רויהע פעלד־פּרוכטען, וואָס זיינען געוואַקסען אונטער זונען־שיין און רעגען?

מען דאַרף נאָר איין רגע א טראַכט טהאָן, אום צו איבער־ציינט ווערען, אז די וועלט איז גאָר ניט בעשאַפען געוואָרען פאַר די מענשען.

בעטראַכט די דאָזיגע ערד, ווי גאָט האָט זי געשענקט יענע וואָס וואוינען אויף איהר. איז דען ניט קלאָר, אז זי איז אין גאַנ־צען פאַר חיות געשאַפען, פערפלאַנצט און בעוואַלדעט? וואָס איז אין איהר דאָ פאַר אונז? גאָר נישט. און פאַר זיי, די חיות, אַלעס: הייהלען, ביימער, בלעטער, קוואַלען, נאַכט־געלעגערס, שפּייז און געטראַנק. דערפאַר פיהלען זיך אזוינע עמפּפינדליכע מענשען, ווי איך, ניט גוט אויף דער ערד. בלויז יענע מענשען, וואָס

זיינען נאָהענט צו חיות, זיינען צופרידען און גליקליך. אָבער די אַנדערע, די טרוימער, די דיכטער, די מענשען מיט עדעלע סטרו־נעס, די זוכער, וואָס ווייסען פון קיין רוה?.. אַך, אונגליקליכע מענשען!

איך עס קרויט און מעהרען, צוויבעל, ריבען און רעטאַך, ווייל מיר האָבען געמוזט געוואוינט ווערען צו דעם און זאָגאר געפינען אין דעם א געשמאַק און ווייל קיין אַנדערע זאַכען וואַקסען ניט. אָבער דאָס איז דאָך אַ שפּייז פיר קראָליקעס און ציעגען, ווי גראָז פאר פערד און קיה. ווען איך זעה די רייפע קאָרען־זאַנגען אויפ'ן פעלד, צווייפעל איך ניט, אַז זיי זיינען געוואַקסען פיר די שנאָבעלס פון די לערכען און שפּערלינגס, אָבער בשום אופן ניט פאר מיין מויל. ווען איך קיי ברוים, אלזאָ, בע'גנב'ע איך דערמיט די פייגעלעך, ווי איך בע'גנב'ע דעם פוקס און דאָס ווייזעל, ווען איך עס היהנער. זיינען דען די טויב און דאָס ענטעל ניט דאָס נאַטירליכע שפּייז פון דעם ספּערבער (יאַסטרעב)? זיינען דען די שאָף, די ווילדע ציעג און דער אָקס ניט גיכער דאָס שפּייז פון די ווילדע חיות, ווי פאר אונז, מענשען, דאָס געבראָטענע פלייש, בעווירצט מיט טריפעלן?

ניין, מיין טהייערינקער, די חיות דאַרפען גאָר גישט טהאָן. אום דאָ אויף דער ערד צו לעבען. זיי זיינען ביי זיך אין דער־היים, זיי וואוינען אין זייער וואוינונג, אומעדום געפינען זיי אַ ווינקעל און נאַהרונג, אַלעס, וואָס זיי דאַרפען טהאָן, איז נור צו קייען און צו יעגערן, צו אויפפרעסען איינע די אַנדערע, יעדע נאָך איהרען אינסטינקט, דען די נאַטור האָט כמעט קיינמאָל ניט געדאַכט וועגען מילדקייט און פערפיינערטע זיטען. מיר אָבער, די מענשען, אוי וועה, אוי וועה, מיר מוזען ארבייטען, אַנשטרענ־גען זיך, געדולד האָבען, ערפאַהרונג, איינבילדונגס־קראַפט, אינ־דוסטריע, טאַלאַנט, זשעניע, אום דעם דאָזיגען מיט וואָרצלען בעוואַקסענעם פעלזען־באָדען צו מאַכען כאָטש וויפיעל־ניט־איז ערטרעגליך פאר אונז. בעדענק נור, פיעל מיר האָבען צוארבייט טראָץ און געגען דער נאַטור, ביז מיר האָבען זיך דאָ איינגעריכ־

מעט נישקשה׳דיג, אביסעלע ריין, אביסעלע בעקוועם, אַ ביסעלע עלעגאנט.

און וואָס מעהר ציוויליזירט מיר זיינען, וואָס מעהר אינטע־ליגענט און עדעל מיר זיינען, דעסטאָ מעהר מוזען מיר דעם טיע־רישען אינסטינקט בעקעמפּפען, דעם דאָזיגען אינסטינקט, אין וועלכען עס איז אויסגעדריקט נאטור׳ס ווילען.

בעדענק נור, מיר האָבען די גאנצע ציוויליזאציאָן געמוזט אויסטראַכטען, אַלעס, אַלעס, וואָס אין איהר איז, פון אַ זאָק ביז דעם טעלעפאָן.

אום צו פערשענערן אונזער הינטיש לעבען, האָבען מיר ער־פונדען און אויסגעטראַכט זאַכען אָהן אַ צאָהל, האָבען מיר היי־זער אויפגעבויט, געשאפען פערשיעדענע נאשערייען, סאָאוסען, קאָנפעקטען, פּאסטעטען, געטרענקען, ליקערס, שטאָפען, קליידונגס־שטיקער, ציערונג, בעטטען, מאטראצען, עקיפּאזשען, אייזענבאה־נען, מאשינען, און וואָס האָבען מיר ניט אויסגעטראַכט? דערצו האָבען מיר די וויסענשאפטען און די קונסט, די פּאָעזיע, די מוזיק, די מאַלעריי געשאפען. אַלסדינג, וואָס איז פּאָעטיש און שען אין דעם לעבען, האָבען מיר בעשאפען; די טואַלעטען פון די פרויען און די טאַלענטען פון די מענער האָבען דאן אביסעלע פערשענערט אין אונזערע אויגען די נאַקעטקייט, די איינטאָניגקייט און די הארטקייט פון דעם לעבען, אין וועלכען מיר האָבען פון דער נאטור איין איינציגען צוועק געהאט: צו פערפלאנצען וייטערע דורות, צו מעהרען און פרוכפּערען זיך.

בעטראַכט נור דעם דאָזיגען טהעאטער. בעדייטעט עס ניט אַ גאנצע וועלטעל, וואָס מיר האָבען געשאפען און פון וועלכער די געטליכע פערזעהונג האָט ניט געוואוסט? וואָס נור אונזער פער־שטאנד האָט געקענט אויסטראַכטען? אַ הערליכען, עדעלען, זינ־ליכען און אינטעליגענטנעם פערגעניגען, וואָס איז בעשאפען גע־וואָרען נור פיר און פון דער קליינער אונרוהיגער, אונצופרידענער חיה׳לע, וואָס מען רופט מענש?

קוק אָן די דאָזיגע פרוי, די גרעפין מאסקארע. די נאטור האָט זי בעשאפען, אום זי זאָל נאַקעט אָדער מיט אַ פעל בעדעקט

לעבען ערגעץ אין אַ הייהל. איז איהר ניט בעסער אַזוי? אגב, ווייסטו ניט, ווי אַזוי און וואָרום האָט איהר מאַן, האָבענדיג אַזאַ פרוי און זייענדיג אַזוי ווילד, צו לאָזען איהר ווערען זיעבען מאָל מוטער, האָט זי פּלוצים פערלאָזען און אָנגעהויבען נאָכלויפען אויסגעלאַסענע פרויען?

גראַנדען האָט געענטפערט:

— טאַקי, מיין פריינד, מסתמא האָט ער צולעצט איינגעזעהן, אַז צו נעכטיגען שטענדיג אין דער־היים, קאָסט איהם צו טהייער. און דורך שפּאָרזאַמקייט איז ער געקומען אויף די אייגענע גע־דאַנקען, ווי דו אַלס פילאָזאָף.

עס האָבען זיך דערהערט דריי קלעפּ פון דעם האַמער, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער לעצטער אַקט פאַנגט זיך אָן. די פריינד האָ־בען זיך אומגעדרעהט, אַרונטערגענומען די היט און געזעצט זיך אויף זייערע פּלעצער.

4.

גראַף און גרעפין דע מאַסקארע זיינען שווייגענדיג געזעסען זייט ביי זייט אין קויטש, פאָהרענדיג נאָך דער פאָרשטעלונג פון דער אָפּערא אַהיים. פּלוצים האָט דער מאַן געזאָגט צו זיין פרוי:

— גאַבריעל!

— וואָס ווילסטו?

— דענקסטו ניט, אַז ס'איז צייט צו מאַכען אַ סוף דערצו?

— צו וואָס?

— צו די פורכטבאַרע קוואַלען, וואָס דו האָסט אויף מיר אַרויפגעלעגט שוין גאַנצע זעקס יאָהר.

— איך קען דאָ גאָר נישט העלפען.

— זאָג מיר ענדליך אויס, וועלכעס קינד איז דאָס?

— קיין מאָל ניט.

— בעדענק אָבער, איך קען מעהר מיינע קינדער ניט אָנ־קוקען, איך קען זיי ניט זעהן אַרום מיר אָהן דעם, אַז מיין האַרץ

זאָל גיט צוריסען ווערן פאַר צווייפעל. זאָג מיר, וועלכעס דאָס איז און איך שוואר דיר, אז איך וועל איהם פערצייהען און וועל איהם בעהאַנדלען פונקט אזוי ווי די אַנדערע קינדער.

— איך האָב דערצו קיין רעכט.

— זעהסטו דען ניט, אז איך בין מעהר ניט אימשטאַנד אויסצוהאַלטען דאָס דאָזיגע לעבען, אז דער דאָזיגער געדאַנק האַלט מיך אין איין גריזשען, אז די פראַגע, וואָס איך שטעל מיר שטענדיג, קוקענדיג אויף די קינדער, די דאָזיגע פראַגע קוועלט און פּלאַגט מיך אָהן א ברעג. איך פיהל, אז איך ווער דערפון משוגע.

זי האָט געפרעגט:

האָסטו דען אזוי פיעל געליטען?

— שרעקליך פיעל. אז ניט וואָלט איך דען איינגעווילינט אויף אזא פּלאָגעניש צו זיין מיט דיר אין איין הויז און צו פיהלען, צו וויסען, אז צווישען די קינדער געפינט זיך איינס, וואָס איז מיר פרעמד און וועלכעס שטערט צו ליעבען די איבעריגע קינדער.

זי האָט איבערגעפרעגט:

— האָסטו, הייסט עס, ווירקליך שטאַרק געליטען?

ער האָט געענטפערט ווידער אין דעם זעלבען טאָן, איינ־געהאַלטען און פול וועהטאָג:

— אָבער איך זאָג דאָך דיר יעדען טאָג, אז איך לייד שרעק־ליכע קוואַלען. וואָלט איך דען צוריקגעקומען אין דעם דאָזיגען הויז, צו דיר, צו זיי, ווען איך וואָלט אייך ניט ליעב געהאַט? דו האָסט געגען מיר געהאַנדעלט מורא׳דיג שלעכט. דו ווייסט, אז די קינדער זיינען מיין איינציגער גליק. איך בין צו זיי גע־ווען, ווי א פאָטער פון די אַלטע צייטען, פונקט ווי צו דיר בין איך געוועזען ניט ווי די איצטיגע מענער, נור ווי איינער פון אמאָל. ווייל איך בין אן איינפאַכער מענש, א נאַטירליכער מענש, א מענש פון אַלטען שניט. איך בין זיך מודה, דו האָסט מיך שרעק־ליך אייפערזיכטיג געמאַכט, ווייל דו ביזט א פרוי פון א גאַנץ אַנדער ראַסע, מיט אַנדערע געדאַנקען, אַנדערע בעדירפניסע. איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען די מיינונג, וואָס דו האָסט מיר דאָן

אַרויסגעזאָגט. פון יענעם טאָג אָן האָב איך זיך וועגן דיר מעהר ניט געקימערט. איך האָב דיך ניט געטויטעט, ווייל דאַן וואָלט איך קיין שום מעגליכקייט ניט געהאַט אויסצוגעפינען, וועלכעס פון אונזערע, פון דיינע קינדער געהערט ניט צו מיר. איך האָב געוואַרט, אָבער געליטען האָב איך מעהר, ווי דו קאָנסט זיך פאָר־שטעלען, ווייל איך קען זיי שוין מעהר ניט ליעבען, אויסער פיעל־לייכט די ביידע עלטסטע. איך וואַג נישט מעהר זיי אָנצוקוקען, זיי צו רופען, זיי צו קושען. איך קען קיינס פון זיי ניט נעהמען צו מיר אויף די קניע, אַז איך זאָל ניט גלייך אַ פרעג טהאָן: געהערט ער מיר? איז ער מיין פלייש און בלוט? זייט זעקס יאָהר, אַז איך בין אַנטקעגען דיר קאָרעקט, זאָגאר ווייך און נאָכגיעביג. זאָג מיר איצט דעם אמת און איך שווער דיר, איך וועל דיר גאָר נישט טהאָן.

אין דער דונקעלהייט פון דעם עקיפאַזש האָט ער אַזוי ווי געפיהלט, אַז זי איז געריהרט, אַז ענדליך וועט זי נעהמען רעדען און ער האָט ווייטער גערעדט:

— איך בעט דיך, איך בעט דיך, האָב מיטלייד...

זי האָט אַרויסגעמורמעלט:

— איך בין פילייכט מעהר שולדיג, ווי דו דענקסט. אָבער יענעם מורא'דיגען לעבען אין אייביגער שוואַנגערשאַפט האָב איך שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען. עס איז געוועזען נור איין מיטעל, ווי צו פערשפּאָרען פאַר דיר די טיר פון מיין שלאָף־צימער: איך האָב געלייגט פאַר גאָט, האָב געלייגט, שווערענדיג זיך מיט דער האַנד אויף מיינע קינדערס קעפּ, ווייל איך האָב דיך קיין מאָל ניט בעטראָגען.

ער האָט אין דער דונקעלהייט אַ כאַפּ געטהאָן איהר אָרם און דריקענדיג איהם, ווי אין יענעם טאָג, ווען זיי זיינען געפאָה־רען אין בולאָנער וואַלד, האָט ער אַרויסגעקרעכצט:

— איז עס אמת?

— עס איז אמת.

פול אונרוה און בענקעניש, האָט ער געשעפּצעט:

— אַך, איך וועל ווייטער צווייפלען און צווייפלען אָהן אַ סוף.

ווען האָסטו ליגען געזאָגט, דעמאָלט אָדער היינט? ווי אַזוי זאָל איך דיר איצט גלויבען? ווי אַזוי קען איך נאָכדעם איבערהויפּט גלויבען אַ פרוי? איך וועל דאָך שוין איצט גאָרנישט וויסען, וואָס צו דענקען. מיר וואָלט אַ סך ליעבער געווען, ווען דו זאָגסט: „עס איז זשאַק, אָדער עס איז — זשאַנאַ.“

דער עקיפּאַזש איז אַריינגעפאָהרען אין'ם הויף פון פּאַלאַץ. ווען זי האָט זיך געשטעלט פאַר'ן גאַנעק, איז דער גראַף אַרויס דער ערשטער און האָט, ווי געוועהנליך, דערלאַנגט זיין פרוי דעם אָרם, אום זי אַרויפצופיהרען אויף די טרעפּ.

ווען זיי זיינען אַרויף דעם ערשטען שטאָק, האָט ער גע־פרעגט:

— קאָן איך מיט דיר נאָך אַ פּאָאַר מינוטען?

זי האָט געענטפערט:

— זעהר גערן!

זיי זיינען אַריין אין אַ קליינעם סאַלאָן, אין וועלכען אַ לאָקיי אַ ביסעל אַ פערוואונדערטער, האָט אָנגעצונדען די ליכט.

ווען זיי זיינען געבליבען אַליין, האָט ער אָנגעהויבען:

— ווי זאָל איך דערגעהן דעם אמת? טויזענד מאָל האָב איך זיך ביי דיר געבעטען, זאָלסט רעדען, זאָלסט מיר אויסזאָגען, אָבער דו ביזט אימער שטום, אונדורכדרינגליך, אונבעוועגליך גע־בליבען. און ערשט היינט זאָגסטו מיר, אַז דו האָסט געליינט. זעקס יאָהר נאָכאַנאַנד האָסטו געלאָזען, איך זאָל גלויבען אין אַזאַ זאַך. ניין, עס קען ניט זיין, היינט לייגסטו. איך וויים ניט פאַרוואָס, אפשר אוים רחמנות צו מיר.

זי האָט געענטפערט אָפענהערציג און עהרליך:

— אַז ניט וואָלט איך אין די לעצטע זעקס יאָהר נאָך פיער קינדער געבאָרען.

ער האָט אויסגערופען:

אַזוי רעדט אַ מאַמע!

— אָה! — האָט זי געענטפערט — איך פיהל זיך גאָרנישט אַלס מוטער פון די קינדער, וועלכע זיינען נאָך ניט געבאָרען גע־וואָרען, פאַר מיר איז גענוג צו זיין די מוטער פון די, וואָס איך

האָב, און זיי פון גאַנצען האַרצען ליעב האָבען. איך, מיר — זיינען פרויען פון דער ציוויליזירטער וועלט. מיר זיינען ניט, און ווילען מעהר נישט זיין קיין פשוט'ע נקבות, וועלכע האָבען נור איין צוועק — צו בעפעלקערען די ערד.

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אָבער ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר א האַנד:

— איין וואָרט, גאַבריעל, נור איין וואָרט. זאָג מיר דעם אמת.

— איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת: איך האָב דיך קיין מאָל ניט בעטראָגען.

ער האָט איהר געקוקט גלייך אין פּנים אריין. זי איז געווען אזוי שען מיט איהרע אויגען גרויסע, גרויע, ווי א קאַלטער, קלאָהרער הימעל. אין איהרע דונקעלע האָאר, אין דער שוואַרצער נאַכט פון איהרע האָאר, האָט געבליסטשעט א דיאַדעם, בעשאָטען מיט בריליאַנטען, עהנליך צו דער מילך־שטראַסע אויף דעם הימעל. דאָ האָט ער פּלוצים דערפיהלט, אז דאָס דאָזיגע וועזען איז ניט נור א פרוי, וועלכע איז בעשאַפען בלויז צו פּראָדוצירען די ווייטערדיגע דורות, נור אז זי איז אויך א מערקווירדיגער און געהיימער פּראָדוקט פון די קאָמפּליצירטע שטרעבונגען, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין אונז אין דעם משך פון יאהרהונדערטע און וועלכע האָבען זיך אָפּגעווענדעט פון זייער ערשטען, פּרימיטיווען, געטליכען צוועק און זיינען אוועק בלאָנדזשען, זוכענדיג אַן אונבעשטימטע, מיסטישע שעהנהייט; אז זי איז איינע פון יענע וועזענס, וואָס בליהען נור פאַר אונזערע טרוימען, אויסגעפּוצט אין דעם גאַנצען רייכטהום פון פּאָעזיע, אידעאַלען, לוקסוס, קאָקעטעריי און עסטהעטישען צויבער, מיט וועלכע די ציוויליזאַציאָן האָט בעציערט די פרוי; אז זי איז איינע פון יענע פרויען, לעבעדיגע סטאַטועז, וועלכע וועקען ערהאַבענע גייסטיגע שטרעבונגען ניט ווייניגער ווי זינליכע פערלאַנגען.

דער מאַן איז געשטאַנען פאַר איהר, אַן איבערראַשטער פון דער דאָזיגער פערשפּעטיגטער און טרויעריגער ענטדעקונג. איהם האָט זיך געדאַכט, אז ער שטויסט זיך אָן אויף דער אורזאַך פון

זיין פריהערדיגער אייפערזוכט, כאָטש ער האָט נאָך ניט אַלעס גע־קענט קלאָהר פערשטעהן.

צום סוף האָט ער געזאָגט:

— איך גלויב דיר. איך פיהל, אַז אין דיעזער מינוט ליינסטו ניט, און פריהער האָט זיך מיר אימער אויסגעוויזען, אַז דו זאָגסט ליעגען.

זי האָט צו איהם אויסגעשטרעקט איהר האַנד.

— הייסט עס מיר זיינען גוטע פריינד?

ער האָט גענומען די דאָזיגע האַנד, זי אַ קוש געטהאָן און געענטפערט:

— מיר זיינען פריינד. איך דאַנק דיר, גאַבריעל.

דאַן איז ער ארויסגעגאַנגען, ניט אָראָבגעהמענדיג פון איהר זיינע אויגען, פערוואונדערט, וואָס זי איז נאָך אַזוי שען און פיהלענדיג, ווי אין איהם וואַכט אויף אַ נייער, זעלטזאַמער גע־פיהל, אַ געפיהל וואָס איז אפשר נאָך אַ סך מורא'דיגער פון דער פריהערדיגער, איינפאַכער, אַלטמאָדישער ליעבע.